STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00237

PINHAS GINGOLD BUKH

Permanent preservation of this book was made possible by
Samuel "Shmuel" Engler
in memory of
Becky "Vicah" & Adolf "Usher" Engler

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פנחס גינגאָלד בוך

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן
מיט דער פינאַנציעלער הילף פון
חבר יואל פינקעל און זיין פרוי.

פנחס מיכאל גינגאָלד

תרנ"ב — תשי"ד

פּנחס גינגאָלד בוך

אַ זאַמלונג פון זיינע כתבים
און אָפּהאַנדלונגען וועגן זיין פּערזענלעכקייט

פּ נ ח ס ג י נ ג אָ ל ד פ אַ ר ל אַ ג

תשרי, תשט״ז   ניו־יאָרק   אָקטאָבער, 1955

PINCHAS GINGOLD BOOK

Published by

PINCHAS GINGOLD PUBLISHING FOUNDATION

of the

NATIONAL COMMITTEE OF THE JEWISH FOLK SCHOOLS, INC.

45 EAST 17TH STREET NEW YORK 3, N. Y.

פנחס גינגאָלד פאַרלאַג

ביים

נאַציאָנאַלן קאָמיטעט פון די אידישע פאָלקשולן

פון

אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, פיאָנערן פרויען

און פועלי־ציון

געדרוקט ביי די ברידער שולזינגער

Printed in the U.S.A. by SHULSINGER BROS., 21 East 4th St., New York 3, N. Y.

אינהאַלט

אַ וואָרט פון די אַרויסגעבער 7
ביאָגראַפישע נאָטיצן 11
צו מאַשען 21

דערציאונג

פּראָבלעמען פון אונזער שול־באַוועגונג 25
די אידישע פאָלקשולן 31
אויפגאַבן פון אונזער אידישער דערציאונג 45
אונזער שול־וועזן אינם איצטיקן מאָמענט 52
אידישע דערציאונג אין דעם איצטיקן מאָמענט און די באַוועגונג פון די אידישע פאָלקשולן 60
דער אינהאַלט פון אונזער פאָלקשול־וועזן 68
גרונט־אידייען אין דער מאָדערנער דערציאונג 76
אידישע דערציאונג — אַן אויפגאַבע פון אַלע דורות 82
די ראָלע פון דעם לערער אין דער מאָדערנער דערציאונג 85
ווי זאָלן מיר זיך באַציען צום בר־מצוה יום־טוב 90
צו דער פּסיכאָלאָגיע פון קינדער־ליטעראַטור 104
וועגן דעם לימוד פון אידישער געשיכטע 112
צו דער געשיכטע פון אידישן לערער־סעמינאַר 118
די אידישע יוגנט און די אידישע קולטור 124
דאָס פּראָבלעם פון העכערער אידישער בילדונג 130

ימים טובים

חנוכה דער היסטאָרישער קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער פרייהייט 139
דער יום־טוב חנוכה לויט די ספרי חשמונאים א־ב 146
לכבוד חנוכה 148
חמשה עשר בשבט 160
דער יום־טוב פורים 162
פסח אין ליכט פון דער נייער תקופה 165
די דריטע אידישע מדינה — גלאָרייכער המשך פון דער אידישער געשיכטע 168

קולטור און באַוועגונג

די ראָלע פון אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד אין דעם קולטורעלן לעבן
אין אַמעריקע 173
מיר מוזן אויף זיך נעמען גרעסערע אחריות.............. 216
דער צער און צאָרן פון אידישן קינד אין אַמעריקע.............. 225
דאָס י. ח. ברענער־בוך.............................. 231

דער אידישער לעגיאָן

די פּאַרטיי און דער אידישער לעגיאָן.................... 241
דער אידישער לעגיאָן.................................. 246
די היסטאָרישע באַדייטונג פון אידישן לעגיאָן.............. 250
צום 35־יאָריקן יובילעאום פון אידישן לעגיאָן.............. 258

צו זיין פּערזענלעכקייט

מיר וועלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם טייערן חבר..............ל. סיגאל 263
דרכים און מידות..................יהודה אבן שמואל (דר. יהודה קויפמאַן) 270
דאָס פאַרבאַרגענע אין דעם מענטשן..............פּראָפּעסאָר פ. שניאורסאָן 278
פּנחס גינגאָלד דער איד..............................דר. מנחם ס. איידעלשטיין 282
מענטשן פון צוויי וועלטן..................דר. עזריאל אייזנבערג 290
דער דערציער און חבר..................................י. גובקין 295
אַ שמועס..שלמה סיימאָן 299
ווי אַזוי איך האָב געזען פּנחס גינגאָלד׳ן..........יעקב פּאַט 304
פּנחס גינגאָלד......................................מלך נוי 307
פּנחס גינגאָלד׳ס לעצטע עליה..........................ל. גאָלדבערגער 319
דער נאה דורש ונאה מקיים..........................קאַדיע מאָלאָדאָווסקי 213
ר׳ פּנחס מיכאל ב״ר יעקב גינגאָלד ז״ל................מרדכי י. מאָשעוויצקי 317
דער מאמין..מאיר בראון 325

אַ וואָרט פון די אַרויסגעבער

פנחס גינגאָלד ע״ה האָט אין פאַרלויף פון די לעצטע פיר צענדליק יאָר געהערט צו די אָנפירנדיקע פערזענלעכקייטן פון דער ציוניסטי־שער אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע.

אַ סך יאָרן איז ער געווען אַ מיטגליד פון צענטראַל קאָמיטעט פון דער פּועלי־ציון פּאַרטיי און פון דער גענעראַל עקזעקוטיווע פון אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד. איןביידע ליטונגען איז ער געווען צווישן די אַקטיווסטע טוער און אָנטייל גענומען מיט וואָרט און טאַט אין אַלע זייערע היסטאָרישע אויפטוען.

ער האָט זיך באַטייליקט אין דעם קאַמף און פּראָפּאַגאַנדירט די באַשאַפונג פון דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, פאַר וועלכן די פּועלי־ציון באַוועגונג האָט דעם גרעסטן היסטאָרישן פאַרדינסט.

פנחס גינגאָלד איז געווען איינער פון די גרינדער און פּראָפּאַגירער פון אידישן לעגיאָן אין צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, און צווישן די ערשטע וואָס האָבן זיך אין לעגיאָן אַנגעשלאָסן.

צוריקקומענדיק פון ארץ־ישראל, נאָכן אויפלייזן פון לעגיאָן, האָט גינגאָלד ווידער פאַרנומען אָנפירנדיקע פּאָזיציעס אין דער ציוניסטי־שער אַרבעטער באַוועגונג.

ער האָט פאַרטראָטן די באַוועגונג אין פאַרשידענע אַמעריקאַנער און אַלוועלטלעכע ציוניסטישע און אַלגעמיין אידישע אינסטאַנצן, אָבער זיין הויפּט־אַקטיוויטעט און זיין טיפן וויסן האָט ער געווידמעט אידישע דערציאונג.

פנחס גינגאָלד איז געווען פאַרבונדן מיטן דערציאונגס־וועזן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע קנאַפּע פערציק יאָר. צוערשט ווי אַ לערער, דערנאָך פאַר פיל יאָרן סעקרעטאַר־דירעקטאָר פון אידישן לערער סעמינאַר און אין די לעצטע 15 יאָר ווי דער דירעקטאָר פון צענטראַל קאָמיטעט פון די אידישע פאָלק־שולן און קולטור דירעקטאָר פון דעם אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד.

דאָס פנחס גינגאָלד בוך וואָס מיר גיבן אַרויס צו זיין צווייטן יאָרצייט איז אַ זאַמלונג פון אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען וואָס פנחס גינגאָלד האָט געשריבן אין פאַרלויף פון אַ פּאָר צענדליג יאָר.

די אַרטיקלען וואָס זיינען דערשינען אין פאַרשידענע צייטשריפטן און זשורנאַלן זיינען געווען צייט־אַרטיקלען, געשריבן צו באַשטימטע געלעגנהייטן. זיי זיינען אין דעם דאָזיקן בוך איינגעטיילט אין פיר אָפּטיילונגען:

1. דערציאונג: אָפּהאַנדלונגען וועגן דעם מהות פון אונזערע אידישע פאָלקשולן, זייער פּראָגראַם און אידעאָלאָגיע, וועגן פּעדאַגאָגישע און מעטאָדישע פראַגן און וועגן דערציאונג בכלל. וועגן אידישן לערער סעמינאַר און וועגן העכערער אידישער בילדונג.

2. ימים טובים: וועגן דער באַדייטונג פון די אידישע ימים טובים און זייער אינהאַלט. דאָס איז אַ סעריע אָפּהאַנדלונגען וועגן די באַזונדערע ימים טובים, וואָס זיינען דערשינען אין די יום־טוב זאַמל־העפטן וואָס פּ. גינגאָלד, אַלס קולטור־דירעקטאָר פון פאַרבאַנד, האָט צוגעגרייט פאַר די צוויגן פון פאַרבאַנד.

3. קולטור און באַוועגונג: אָפּהאַנדלונגען וועגן קולטור־און געזעלשאַפטלעכע פראַגן פון אַמעריקאַנער אידנטום און די ראָל פון אונזער באַוועגונג אויף דעם געביט.

4. דער אידישער לעגיאָן: זכרונות וועגן דער גרינדונג פון דעם אידישן לעגיאָן אין אַמעריקע און וועגן זיין היס־טאָרישער ראָלע.

דאָס בוך האָט אויך אַ באַזונדערע אָפּטיילונג: צו זיין פּערזענלעכ־קייט — אַ ריי אָפּהאַנדלונגען וועגן פּ. גינגאָלד, געשריבן פון אַ צאָל נאָענטע חברים און מיטאַרבעטער.

די דאָזיקע אַרטיקלען פון אים און די אָפּהאַנדלונגען וועגן אים, גיבן אונז אַן אַריינבליק אין זיין נשמה און אַנטפּלעקן פאַר אונז זיין גייסטיקע פיזיאָנאָמיע, זיין טיפן גלויבן אין די אייביקע אמת׳ן און ווערטן פון אידנטום פון אַלע דורות; זיינע גרויסע האָפענונגען וועגן דער צוקונפט פון אַמעריקאַנער אידנטום דורך אידישער דערציאונג;

זיין בטחון אַז די אידעאַלן, טראַדיציעס און קולטור פון אונזער פאָלק איןביידע שפּראַכן, העברעאיש און אידיש, און אַז די מאַרטירראָלאָגיע און קידוש־השם מאָמענטן אין דער אידישער געשיכטע וואָס ווערן געלערנט אין די אידישע פאָלקשולן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג, וועלן דערפירן דאָס אידישע קינד צו אַ אידיש־נאַציאָנאַ־לער און מענטשלעך־פּראָגרעסיווער וועלט־אַנשויאונג. דאָס אַלץ וועט באַהעפטן דאָס אידישע קינד מיטן אידישן פאָלק און זיין גייסטיקן לעבן און עס וועט אים פירן אַקטיוו זיך צו באַטייליקן אין דעם אויפ־בוי פון אידישן לעבן אויף געזונטע יסודות דאָ אין אַמעריקע און צו חלוציות אין ארץ־ישראל.

* *
*

דאָס בוך דערשיינט אין דעם פּנחס גינגאָלד פאַרלאַג, וואָס דער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט פון די אידישע פאָלקשולן האָט עטאַבלירט ווי אַ ליכטיקער אָנדענק פון פּ. גינגאָלד ז״ל.

די רעדאַקציע־קאָלעגיע פון בוך איז באַשטאַנען פון קאַדיע מאָלאָ־דאָווסקי, מ. מאשעוויצקי און ל. רובינשטיין.

נאַציאָנאַלער קאָמיטעט פון די אידישע פאָלקשולן
פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע

ביאָגראַפּישע נאָטיצן

פּנחס־מיכאל גינגאָלד איז געבוירן געוואָרן ט״ו ניסן, תרנ״ב, אין אַ קליינעם דערפל אין וואָלינער געגנט. דאָס דערפל איז געלעגן אויפן וועג צווישן די שטעט גאָראָדיעץ־קאָברין און ברעסט ליטאָווסק. זיינע קינדער־יאָרן האָט פּ. מ. גינגאָלד פאַרבראַכט אין דעם דאָרף. די שיינע נאַטור אַרום און דער דאָרפישער לעבנס־שטייגער האָבן גע־לייגט זייער שטעמפּל אויף דער יונגער און צאַרטער נשמה פון קינד.

פּ. מ. גינגאָלד איז געווען דער איינגסטער אין אַ גרויסער משפּחה פון זעקס שוועסטער און אַ ברודער. די שוועסטער האָבן זיך פאַרנו־מען מיט זייער ברודערל און אים געצערטלט. די מאַמע, וועלכע האָט זייער ליב געהאַט איר בן־זקונים, פלעגט אָפטמאָל דערציילן ווי זי האָט צוגעגרייט דעם פּסח און דעם סדר, און איר קינד איז געקומען אויף דער וועלט צום ערשטן סדר.

פּ. מ. גינגאָלדס טאַטע איז געווען אַ איד אַ תלמיד־חכם, וועלכער פלעגט זיצן אַ גאַנצן טאָג איבער דער גמרא און לערנען. די ברויט־געבערין און פאַרדינערין פון דער משפּחה איז געווען די מאַמע. זי איז געווען אַן אַרבעטסזאַמע פרוי, פלעגט אויפקויפן תבואה ביי די פּויערים — און פלעגט זיי פאַרקויפן שניט־סחורה, און אַזוי אַרום פאַרזאָרגט איר משפּחה מיט פּרנסה.

פּנחס־מיכאל איז נאָך נישט געוואָרן בר־מצוה ווען זיין טאַטע איז געשטאָרבן, און די מוטער האָט איצט געהאַט די דאָמינירנדיקע השפּעה אויף זיין לעבן. דער עלטסטער ברודער זיינער, אברהם־בערל, האָט אַלעמאָל אַרויסגערופן ביי פּנחס־מיכאלן גרויס דרך־ארץ, צוליב זיין טיפער אמונה און גרויסע קענטעניש אין אידישקייט. די משפּחה איז געווען אַ צוזאַמענגעבונדענע. אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען פּנחס־מיכאל איז געוואָרן זעלבסטשטענדיק, פלעגן די שוועסטער קומען צו

אים, סיי אין פריידן און סיי אין ליידן, און ער האָט שטענדיק און אומ־דערמידלעך געהאָלפן זיי און זייערע קינדער.

נאָך לערנענדיק אין חדר, האָט פּ. מ. גינגאָלד אַרויסגעוויזן די גייסטיקע פעאיקייטן, מיט וועלכע ער האָט זיך אויסגעצייכנט זיין גאַנצן לעבן. זיינע ערשטע רביים האָבן אין אים אויפגעוועקט דעם דורשט און די ליבע צו לערנען תורה און האָבן איבערגעלאָזט אַן אומפאַרגעס־לעכן איינדרוק אויף דעם יונגן קינד.

אין א בריוו צו דר. יהודה קויפמאַן, דערציילט פּ. מ. גינגאָלד וועגן די גייסטיקע אוצרות, וועלכע איינער פון זיינע ערשטע רביים האָט פאַר אים אַנטפּלעקט.

אויסער דעם חדר און דעם רבי׳ן, האָט אויך דער דאָרף, וואו ער איז געבוירן געוואָרן, דער פרילינג אין דאָרף, דער שאָטן פון די ביי־מער, די גאַנצע דאָרפישע אַרומרינגלונג, שטאַרק געווירקט אויף אים און ער האָט דאָס גאַנצע לעבן טיף געפילט די נאַטור. אין זיינע לעקציעס פאַר די תלמידים וועגן ביאַליקן, האָט ער זיך שטענדיק באַזונדערס אָפּגעשטעלט אויף די נאַטור־שילדערונגען אין ביאַליקס ווערק, און האָט אויף דער טעמע געשריבן אַן אַרבעט, וואָס ער האָט, צום באַדויערן, ניט פאַרענדיקט.

דערצויגן אין גרויס פרומקייט און אין אָפּהיטן יעדע מצוה, איז פּ. מ. גינגאָלדס ערשטער קאָנטאַקט מיטן וועלטלעכן לעבן געווען, ווען ער האָט פאַרלאָזן דעם דאָרף און אַרויסגעפאָרן לערנען אין אַ ישיבה.

די מוטער האָט אים פאַרפּאַקט זיינע זאַכן, מיטגעגעבן אַביסל עסן און אַוועקגעשיקט אים לערנען תורה. אין דער פרעמד, די סביבה פון אומבאַקאַנטע מענטשן, דאָס נישט דערעסן האָבן שווער געווירקט אויף דעם פילבאַרן יונגן בחור.

אָבער אויך אין דער פרעמדער שטאָט האָט פנחס־מיכאל גינגאָלד געפונען פריינט. און ער האָט אָפט דערציילט וועגן דער פריינטשאַפט וועלכע עס האָט אַרויסגעוויזן צו אים די משפחה חורגין אין בריסק, און איז אויך שטענדיק געבליבן באַפריינדעט מיט חורגינס זין, מיט וועלכע ער האָט צוזאַמען געלערנט. אין בריסק איז פּ. מ. גינגאָלד אַריינגעצויגן געוואָרן אין ציוניסטישער אַרבעט. ער און לייב יפה פלעגן אָפט דערציילן וועגן די ערשטע ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען,

וואָס זיינען פאָרגעקומען אין בריסק. ער האָט אָנגעהויבן לערנען אַביסל רוסיש און געלייענט די השכלה־ליטעראַטור. די ישיבה האָט זייער פיל געגעבן גינגאָלדן און במשך זיין גאַנצן לעבן געצויגן גייסטיקע יניקה פון דער ישיבה.

אין יאָר 1913 האָט פנחס־מיכאל גינגאָלד צוזאַמען מיט זיין מוטער עמיגרירט קיין אַמעריקע. ער קומט קיין אַמעריקע אַלס זיבעצן־יאָרי־קער בחור, און צוזאַמען מיט זיין מוטער, צו וועלכער ער איז געווען שטאַרק צוגעבונדן, וואוינט ער אויף קלינטאָן סטריט, אויף דער איסט סייד פון ניו־יאָרק. גינגאָלדס שוואָגער, וועלכער האָט אין ניו־יאָרק אַ פאַרב־געשעפט, נעמט צו זיך אין געשעפט דעם ניי־געקומענעם קרוב און לערנט אים ווערן אַ קלעפּער פון טאַפּעטן (אָבאָיעס). טאָג־איין, טאָג אויס גייט פנחס־מיכאל אַרויס מיטן לייטער, פּענדזל און קליי און מיט די טאַפּעטן צו דער אַרבעט. ער איז אַלעמאָל געווען שטאָלץ דערמיט, וואָס ער איז אַ גוטער אַרבעטער. די שכירות זיינע זיינען געווען זייער נידעריקע, און באַלד זעען מיר גינגאָלדן צווישן די וועלכע האָבן אָרגאַניזירט „די פּייפּער און פּיינטער יוניאָן״.

היות ווי גינגאָלדס פאַרדינסטן האָבן ניט געקלעקט צו לעבן, מוז די מוטער אויך זוכן עפּעס אַ פּרנסה. זי פאַרדינגט דאָן ביי זיך אין הויז צימערן פאַר סובלאָקאַטאָרן. די סובלאָקאַטאָרן זיינען צוגעבונדן געוואָרן צו דער מוטער און צו איר זון און פלעגן בלייבן זייערע פריינט אויף שטענדיק.

פּ. מ. גינגאָלד טרעט אַריין אין דער „עדיוקיישאָנעל אַליאַנס״, וואָס געפינט זיך אויף דער באַרימטער איסט בראָדוויי גאַס. דאָ לערנט ער ענגליש און געשיכטע. שפּעטער ענדיקט ער אַ מיטל־שול. שוין אין דער צייט איז פּ. מ. גינגאָלד אַן אַקטיווער, אָנפירנדיקער חבר פון די פּועלי־ציון אין דער שטאָט ניו־יאָרק, און נעמט אָנטייל, אין יאָר 1914, אַלס דעלעגאַט פון דער פּאַרטיי אין דער ראָטשעסטער קאָנפערענץ. שטענדיק ענערגיש און פול מיט לעבן, קיינמאָל נישט מיד פון דער אַרבעט, געפינט ער צייט פאַר אַלץ ,אפילו פאַר ספּאָרט. ער נעמט אויך אָנטייל אַלס דעלעגאַט אויף דער פּאַרטיי־קאָנפערענץ אין קליוו־לאַנד, איז דורכגענומען מיט אַלע פעדים פון זיין נשמה מיט די אידייען פון דער פּאַרטיי און פאַרערט אירע פירער, וועלכע זיינען צו יענער

צייט געווען אין אַמעריקע, ווי בער באָראָכאָוו, נחמן סירקין, יצחק בן־צבי, דוד בן־גוריון און אַנדערע, וועמען ער האָט געקענט פּערזענלעך.

אין די יאָרן 1916־18 איז פּ. מ. גינגאָלד דער הויפּט־פאַרוואַלטער פון „אידישן קעמפער“, אַ לערער אין דער האַרלעמער שול און איז טעטיק, צוזאַמען מיט יואל ענטין, ביים גרינדן אידישע פאָלקשולן. דאָס זיינען יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, און גינגאָלד פאַרשטייט אַז אידן מוזן בייטראָגן, אַלס אַ נאַציאָנאַלע איינהייט זייער טייל פאַרן זיג פון דער וועלט־דעמאָקראַטיע און ער ווערט אַ שטאַרקער אָנהענגער פון שאַפן דעם אידישן לעגיאָן. אַ טייל פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פועלי־ציון פּאַרטיי איז קעגן דעם שאַפן פון לעגיאָן. אָבער גינגאָלד, מיט דער פאַרשטענדיקונג און הסכמה פון נחמן סירקין, בן־גוריון און יצחק בן־צבי, צוזאַמען מיט רחביה לעווין־עפּשטיין, רופן די אידישע יוגנט זיך מאָביליזירן און שאַפן דעם לעגיאָן.

יעדן טאָג פלעגן זיי אַרויספאָרן אויף לאָסט־אויטאָס אין „גאַרמענט דיסטריקט“ בשעת די אַרבעטער פלעגן אַרויסגיין אויף דער הפסקה עסן, און גערעדט צו זיי, זיי גערופן דערפילן זייער אידישע פליכט פאַר דער באַפרייאונג פון ארץ־ישראל. ביינאַכט פלעגן זיי מיט די זעלבע לאָסט־אויטאָס קומען אין „סוארד פּאַרק“, אין ברוקלין, און אין די בראָנקס און ווערבירן פרייוויליקע פאַרן לעגיאָן. פּ. מ. גינגאָלד האָט אין דער אַרבעט גענומען גאָר אַ וויכטיקן אָנטייל. שפּעטער שיקט די בריטישע מאָביליזאַציע־ביוראָ גינגאָלדן איבער די שטעט פון אַמעריקע און קאַנאַדע אָנצופירן די ווערבירונגס־אַקציע פאַרן לעגיאָן. ווען דער לעגיאָן איז אָרגאַניזירט געוואָרן איז גינגאָלד געווען איינער פון די ערשטע, וואָס איז אָפּגעפאָרן אַלס זעלנער פון דעם 39טן ראָיאַל־פוזילירס באַטאַליאָן קיין ארץ־ישראל.

אין יאָר 1919 פאַרטרעט ער די חברים פון גדוד אויף דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון „אחדות־העבודה“. צוליב די שטערונגען וואָס ווערן געמאַכט פאַר דער דעמאָביליזאַציע פון לעגיאָן אין ארץ־ישראל, פאָרן אָפּ פּ. מ. גינגאָלד און זיינע חברים צוריק קיין אַמעריקע כדי זיך דאָרטן דעמאָביליזירן.

נאָך דער דעמאָביליזאַציע פון מיליטער, ווערט פנחס מיכאל גינגאָלד דער דירעקטאָר און סעקרעטאַר פון אידישן לערער־

סעמינאַר. דער סעמינאַר געפינט זיך דאָן אין קליינע צימערן אויף דער איסט בראָדווי. שפעטער האָט ער זיך אַריבערגעצויגן אין דער געבײַדע פון „האיאַס".

פּ. מ. גינגאָלד איז געווען די נשמה פון סעמינאַר, איז געווען טעטיק אויף אַלע געביטן, און קיין שום אַרבעט פאַרן סעמינאַר איז אים נישט צו שווער געווען. ער זעצט פאָר זיין אַרבעט צוזאַמען מיט דר. יהודה קויפמאַן. ווען דער לעצטער איז געוואָרן דער דירעקטאָר, אַרבעט ער צוזאַמען מיט בן־ציון גאָלדבערג. ער ציט צו צום סעמי־נאַר אַלס לערער דעם גרויסן געלערנטן דר. לעוואַיעס און ש. זאַקס און פאַרשיידענע אַנדערע פּעדאַגאָגישע כּוחות צווישן די אידישע לי־טעראַטן און לערער אין אַמעריקע.

שווער זיינען געווען די באַדינגונגען פון אַרבעט אין סעמינאַר און נישט לייכט איז אויך געווען צו געפינען פּאַסנדע תּלמידים פאַר אים. עס פלעגט טרעפן, אַז די לימודים פלעגן פאָרקומען ביי ליכט, ווייל מען האָט אויסגעשלאָסן די עלעקטריע צוליב אַ נישט־באַצאָלטן חשבון. מען האָט געדאַרפט אַנווענדן אַ סך דערפינדערישקייט כּדי צו קענען פונאַנדערטיילן דאָס ביסל הכנסה צווישן די לערער און אויף פּאָסט־מאַרקעס. פּ. מ. גינגאָלד האָט קיינמאָל זיין אייגענעם געהאַלט נישט אָפּגענומען אינגאַנצן, און אַ טייל פון זיין געהאַלט אָפּגעגעבן אויף באַצאָלן די לערער.

פיל מי האָט ער אוועקגעגעבן כּדי צו קריגן אַ קאַלעדזש־„טשאַרטער" פאַר דעם סעמינאַר, און גרויס איז געווען זיין גליק, ווען דאָס איז דערגרייכט געוואָרן.

צו די תּלמידים פון סעמינאַר איז פּ. מ. גינגאָלד געווען אַ לערער, אַ פריינט און אַ חבר.

אין סעמינאַר האָט ער געאַרבעט פון יאָר 1920 ביזן יאָר 1938. אין יאָר 1922 האָט גינגאָלד חתונה געהאַט מיט סאָפיא יודין. די חתונה איז פאָרגעקומען אין פּיטסבורג, וואו די משפּחה יודין האָט געוואוינט. דער באַוואוסטער ציוניסטישער מזרחי־פירער, רבי אַשינסקי, האָט מסדר קדושין געווען.

אויך נאָך דער חתונה, פונקט ווי זיין גאַנצן לעבן, האָט גינגאָלד נישט אויפגעהערט צו לערנען און זיך פאַרפולקאָמען. ער לערנט אין

„טיטשערס קאָלעדזש" פון קאָלאָמביאַ אוניווערסיטעט און וואוינט אין דעם „אינטערנעשאָנאַל הויז". דאָס איז געווען אין יאָר 1926, ווען זיין פרוי געפינט זיך אין ארץ־ישראל. אין יאָר 1928 קריגט ער זיין ערשטן דיפּלאָם אַלס לערער פון „טיטשערס קאָלעדזש". אין דער צייט פון זיין שטודיום אין קאָלאָמביא אוניווערסיטעט, האָט ער געהאָט די זכיה צו לערנען ביי די גרויסע פּעדאַגאָגן דזשאָן דואי, טאָרענדייק און קילפּעטריק, די גרויסע פּראָפעסאָרן פון דער נייער פּעדאַגאָגיק.

אין יאָר 1929 פאָרט ער מיט אַ גרופּע לערער קיין סאָוועטן־רוסלאַנד, באַזוכט און שטודירט דאָרט דעם דערציאונגס־וועזן. קומענ־דיק צוריק, זעצט ער פאָר זיין שטודיום, ביז ער קריגט זיין מייסטער־דיפּלאָם („עם־עס").

עס עפענען זיך פאַר אים ברייטע מעגלעכקייטן. ער פאַראינטע־סירט זיך אין הילפס־אַרבעט פאַר דעפעקטיווע קינדער, און שטייט אויפן שוועל צו באַקומען אַ שטעלע אין „בעלוויו האָספּיטאַל". אָבער ער האַלט פאַר אַ זינד צו פאַרלאָזן דעם סעמינאַר און ווידמעט זיך דער אידישער דערציאונג.

אין דער זעלבער תקופה גיט אָפּ גינגאָלד זיין צייט און מי דער פּועלי־ציון באַוועגונג און אירע פיל־פאַרצווייגטע אַקטיוויטעטן. פיל יאָרן איז ער אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי אין אַמעריקע. ער איז פון די ערשטע צו בויען דעם אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד; ער איז פון די גרינדער פון דעם „פּיפּלס־רעליעף", וועלכער איז דער פאָרגעגנער פון „דזשאָינט".

פּ. מ. גינגאָלד איז געווען איינער פון די זיילן פון דער פּועלי־ציון פאַרטיי און פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד. ער, צוזאַמען מיט אַנדערע פירנדיקע חברים, טראָגן אין משך פון יאָרן דעם יאָך און די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער גאַנצער ציוניסטישער אַרבע־טער באַוועגונג אין אַמעריקע. אין אָנהויב פון געווערקשאַפטן קאַמפּיין און אין זיינע ערשטע שווערע יאָרן, האָט גינגאָלד פּראָפּאַגאַנדירט דעם געדאַנק פון אַן אַרבעטער־אַקציע פאַר ארץ־ישראל, אַן אַקציע וואָס איז געווען אַזוי וויכטיק פאַר דער ניי־געגרינדעטער הסתדרות אין ארץ־ישראל.

אין יאָר 1938 ווערט אָנפאַרטרויט פּ. מ. גינגאָלדן די דאָפּלטע פאַראַנטוואָרטלעכקייט: אַלס דער בילדונגס־דירעקטאָר פון פאַרבאַנד און אַלס דירעקטאָר פון דער צענטראַלע פון די אידישע פאָלקשולן. גלייכצייטיק איז ער געוואָרן אַ קאָנסולטאַנט אין דעם אידישן ביל־דונגס־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק.

עס פאָדערט זיך אַ דיסטאַנץ פון צייט, כדי צו קענען אָפּשאַצן דעם ווערט פון גינגאָלדס אַרבעט פאַר די פאָלקשולן אין אַמעריקע. עס האָט זיך געפאָדערט איבערמענטשלעכע איבערגעבנקייט כדי צו קענען איבערווינדן די אַלע שוועריקייטן אין דער טאָג־טעגלעכער אַר־בעט זיינער פאַרן אידישן שול־וועזן: שוועריקייטן פון מאַנגל אין געלט־מיטלען, די קליינע צימערן פאַר די קלאַסן, לערער וואָס האָבן אָפט נישט באַקומען זייער געהאַלט, דער געראַנגל פאַר דער שפּראַך (אינגאַנצן אידיש אָדער העברעאיש), אויסער די פיל קליינע פּערזענ־לעכע שוועריקייטן.

פון וואַנען האָט ער געשעפּט כחות דאָס אַלץ בייצוקומען? ווי אַזוי האָט ער זיך דערהויבן צו די גייסטיקע הויכקייטן כדי צו לייזן די פיל פּראָבלעמען, מיט וועלכע ער האָט זיך אָנגעטראָפן אין זיין אַרבעט?

ער האָט געפונען דעם סינטעז צווישן אידיש און העברעאיש אין די אידישע פאָלקשולן. מיט עקשנות האָט ער איינגעפירט טיפע איינ־זעעניש פאַר דער טראַדיציע פון אידישן פאָלק אין די לימודים. ער האָט איינגעפירט דעם מנהג פון בר־מצוה פייערונגען אין די פאָלקשולן.

דער פּראָדוקט פון אָט די אידישע שולן זיינען די יונגע חלוצים פון אונזער באַוועגונג, און אין דעם סינטעז פון דער אידישער און העברעאישער קולטור, באַזירט אויף אידישער טראַדיציע, האָט דער אַרבעטער־ציוניזם געפונען די גרויסע אינספּיראַציע וואָס פירט צו עליה קיין ישראל.

אַלס בילדונגס־דירעקטאָר פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַר־באַנד, האָט גינגאָלד געדינט דעם פאַרבאַנד מיט זיינע גרויסע אידישע קענטעניש. ער האָט איבערגעלאָזט זאַמלונגען וועגן יום־טוב פייערונ־גען פאַר דערוואַקסענע חברים פון פאַרבאַנד; ער האָט געזאַמלט אי־דישע און העברעאישע לידער; זיינע לעקציעס זיינען געווען פאַר די חברים אַ טיפע אינספּיראַציע; ער האָט זיי דערנענטערט צו די טיפע־

נישן פון דער אידישער שאַפונג, — באַזונדערס אויף די לעקציעס פון תנ״ך.ליידער זיינען די לעקציעס נישט פאַרשריבן געוואָרן, און עס איז נישטאָ די מעגלעכקייט זיי צו פאַרעפנטלעכן פאַר ברייטערע קרייזן.

פ. מ. גינגאָלד, אַלס געזעלשאַפטלעכער טוער, האָט זיך נישט נאָר קאָנצענטרירט אויפן געביט פון דער פאַרטיי, וואו ער איז געווען אַ מיטגליד פון איר צענטראַל קאָמיטעט, נאָר ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין אַקטיוויטעטן אויף אַלע געביטן פון אידישן לעבן. ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון „פאַרבאַנד״, אַ מיטגליד פון ניו־יאָרקער שטאָט־קאָמיטעט, פון „קעמפ״־קאָמיטעט, פון צענטראַלן שולן־קאָמיטעט, אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, אַ מיטגליד פון צענטראַלן אידישן קולטור־קאָנגרעס, פון איוו״א, פון דער עקזעקוטיווע פון הסתדרות עברית, פון ברית עברית עולמית. גינגאָלד איז געשיקט געוואָרן אין שליחות צו די לאַטיין־אַמעריקאַנער אידישע קיבוצים דורכן אידישן קולטור־קאָנגרעס. צוזאַמען מיט יעקב פאַט׳ן, אים צו לענגערע יאָר, באַזוכט ער אַלע גרויסע אידישע ישובים פון לאַטיין־אַמעריקע. ער רעפערירט דאָרט איבער פאַרשידענע קולטור־און ליטעראַטור־טעמעס. גינגאָלד איז פיל מאָל געווען אין אייראָפּע אַלס פאַרשטייער פון דער באַוועגונג; ער האָט אָנטייל גענומען אין פאַרשיידענע קאָנגרעסן און קאָנפערענצן; איז באַפריינדעט און פאַרבונדן געווען מיט די אָנפירנדע חברים פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אין יאָר 1951 איז ער געווען אַ דעלעגאַט אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ירושלים.

גינגאָלד האָט גלייכצייטיק מיט זיין גרויסער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אויך פאַרגעזעצט זיין שטודיום אין דראָפּסי־קאָלעדזש.

גינגאָלד האָט זיין טיפע פאַרערונג פאַר דער אידישער טראַדיציע אין אַ פולער מאָס איבערגעגעבן זיין זון און טאָכטער. די פייערלעכקייט פון אידישע ימים־טובים ביי זיך אין שטוב איז אויפגעהיט געוואָרן מיט גרויס פיעטעט. די משפחה קען קיינמאָל נישט פאַרגעסן די שיינקייט פון טראַדיציאָנעלן סדר, וועלכן גינגאָלד פלעגט פירן ביי זיך אין הויז פאַר דער משפחה און פאַר זיינע פריינט.

וויניק צייט האָט גינגאָלד געהאַט אויף אָפּגעבן זיך מיט דער

פאַמיליע; שטענדיק פאַרנומען און פאַריאָגט אין די ענינים פון דער באַוועגונג און פון געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן. אָבער דאָס ביסל צייט וואָס ער האָט שוין יאָ געווידמעט דער פאַמיליע, איז געווען אַזוי טיף מיט איר אינהאַלט, אַז זי וועט אייביק איינגעקריצט בלייבן אין זייער זכרון.

זיין פרוי סאָפּיע יודין איז געווען פאַרבונדן מיט אים נישט נאָר אין פאַמיליע־לעבן, נאָר אויך דורך זייער געזמיינזאַמען פועלי־ציון־אידעאַל. שטאָלץ איז גינגאָלד געווען מיטן וואוקס פון דער פיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע, וואָס זיין פרוי האָט אָרגאַניזירט און אין וועלכער זי האָט געהאַט אַן אָנפירנדע ראָל. בשעת גינגאָלד האָט באַזוכט לאַטיין־אַמעריקע, האָט ער אויך געהאָלפן אָרגאַניזירן די פיאָנערן פרויען אין אַרגענטינע און געלייגט אַ יסוד פאַר דער אָרגאַניזאַציע אין טשילי.

דער אידעאַל פון דער משפחה גינגאָלד איז שטענדיק געווען עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. זיין זון יהודה און די טאָכטער מאַשע זיינען טאַקע עולה געווען קיין ישראל. זיין זון יהודה איז איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון „החלוץ־הצעיר" אין אַמעריקע, און צוזאַמען מיט די חברים פון זיין גרעין (קעמערל) האָט ער געגרינדעט דעם קיבוץ כסופים אין נגב. צוזאַמען מיט זיין פרוי רות און זון עמוס האָבן זיי זיך באַזעצט אין קבוץ, לעבן און אַרבעטן דאָרטן.

די טאָכטער זיינע, מאַשע, איז געווען צוזאַמען מיט איר פאָטער ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן. אין אַ בריוו צו זיין פרוי באַשרייבט גינגאָלד וויפיל גליק און פרייד זיין טאָכטער האָט אים פאַרשאַפט. איצט איז גינגאָלד׳ס משפחה אין ישראל. זיין פרוי איז די פאַרוואַלטערין פון מדינה־אַרכיוו.

פּ. מ. גינגאָלד האָט איבערגעלאָזן נאָך זיין טויט פיל שריפטן, אין וועלכע עס ווערן באַהאַנדלט פראַגן וועגן אידישקייט, פּסיכאָלאָגיע, בילדונג, אידישע ימים־טובים א. א. וו. ער האָט אויך איבערגעלאָזן הונדערטער פּריינט, צו וועלכע ער איז געווען איבערגעגעבן און וועלכע זיינען אים געווען טריי. ווען זיינער אַ פריינט איז קראַנק געוואָרן, אָדער איז געווען אין עת־צרה, איז גינגאָלד געווען דער ערשטער וואָס איז אים געקומען צו הילף. ער פלעגט פאַרלאָזן זיין אַרבעט און זיין משפחה, איז געווען צוזאַמען מיט זיין חבר, וואָס האָט געליטן, אָדער

געוועזן אין נויט. הונדערטער חברים דערציילן וואָס גינגאָלד איז געוועזן פאַר זיי אין אַ שעה פון קראַנקהייט אָדער אין אַ שעה פון אַ צרה. דאָס וועט בלייבן אַמלענגסטן אין זיכרון פון זיינע חברים און מיט־אַרבעטער.

פנחס מ. גינגאָלד איז געשטאָרבן אַ טאָג נאָך יום־כיפור, י״א תשרי, תשי״ד.

אין איינעם פון זיינע בריוו צו זיין פרוי שרייבט ער: „נעם מיך מיט אין דעם לאַנד פון מיינע האָפענונגען און חלומות״. און אַזוי האָט מען געבראַכט זיינע ביינער צו קבורה אין דער ערד פון דער הימלאַנד, אין רעננה, כ״ה מנחם אב, תשי״ד.

צו מאַשען

אַ פּאָר ווערטער פון ח׳ גינגאָלד צו זיין טאָכטער מאַשע, צו דער געלעגנהייט פון איר גראַדואירן הייסקול.

הײנט איז בײ דיר אַ יום־טוב, טאָכטער מײנע. הײנט װעסטו, — אײנגעפלאָכטן אין אַ קראַנץ פון יוגנט, װי דו ביסט אַלײן, — אױסזינגען דײן יוגנט ליד, דײן ליד פון דער־גרײכונג, אַ ליד פון דערהױבונג, דאָס ליד פון גײסטיקער רײפקײט.

דײנע לערער, מיט דעם כח װאָס די שטאָט ניו יאָרק האָט זײ געגעבן, װעלן דיר צוטראָגן אַ דיפּלאָם, — אַ סימבאָל אַז דו, לידיטא שײנע, ביסט אַ רײפער מענטש, אַז דו האָסט אין זיך אײנגעזאַפּט די קולטור פון דער בעסטער מענטשהײט, אַז דו ביסט צײטיק אַרױסצוזאָגן אַ מײנונג, אַז דו קענסט ציען שלוסן פאַר נײע סיטואַציעס, אַז דו קענסט אַנאַליזירן און סינ־טעטיזירן מענטשלעכע חכמה, מענטשלעכע דערגרײכונגען.

מאַשע, הײנט װעסטו דערשײנען פאַר דעם טריבונאַל פון געלערזאַמקײט, און די זיבן קלוגע װעלן קוקן אױף דיר מיט זײערע דורכדרינגנדיקע אױגן און זײ װעלן שמײכלען — װײל דו װעסט זײ שטאַרק געפעלן, און די געטין פון פאַרשטאַנדיקײט, װעט דיר צוטראָגן אַ גאָלדענעם סעפּטער ! נאַ, װעט זי דיר זאָגן, טראָג דעם דאָזיקן צײכן מיט שטאָלץ און פרײד, װײל איך בענטש דיך און די װעלט װעט מײן ברכה פאַרװירקלעכן און דו װעסט געבענטשט זײן !

מײן טאָכטער, מאַך צו דײנע אױגן אױף אײן מינוט און גיב אַ טראַכט, װיפל טעג, נעכט, װאָכן, חדשים און יאָרן דו האָסט אַװעקגעגעבן כדי דו זאָלסט זײן אַ גליקלעכע הײנטיקן אָװנט ! כדי דו זאָלסט קענען הײנט אָװנט זײן אין דעם פלאַ־מענדיקן רינג פון הונדערטער יונגע שײנע מײדלעך, װעלכע װעלן מיט קלאַפּנדיקע הערצער, פּונקט װי דו װאַרטן אױף דעם אױפרוף פון זײער נאָמען !

דײן פּנים װעט לײכטן, נאָך שענער װי אַלעמאָל, דײן האַרץ װעט קלאַפּן נאָך ריטמישער װי אַלע מאָל, דײנע אױגן װעלן גליען מיט פרײד נאָך מער װי אַלעמאָל, — װײל הײנט איז דער טאָג פון אַלע טעג, די נאַכט פון אַלע נעכט, װען דו װערסט אױסדערװײלט צו אָנערקענונג פאַר דײן געדולד, מיזאַמקײט און גײסטיקע דערגרײכונג !

שײנע, ליבע, האַרציקע טאָכטער ! איך װײס ניט װיפל מענטשן עס טראַכטן פון דיר הײנט, װיפל הערצער עס צאַפּלען זיך איבער דיר הײנט, װיפל מענטשן עס בענטשן דיך הײנט, אַזױ װי איך,

ד י י ן   פ אָ ט ע ר

דערציאונג

פּראָבלעמען פון אונזער שול־באַוועגונג

אונזערע אידישע פאָלק־שולן פּלאַנעווען איצט אַ שול־קאָנווענשאָן, וואו עס זאָלן באַהאַנדלט ווערן די פּעדאַגאָגישע, פּראָגראַמאַטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פּראָבלעמען פון אונזער שול ווען. אַ צוזאַמענקונפט פון אַזאַ כאַראַקטער פאַרנעמט שטענדיק אַ חשובן פּלאַץ אין דעם לעבן פון אונזער גאַנצער באַוועגונג. הייִנטיקס מאָל איז אָבער אַ שול־קאָנווענשאָן אַ פיל ערנסטערער ענין. די דערציאונגס־פּראַגע איז איצט פיל אָנגעווייטיקטער.

מען מוז צוגעבן, אַז אין אונזערע אייגענע רייען איז איצט, ליידער, נישטאָ יענע אייניקייט און פאַרשטענדעניש פאַר אונזערע שולן ווי דאָס איז געווען מיט יאָרן צוריק. עס זיינען דאָ אַזעלכע וואָס פאָדערן, אַז מען זאָל מאַכן אַ רעוויזיע און מען זאָל ענדערן געוויסע פּונקטן אין דער פּראָגראַם. די דאָזיקע ענדערונגען זאָלן זיין אין איינקלאַנג מיט דער איצטיקער אידעאָלאָגיע און אָנשויאונג פון אונזערע אייגענע חברים, ווי אויך מיט דעם געדאַנקן־גאַנג פון די אידישע מאַסן בכלל.

ווי ווייט עס לאָזט זיך אָפּשאַצן, זיינען דאָ מיינונגס־פאַרשידנהייטן אַרום עטלעכע ערנסטע שול־ענינים. צוערשט קומט הייִנט די פּראַגע פון אונזערע דערגרייכונגען אין די ביידע שפּראַכן, וואָס מיר לערנען מיט די קינדער. שוין ביי דער גרינדונג פון אונזערע שולן האָבן מיר פעסטגעשטעלט, אַז עס איז די אויפגאַבע פון דער פאָלק־שול צו לערנען מיט די קינדער ביידע שפּראַכן, אידיש און העברעאיש. אידיש: דערפאַר, ווייל דאָס איז די שפּראַך פון די אידישע מאַסן, די שפּראַך אויף וועלכער דער געזעלשאַפטלעכער און אויך דער אינטימער אידישער לעבן געפינט זיין פיינסטן אויסדרוק. דאָס אידישע קינד דאַרף קענען די שפּראַך פון די אידישע מאַסן און דאַרף האָבן די נויטיקע פאַרשטענדעניש און באַציאונג צו דער אידישער ליטעראַטור, וואָס שפּיגלט אָפּ די פילפאַרביקייט און אַלזייטיקייט פון אידישן לעבן פון אַ סך דורות.

צוליב די זעלבע טעמים און צוליב נאָך אַ סך קולטור־מאָטיוון ווילן מיר, אַז אונזערע קינדער זאָלן קענען העברעאיש — די שפּראַך,

וואָס האָט נישט פאַרלאָזן דאָס אידישע פאָלק זינט אידן האָבן אָנגענומען די פאָרמע פון אַ נאַציע. אַלע גייסטיקע אוצרות, די גאַנצע לעבנס־חכמה פון אונזער פאָלק איז דאָך באַהאַלטן אין דער דאָזיקער שפּראַך. מיר ווילן אַז אונזערע קינדער זאָלן קענען העברעאיש, ווייל אונזערע קולטור־אוצרות אין העברעאיש האָבן קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו זיין אַ גרויסער נאַציאָנאַלער און גייסטיקער פאַקטאָר אין דער אַנטוויק־לונג פון אונזער פאָלק. העברעאיש איז געוואָרן אַ לעבעדיק־גערעדטע שפּראַך אין די מיילער פון די הונדערטער טויזנטער פון אונזער פאָלק אין ארץ־ישראל און אין אַ באַדייטנדער מאָס אויך אין אַנדערע לענדער. מיר ווילן דערפאַר, אַז אונזערע קינדער זאָלן זיין אוממיטלבאַר פאַר־בונדן מיט די גייסטיקע שאַפונגען פון אונזער פאָלק און מיט יענע טיילן פון אונזער אומה, וואָס געפינען זייערע אויסדרוקן אין דער העברעאי־שער שפּראַך.

דאָס איז געווען אַ גרונט־פּרינציפּ אין אונזער דערציאונג. מיר מוזן אָבער צוגעבן, אַז די דאָזיקע אויפגאַבע האָבן מיר ביז אַהער נישט געקענט דורכפירן ווי געהעריק אין אַ גרויסער צאָל פון אונזערע פאָלק־שולן. צוליב דעם וואָס אין אַ סך אידישע היימען האָט מען אויפגעהערט ריידן אידיש מיט די קינדער, קענען זיך אונזערע שולן נישט באַרימען, אַז די קינדער וואָס גראַדואירן איצט די שולן לערנען זיך אויס צו ריידן פליסיק אידיש און קענען אָנפירן אָן אָנשטרענגונג זייערע טאָג־טעג־לעכע געשפּרעכן אויף אידיש.

מיר מוזן אויך צוגעבן, אַז מיר האָבן זעלטן געקענט ברענגען די קינדער פון אונזערע פאָלק־שולן צו די קוואַלן פון דער העברעאישער ליטעראַטור. די ידיעות אין העברעאיש וואָס די קינדער קענען קריגן אין אונזערע שולן זיינען נישט גענוג, אַז זיי זאָלן קענען עפענען אַ העברעאישן ספר און וויסן וואָס דאָרטן שטייט. אמת, אַז בנוגע העברע־איש זיינען מיר נישט הינטערשטעליק פון תלמוד־תורות, און אַז אונ־זערע קינדער קענען פיל מער העברעאיש ווי עס קענען יענע צענדלי־קער טויזנטער קינדער, וואָס באַזוכן די פאַרשידענע דערציאונגס־אַנ־שטאַלטן פון די „קאָנגרעגיישאָנס״ און טעמפּלען. די פאַקטן שטעלן אָבער נישט צופרידן יענע אין אונזערע רייען וואָס ווילן, אַז זייערע קינדער זאָלן אַריינוואַקסן אין דער העברעאישער ליטעראַטור. די וואָס

ווילן, אַז די קינדער זאָלן שוין אין דער פאָלק־שול זיין באַהאַוונט אין חומש און אין נביאים.

כדי בייצוקומען די דאָזיקע שוועריקייטן און ברענגען אונזערע קינ־דער צו דער מדרגה, אַז ווען זיי גראַדואירן אַ אידישע פאָלק־שול זאָלן זיי האָבן פעסטע ידיעות אין העברעאיש און אין אידיש, ווערן איצטער פאָרגעשלאָגן אַ צאָל פלענער. דער ערשטער פּלאַן איז, אַז מען זאָל אין ערגעץ נישט עפענען קיין שול אָן צוויי לערער. אויב עס זיינען דאָ מער ווי דרייסיק תלמידים אין אַ שול, זאָלן דאָרטן לערנען צוויי לערער. קלענערע קינדער זאָלן לערנען אָנדערהאַלבן שעה אַ טאָג, און די עלטערע קינדער זאָלן לערנען גאַנצע צוויי שעה אַ טאָג.

דער סיסטעם וועט פאַרגרעסערן דעם בודזשעט, אָבער דאָס וועט פאַרטאָפּלען די צייט פון די לימודים, און דאָס וועט זיכער ברענגען די קינדער טאָפּעלע רעזולטאַטן און דערגרייכונגען סיי אין אידיש און סיי אין העברעאיש.

גלייכצייטיק זיינען אויך דאָ פאָדערונגען, אַז מען זאָל איבערלאָזן צו די שולן אין די פאַרשידענע שטעט צו באַשטימען, צי מען זאָל אָנהייבן מיטן קינד לערנען אין די ערשטע קלאַסן איין שפּראַך אָדער צוויי שפּראַכן. מען זאָל אויך לאָזן צו די שולן צו באַשטימען מיט וועלכער שפּראַך זיי ווילן אָנהויבן די דערציאונג פון קינד. זאָל עס זיין אידיש אָדער זאָל עס זיין אין העברעאיש. דערביי זאָל פאַרשטאַנען ווערן, אַז אין די העכערע קלאַסן זאָל די פּראָגראַם אויסגעגליכן ווערן אַזוי, אַז ביים גראַדואירן זאָלן די קינדער האָבן די געהעריקע ידיעות איןביידע שפּראַכן.

רעדנדיק וועגן די ערשטע קלאַסן קומט אויך אַריין די פראַגע וועגן דעם פּלאַץ, וואָס עס דאַרף געגעבן ווערן צו דער ענגלישער שפּראַך אין דעם ערשטן, און אָפּטמאָל אויך אין דעם צווייטן יאָר, וואָס דאָס קינד לערנט אין דער שול. די סטאַטיסטיק אין אונזערע שולן באַווייזט, אַז עס קומען היינט אַריין גאָר אַ גרויסע צאָל קינדער, אָפּטמאָל די איבערוועגנדיקע מאַיאָריטעט, וועלכע קענען זייער ווייניק אָדער קענען גאָר קיין אידיש נישט. דער לערער קען דעריבער נישט דערציילן די קינדער קיין ביבלישע מעשהלע, אָדער אַ היסטאָרישע לעגענדע אין אידיש. דער איינפלוס פון דעם לערער אויפן קינד ווערט זייער שטאַרק

רעדוצירט ווען דער לערער באַנוצט זיך אין דעם ערשטן אָדער צווייטן קלאַס בלויז מיט אידיש. שוין איצט האָבן אַ סך לערער אַריינגעבראַכט ענגליש אין דעם ערשטן קלאַס. דאָס איז אַן ערנסטער פּעדאַגאָגישער פּראָבלעם, אין וועלכן עס מוז אַריינגעבראַכט ווערן קלאָרקייט און אַ פּאָסיקע מעטאָדע.

אַ צווייטער אַנגעווייטיקטער פּראָבלעם אין אונזער שול איז די פראַגע פון רעליגיע. אויף אונזערע פריערדיקע קאָנווענשאַנס, ווען דער דאָזיקער פּראָבלעם איז אויפגעשוואומען, האָבן מיר באַוויזן, אַז מיר האָבן אַ געזונטן צוגאַנג צו רעליגיע דורך דעם וואָס מיר לערנען מיט די קינדער חומש, און וואָס אונזערע טעקסט־ביכער זיינען אָנגעהויכט מיט רעליגיאָזיטעט. מיר האָבן אָנגעוויזן אויף די שיינע דערציילונגען וואָס מיר לערנען מיט די קינדער וועגן שבת, וועגן ימים־טובים; אויף די קידוש־השם מאָטיוון, וואָס מיר האָבן אַריינגעבראַכט אין דער שול דורך פאַרשידענע פּאָעמען און לידער. מיר האָבן אָנגעוויזן אויף די שיינע רעליגיעזע פּערזענלעכקייטן אין דער אידישער געשיכטע, וועלכע מיר מאַכן באַליבט ביי די קינדער. ליידער, קענען שוין היינט די דאָזיקע ענטפערס נישט צופרידנשטעלן אַ סך פון די מיטגלידער פון פאַרבאַנד, און פון די אַנדערע טיילן פון אונזער באַוועגונג.

די צייטן ווען די מערסטע אין אונזערע רייען זיינען נישט געווען פאַראינטערעסירט אין דעם וואָס זייערע קינדער וויסן פון אידישן רע־ליגיעזן לעבן, זיינען שוין נישטאָ. מיר טרעפן זיך איצט מער און מער מיט מענטשן אין אונזערע רייען, ווי אויך מיט עלטערן, וואָס שיקן זייערע קינדער אין אונזערע פאָלק־שולן, וואָס פאַרלאַנגען דורכאויס, אַז זייערע קינדער זאָלן נישט אויסגעשלאָסן ווערן פון אידיש־רעליגיעזן לעבנס־שטייגער. די פראַגע פון בר־מצווה, ווי נאַאיוו זי זאָל אויסקוקן אין די אויגן פון אונזערע ראַציאָנאַלע חברים, איז אָבער געוואָרן אַ פּראָבלעם אין אונזערע שולן. דער פאַרלאַנג, אַז די קינדער זאָלן וויסן שול־תפילות פון שבת און וואָך און פון אַזעלכע ימים־טובים ווי ראש־השנה און יום־כפור, ווערט איצט שטאַרקער געפאָדערט פון שול־פאַר־וואַלטער און פון עלטערן פון קינדער. אַפילו אַזעלכע ענינים ווי „קידוש" און „קדיש" זיינען געוואָרן פּונקטן, וועלכע אונזערע שול־פאַרוואַלטונגען מוזן אויפנעמען אויף זייערע זיצונגען.

דער כאַראַקטער פון אונזער באַוועגונג בכלל ווייזט זיך דאָ אַרויס זייער קלאָר. מיר זיינען מאַקסימאַליסטן אויף אַלע געביטן. אַ סך אין אונזערע רייען ווילן, אַז זייערע קינדער זאָלן קענען אַלץ וואָס מען לערנט ערגעץ אַנדערש וואו און נאָך עפּעס מער. דער עפּעס מער, מיינט די פאַרשידענע לימודים פון אונזער שול־פּראָגראַם. די עלטערן ווילן נישט אַז זייערע קינדער זאָלן דערצויגן ווערן רעליגיעז, זיי ווילן אָבער יאָ, אַז די וועגן פון אידישן רעליגיעזן לעבנס־שטייגער זאָלן נישט זיין פרעמד זייער קינד, און זיי זאָלן ווערן אַ טייל פון זיין אידישער דער־ציאונג.

עס גייט אויך אָן אין אונזערע רייען אַן אומצופרידנקייט בכלל, מיט נאָכמיטאָג־שולן. דערפאַר וואָס די נאָכמיטאָג־שולן, וואו די קינדער פאַרברענגען נישט מער ווי אַ שעה אָדער אַ שעה־און־אַ־האַלב, קענען די קינדער נישט געבן די אידישע ידיעות און אידישן איינפלוס אין אַ מאָס ווי אַ סך עלטערן ווילן דאָס, האָט זיך לעצטנס שטאַרק דערוועקט אין אונזערע רייען דער פּראָבלעם פון דער „טאָג־שול״, אָדער ווי מען רופט עס, די „פּאַראָקיאַל־שול״. אין אַ צאָל שטעט רעדט מען גאַנץ ערנסט וועגן אויפבויען אַ מאָדערנע „טאָג־שול״, וואו עס זאָלן געלערנט ווערן אין אַ גענינגענדער מאָס און אונטער איין דאַך, אַלע אידישע און העברעאישע לימודים און אויך דער גאַנצער קוריקולום פון אַ פּאַבליק־סקול.

די באַוועגונג פאַר „טאָג־שולן״ ווערט דערמוטיקט פון אונזער שול־לייטונג. מיר ווייזן אָבער כסדר אָן אויף דער געפאַר, אַז צוליב דעם געשריי „טאָג־שול״, זאָלן מיר, חלילה, ביידע זאַכן נישט פאַרלירן. איי־דער מיר האָבן די מעגלעכקייט אויפצובויען די „טאָג־שולן״ מוזן מיר אויפהאַלטן און אָפּהיטן אונזערע נאָכמיטאָג־שולן, וואָס אויב זיי קענען אונז נישט געבן קיין מאַקסימאַלע דערגרייכונגען, ברענגען זיי אָבער אידיש וויסן און פאַרשטענדעניש פאַר אונזער פאָלקס־לעבן און זיינע אידעאַלן צו טויזנטער קינדער.

איינע פון די שווערסטע פּראָבלעמען, וואָס די היינטיקע שול־קאָנ־ווענשאָן וועט דאַרפן לעזן וועט זיין די באַציאונג און די פליכטן פון אַלע טיילן פון אונזער באַוועגונג צו אונזער שול־ריכטונג. די מערסטע אָנפירער פון די שולן זיינען נישט צופרידן ווי אַזוי די באַוועגונג אַלס

גאַנצע באַהאַנדלט די שול־פּראַגע. דער פאַקט וואָס אַלע צווייגן פון אונזער באַוועגונג האָבן פאַרשטאַרקט און פאַרגרעסערט זייערע דער־גרייכונגען אויף אַנדערע געביטן פון טעטיקייט און וואָס זיי מאַכן נישט די נויטיקע אָנשטרענגונג צו העלפן דער אידישער פאָלק־שול און צו אויפבויען נייע פאָלק־שולן, ערגערט זייער שטאַרק די, וואָס פירן די שול־באַוועגונג. די קומענדע שול־קאָנווענשאָן וועט פאָדערן פון יעדן צווייג פון אונזער באַוועגונג אַ קלאָרן ענטפער, צי זיינען זיי מיט דער שול־באַוועגונג אָדער קעגן איר. אויב זיי זיינען יאָ מיט דער שול־באַוועגונג, וועלן זיי עס דאַרפן באַווייזן מיט מעשים.

די פירנדע כוחות פון אַלע צווייגן פון אונזער באַוועגונג וועלן דאַרפן קלאָר מאַכן, וועלכע רעוויזיע זיי וואָלטן געוואָלט זען אין אונזער שול־וועזן. אויב עס זאָל זיך אַרויסווייזן, אַז אַ געוויסער טייל פון אונזער באַוועגונג איז קעגן דעם פּראָגראַם פון אונזערע שולן, וועלן זיי עס דאַרפן קלאָר מאַכן; וועט די קאָנווענשאָן וויסן, אויף וועמען זי קען זיך נישט שטיצן. עס זיינען טאַקע דאָ אַ צאָל שול־טוער, וואָס דענקען דערפאַר, אַז די אידישע פאָלק־שולן זאָלן מיט זיך פאָרשטעלן אַ זעלבסטשטענ־דיקע ריכטונג אין דער אידישער דערציאונגס־וועלט און וואָס זאָל גע־שיצט ווערן פון יחידים און אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען מסכים מיט איר פּראָגראַם.

מיר האָבן אַ רעכט צו דערוואַרטן, אַז דער קומענדער שול־קאָנווענ־שאָן וועט געלינגען צו געווינען פאַר דער שול־טעטיקייט די נויטיקע פאַרשטענדיקונג און אחריות פון אַלע אונזערע צווייגן, און אַז די קאָנ־ווענשאָן וועט אַריינברענגען אין דער שול־פּראָגראַם יענע נויטיקע אויס־בעסערונגען וואָס וועלן העלפן, אַז די שולן זאָלן ווערן דער אמת׳ער אויסדרוק פון דער גאַנצער באַוועגונג.

אַפּריל, 1942

די אידישע פאָלקשולן

זייער אַנטוויקלונג, אידעאָלאָגיע און פּראָבלעמען

קינדער־דערציאונג איז אַ דינאַמישער פּראָצעס, ווייל יעדע ערנס־טע ענדערונג, וואָס קומט פאָר אין דער סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט רופט אַרויס נייע ענדערונגען אין די צילן און מעטאָדן פון דער שול. די עקאָנאָמישע און גייסטיקע רעוואָלוציעס, וואָס גייען און קומען אין דעם לעבן פון אַ פאָלק, רודערן שטענדיק אויף די יסודות אין דער דערציאונג פון דעם יונגן דור. די רעאַליסטישע, עקלעקטישע און וויסנשאַפטלעכע דערציאונגס־באַוועגונגען, וואָס זיינען אויפגעקומען אין איראָפּע זינט דער רענעסאַנס־עפּאָכע און האָבן אַרויסגערופן אין דער געשיכטע אַזעלכע דערציאונגס־גאונים ווי: קאָמעניוס, בייקאָן, לאָק, רוסאָ, פּעסטאַלאָצי, פרעבל, דיואי און אַנדערע, האָבן געהאַט זייערע וואָרצלען אין דער ניי־געשאַפענער פּאָליטישער, עקאָנאָמישער און סאָציאַלער לאַגע פון די באַטרעפנדיקע פעלקער.

דער מאָדערנער פּראָגרעסיווער נאַציאָנאַליזם, וואָס איז אויך אויפ־געקומען אין איראָפּע אַ דאַנק די נייע אומשטענדן אין די לעצטע עטלעכע הונדערט יאָר און האָט אַרויסגערופן אין דער וועלט נייע פעלקער מיט זייערע קולטורן, איז געווען אַ גרויסער גורם אין אַוועק־שטעלן די דערציאונג אויף הומאַניטאַרע און פּראַגמאַטישע יסודות. אַזוי האָט אויך אונזער דור געזען גרויסע ענדערונגען אין דער דער־ציאונג פון אַזעלכע לענדער ווי כינע און סאָוועטן־פאַרבאַנד. נאָך די גרויסע פּאָליטישע רעוואָלוציעס אין יענע לענדער איז די דערציאונג דאָרטן געוואָרן איינע פון די הויפּט־אויפגאַבעס פון דער מלוכה.

מיט דעם אויפקום פון די נייע אידישע פּראָגרעסיווע באַוועגונגען זיינען אויך פאָרגעקומען ענדערונגען, כאָטש ניט פון אַזאַ גרויסן פאַר־נעם, אין דער אידישער טראַדיציאָנעלער, איינגעפונדעוועטער דער־ציאונג. אַזוי האָט די השכלה אַרויסגערופן נייע טיפּן שולן אין דייטש־לאַנד, עסטרייך און אין אַנדערע לענדער. אויך האָט די רעפאָרם־

באַוועגונג מיט אירע נייע אויפפאַסונגען פון אידישן לעבן אַרויסגע־רופן שולן מיט נייע אָריענטאַציעס און נייע לימודים. אַ נעץ נייע טיפן שולן מיט גאַנץ נייע צילן האָט זיך באַוויזן אין אַ סך אידישע קהילות אונטער דעם איינפלוס פון דער נאַציאָנאַלער און ציוניסטישער באַוועגונג. בלויז דעם אידישן ישוב אין אַמעריקע, וואָס איז אויפגע־קומען אונטער איגנאַנצן נייע באַדינגונגען, האָט גענומען לאַנג ביז ער האָט אַנטדעקט זיינע פראָבלעמען אויפן דערציאונגס־געביט.

די גרעסערע גרופעס דייטשישע אידן, וואָס זיינען אָנגעקומען אין אַמעריקע אין מיטן לעצטן יאָרהונדערט, האָבן גראָד יאָ פּרובירט באַשאַפן פאַר זיך אַ נייעם טיפּ פּאַראָקיאַל שול, ווי דאָס האָבן פּרובירט טאָן די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע אידן. זייער נייע שול האָט קאָמבינירט אין זיך אַזעלכע לימודים, ווי: ענגליש, העברעאיש, אידישע רעליגיע, אַריפמעטיק, געשיכטע, געאָגראַפיע און דייטש. דייטש, ווייל פאַר די אידן פון דייטשלאַנד האָט דאָס דעמאָלט געמיינט צוגרייטן די קינדער צו דער שפּראַך און קולטור פון די עלטערן. אָבער די גרויסע מאַסן רוסישע און פוילישע אידן, וואָס האָבן זיך קאָנצענטרירט אין די גרעסער שטעט פון אַמעריקע האָבן ניט אַריינגעבראַכט קיין ענדערונג אין זייער שול־פּראָגראַם און האָבן אַפילו ניט איינגעזען די נייע פּראָבלעמען, וואָס די נייע סביבה האָט באַשאַפן פאַר זייערע קינדער. די גרויסע אידישע אימיגראַנטן־מאַסע האָט אַהער אין לאַנד אַריבער־געבראַכט יענע פאָרמע דערציאונג, וואָס זיי האָבן געהאַט אין דער אַלטער היים. „מען לערנט אויפן היימישן שטייגער" איז געווען די לאָזונג מיט וועלכער ס'האָבן שטאָלצירט די פאַרשיידענע חדרים און תלמוד־תורהס אין יענער צייט. אָבער דער אמת איז געווען, אַז מען האָט דאָ געלערנט פיל ערגער ווי אין דער אַלטער היים. ניו־יאָרק איז געווען פול מיט פּריוואַטע חדרים. די מלמדים זיינען געווען מענטשן, וואָס זיינען זעלטן געווען קוואַליפיצירט פאַר זייער מלאכת־הקודש.

די דאָזיקע פאַרגליוועטקייט פון אידישער דערציאונג איז געווען אַ רעזולטאַט פון צוויי מאָמענטן: איינס, ווייל דאָס אידישע אימי־גראַנטישע לעבן איז נאָך געווען אין אַ פליסנדיקן צושטאַנד און איז ניט געווען פאַרוואָרצלט אין לאַנד. דער רוב מנין און בנין פון די אידי־

שע פּאָלקסמאַסן איז באַשטאַנען פון האַרעפּאַשניקעס, שווערע אַר־בעטער, כסדר פאַרנומען מיט זוכן חיונה. דערצו האָבן די סוועט־שעפּער מיט זייערע לאַנגע אַרבעטס־שעהן בכלל אָוועקגענומען פון פּשוטן מענטשן די ענערגיע צו טראַכטן וועגן אַנדערע ענינים, אויסער ווי אויסצוקעמפן מער שכירות און מענטשלעכע אַרבעטס־באַדינגונגען. די איינציקע, וואָס האָבן דעמאָלט געקענט ווערן די טרעגער פון אַ נייער אידישער דערציאונג, זיינען געווען די אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטער. זיי האָבן פאַרמאָגט שוואונג און פאַרנעם פאַר גרויסע מעשים. זיי האָבן דאָך געשטורעמט וועגן עקאָנאָמישע ענדערונגען אין דער געזעלשאַפט. זיי האָבן גערופן די אידישע מאַסן צו בילדונג און אויפקלערונג. איז דאָך געווען דאָס לאָגישסטע, אַז זיי זאָלן אויך זוכן אָוועקצושטעלן די דערציאונג פון אידישן קינד אויף נייע פּראָ־גרעסיווע יסודות. די סיבה פון דער גלייכגילטיקייט פון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס צו אידישער דערציאונג, זיינען געווען די אידייען פון קאָסמאָפּאָליטיזם, אַנטי־נאַציאָנאַליזם און אַסימילאַציע, וואָס האָבן דע־מאָלט פּאַראַליזירט דעם נאַציאָנאַלן ווילן פון אידישן אַרבעטער.

די אַסימילאַציע־טענדענצן אין יענע צייטן זיינען ניט געווען קיין צופעליקע. זיי זיינען אַריינגעבראַכט געוואָרן אויף אַ באַוואוסטזיניקן אופן פון איינפלוסרייכע און אויפריכטיקע אַנאַרכיסטן און סאָציאַליסטן. די אַנטי־נאַציאָנאַלע און אַנטי־ציוניסטישע אידייען פון דעם פאָטער פון דער רעפאָרם־באַוועגונג, אברהם גייגער, אַז „אידישקייט איז בלויז אַ רעליגיע און ניט מער", אַז „די נאַציאָנאַלע אידישקייט מיט אירע מצוות איז טויט" און „אַז ירושלים איז בלויז זכרונות פון דער פאַר־גאַנגענהייט און מען דאַרף איר אָפּגעבן כבוד ווי מען גיט אָפּ אַ שיינעם טויטן", — זיינען איבערגענומען געוואָרן מיט דער גרעסטער גרינט־לעכקייט. זיי זיינען געווען גרונט־אידייען, וואָס מען האָט געפּריידיקט אין אַלע אידישע אַרבעטער־קערפּערשאַפטן אין אַמעריקע.

די באַציאונג פון די אידישע סאָציאַליסטישע פירער פון יענער צייט צו דער אידישער קולטור און אידישן נאַציאָנאַליזם בכלל קען מען זען אַפילו פון אָט די עטלעכע פאַקטן: אין אַ באַריכט, וואָס אַב. קאַהאַן האָט געבראַכט צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס

אין 1891, האָט ער צווישן אַנדערעס געזאָגט: „. . . מיר האָבן אַ אידישע אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען ,פּאַראייניקטע אידישע געווערק־שאַפטן‘. אונזער אָרגאַניזאַציע האָט ניט קיין שום פאַרבינדונג מיט רעליגיע אָדער נאַציאָנאַליטעט. מען האָט בלויז גענומען דעם נאָמען פון דער שפּראַך, וואָס אונזערע מיטגלידער ריידן“. אין „אמת“ פון 10טן יאַנואַר, 1896, ווערט באַריכטעט, אַז „אויפן 7טן צוזאַמענפאָר פון דער אידישער סאָציאַליסטישער גרופּע, וואָס האָט זיך געעפנט דעם 28טן דעצעמבער, 1895, איז געווען אָן אויפשריפט: ,מיר זיינען קיינע יודן, זאָנדערן אידיש שפּרעכנדע פּראָלעטאַריער‘ “.

דער אָרגאַניזירטער אידישער אַרבעטערשאַפט פון יענער צייט איז אַזוי אָרום ניט באַשערט געווען צו זיין רעוואָלוציאָנערן און קעמפער אויפן געביט פון מאָדערנער אידישער דערציאונג. אדרבה, זיי האָבן גאָר געזוכט אין נאָמען פון סאָציאַליזם, און אינטערנאַציאָנאַלער אַר־בעטער סאָלידאַריטעט, אויסצולעשן דעם פונק פון אידיש־היסטאָרישן המשך.

דעם זכות צו ווערן שפּעריש אויפן געביט פון מאָדערנער אידי־שער דערציאונג איז אָנגעקומען צו יענע אידישע אַרבעטער, וועלכע זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט נייע אידישע, נאַציאָנאַלע און סאָצי־אַלע אידייען און וועלכע האָבן אָנגעהויבן אָנקומען קיין אַמעריקע אינם אָנהויב פון 20טן י״ה. די דאָזיקע גרופּע האָט איגנאָרירט די אָפּיציעלע פירער און האָט אָנגעהויבן צוגרייטן די נייע שול־ריכטונג אין אידישן לעבן.

אמת, אין יענע יאָרן האָבן די שול־טוער שוין געהאַט אויף וועמען זיך אָנצושפּאַרן. אין די יאָרן צווישן 1900 און 1910 האָט זיך שוין אויסקריסטאַליזירט די אידיש־נאַציאָנאַלע און סאָציאַליסטישע באַוועג־גונג. עס האָט שוין עקזיסטירט די פּועלי־ציוניסטישע פּאַרטיי און אויך די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן. דעמאָלט האָבן שוין געווירקט אויף דער אידישער גאַס אַזעלכע וויכטיקע פּערזענלעכקייטן ווי ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, ד״ר נחמן סירקין, ד״ר זאָלאָטאַראָוו, יואל ענטין, אברהם ליעסין און אַנדערע און האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פאַר אַ אידיש־נאַציאָנאַלער אָריענטאַציע.

דעם ערשטן באַשלוס צו גרינדן מאָדערנע אידישע שולן איז

אָנגענומען געוואָרן אויף דעם צוזאַמענפאָר פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַר־בעטער־פאַרבאַנד אין ראָטשעסטער, ניו־יאָרק, אין 1910.

אין דעם זשורנאַל „דאָס נייע לעבן" פון ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, פון יוני, 1910, גיט מ. ל. בראַון איבער אַ באַריכט פון דער קאָנפערענץ. דאָרט לייענען מיר: „אַ באַשלוס, וועלכער איז מיט גרויס באַגייסטע־רונג פון די דעלעגאַטן אָנגענומען געוואָרן, איז געווען וועגן דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער דערציאונג. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אָנצו־הייבן אַ גרויסע אַגיטאַציע און אַרבעט פאַר דער באַשאַפונג פון נאַ־ציאָנאַל־ראַדיקאַלע שבת און זונטיק שולן. די פאַרבאַנד־ברענטשעס זאָלן זען די אַרבעטן אונטערשטיצן מיט אַלע מעגלעכקייטן". באַלד אין עטלעכע חדשים אַרום, אין אָקטאָבער פון זעלביקן יאָר איז אָפּגע־האַלטן געוואָרן דער פינפטער צוזאַמענפאָר פון די פּועלי ציון אין מאָנטרעאָל, קאַנאַדע. דאָרטן איז אויך אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס צו גרינדן נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן און דעם 10טן דעצעמבער, 1910, איז אין ניו־יאָרק געעפנט געוואָרן די ערשטע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול.

די ערשטע פּראָגראַם פון די אידישע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן איז אויסגעאַרבעט און פעסטגעשטעלט געוואָרן נאָך אַ סך ישוב־הדעת, נאָך לאַנגע דיסקוסיעס אויף אומצייליקע קאָמיסיע־זיצונגען און אויף קאָנפערענצן אין די יאָרן 1910־1918.

די שול־טוער און לערער האָבן דעמאָלט פאַר זיך געהאַט שווערע פּראָבלעמען ביז זיי האָבן זיך געקענט אייניקן אויף אַ שול־פּראָגראַם. אין די אייגענע פּועלי־ציון און פאַרבאַנד־רייען איז ניט געווען קיין פולע איינשטימיקייט וועגן אַזעלכע וויכטיקע שול־ענינים, ווי: וואָס פאַר אַ פּלאַץ זאָל אין דער שול פאַרנעמען די אידישע און העברעאישע שפּראַך, צי זאָל מען אָנהייבן לערנען ביידע שפּראַכן צוזאַמען, אָדער אָנהייבן מיט איין שפּראַך און שפּעטער אַריינברענגען די צווייטע שפּראַך, און וועלכע שפּראַך זאָל זיין די צווייטע? וואָס זאָל זיין די באַציאונג צו רעליגיע? זאָל מען באַטאָנען די רעליגיעזע מאָמענטן אין דער געשיכטע, אין די אידישע יום־טובים, אין דער ליטעראַטור און אינם לעבן, אָדער מען זאָל זיי פאַרבייגיין אומבאַמערקט? דאָס

אייגענע וועגן ארץ־ישראל — זאָל די שול ווערן ציוניסטיש אָדער עס זאָל בלויז באַטאָנט ווערן דער ארץ־ישראל מאָמענט? דער פּלאַץ פון סאָציאַליזם אין דער שול איז אויך דיסקוטירט געוואָרן. צי זאָל מען בלויז אַרויסברענגען די אידעאַלן פון דער אַרבעטערשאַפט פאַר אַ סאָציאַלער גערעכטער וועלט־אָרדענונג אָדער מען זאָל לערנען די קאָנקרעטע סאָציאַליסטישע טעאָריעס?

די פראַגע פון העברעאיש און אידיש איז געלייזט געוואָרן אַזוי, אַז העברעאיש און אידיש זאָלן גלייך געלערנט ווערן אין דער שול, מיט דער הנחה, אַז אידיש זאָל זיין די גערעדטע שפּראַך פון דער שול. די פראַגע וועגן רעליגיע איז שוין געווען פיל שווערער און זי איז באמת ניט געלייזט געוואָרן צו דער צופרידנקייט פון אַלעמען.

אין דער דאָזיקער רעליגיע־פראַגע איז ענדלעך אריינגעטראָגן געוואָרן אַ פאַרשטענדעניש דורך די חברים יואל ענטין, ד״ר נ. סירקין, ח. ליבערמאַן, ב. צוקערמאַן, ח. עהרענרייך, ש. שאַפּירא, מ. מאשע־וויצקי, דעם שרייבער פון די שורות א״אַ. אַז כאָטש רעליגיע איז ניט דער גאַנצער יסוד פון אידישן לעבן, דאַרפן אָבער די קינדער האָבן אַ געזונטן צוגאַנג צו דער אידישער רעליגיע און צו אירע ווערטן. די קאָנפערענץ־רעזאָלוציע האָט זיך געלייענט: „די נאַציאָ־נאַל־ראַדיקאַלע דערציאונג דאַרף אַנטוויקלען אין די קינדער אַ געזונטן בליק אויף דער אידישער רעליגיע באַטראַכטנדיק איר פון אַ קולטור־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט. די לערער דאַרפן זיך באַמיען אַרויסצו־ברענגען פאַר די קינדער די נאַציאָנאַל־עטישע און פּאָעטישע זייטן פון דער אידישער רעליגיע״.

דער ענין ארץ־ישראל איז אַריינגענומען געוואָרן אין דעם שול־פּראָגראַם ניט ווי אַ ספּעציעלער לימוד, נאָר דאָס האָט זיך אויס־געדריקט אין אַן אַלגעמיין־פּאָזיטיווער שטעלונג צום ציוניזם. די ידיעות וועגן ארץ־ישראל האָבן באַדאַרפט אַריינקומען אין שמועסן מיט די קינדער, אין די רייד צו די קינדער אויף די פייערונגען פון די נאַציאָנאַלע יום־טובים און אין געזאַנג. די „התקוה״ איז אגב געוואָרן די נאַציאָנאַלע הימנע פון דער שול און די אידישע פאָן האָט שטענדיק באַצירט די פאַרשיידענע יום־טובים. אויף אַן ענלעכן אופן איז אויך געלייזט געוואָרן די פראַגע וועגן סאָציאַליזם.

די ערשטע 7־8 יאָר זיינען געווען שעפעריש אין דעם לעבן פון די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן. צוליב פּרינציפּיעלע טעמים איז אין דעם יאָר 1918 געענדערט געוואָרן דער נאָמען אויף „אידישע פאָלק שולן". אין דער צייט איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פּראָגראַם פאַר אַלע לימודים. עס האָבן אָנגעהויבן צו דערשיינען אין דעם יאָר 1917, אַ קינדער־זשורנאַל אונטערן נאָמען „קינדער־וועלט", דער ערשטער זשורנאַל פון דעם מין. עס זיינען דערשינען טעקסטביכער פאַר דעם לימוד פון אידיש און דער ערשטער געזאַנגס־בוך אין אידיש און העברעאיש. עס איז געשאַפן געוואָרן דער פאַרלאַג „אידישע קינדער ביבליאָטעק" און עס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1918 דער אידישער לערער־סעמינאַר.

די שולן־באַוועגונג האָט זיך פאַרשפּרייט גאַנץ שנעל איבערן גאַנצן לאַנד און אין קאַנאַדע. די נאַציאָנאַל־געשטימטע עלעמענטן האָבן געוואָרט אויף דער באַוועגונג און האָבן זי אויפגענומען מיט דער נייטיקער פרייד. אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָר צייט זיינען געגרינדעט געוואָרן שולן אין די גרעסערע שטעט פון אַמעריקע. אין אַ באַריכט אין דער „אידישער אַרבעטער שטימע" פון אידיש נאַציאָנאַלן אַרבע־טער פאַרבאַנד, פון פעברואַר 1916 ווערט אָנגעגעבן, אַז עס באַלאַנגען שוין צום שולן־פאַרבאַנד פון די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן 27 שולן, וואָס זיינען צעשפּרייט איבער 17 שטעט אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

אין משך פון דער צייט איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז דער יסוד פון דער אידישער פאָלקשול איז דער נאַציאָנאַלער מאָמענט, — דער גלויבן אין דער גאַנצקייט און קאָנטינואיטעט פון אידישן פאָלק; די וויכטיקייט פון זיינע קולטור־שאַפונגען דורך אַלע דורות און די האָפענונג, אַז דאָס אידישע פאָלק וועט צוריק אויפלעבן ווי אַ נאָרמאַל פאָלק אין זיין היסטאָרישן היימלאַנד, ארץ־ישראל. האָבנדיק פאַר זיך דעם דאָזיקן גרונט־פּרינציפּ, זוכט דערפאַר די אידישע פאָלקשול איינצופלאַנצן אין דעם אידישן קינד דעם באַוואוסטזיין, אַז עס געהערט צו אַן אַלט פאָלק, וואָס אַ חוץ זיין הערלעכער פאַרגאַנגענהייט האָט ער אויך אַ הערלעכע קעגנוואַרט פול מיט קאַמפן און דערגרייכונגען, און אַ פיל פאַרשפּרעכנדיקע צוקונפט.

אַרויסגייענדיק פון דער דאָזיקער הנחה, דאַרפן די אייביקע ווערטן פון אידישן פאָלק: דער קאַמף פאַר אַ גערעכטער סאָציאַלער אָרדענונג און דער אידיש־עטישער רעליגיעזער וועלט־באַנעם, איינגעפלאַנצט ווערן אין דעם קינד פון זיין פריסטער יוגנט, כדי צו וועקן אין אים דעם ווילן צו בויען דאָס אידישע לעבן און די אידישע קולטור אומע־טום וואו אידן וואוינען. די קולטור, מנהגים און טראַדיציעס פון פאָלק, דער אידישער מסירת־נפש און די קידוש־השם אידעאַלן דאַרפן פירן דאָס אידישע קינד אויפן וועג פון מוט און בטחון צו אַ גליקלעכער צוקונפט.

די פּראָגראַם פון די אידישע פאָלקשולן איז געוואָרן דער יסוד פאַר אַ נייער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער אַנשויאונג אין דער אידישער דערציאונג אין אַמעריקע. די פּראָגראַם האָט אַריינגענומען די שעפע־רישע געזונטע עלעמענטן פון דער אַלטער קולטור אין העברעאיש און זי פאַרבונדן מיט די אידייען און שאַפונגען פון דעם נייעם קעמפנ־דיקן אידנטום. עס זיינען דאָ אַריינגענומען געוואָרן אונזערע ביידע שפּראַכן — העברעאיש און אידיש און זייערע ליטעראַטורן; די נאַ־ציאָנאַל־עטיש־רעליגיעזע אידישע וועלטאַנשויאונג מיט דעם שטרעבן פון אונזער דור פאַר נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג.

מיט די דערציאונגס־אידעאַלן, וואָס טיילן פון זיי זיינען ביסלעכ־ווייז אַריינגענומען געוואָרן סיי אין די אידישיסטישע שולן און אויך אין אַ געוויסער מאָס אין מאָדערנע העברעאישע שולן, איז אויפגע־בויט געוואָרן דער שולוועזן פון אידישע פאָלקשולן אין קאַנאַדע און אַמעריקע. אין קאַנאַדע, אַ דאַנק אירע באַזונדערע אומשטענדן, האָבן זיך די אידישע פאָלקשולן באַזונדערס טיף פאַרוואָרצלט. דאָרטן עק־זיסטירן היינט די ערשטע טאָגשולן — פּאַראָקיאַל שולן, וואו די קינדער קריגן זייער אַלגעמיינע און אידישע דערציאונג אונטער איין דאַך און אין אַ אידיש־נאַציאָנאַלער סביבה. מער ווי אַ דריטל פון אַלע אידישע שולקינדער אין מאָנטרעאַל, וויניפּעג און טאָראָנטאָ ווערן דערצויגן אין די אידישע פאָלקשולן.

עס זיינען איצט דאָ אַ רייע קלענערע שטעט, וואו די שולטוער פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג איז געלונגען אַריינצו־

ברענגען די הויפט־עלעמענטן פון דער אידישער פאָלקשול אין דער שטאַטישער דערציאונגס־אינסטיטוציע. ביים איצטיקן מאָמענט וואָלט די פאָלקשול־באַוועגונג געקאָנט אויפבויען נייע פאָלקשולן. אין די רייען פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, פועלי ציון און לעצטנס אויך פון דער פיאָנערן פרויען־אָרגאַניזאַציע איז איצט דאָ אַ גרעסערער אינטערעס אין דער פאָלקשול־אַרבעט. די הויפט־שטע־רונג אויף דעם געביט איז איצט דער מאַנגל אין לערער, וואָס קאָנען העברעאיש און אידיש. איצט, ווען גרויסע טיילן פון דעם אידישן עולם אין אַמעריקע זיינען רייף געוואָרן אויפצונעמען די דערציאונגס־אידעאַלן פון דער אידישער פאָלקשול, פעלן די כוחות — די לערער — וואָס דאַרפן די דאָזיקע אויפגאַבע פאַרווירקלעכן.

לעצטנס זיינען אויפגעקומען נייע פּראָבלעמען פאַר דער אידישער פאָלקשול, וואָס וועלן מוזן געלייזט ווערן כדי די אידישע פאָלקשול־באַוועגונג זאָל ווייטער אָנהאַלטן איר דערפאָלגרייכע אַנטוויקלונג.

פּראָבלעם איינס: וואָס זאָל זיין די שפּראַך פון דער שול פאַר די אינגסטע קינדער? די אידישע דערציאונג הייבט זיך אָן גלייך פון ערשטן קלאַס. פריער פלעגן די מערסטע קינדער קומען אין שול פון היימען, וואו מען האָט גערעדט אידיש, האָט דער לערער געקענט ריידן צו די קינדער, שמועסן מיט זיי, און זיי אַלץ דערציילן אויף אידיש. היינט קומען די קינדער פון היימען, וואו די עלטערן ריידן ניט מיט די קינדער קיין אידיש אָדער ריידן זייער ווייניק אידיש, מוז זיך דער לערער באַנוצן מיט ענגליש אין די ערשטע פּאָר קלאַסן. אויף אַזאַ אופן מוזן רעווידירט ווערן די לערמעטאָדן, די לערנביכער אאַז״וו און פון די לערער פאָדערט זיך אַ העכערע ענגלישע קוואַליפי־קאַציע. עס ווערט אויך פאַרלענגערט און שווערער דער פּראָצעס פון אויסלערנען די קינדער די שפּראַך. אַ חוץ דעם ווערט דער פאַרלאַנג, אַז קינדער זאָלן ברענגען פון דער פאָלקשול גרעסערע ידיעות, אַרוי־בערגעטראָגן אויך אויף אַנדערע שול־לימודים. עלטערן ווילן, אַז זייערע קינדער זאָלן קענען מער העברעאיש, מער תנ״ך, מער אידישע גע־שיכטע און האָבן אַ גרעסערע באַקאַנטשאַפט מיט ארץ־ישראל.

די פאָלקשולן זוכן צו פאַרענטפערן די דאָזיקע פּראָבלעמען דורך

פאַרלענגערן די צייט פון לערנען און דורך אַן אינטענסיווערן פּראָגראַם פון לימודים. די שולן, וואָס לייזן אָט די פּראָבלעמען אויף אַ געהעריקן אופן זיינען די טאָגשולן. דער קורס איז דאָרטן אַ זיבן־יאָריקער און די קינדער לערנען דאָרט די העברעאיש־אידישע לימודים צוויי און האַלב שעה אַ טאָג. אין ניו־יאָרק ווערט איצט דורכגעפירט אַן עקספּע־רימענט מיט מוסטער־שולן, וואו קינדער לערנען אַ שעה און אַ האַלב אַ טאָג און אין גראַדואיר־קלאַס לערנען זיי צוויי שעה יעדן טאָג. די זעלביקע פאַרגרעסערטע צייט פון לימודים איז איצט איינגעפירט אויך אין די מערסטע שולן איבער לאַנד, און דאָס ברענגט שוין זייער גוטע רעזולטאַטן.

די צווייטע ערנסטע פּראָבלעם, אויף וועלכע די פאָלקשולן שטויסן זיך לעצטנס אָן, איז די פראַגע פון רעליגיע. אַ סך עלטערן, אַמערי־קאַנער־דערצויגענע ווילן וויסן, וואָס איז דער מהות פון אונזער אי־דישקייט, אין וועלכער מיר דערציען קינדער. די עלטערן קענען ניט אויפנעמען קיין אַבסטראַקטע, פילאָזאָפיש־אַנגעהויכטע דערקלערונגען, אַז די שול ברענגט צום קינד רעליגיעזיטעט און עטיש־פּאָעטישע רעליגיעזע ווערטן. זייערע באַגריפן פון רעליגיע זיינען: אידישע מנהגים, טראַדיציעס און לעבנס־שטייגער, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט שבת, יום־טוב, בר־מצוה און מיט פילע אַנדערע משפחה־געשעענישן. די רעליגיעזע פּראַקטיק הייבט אָן פאַרהייליקט צו ווערן ביים אידישן פאָלקסמענטשן און ביי אַ גרויסן טייל פון דער יוגנט. זיי באַטראַכטן עס ווי אַ בונד צווישן אידישן מענטשן און דעם אידישן כלל און ווי אַ שוץ קעגן אַסימילאַציע און פאַנאַנדערפאַל. עלטערן פון די שול־קינדער מאָנען דערפאַר פון דער מאָדערנער אידישער פאָלק־שול, אַז זי זאָל געבן זייערע קינדער אַ קאָנקרעטע אידישקייט, אויסער אידיש־געזעלשאַפטלעכע און ארץ־ישראל טעטיקייטן.

אַז די אידישע פאָלקשול האַלט זיך פּאָזיטיוו צו רעליגיעזע לעבנס־פאָרמען איז אויבן אָנגעוויזן געוואָרן אין דער פּראָגראַם פון לימודים. אָבער אין אַ געוויסער מאָס איז דאָס אויך ריכטיק אַפילו בנוגע אַלע טיפּן אידישע שולן. מען קען דאָס צום בעסטן זען אין די לערנביכער און יום־טוב־מאַטעריאַלן, וואָס די שולן גרייטן צו פאַר די קינדער.

וועלכן מאַטעריאַל האָט מען אַריינגענומען אין די טעקסטביכער ? פּרצעס „זיבן גוטע יאָר״, „אויב ניט נאָך העכער״, וואו די קינדער לערנען דעם העכסטן אידיש־רעליגיעזן מוסר.

קען זיך אַ לערער דערלויבן צו ראַציאָנאַליזירן אַזעלכע דערציי־לונגען, און צעשטערן די עמאָציאָנעל־רעליגיעזע געפילן, וואָס די קינסטלערישע שאַפונגען רופן אַרויס ביים קינד ?

אין זעלביקן ביכל האָבן מיר די טיף־רעליגיעזע ליד פון דיכטער אברהם רייזען :

„עס הערט זיך דער דונער פון וויטן,
עס בלענדט אין די אויגן דער בליץ,
אָ, גאָט האָב רחמנות, די אָרעמע
פון ביין געוויטער באַשיץ״.

אין דער קרעפטיקער „קידוש־השם״־פּאָעמע „רבי עקיבא״ פון א. ליעסין האָבן מיר דעם נאַציאָנאַל־רעליגיעזן עקסטאַטישן אויס־געשריי :

„וואָס הער איך ? לוויים־קלאַנג ! עס זינגט צו מיר און שאַלט !
וואָס זע איך ? לבנון־שניי ? עס בליצט פאַר מיר און שטראַלט !
דאָס רופט מען מיך. איך גיי, דערפילט איז מיין פאַרלאַנגען.
געבענטשט זיי גאָט, אחד !״

מיט וואָס זיינען די לידער אַנדערש פון תפילות אין אַ סידור ? און קען עמיצער זאָגן מיט זיכערקייט, אַז ווען אַ קינד לייענט אָדער דעקלאַמירט די דאָזיקע און ענלעכע לידער, פילט ער ניט די זעלביקע רעליגיעזע איבערלעבונג ווי עס פילט אַ קינד מיט אַ סידור אין האַנט ?

אין די ווערק פון פּרץ, מנדעלע, שלום עליכם, פּינסקי, רייזען, ליעסין, וויסנבערג און אַפּאַטאָשו, לערנען די קינדער וועגן אַזעלכע רעליגיעזע טערמינען ווי : טלית, תפילין, שמונה־עשרה, שחרית, מנחה־מעריב, ימים־נוראים, סליחות־טעג, ראש־השנה, יום־כיפור, נעילה און אַפילו, ווי : ונתנה תוקף, כל מאמינים שהוא, מודה אני, וועגן אַזעלכע באַגריפן ווי אתה בחרתנו, אם ירצה השם, שמע ישראל. צו וואָס לערנט מען דאָס אַלץ מיט די קינדער ? איז דאָס טאַקע בלויז ליטע־

ראַטור, בלויז מיטאָלאָגיע, אַלטע אָנגעזאַמלטע קולטור־אויסדרוקן אָדער דאָס איז פיל מער? דאָס איז אידישקייט, עכטער אידישער לעבנס־שטייגער?

דאַרפן אידישע קינדער וויסן וואָס איז אַ סידור, אַ מחזור, אַ ספר־תורה, וואו אָט די אַלע פריערדיקע באַגריפן געפינען זיך? דאַרפן זיי וויסן אָט די אַלע זאַכן אין אָריגינאַל? דאַרפן זיי זיין באַקאַנט מיט דעם פולן אינהאַלט פון מודה אני, שמע ישראל, ונתנה תוקף? אויב דאָס איז אַן אינטעגראַלער טייל פון גייסטיקן לעבן פון די עלטערן, וואָס שיקן זייערע קינדער אין שול, ווערט די פּראָבלעם ערנסט און עס מוז פאַר דעם געפונען ווערן אַ לייזונג.

אַ דריטע פּראָבלעם, ווי צו אינטעגרירן די אידעאַלן פון אידישער דערציאונג מיט די אידעאַלן פון אַמעריקע און אויסנוצן קעגנזייטיק די איינפלוסן פון ביידע שול־סיסטעמען, איז אַרויפגעקומען פון אָנגע־זעענע דערציער ווי פּראָפ. מרדכי קאַפּלאַן, ד״ר א. דושקין, ד״ר ל. האנאר. לעצטנס האָבן וועגן דעם ענין אויך געשריבן די פּעדאַגאָגן ש. וויסמאַן, ז. יעפּרויקין, לייבוש לעהרער, יודל מאַרק, ה. נאָוואַק און אַנדערע.

פּראָפ. קאַפּלאַן וויל, אַז די אידישע דערציאונג זאָל זוכן צו דער־וועקן אין די קינדער אַן אינטערעס, ניט נאָר פאַר דער וועלט ווי זי איז היינט, נאָר זי זאָל די קינדער צוגרייטן צו ווערן בויער פון דער אידעאַלער געזעלשאַפט פון מאָרגן. ד״ר דושקין שלאָגט פאָר אַז די אידישע שול זאָל איינפלאַנצן אין די אידישע קינדער דורך אידישע לימודים די דעמאָקראַטישע וועלט־אָנשויאונג פון אַמעריקע. שלמה וויסמאַן, אין זיין ערנסטן אַרטיקל אין „געדאַנק און לעבן״, די פערטל־יאָר־שריפט פון אידישן לערער־סעמינאַר, זוכט די וועגן ווי דורך דער אידישער שול זאָל אין קינד פאַרוואָרצלט ווערן דאָס געפיל פון אָנ־געהעריקייט צו אַמעריקע און אַמעריקאַנעם אידישן לעבן.

די דאָזיקע פּראָבלעם פון אידישקייט און אַמעריקאַנישקייט איז ערנסט דיסקוטירט געוואָרן פון די פּאָלקשולן. למשל, אונזער קריטיק קעגן דער פּאָבליק סקול האָט זיך שטענדיק גענומען פון דעם, וואָס זי איגנאָרירט די נאַציאָנאַלע טראַדיציעס, קולטורן פון די קינדער פון די פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן אין אַמעריקע, וואָס שמידן דעם

שיקזאַל פון לאַנד. עס איז כסדר אָנגעוויזן געוואָרן, אַז די אידישע אידעאַלן פון דעמאָקראַטיע, פאַר גלייכע געזעצן פאַר אַלע איינוואוינער פון לאַנד, פאַר גערעכטיקייט צו אַלעמען, וואָס זיינען די גרונט־יסודות פון אַמעריקאַנער פרייהייט, איז דער עיקר פון דער אידישער ציוויליזאַציע.

מיר זיינען געגאַנגען און גייען נאָך ווייטער. מיר לערנען אונזערע קינדער איינצוזען דעם טיפן המשך צווישן אידישקייט, אידיש לעבן און גערעכטער וועלט־אָרדענונג. אָפּשאַצנדיק אין שול די אַמעריקאַ־נער פרייהייטן, באַזעלן מיר אונזערע קינדער מיט אַ ווילן, אַז זיי זאָלן ווייטער שפּינען דעם דאָזיקן הייליקן פאָדעם און פאַרווירקלעכן אין לעבן די אידעאַלן פון אמת וצדק פון אונזערע נביאים, וואָס זיינען היינט פאַרקערפּערט אין די אידעאַלן פון דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם. מיר דערציען די קינדער צו פאַרשטיין די חשיבות פון יעדן פאָלק און זיין קולטור, און דאָס רעכט פון יעדער נאַציע פאַר אַ פּלאַץ אין דער משפּחה פון פעלקער.

די ערנסטע דערציאונגס־אידייען פון פּראָפ. קאַפּלאַן איז פאַר אונזערע פאָלקשולן ווייט ניט ניי. זיי זיינען דאָך אָנערקענט געוואָרן אינם יסוד פון אונזערע פאָלקשולן נאָך אין דעם יאָר 1910. די אידע־אַלן פון אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע, וואָס ד״ר דושקין שלאָגט פאָר, זיינען אויך שוין זייער לאַנג צוריק פאַרוואָרצלט געוואָרן אין אַ גרוי־סער מאָס אין דעם לערן־מאַטעריאַל אין די טעקסט־ביכער פון אונזער שול.

מיר דאַרפן אַפילו ניט זיין אומרואיק וועגן דער אָנגעהעריקייט און דעם געפיל פון היימישקייט ביי אונזערע קינדער צו אַמעריקע ווי דאָס פאַרלאַנגט ש. וויסמאַן. דער פּאַטריאָטיזם פון אונזער אידי־שער יוגנט פאַר אַמעריקע און אירע אידעאַלן און איר אַריינוואַקסן אין דער אַמעריקאַנער קולטור, איז דער בעסטער באַווייז, אַז די גייסטיקע פאַרבינדונגען צווישן אַמעריקע און דעם אידישן מענטשן זיינען אוממיטלבאַרע. וואָס מיר זאָרגן זיך יאָ, און טאַקע זייער שטאַרק, איז, ווי צו אַנטוויקלען אין אונזערע אידישע קינדער דעם געפיל פון היימישקייט און אָנגעהעריקייט צום אידישן פאָלק און צו זיינע

נויטן, די פּראָבלעם איז, צו געפינען די וועגן, אַז די אידישע קינדער זאָלן דערפילן די אינטעגריטעט פון די אַמעריקאַנער פרייהייטן און די אידישע נאַציאָנאַלע אויפגאַבן.

די אידעאַלן פון דער מאָדערנער אידישער פאָלקשול, וועלכע ווערן אַלץ טיפער פאַרוואָרצלט אין דער אידישער אַמעריקע, זיינען: צו דערציען אין אַמעריקע אַ אידישן דור, וואָס זאָל וויסן און פילן, אַז ער איז אַ טייל פון אַמעריקע, אַ בויער פון אונזער גרויסן דעמאָקראַטיש לאַנד, אָבער וואָס זאָל גלייכצייטיק אויך פאַרמאָגן דעם באַוואוסטזיין פון זיין אָנגעהעריקייט צום אידישן פאָלק און איר קולטור, און זאָל טראָגן אין זיך דעם אימפּעט און דראַנג צו זען אַ באַפרייט אידיש פאָלק אין דער וועלט און אין ארץ־ישראל.

יולי, 1944

אויפגאַבן פון אונזער אידישער דערציאונג

(צו דער נאַציאָנאַלער שולן קאָנפערענץ פון דער ציוניסטישער
אַרבעטער באַוועגונג אין ניו־יאָרק)

די פונקטן וואָס וועלן פאַרהאַנדלט ווערן אויף דער דערציאונגס־קאָנפערענץ פון דער באַוועגונג, וואָס דאַרף אָפּגעהאַלטן ווערן אָנהויב יוני, זיינען זייער וויכטיק פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון אונזער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע. איצט, ווען מיר ראַנגלען זיך מיט אַזעלכע גורלדיקע פראַגעס ווי צו זיכערן דעם קיום פון אידישן פאָלק אין חוץ לארץ אין דער עפּאָכע פון דער דריטער אידישער מדינה, מוז די דערציאונג פון יונגן אידישן דור אין אַמעריקע ווערן איינע פון די וויכטיקסטע פראָבלעמען פון אונזער לעבן.

אויב אַפילו מיר זאָלן אָננעמען אַז די אויפגאַבע פון ציוניזם איז איצט בלויז קיבוץ גלויות, דאָס מיינט אַריבערצוברענגען וואָס מער אידן אין אַ קורצער צייט אין ארץ־ישראל, קען דאָך די דאָזיקע אויפגאַבע נישט דורכגעפירט ווערן אָן אַ ברייטער און טיפער אויפקלערונגס־אַרבעט, וואָס זאָל דערגרייכן אַלע טיילן פון דער אידישער באַפעלקערונג. די דערציאונג פון קינד איז שוין היינט אין אַמעריקע נישט בלויז אַ פראַגע פון קינד אַליין, נאָר דורך קינדער־דערציאונג דערגרייכן מיר אויך צו די עלטערן. אונזער ציל פון אידישער דערציאונג איז — דאָס קינד און די היים — מיר מוזן זיי ביידן געווינען פאַר די האָפענונגען פון אַלע דורות, אַז מיר זאָלן ווערן אַ פאָלק אין ישראל מיט גרויסע גייסטיקע צענטערן אין דער גאַנצער וועלט.

מיר גלויבן אַז אין דעם דערפאָלג פון אידישער דערציאונג איז אָפּהענגיק דער ווייטערדיקער אידישער המשך. אידישע דערציאונג מיינט דאָך נישט בלויז אויסצולערנען דאָס קינד אַביסל עברי, לייענען און שרייבן, און אַ קלוגער אָפּטייטש פון אַ פסוק ביי טוביה דעם מילכיקן. אין אידישן חינוך דערזעען מיר די דאַמבע וואָס דאַרף אָפּהאַלטן די פרעמדע קולטור־איינפלוסן וואָס פאַרפלייצן ממש דאָס אידישע קינד

און רייסן עס אַוועק פון זיינע אידישע פונדאַמענטן. אידישע דערציאונג איז דער אייזערנער פּאַנצער, וואָס דאַרף אָפּהיטן דעם מהות פון דער אידישער נשמה פון קינד.

דעם ענטפער, וואָס מיר דאַרפן היינט געבן אויף די פּראָבלעמען פון „רעליגיע און וועלטלעכקייט", „אַסימילאַציע אָדער קולטור־פּלוראַליטעט", „קולטור־ירושה אָדער נויטן פון דעם היינט", מוז אַנטהאַלטן אַ פּאַרטיפּטן אינהאַלט. די וועלט, אין וועלכער דאָס אידישע קינד לעבט היינט, איז אַזוי דורכאויס־אַנדערש ווי די וואָס איז געווען אַמאָל, און די אַלע ענדערונגען וואָס זיינען פּאַרגעקומען אין סאָציאַלן און עקאָנאָמישן לעבן זיינען אַזוי גרויס, אַז דאָס צווינגט ממש, אַז די דערציאונגס־וועגן זאָלן זיין נייערע און זאָלן זיין צוגעפּאַסט צו די נייע אומשטענדן.

אידישע דערציאונג אין אַמעריקע האָט אויף זיך היינט די שווערע אויפגאַבע, וואָס זי דאַרף דעם קינד געבן נישט נאָר זיין גייסטיקע ירושה, נאָר זי דאַרף דאָס קינד ממש אַריינפירן און אים באַקענען מיט דער אייגנאַרטיקייט פון אידישן לעבן. נעמען מיר, צום ביישפּיל, די אינסטיטוציע „אידישע היים", וואָס איז שטענדיק געווען דער שטאַרקסטער אידישער דערציערישער פאַקטאָר, וואָס איז פון איר היינט געוואָרן? אין דעם משפחה־קרייז האָט דאָך דאָס קינד אויפגענומען זיינע ערשטע איינדרוקן פון אַ אידישן לעבנס־שטייגער. דאָס אידישע לשון, אידישער לעבנס־שטייגער, די קדושה פון שבת און יום־טוב, דאָס איז דאָך געווען די שיינקייט פון דער אידישער היימישער סביבה, וואָס האָט כסדר פאַרמירט די ספּעציפיש־אידישע אינדיווידואַליטעט — וואו געפינט מען עס היינט?

וואָס שטעלט מיט זיך היינט פאָר אַ דורכשניטלעכע אידישע היים? אַנשטאָט דעם צאַרטן און גלעטנדיקן אידישן ניגון פון „אונטער יאַנקעלעס וויגעלע", אַנשטאָט שבתדיקע זמירות און היימישע פאָלקסלידער, ווערט דאָס קינד פון זיין פריסטער יוגנט פאַרוויגט פון די סענטימענטאַלע אַמעריקאַנער ליבע־לידער, און מיטגעריסן פון די גרילצנדיקע דזשעז־טענער און דעם טומלדיקן גערויש פון גאַס. דער ספּאָרט פאַרנעמט דעם פּלאַץ פון די האַרציקע מעשה'לעך, שפּילן און לידעלעך פון באָבע־זיידע און פעטער און מומע.

אויב אידישע דערציאונג האָט געמוזט פירן אַ ביטערן קאַמף כדי צו געווינען דאָס אידישע קינד פאַרן אידישן פאָלק אין די צייטן, ווען די גאַס און די היים האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ געוויסע איינהייט און גאַנצקייט, ווען די אידישע פירונג פון טאַטע־מאַמע איז געווען אַ מוסטער פון שלימות, וואָס דאָס קינד האָט געזוכט נאָכצוטאָן, ווי אומ־פאַרגלייכלעך שווערער איז דער דאָזיקער קאַמף היינט צו טאָג, ווען די היים האָט בכלל פאַרלאָרן איר השפעה.

אויף דער שול פאַלט איצט די גרויסע אויפגאַבע צו געבן דעם אידישן קינד אַלע אַטריבוטן פון אידישן לעבן, וועלכע זיינען פאַרטיליקט געוואָרן פון דער גאַס און פון דער היים דורך די דערגרייכונגען פון דער נייער טעכניק און ציוויליזאַציע. נישט נאָר דאַרף היינט די שול געבן דאָס קינד וויסן, געדאַנקען, מיינונגען און אַ לעבנס־שטייגער, נאָר זי מוז אָפט ברענגען צום קינד ממש די ערשטע קלאַנגען און ווערטער פון אַ אידישן לשון, אידיש אָדער העברעאיש, טענער און ניואַנסן פון אידיש געזאַנג, און אַ באַקאַנטשאַפט מיט דער אַנדערשקייט פון אידישן לעבן, וואָס זיינען פאַרן אידישן קינד אין אַמעריקע אין גאַנצן פרעמד. אויב אַ אידישע שול האָט אַמאָל געדאַרפט געבן דעם תלמיד ברייטערע ידיעות און אַריינפירן אים אין די היכלות פון אידישע קולטור־אוצרות, דאַרף היינט די שול געבן די באַגריפן פון אידישן לעבן, די סאַמע עלע־מענטן פון אידישקייט.

פאַר דעם מאָדערנעם אידן איז דאָך היינט אידישקייט אַ ברייטערער און טיפערער באַגריף ווי עס איז געווען אַמאָל. אויב אידישקייט איז געווען, אָדער איז נאָך אויך היינט פאַר געוויסע קרייזן בלויז רעליגיע, מיינט אָבער אידישקייט פאַרן מאָדערנעם אידן דער גאַנצער שטח פון אידישן דענקען, זיין געפיל־וועלט, דאָס גאַנצע סאָציאַלע אויסלעבן זיך. צוזאַמען מיט רעליגיע, טראַדיציע און עטיק איז דאָך אידישקייט היינט כולל קונסט, פאָליטישע וויסנשאַפט, סאָציאָלאָגיע, עקאָנאָמיע, שפּראַך, ליטעראַטור, געשיכטע, פאָלקלאָר און אַ גאַנצע קייט פון נאַציאָנאַלע אידישע פּראָבלעמען, ציוניזם און מדינת ישראל. ווי אַזוי ברענגט מען עס צום אידישן קינד, איז די קאַרדינאַלסטע פראַגע פון אידישער דערציאונג.

די רבנים פון רעפאָרם־טעמפל, און אויך די רבנים ביי די קאָנ־סערוואַטיוון, פּרובירן געבן די אידישע קינדער אַ דערציאונג אויף דעם אופן, ווי דאָס טוען פּראָטעסטאַנטן, און דאָס איז, אַ פּאָר שעה זונטיק אין אַ „סאָנדיי סקול". די דאָזיקע ראַביים טראַכטן גאָרניט אַז דאָס פּראָטעסטאַנטישע קינד גייט דאָך גלייכצייטיק אין זיין ענגלישער פּאָבליק סקול און לערנט דאָרט אַ גאַנצע וואָך זיין שפּראַך, געשיכטע און אַנ־דערע פאָרמען פון זיין קולטור און נוצט די סאָנדיי־סקול אויסשליסלעך פאַר איין עלעמענט — רעליגיע. אַזעלכע רבנים אָדער ראַביים וואָס טוען נאָך די פּראָטעסטאַנטן, בויען אויף זונטיק־תפיסות פאַרן אידישן גייסט, וואוהין עס קען נישט אַריינדרינגען דער גייסטיקער אוצר פון אונזערע טויזנט־יאָריקע קולטור־שאַפונגען.

די באַוועגונג פאַר אַ גאַנצער אידישער דערציאונג, פאַר טאָג־שולן און ישיבות איז דער ענטפער, וואָס איז געגעבן געוואָרן דער סאָנדיי־סקול־באַוועגונג, וואָס ציט אָפּ גאָר גרויסע צאָלן אידישע קינדער פון אַן עפעקטיוון אידישן חינוך. דער דערפאָלג פון ישיבות און טאָג־שולן באַווייזט, אַז עס איז דאָ אַ געזונטער ווילן ביי גרויסע טיילן פון אונזער פאָלק ממשיך צו זיין די טראַדיציע פון תורה און אַ שטאַרקער פאַרלאַנג צו זען אַ אידישן דור, וואָס זאָל שמידן נייע רינגען אין דער אידישער קייט.

דער גרויסער דערפאָלג פון אונזערע טאָג־שולן אין קאַנאַדע, אונ־זער געלונגענער אָנהויב מיט דער געגרינדעטער טאָג־שול „כנרת", און די הכנות וואָס ווערן געמאַכט אין אַ צאָל שטעט צו עפענען אין גיכן נייע טאָג־שולן, איז דער בעסטער באַווייז, אַז די מינימום אידישע דערציאונג וועט נישט האָבן די אויבערהאַנט איבער דער אינ־טענסיווער אידישער דערציאונג אין אַמעריקע. אין דער צייט ווען די נאָכמיטאָג־שול פאַרמאָגט נאָך אַלץ די איבערוועגנדיקע צאָל פון אידישע קינדער אין אַמעריקע, איז אָבער די טאָג־שול און ישיבה אַ זייער גע־לונגענער אָנהויב.

אָבער אונזערע חברים און חברות פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג מוזן וויסן, אַז צייט אַליין, דאָס מיינט, צו האָבן ישיבות וואו קינדער לערנען אַ גאַנצן טאָג, איז נאָך אַלץ נישט דער ענטפער ווי צו

ליזן די שווערע און קאָמפּליצירטע אויפגאַבן פון אידישער דערציאונג אין דער איצטיקער גורלדיקער שעה. אויב אַ שול באַוויזט נישט צו געבן דעם קינד פונדאַמענטאַלע אידישע ידיעות און אַ ווילן צו לעבן און פאַרשטיין די אידישע ווירקלעכקייט, אויב דאָס קינד באַקומט נישט אין שול די נויטיקע דערפאַרונג וואָס דאַרף אים פאַרבינדן מיטן אידישן כלל און זיינע אינטערעסן, דעמאָלט האָט מען מיט דער אינטעגראַלער שול־דערציאונג נישט אויפגעטאָן דאָס וואָס עס פאָדערט זיך איצט.

אויב מיר האָבן לערן־אינסטיטוציעס וואָס האַלטן דאָס אידישע קינד ביי זיך אַ גאַנצן טאָג און זיי פאַרווענדן די צייט בלויז צו געבן אין פאַזע פון דער אידישער קולטור און זיי איזאָלירן דאָס קינד פון לעבעדיקע אידישע פּראָבלעמען אין אַמעריקע, און פון באַנייטן אידישן לעבן אין ישראל, האָט דאָך די אינטעגראַלע דערציאונג דאָס קינד נישט צוגעגרייט פאַרן לעבן.

עס וועט נאָך זיכער נעמען צייט, ביז עס וועלן ווערן קלאָר פאַר־ענטפערט יענע פּראָבלעמען וואָס זיינען איצט אַרויסגעוואַקסן פון דער לאַגע, וואָס די אידישע מדינה איז אין איין פּלאַץ און מיליאָנען אידישע מאַסן וואוינען אין צווייטן פּלאַץ. אָבער די אַנטוויקלונג פון דער אידי־שער זעלבסטשטענדיקייט, פון דער אידישער פּסיכאָלאָגישער דער־הויבנקייט, פון אידן אַלס נאָרמאַל פאָלק צווישן פעלקער, ברענגט צו דעם, אַז עס וועלן זיך אין גיכן אויסקריסטאַליזירן קלאָרע געדאַנקען און וועגן וואָס וועלן ענג פאַרבינדן דאָס פאָלק ישראל מיטן לאַנד ישראל.

אין דעם דאָזיקן פּראָצעס, מוז אידישע דערציאונג שפּילן אַ דאָמי־נירנדיקע ראָלע. די שול מוז איצט לערנען דאָס קינד צו פאַרשטיין די נייע תקופה אין אונזער היסטאָרישן לעבן. בירגערשאַפט און לאָיאַ־ליטעט צו די לענדער אין וועלכע זיי וואוינען, טאָר נישט ווערן קיין קעגנזאַץ צו דער נביאישער פאַראויסזאָגונג, פאַר דער אידישער איינ־זאַמלונג אין זיין היסטאָרישן לאַנד.

די מאָמענטן פון חלוציזם און קיבוץ גלויות טאָרן נישט אַרויס־געלאָזן און באַהאַלטן ווערן פון דעם באַוואוסטזיין פון אידישן קינד אין אַמעריקע. אדרבא, זיי מוזן ווערן הויפּט־מאָטיוון.

אידישע דערציאונג מוז באַשאַפן פאַרן אידישן קינד דעם געזונטן

סינטעז צווישן מדינת ישראל און חוץ לארץ. זי דאַרף פאַרמירן די געזונטע אָפּטימיסטישע אידישע פּערזענלעכקייט. זי טאָר זיך נישט אָנהאַלטן אָן דער טעאָריע פון „שלילת היהדות", אַז עס איז נישט וויכ־טיק קיין פאַרטיפט גייסטיק אידיש לעבן אין גלות. מען טאָר נישט נעגירן דעם אידישן קאַמף פאַר קיום אויך אין די לענדער מחוץ דער אידישער מדינה. אָנשטאָט אַריינצוברענגען אַ נעגאַטיוון קוק אויפן אי־דישן שאַפן מחוץ די גרעניצן פון ישראל, דאַרף אידישע דערציאונג אַריינגעמען די אַלע פּאָזיטיווע מאָמענטן פון ארץ־ישראלדיקן שאַפן און דערגרייכונגען אין דער גאַנצער לעצטער תקופה. די קאַמפן און דער־גרייכונגען אין ישראל אין דער היינטיקער צייט דאַרפן ווערן דער נייער „אַז ישיר" אין די הערצער פון אידישע קינדער אין אַמעריקע, וואָס דאַרף באַגייסטערן פאַר פּערזענלעכער עליה קיין ישראל.

דער שול־סיסטעם פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע מוז אויך מאַכן נויטיקע ענדערונגען בנוגע ידיעות אין העברעאיש, און דער עיקר, צו מאַכן העברעאיש פאַר אַ לעבעדיקער שפּראַך פון קינד און זען אַז ארץ־ישראל׳דיקע ווירקלעכקייט זאָל ווערן אַ לעבעדיקער טייל פון דער טאָג־טעגלעכער שול־פּראָגראַם. דאָס אָבער וועט נישט זיין שווער דורכצופירן, ווייל גייסטיק איז די אידישע פאָלק־שול פאַר דעם גרייט שוין פון אַ סך יאָרן. אידעאָלאָגיש איז די אידישע פאָלק־שול אין דער פולסטער האַרמאָניע מיט דעם היינטיקן אידישן לעבן און מיט זיינע אויפגאַבן פאַר אַ נייעם ווידערגעבורט פון אידישן פאָלק אין ישראל.

מען מוז איצט אַ סך רעדן און שרייבן וועגן אידישער דערציאונג, אַזוי אַז דאָס זאָל דערגרייכן די עלטערן פון קינדער און צו אַלע דער־וואַקסענע. די נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע וואָס קען קומען אויב מיר וועלן איצט נישט האָבן קיין נאַציאָנאַלע דערציאונג דורכגעדרונגען מיט די זאָרגן פון קיום ישראל און קיום הלאום, מוז עפענען די אויגן פון אונזער גרויסע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. אונזער באַוועגונג קען נישט אין דעם איצטיקן מאָמענט בלייבן ביי דער זעלבער דערציאונגס־טעטיקייט ווי ביז אַהער. די אויפגאַבע, אַז אידישע לערן־אינסטיטוציעס מוזן זיין דורכגעדרונגען מיט די היסטאָרישע אידעאַלן פון גאולה, דאַרף

ווערן דער אני מאמין פון יעדן מיטגליד. אונזער ציוניסטישע אַרבעטער פאָלק־שול־באַוועגונג מוז ווערן, ווי זי איז דאָס געווען אין דער פאַר־גאַנגענהייט, דער אַוואַנגאַרד וואָס דאַרף אָנצייכענען פאַר דעם אידישן חינוך אין אַמעריקע ברייטע וועגן פון קיבוץ גלויות און אייביקן אידישן המשך.

יוני, 1950

אונזער שול־וועזן אינם איצטיקן מאָמענט

וואָס זיינען די פּראָבלעמען, וואָס דריקן ספּעציעל היינט צו טאָג אויף דער אידישער פאָלקשול באַוועגונג, וואָס זיינען די שטרויכלונגס־שטיינער, וואָס ליגן איר אויפן וועג? ווער זיינען די שולדיקע, וואָס לאָזן זי נישט אַנטוויקלען און צוימען איר שוואונג? די דאָזיקע פראַגן עגבערן און מאַטערן די הונדערטער איבערגעגעבענע טוער פון דעם שול־וועזן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג און מאָנען אַן ענטפער.

ווען מען באַקענט זיך ערנסט און אָלזייטיק מיט די דערציאונגס־אידעאַלן, וועלכע זיינען געוואָרן דער יסוד פון דער אידישער פאָלקשול באַוועגונג אין אַמעריקע, ווען מען אַנאַליזירט דעם סדר הלימודים פון דער פאָלקשול און מען באַגרייפט די דערציאונגס־פילאָזאָפיע, אויף וועלכע זי איז געבויט, מוז מען זיך וואונדערן פאַרוואָס אַזאַ שול־סיסטעם איז געבליבן איינגעצוימט אין אירע ד׳ אמות און פאַרנעמט נישט דעם פּלאַץ אין דער אידישער דערציאונג אין אַמעריקע, וואָס איר קומט. עס זיינען דאָך אַפילו דאָ גאַנצע שטאָטן באַפעלקערט פון אידן, וואָס זיינען דורכגעדרונגען מיט נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און מיט אומרו פאַרן ווייטערדיקן אידישן קיום און דאָך איז ביי זיי נישט פאַראַן קיין סימן פון אַ אידישער פאָלקשול אינסטיטוציע. עס וואָלט געווען שווער צו גלויבן, ווען דאָס וואָלט נישט געווען קיין לעבעדיקער פאַקט, אַז עלטערן, וועלכע ווידמענען זייער צייט און פאַרמעגן פאַר דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל אויף נייע, סאָציאַל־גערעכטע יסודות און ווילן געוויס, אַז זייערע קינדער זאָלן נאָכפאָלגן זייערע פוסטריט, טוען אָבער אַלץ צו פאַרהיטן, אַז זייערע קינדער זאָלן ניט אַרונטערפאַלן אונטער דער דאָזיקער השפעה. זיי שטרענגען זיך ממש אָן, אַז זייערע קינדער, ווען זיי ווערן רייף גייסטיק און עמאָציאָנעל, זאָלן נישט דער־וואָרעמט און באַגייסטערט ווערן פון די ציוניסטישע אַרבעטער אידעאַלן.

די אידישע פאָלקשולן זיינען דאָך אַרויסגעוואָקסן אין אָנהויב פון היינטיקן יאָרהונדערט ווי אַ רעוואָלט אַנטקעגן אַסימילאַציע און גלייכ־

גילטיקייט צו די לעבנס־פּראָצעסן פון אידישן פאָלק אין אַמעריקע. ווען מיר שטודירן היינט דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן פון די אידישע מאַסן אין יענער צייט גלויבט זיך גאָרנישט, אַז אידן האָבן ווען־עס־איז געקאָנט דורכלעבן אַזאַ עפּאָכע פון געפאַלנקייט, עם־הארצות און באַ־וואוסטזיניקער זעלבסטפאַרלייקענונג. די אידישע שעפערישע כוחות, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין אידישן לעבן אין אַזאַ גרויסער מאָס און צאָל אין יענער צייט, האָבן נישט געקאָנט גובר זיין די טומאה, וואָס האָט פאַרפלייצט די אידישע גאַס אין אַמעריקע. אַחד־העם, ביאַליק, פּרץ, מענדעלע, שלום־עליכם און צענדליקער אַנדערע גייסטיקע ריזן, האָבן מיט זייער גייסטיקייט און שעפערישקייט נישט געקענט באַווייזן אונזער דעמאָלטיקער איסט־בראָדווי, אַז זיי זיינען ממשיך די קולטור־יצירה פון אידישן פאָלק. די אייביקע אידישע שאַפונגען, ווי די נבואה, הלכה, אגדה, פילאָזאָפיע און ליטעראַטור איז אויסגעלאַכט געוואָרן פון דער הערשנדיקער שיטה, וואָס האָט דעמאָלט געבורשעוועט אויף דער אידיש־אַמעריקאַנער אַרבעטער גאַס. די רייכע אידישע קולטור־אוצרות זיינען דורך איר באַטראַכט געוואָרן ווי אָבסקוראַנטיזם, רעאַקציע און שימל.

די כראָניקען פון יענער צייט דערציילן אונז, אַז אויף אַ אידישער סאָציאַליסטישער פאַרזאַמלונג האָט מען דעמאָלט אויסגעהאַנגען אַן אויפשריפט: „מיר זיינען קיינע אידן, זאָנדערן אידיש־שפּרעכנדיקע פּראָלעטאַריער". אין אַ לייט־אַרטיקל אין אַ צייטונג געדרוקט מיט אידישע אותיות איז געפּרעדיקט געוואָרן, אַז מען זאָל אויפגעבן פריי־וויליק אונזערע ימים־טובים און זיי פאַרבייטן אויף פּראָלעטאַרישע. דער רעדאַקטאָר האָט סוגעסטירט פאַר אידן דעם קאָסמאָפּאָליטישן אידעאַל און פאָרגעשלאָגן, אַז אידן זאָלן הייבן דעם כוס פאַר פרייהייט, גלייכהייט און גליק פון זייער נאַציע, ווען פאַטערלאַנד איז די וועלט, וועמענס רעליגיע איז ברידערלעכקייט און וועמענס תורה איז די וויסנשאַפט. און אויב דאָס איז נאָך אויך ווייניק, איז נאָך אין 1912 אין אַ אידישן, זייער בכבודיקן זשורנאַל, געדרוקט געוואָרן שוואַרץ אויף ווייס, אַן רעזערוואַציעס, אַז „אַסימילאַציע איז אַ ברכה. צו אַלע שאָדנס, געפאַרן און צרות, איז די זיכערסטע רפואה — וואָוילטעטיקע אַסימי־לאַציע".

ווי עס האָט דעמאָלט געהאַלטן מיט אידישער דערציאונג איז זיך נישט שווער אויסצומאָלן. דער „באַוואוסטזיניקער" אידישער ראַדיקאַל, האָט פאַר זיין קינד בכלל ניט געדאַרפט קיין אידישע דערציאונג. ער האָט זי באַטראַכט פאַר אומנויטיק און אָפטמאָל שעדלעך. מיט ביטול האָט ער געקוקט אויף דעם פשוטן אידישן בעל־מלאכה, וואָס האָט זיינע קינדער יאָ געשיקט אין די דעמאָלטיקע לערן־פאַבריקלעך און האָט אים באַדויערט אין שריפט און אין וואָרט, ווי אַ מענטשן וואָס שטערט דעם אַלגעמיינעם מענטשלעכן פראָגרעס. די דערציאונג פון אידישן קינד אין אַמעריקע איז ווי איבערגעלאָזן געוואָרן אויף הפקר. אַ וויכטיקער דערציער פון יענער צייט האָט אַזוי אויסגעמאָלן די אידישע דערציאונג: „אַפילו די בעלי־בתישע עלעמענטן האָבן די דערציאונג פון אידישן קינד איבערגעלאָזן אין די הענט פון אומ־פייאיקע מלמדים און גאָר אָפט אין די הענט פון שאַרלאַטאַנעס, וואָס האָבן זיך מיט איר גאָרניט אָנגעקערט. עמי־הארצים און טויגעניכטצן האָבן געעפנט חדרים אין טונקעלע הויפן און האָבן געלערנט די קינדער אלף־בית און בר־מצוה ספיטשעס".

וואָס האָט די אידישע פאָלקשול מחדש געווען אין יענער תקופה?

זי האָט אַוועקגעשטעלט אידישע דערציאונג אויף ברייטע נאַציאָ־נאַלע און פעדאַגאָגישע יסודות. די אידישע קולטור איז געבראַכט געוואָרן צום קינד נישט אין אַ דאָגמאַטישער פאַרגליווערטקייט, נאָר אין אַ ברייטן נאַציאָנאַלן און וועלטלעכן פאַרנעם. דער אידישער נאַ־ציאָנאַליזם איז פאַרשטאַנען געוואָרן ווי די שייכות פון איין איד צום צווייטן אין אַלע לענדער, וועלט־טיילן און דורות. פאַרשיידענע שטראָ־מען פון אידישער קולטור־שאַפונג אין העברעאיש און אין אידיש האָבן פאַראייניקט אַלע אידישע תקופות און האָבן אויסגעשמידט פאַר די אויגן פון קינד איין גאַנץ קולטור־רייך אידיש פאָלק פון די פריסטע צייטן ביזן היינטיקן טאָג. ליבשאַפט און פיעטעט צום גורל פון אידישן פאָלק האָט געוועקט אין קינד זיין נאַציאָנאַלע מיטאחריות פאַרן שיקזאַל פון זיין פאָלק. דער ווילן צו העלפן אינעם אויפבוי פון ארץ־ישראל, איז געווען אַ נאַטירלעכע סעקווענץ פון דער שטרעבונג צו זען דאָס אידישע פאָלק גאַנץ, נאָרמאַל און באַנייט, גלייך מיט אַנדערע פעלקער.

דער אָפשיי, דרך־ארץ און ליבשאַפט פאַר דעם מין מענטש און באַזונדערס צום אַרבעטנדיקן מענטשן, וואָס איז איינגעפלאַנצט געוואָרן אין דער שול האָט דאָס קינד באַגייסטערט פאַר אַ וועלט געבויט אויף יושר, גלייכקייט און פרייהייט און פריי פון אונטערדריקונג און שנאה. די באַציאונג, רעספּעקט און ליבשאַפט, מיט וועלכע די פאָלקשול האָט אַרומגענומען דאָס אידישע קינד, האָט געהאָלפן צו פאַרוואַנדלען די שול אין אַ „בית היוצר" פון דער אידישער פאָלקס נשמה.

די אידישע פאָלקשול איז געוואָרן אַ פעסטונג פאַרן אידיש נאַציאָנאַלן געדאַנק אין יענער צייט פון אַסימילאַציע און איז פאַרבליבן שעפעריש אין איר אויפפאַסונג פון אידישן לעבן און זיינע אינטערעסן עד היום. אויב די אידישע דערציאונג אין אַמעריקע האָט היינט אַריינגענומען אין איר פּראָגראַם די פּראָבלעמען פונעם היינטיקן אידישן לעבן, אויב מען האָט אַריינגעבראַכט שפּיל און געזאַנג אין די מויערן פון דער אידישער שול, אויב דער אויפבוי פון ארץ־ישראל געפינט אַן אָפּקלאַנג אין די קלאַס־צימערן פון דער אידישער לערן־אינסטיטוציע, דאַרף עס זיכער צוגערעכנט ווערן אויפן חשבון פון דער אידישער פאָלקשול, וועלכע האָט די ערשטע און אומאויפהערלעך געפלעגט די דאָזיקע אידייען אין דער אידישער דערציאונגס־וועלט אין אַמעריקע.

לויט איר מהות און אינהאַלט האָט די פאָלקשול געדאַרפט איצט זיין די שול פאַר דעם רוב מנין פון אידישע קינדער אין אַמעריקע, ווי זי איז געוואָרן אויף אונזער קאָנטינענט אין אַרגענטינע, וואו די מערסטע שולן זיינען העברעאיש־אידישע שולן, געפירט אין נאַציאָנאַלן, מיט טראַדיציע־באַהויכטן, גייסט. די שווערסטע פּראָבלעם פאַר דער אידישער פאָלקשול אין אַמעריקע איז, וואָס איר וואוקס איז ווייט נישט צופרידנשטעלנדיק, און שטייט נישט אין קיין שום פּראָפּאָרץ צו אירע מעגלעכקייטן און צו די פּערספּעקטיוון וועלכע מען האָט כסדר געזען.

ס'איז ניט קיין סוד, אַז עס זיינען געלעגן אַ צאָל שטרויכלונגען שוין ביים געבורט פון די פאָלקשולן. שוין דער ערשטער נאָמען „נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע פאָלקשול" האָט כסדר פאַרדעקט דעםווירקלעכן פנים פון דער אידישער פאָלקשול באַוועגונג. דער באַגריף „ראַדיקאַל"

איז דעמאָלט פון די מאַסן פאַרשטאַנען געוואָרן ווי אַ נעגאַציע צו די הייליקטימער פון פאָלק און צו זיין, מיט יסורים דורך דורות אויס־געטראָטענעם, לעבנס־שטייגער. ווען דער דאָזיקער נאָמען איז געביטן געוואָרן אויף „אידישע פאָלקשולן" איז דער שינוי־השם אויך אויפגע־נומען געוואָרן מיט מיספאַרשטענדעניש. אין דעם פאַל ווידער האָט מען אין דעם וואָרט „אידישע" געזען, אַפילו אין באַדייטענדיקע קרייזן פון אונזער באַוועגונג, אַ גלייכגילטיקייט צו העברעאיש און דער קול־טור, וואָס איז אויף איר געשאַפן געוואָרן. אַפילו היינט נאָך, ווען העברעאיש פאַרנעמט אַזאַ בכבודיקן פּלאַץ אין אונזער שול־פּראָגראַם, געפינען זיך „אומשולדיקע" מענטשן אין אונזערע רייען, וואָס שטעלן אָן אַ תמעוואַטן פּנים און פרעגן נאַאיוו: „צי לערנט מען טאַקע אין אייערע פאָלקשולן העברעאיש ?" מיט דער דאָזיקער רעטאָרישער פּראַ־גע, נישט זייענדיק פאַראינטערעסירט אין באַקומען אַן ענטפער מכוח דער אמתער זאַכלאַגע, וואַרפן זיי אונטער דער פאָלקשול אַ „אידישיס־טיש" ממזרל . . .

די אַלזייטיקע און אַלץ אַרומנעמענדיקע פּראָגראַם פון דער אידי־שער פאָלקשול, איר אַחריותפולע ראָל אין דער דערציאונג פון אידישן אונטערוואַקסנדיקן דור, איז ליידער נאָך נישט אָפּגעשאַצט געוואָרן ווי געהעריק אין דער אידישער אַמעריקע. די ענדערונגען, אויסבעסערונגען און פאַרטיפונג וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין משך פון יאָרן אין אַלע טיילן פון דער שול־פּראָגראַם, פאַר עלעמענטאַרע שולן, אין נאָכ־מיטאָג, ווי אין טאָג שולן, אין מיטלשולן און העכערע לערן קורסן, האָבן נישט דערגרייכט צו די מאַסן.

דער גרעסטער ווייטיק איז, וואָס די איניציאַטאָרן און גרינדער פון אונזער שול־באַוועגונג, זיינען אפשר די שולדיקע אין דער געשאַ־פענער סיטואַציע. לאָמיר שטיל און צווישן זיך אַליין מאַכן אַ חשבון הנפש: וואָס ווייסן פון אונזערע דערציאונגס־אידעאַלן און וועגן די דערגרייכונגען פון אונזערע לערן־אַנשטאַלטן די טויזנטער טאַטעס און מאַמעס, וואָס זיינען אין די לעצטע יאָרן אָנגעשלאָסן געוואָרן אין די רייען פון די פועלי־ציון, פּרויען־פּיאָנערן און אַפילו אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד ? עס פלאַמט ממש דאָס פּנים פון פאַרדרוס, ווען

מען הערט ווי אַזוי די דאָזיקע טויזנטער נייע מיטגלידער פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג דיסקוטירן און רעאַגירן אויף די פּראָבלעמען און נויטן פון זייער אייגענעם שול־וועזן וואָס איז אויסגעטראָגן און אויסגעהאַלטן געוואָרן אין משך פון לאַנגע 40 יאָר מיט מסירת־נפש און ווייט־גייענדיקע קרבנות פון הונדערטער איבערגעגעבענע שול־טוער.

אוי, טוט דאָס ווייִ!

* * *

די איצטיקע דערציאונגס־קאָנפערענץ מוז פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג אַראָפּנעמען דעם דאָזיקן שאַנד־פלעק. דער שווערער און קאָמפּליצירטער יאָך פון אידישער דערציאונג טאָר נישט איבערגעלאָזן ווערן נאָר אויף די פּלייצעס פון געציילטע געטרייע, אָבער שוין מידע, שול־טוער, מיטגלידער פון פאַרבאַנד, פּאַרטיי און פּיאָנערן־פרויען אָרגאַניזאַציע. מען טאָר נישט דערלאָזן, אַז עס זאָל קומען צו אַ מצב, צו וועלכן עס זאָל זיך פּאַסן דער אויסדרוק, אַז „די רעוואָלוציע האָט אויפגעגעסן אירע אייגענע קינדער". די אויבן דערמאָנטע דריי גרויסע, פאַרדינסטפולע נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן אינעם אידישן לעבן, טאָרן נישט דערלאָזן דעם אידישן חינוך אין אַמעריקע בכלל און אונזער שול־וועזן בפרט אין זיין איצטיקן צושטאַנד. אויב אַן ערך 70 פּראָצענט פון אידישע קינדער אין אַמעריקע באַקומען נישט אַפילו קיין עלעמענטאַרע אידישע אויסבילדונג, און נאָר אַ נישטיקער פּראָצענט קריגט העכערע אידישע בילדונג, קענען אידישע אָרגאַניזאַציעס, ווער זיי זאָלן נישט זיין, און ווער שמועסט אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען מקריב אַזוי פיל ענערגיע פאַרן אידישן קיום און אויפבוי, נישט בלייבן אינדיפערענט רואיק און נאָרמאַל אָנגיין מיט זייערע טעטיקייטן, ווי וויכטיק זיי זאָלן נישט זיין.

אַפילו בלינדע קענען דאָך דערשפּירן, אויב זיי קענען ניט זען, אַז דורות אידן, אָפּגעריסן פון דעם אינהאַלט פון זייער נאַציאָנאַלער קולטור, פרעמד צו דעם גייסטיקן תוכן פון זייער פאָלק, אָן תלמידי חכמים און אַ פאָלקס־אינטעליגענץ, וועלן ניט קענען, אַפילו אַז זיי זאָלן עס צוליב געוויסע טעמים וועלן, ממשיך זיין דעם אידישן קיום.

אידיש לעבן וועט דאָך אין אַמעריקע מוזן דעגראַדירט און דערנידעריקט ווערן. קענען מיר דערלאָזן צו דעם? וועלן מיר זיך ניט ראַטעווען פון דער קאַטאַסטראָפע איידער עס ווערט צו שפּעט?

שוין לאַנג ווי מיר וואַרטן, אַז אונזערע מנהיגים און פירער זאָלן אַראָפּנידערן פון זייער פּאַרנאַס, קומען אין באַרירונג מיט די ברענענ־דיקע חינוך־פראַגן און העלפן אַרויספירן אויפןברייטן שליאַך דעם, מיט גרויסע קולטור־אוצרות באַלאָדענעם, וואָגן פון אונזער דערצי־אונגס־וועזן, וואָס איז געבליבן שטיין אינעם סאַמע מיטן פון זיין לויף. אין זייער טעאָרעטישן דענקען וועגן אַ געזונט אידיש פאָלק און אידישן המשך, קאָנען זיי דאָך נישט אַרויסלאָזן דעם געוואַלטיק וויכטיקן פאַקטאָר, וואָס הייסט אידיש קינד און אידישע יוגנט. זעען זיי דען נישט ווי הונדערטער אונזערע פּאַרטיי־חברים און חברות, לערער און שול־טוער, זייענדיק איזאָלירט פון דער אייגענער מחנה, פאַלן ממש פון די כוחות, דורכפירנדיק די דערציאונגס־שליחות פאַר אונזער באַ־וועגונג? טראָגט זיך דען נישט אַ ווידערקול אין דעם רוים אַרום אונז: „לא תעמוד על דם רעך״?

אין דער איצטיקער היסטאָרישער תקופה, ווען עס זיינען פאָרגע־קומען אין אידישן לעבן אַזעלכע גרינדלעכע ענדערונגען, קאָן נישט דערלאָזט ווערן אַ פאַרמינערונג פון דער אידישער גייסטיקייט. אידישע דערציאונג קען און מוז ברענגען דעם גרעסטןביישטייער צו דער נאַציאָנאַליזירונג און פאַראידישונג פון אידישן קינד און דערוואַקסענעם אין אַמעריקע. די שולן פון זייער זייט מוזן דורכפירן אַ רעוויזיע, מאַכן די נויטיקע ענדערונגען, כדי צו דינען די ברייטסטע אינטערעסן פון אידישן פאָלק. אָבער דאָס פאָלק, דייטלעכער גערעדט, אונזער באַווע־גונג, מוז אויך גרינדלעך רעווידירן איר ביז איצטיקע שטעלונג צו דער אידישער פאָלקשול און צו דער אידישער דערציאונג אין אַמעריקע.

מיר האָבן זוכה געווען צו באַקומען אַ נאַציאָנאַל היימלאַנד, אַן אייגענע מלוכה, דאַרפן מיר איצט אָנהויבן מיט אַלע אונזערע כוחות שמידן אַ פאַראייניקט, באַוואוסטזיניק אידיש פאָלק. דער באַפרייענ־דיקער גאולה־אידעאַל פון קיבוץ־גלויות קלאַפּט איצט אויף אונזער טיר, מוז אונזער דור זיין ראוי און גרייט פאַר דעם זכות. אידישע

דערציאונג איז נישט נאָר אַ מיטל, נאָר אויך אַ גרויסער צוועק און תכלית פאַר זיך אַליין צו דערהויבן די אידישע קוואַליטעט פון יונגן אידישן דור. דער חלוצישער כוח, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין אונזער צייט מוז דורך אידישער דערציאונג ווערן דער פאַרמעג און לייט־מאָטיוו אין דעם לעבן פון דער אידישער יוגנט אין אַמעריקע. דער דאָזיקער כוח דאַרף מכשיר זיין דעם יונגן אידישן דור צו קאָנען באַגרייפן די גרויסע מתנה, וואָס די אידישע געשיכטע און השגחה האָט אים צוגעטראָגן „אויף אַ זילבערנער טאַץ״ — די מתנה צו ווערן באַפרייט פון גלות־קייטן און באַזעלט ווערן מיט דראַנג און קראַפט פון אַ באַנייט פאָלק, וואָס גייט צו אַ ליכטיקער און הערלעכער צוקונפט.

יאָר 1950

אידישע דערציאונג אין דעם איצטיקן מאָמענט און די באַוועגונג פון די אידישע פאָלקשולן

איידער מיר קומען צו צו געבן אַ בילד פון דער טעטיקייט פון די אידישע פאָלקשולן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע, איז נייטיק, אַז די דעלעגאַטן צו דער דערציאונגס־קאָנפע־רענץ זאָלן זיך באַקענען מיט דער ערנסטער לאַגע פון אידישער דער־ציאונג און זאָלן וויסן דעם אמת. זיי מעגן און דאַרפן וויסן, אַז אידישע דערציאונג אין אַמעריקע האָט דערגרייכט צו אַן ערנסטן קריזיס. אויב מיר ווילן וויסן די אמתע לאַגע ווען מיר אפשר אַלע צוזאַמען קענען זוכן אַ ליזונג דערצו. דער קריזיס דריקט זיך אויס אין דריי הויפּט מאָמענטן: 1) אין דער קליינער צאָל תלמידים וואָס באַקומען װעלכע ניט איז אידישע דערציאונג אין אַמעריקע, 2) אין דער באַגרענעצטער צייט וואָס אַ קינד פאַרבלייבט אין שול, 3) אין דעם מאַגערן סכום ידיעות, וואָס אַ קינד טראָגט אין דורכשניט אַרויס פון דער העברע־אישער און אידישער עלעמענטאַר־שול.

וועגן דעם פונקט איינס ווייסן מיר מער אָדער ווייניקער און דאָס איז, צו אונזער באַדויערן, אַז בלויז אַ דריט־חלק פון אַלע אידישע קינדער באַזוכט אַ שול. אויב עס זיינען דאָ שטעט וואו דער פּראָצענט איז אַ גרעסערער, זיינען אָבער פאַראַן שטעט, וואו דער פּראָצענט איז אַ סך קלענער. (מיר טאָרן דאָך ניט צורעכענען צו דער דאָזיקער צאָל יענע גרויסע צאָל אידישע קינדער, וואָס עלטערן שיקן זיי זיך אויסצולערנען בר־מצווה. ווי וויכטיק בר־מצווה זאָל ניט זיין, קען עס אָבער ניט פאַרנעמען דאָס אָרט פון אַ אידישער דערציאונג, וואָס דאַרף זיין באַזירט אויף אידישע ידיעות.)

וועגן פונקט צוויי, דאָס הייסט, ווי לאַנג אַ קינד פאַרבלייבט אין דער עלעמענטאַר־שול, האָבן מיר ניט קיין גענויע סטאַטיסטיק. פון די לערער ווייסן מיר אָבער, אַז דאָס דורכשניטלעכע קינד לערנט ניט מער אין אַ שול ווי צוויי און אַ האַלב אָדער דריי יאָר. יעדער איינער ווייס,

אַז די טראַגעדיע פון יעדער נאָכמיטאָג תלמוד־תורה און אַלע אַנדערע שולן, באַשטייט אין דעם, וואָס די ערשטע קלאַסן זיינען שטענדיק אָנגעפילט, אָפט מאָל דאַרף מען אויך האָבן פּאַראַלעלע קלאַסן. ווען עס קומט אָבער צו די העכערע קלאַסן, צום 4טן, 5טן און 6טן קלאַס, דאָרטן הערשט אַן איינזאַמקייט. זייער ווייניק קינדער געפינען זיך אין די קלאַסן. עס גראַדואירן דאָך אין דורכשניט אַזוי ווייניק קינדער פון אַלע לערן־אַנשטאַלטן. ווען מיר וואָלטן געהאַט די ציפערן און געוואוסט ווי קליין עס איז די צאָל פון אידישע קינדער אין אַמעריקע, וואָס זיינען זוכה מסיים צו זיין און גראַדואירן אַן עלעמענטאַר־שול, וואָלטן מיר זיך אַליין דערשראָקן.

מיר האָבן אויך ניט קיין פאַרלאָזלעכע ציפערן פון דעם פּראָצענט קינדער, וואָס קומט אַריין אין דער העברעאישער אָדער אידישער מיטלשול. מיר ווייסן, אַז אין אַמעריקע באַזוכן היינט עטלעכע און זיבעציק פּראָצענט פון אַלע קינדער אַן ענגלישע מיטלשול. דער פּראָצענט פון אידישע קינדער, וואָס קומט אַן אין דער העברעאישער אָדער אידישער מיטלשול איז מוראדיק קליין. ביי אַזאַ מין צושטאַנד, ווען אידישע קינדער קומען אַריין אין לעבן מיט אַזוי ווייניק ידיעות וועגן די עיקרים פון אידישקייט און פון אידישע היינטצייטיקע פּראָבלעמען און אויפגאַבעס, הייבט אונז אָן שרעקן דער געדאַנק, אַז דער שטענדיקער אידישער אידעאַל פון דערציען אידישע תלמידי חכמים, אָדער, ווי אונזערע גאָטס־פּאָרכטיקע מאַמעס האָבן אַלע פּריטיק, ביי ליכט־בענטשן, געבעטן, אַז די אויגן פון זייערע קינדער זאָלן לייכטן אין דער תורה, ווערט אַן אוממעגלעכקייט. לערנען תורה ווערט היינט דער פאַרמעגן בלויז פון די, וואָס גרייטן זיך צו זיין רבנים, דיינים, שוחטים, מלמדים, א.א.וו. די האָפענונג, אַז „וכל בניך לומדי ה׳" ווערט אויסגעע־רונען פאַר אונזערע אויגן. עס פרעגט זיך דערפאַר, צי קענען מיר האָפן אויף אמתן המשך פון אַ אידיש גייסטיקן לעבן אין אַמעריקע, ווען דאָס פאָלק וועט נישט קענען זיין אייגענעם לעבנשטאַנד און זיין אייגענע תורה. האָט אונז דאָך שוין סעדיה גאון אָנגעזאָגט, אַז „אין אומתנו אומה אלא בתורתה".

אַוודאי זיינען דאָ גענוג פאַקטאָרן, וואָס האָבן געבראַכט און וואָס

שטייען ווי אַן אבן נגף אויפן וועג פון אידישער דערציאונג אין אַמע־ריקע. די פרעמדע גאַס, די ניט־אידישע סביבה און די רייכע קולטור פון לאַנד, זיי זיינען דאָך די גרעסטע שטראָמען וואָס טראָגן אַוועק דאָס אידישע קינד צו ניט־אידישע ברעגן.

* * *

מיר ווילן דאָ אָנווייזן וואו מיר אַליין זיינען שולדיק און שטעלן זיך ניט אַנטקעגן די דאָזיקע אַסימילאַטאָרישע כוחות: מיר האָבן ניט קיין איינהייטלעכע פּראָגראַם, וואָס זאָל זיין אַ פּראָגראַם פאַר אַמעריקאַנער אידישע קינדער וואָס זיינען אַ טייל פון אַמעריקע, אָבער וואָס דאַרפן דאָך זיין פאַרבונדן גייסטיק, מיט אַלע פעדים פון זייער נשמה, מיט זייער פאָלק, מיט אידישקייט. עס איז אמת, אַז יעדע שול־ריכטונג גיט איצט צו, אַז זי האָט געמאַכט טעותן אין איר פּראָגראַם און זי זוכט זיי צו פאַרריכטן. אַזעלכע רעוויזיעס און ענדערונגען אין פּראָגראַם זעען מיר איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון אידישן דערציאונגס־וועזן. קוקט מען אָבער דורך די פּראָגראַמען, זעען מיר, אַז נאָך גרעסערע ענדערונגען דאַרפן דאָרט געמאַכט ווערן, כדי דאָס אידישע קינד זאָל אַרויסטראָגן די סאַמע עיקרים פון אידישקייט, דאָס וואָס מיר דאַרפן אָנרופן תוך־אידישקייט און, דער עיקר, זאָל פאַרבונדן ווערן מיט די אינטערעסן און האַפענונגען פון לעבעדיקן אידישן פאָלק.

מיר האָבן פריער דערמאָנט דעם טרויעריקן פאַקט, אַז די גרויסע מערהייט פון אידישע קינדער אין אַמעריקע לערנט אין אַ שול ניט מער ווי צוויי אָדער דריי יאָר. מיר דאַרפן טראַכטן, וואָס מיר דאַרפן מיט די דאָזיקע קינדער לערנען, כדי זיי זאָלן פאַרמאָגן כאָטש אַ מינימום פון פונדאַמענטאַלע ידיעות פון אידישקייט, פון אידישן לעבנ־שטייגער און פון אידישע היסטאָרישע אידעאַלן. ווי פיינלעך עס זאָל ניט זיין צו טראַכטן, אַז מיר שטייען פאַר דעם ביטערן פאַל פון דאַרפן צוגרייטן אַ פּראָגראַם פאַר קינדער וואָס וועלן באַזוכן בלויז צוויי־דריי יאָר אַ שול, איז דאָס אָבער אַ פאַקט מיט וועלכן מיר דאַרפן זיך רעכענען. די פראַגע איז זייער קאָמפּליצירט, אָבער מיר מוזן זוכן אַן עצה ווי פעסטצושטעלן, ווען דאָס קינד קומט אַריין, צי דאָס קומט אַריין פאַר צוויי־דריי יאָר, אָדער פאַר די גאַנצע פינף זעקס יאָר פון דער עלעמענטאַרער שול.

אַ צווייטער גרויסער פאַקטאָר וואָס האָט געבראַכט אידישע דערציאונג צו זיין איצטיקן מצב, באַשטייט אין דעם, וואָס עס ווערט ניט אָנגעפירט קיין געהעריקע אויפקלערונג און ס׳איז נישט פאַראַן קיין מאָראַלער צוואַנג צווישן די עלטערן. אידישע עלטערן, צוליב זייער אומוויסנדיקייט, זיינען געוואָרן די, וואָס ברענגען דאָס אידישע גייסטיקע לעבן צו דער נידעריקסטער שטופע. אַ גרויסער טייל פון אידישן קאָלעקטיוו, פון אידישע טאַטעס און מאַמעס האָבן פאַרלאָרן יעדן חוש פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו זייער פאָלק און צו זייערע אידישע מיטמענטשן. זיי שיקן ניט זייערע קינדער לערנען און אויב זיי שיקן שוין יע זייערע קינדער, האָבן זיי ניט די נייטיקע באַציאונג דערצו. זיי נעמען אַרויס זייער קינד פון דער שול ווען זיי ווילן און מיט זייער קאַלטער באַציאונג צו דער אידישער און העברעאישער שול טויטן זיי אָפּ דעם ווילן אין זייער קינד, אַז ער זאָל שטרעבן צו גרעסערע דערגרייכונגען.

אידישע עלטערן, וואָס קומען פון די אידישע מאַסן, די וואָס האָבן שטענדיק געזאָרגט פאַרן קיום און המשך פון אידישן פאָלק, און אויך עלטערן וואָס קומען פון דער אידישער אינטעליגענץ, האַלטן זיך גאַנץ גלייכגילטיק צו דער אידישער דערציאונג פון זייער קינד. עלטערן, וואָס שטייען אין שפיץ פון געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע אידישע טעטיקייטן באַנוגענען זיך בלויז מיט אַ בר־מצווה־דערציאונג פאַר זייער קינד. דאָס זיינען עלטערן, וואָס זאָרגן זייער אַ סך פאַר דער עסטעטישער דערציאונג פון זייערע קינדער און שטאָפּן זיי מיט לעקציעס פון טאַנצן, פידל, א.אַ.וו. די עלטערן פילן גאָרניט דעם פאַרברעכן וואָס זיי באַגייען לגבי זייער פאָלק, מיט דעם וואָס זיי דערציען קינדער וואָס זיינען פרעמד צו זייער פאָלק און שטאַם.

וואָס טוט די רעגירונג מיט יענע עלטערן וואָס שיקן ניט זייערע קינדער אין דער פּאָבליק־סקול? יענע עלטערן ווערן געצוואונגען דורך מאַכט. די רעגירונג באַשטראָפט יענע עלטערן וואָס שטערן זייערע קינדער צו קריגן אַ דערציאונג און באַפרייט דאָס קינד און דערמעגלעכט אים צו אַ נאָרמאַלער אַנטוויקלונג. אין אידישן לעבן דאַרף אויפגעשטעלט ווערן אַ דרעציאונגס־אויטאָריטעט, וואָס זאָל

מיט זיין מאָראַלן כוח צווינגען אידישע עלטערן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט, צו געבן זייערע קינדער אַ אידישע דערציאונג

די ערשטע אויפגאַבע פון דער ערשטער נאַציאָנאַלער דערציאונגס־קאָנפערענץ איז אָנצוהייבן אַ גרויסע אויפקלערונג און באַשאַפן אַזאַ אויטאָריטעט, וואָס זאָל: 1) פאַרלאַנגען אַז יעדע אידישע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע זאָל האָבן אַ פּונקט אין איר קאָנסטיטוציע, וואָס פאַר־פליכט אירע מיטגלידער צו געבן זייערע קינדער אַ אידישע דערציאונג, 2) זאָל יעדע שול, קאָנגרעגאַציע און טעמפּל שטעלן אַלס באַדינג צו זייערע מיטגלידער וואָס ווילן זיך אָנשליסן אָן זיי, אַז זיי מוזן געבן זייערע קינדער אַ אידישע דערציאונג. פּונקט ווי עס ווערט אָנגעפירט אַ גרויסע אויפקלערונג־קאַמפּאַניע פאַר פאָנדן, דאַרף אַזאַ קאַמפּאַניע פון אַלעמען אָנגעפירט ווערן פאַר אידישער דערציאונג, אַ טעטיקייט, וואָס אָן איר איז אָפּהענגיק אונזער קיום ווי אַ פאָלק.

מיר קענען ניט באַרירן די וויכטיקייט פון אַ גאַנצער דערציאונג פון ישיבות און טאָג־שולן. די ישיבות און טאָג־שולן לייזן ליידער ניט די פּראָבלעם פון אידישער דערציאונג אין אַמעריקע. זיי האָבן עס בלויז געלייזט פאַר אַ קליינעם פּראָצענט. אידישע דערציאונג איז אָפּהענגיק אין דער גרעסטער מאָס פון דער דערציאונג אין די נאָכ־מיטאָג־שולן. די דאָזיקע אינסטיטוציעס מוזן אָנגעפילט ווערן מיט אידישע קינדער. דאָרטן דאַרף מען די קינדער געבן אַ אידישע „מענ־טאַליטעט" און פונדאַמענטאַלע ידיעות וועגן אידישקייט.

* * *

איצט, חשובע דעלעגאַטן, קומען מיר צו דעם טייל וואָס הייסט אידישע פאָלקשולן אין אַמעריקע. די אידישע פאָלקשולן אין אַמעריקע זיינען די עלטסטע מאָדערנע קינדער־שולן, וואָס האָבן שוין גלייך ביי זייער גרינדונג מיט 40 יאָר צוריק אָנגעצייכנט פאַר זייער אויפגאַבע און אידעאַל צו דערציען אַ דור וואָס זאָל זיין דורכגעדרונגען מיט די פאָלגנדיקע אמתן: 1) אַז דאָס אידישע פאָלק אין דער גאַנצער וועלט איז אַ גאַנצקייט, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין דער פאַרגאַנגענהייט, איז ממשיך זיין שעפערישן לעבן אין דער געגנוואַרט און וועט ממשיך

זיין אידיש לעבן אין דער ווייטער צוקונפט, 2) אַז דאָס אידישע פאָלק האָט זיין אייגענעם רעליגיעזן און עטישן וועלט־באַנעם, אַז דאָס אידישע פאָלק קען לעבן ווי אַ נאָרמאַל פאָלק און פאַרווירקלעכן זיינע נאַציאָנאַלע אינספּיראַציעס נאָר אין ארץ ישראל, 3) אַז די גייסטיקע שאַפונגען פון אידישן פאָלק דורך אַלע דורות זיינען דער אויסדרוק פון דער אייגנאַרטיקייט און אַ יסוד פאַר זיין קיום.

די שול באַנוצט זיך מיט העברעאיש און אידיש, כדי צו ברענגען דעם קינד יענע שפּראַך־ווירקלעכקייט וואָס עקזיסטירט אין אידישן לעבן. דער גייסט פון שול איז באַהויכט מיט די דערהייבענע אידייען פון תנ״ך, תלמוד און שפּעטערדיקע גרויסע אידישע שאַפונגען. די אידישע ווירקלעכקייט ווערט באַלויכטן פון דער גרויסער לערע, וואָס דריקט זיך אויס אין אַלע פאַזעס פון אַרבעטער־ציוניזם. די שול פאַר־בינדט דאָס קינד מיט די אידעאַלן פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע און פּראָגרעס. די אידישע פאָלקשול, געגרינדעט און אויפגעהאַלטן פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, פּועלי ציון און פּיאָנערן פּרויען־אָרגאַניזאַציע, פאַרמאָגט 74 לערן־אינסטיטוציעס. זיי געפינען זיך אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע. צווישן זיי געפינען זיך גאַנצע טאָג־שולן, קינדערגאַרטנס, נאָכמיטאָג־שולן, מיטלשולן, העכערע קורסן און אַ אידישער לערער־סעמינאַר. אין די פינף טאָג־שולן קריגן די קינדער זייער פולע דערציאונג אין אידישע און ענגלישע לימודים. אין ניו־יאָרק פאַרמאָגן מיר אַ טאָג־שול מיטן נאָמען „כנרת״, אַ מוס־טער פון אַ אידיש־העברעאישער שול אינסטיטוציע, וואָס אַנטוויקלט זיך זייער דערפאָלגרייך.

דאָס זיינען אפשר די ערשטע שולן אין אַמעריקע וואו קינדער האָבן אויף מאָדערנע פּעדאַגאָגישע אופנים אָנגעהויבן צו לערנען די העברעאישע און אידישע שפּראַך און ליטעראַטור און האָבן זיך אָנגע־הויבן אויסצולעבן אידיש און אַריינגעצויגן ווערן אין די טאָג־טעגלעכע טעטיקייטן פון אידישן לעבן. אין די שולן ווערט געלייגט דער טראָפּ אויף מאָדערנער אידישער געשיכטע, צו פאַרבינדן דאָס קינד מיטן אידישן און אַמעריקאַנער היינט. אין די שולן ווערט געלערנט אידישע געשיכטע, תנ״ך, אגדות, אידיש געזאַנג, מנהגים און טראַדיציעס, פאָלק־

לאַר און דער בוי און גערעַנגל אין ארץ־ישראל. ס׳ווערן געבראַכט צו די קינדער די אידייען פון חלוציזם און קיבוץ גליות. די אידישע פאָלקשולן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג זיינען ניט קיין אידישיסטישע, זיי זיינען אויך ניט קיין העברעאיסטישע. זיי זיינען אידישע פאָלקשולן, שולן פאַר די מאַסן אידן. אַלע קאָנסטרוקטיווע ווערטן פון אידישן לעבן ווערן אין זיי געלערנט און געפלעגט. העברע־איש און אידיש זיינען די שפראַכן פון דער אידישער פאָלקשול. דער אידישער גייסטיקער המשך איז דער אידעאַל פון דער שול.

די פאָלקשולן ווערן געפירט פון אַ צענטראַלער אָרגאַניזאַציע. דאָס איז די ערשטע צענטראַלע שול־אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע, וואָס האָט געבויט שולן אין די שטעט פון אַמעריקע און קאַנאַדע. דער צענטראַ־לער שולן־קאָמיטעט פון די אידישע פאָלקשולן ווערט צוזאַמענגעשטעלט פון מיטגלידער פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, פועלי ציון, פיאָנערן פרויען־אָרגאַניזאַציע און פון לערער און גייסטיקע פירער. די שולן האָבן לערער־קאָנפערענצן און שול־צוזאַמענפאָרן, ביי וועלכע עס ווערן דיסקוטירט און אויסגעאַרבעט די שול־פּראָגראַמען און די אָרגאַניזאַטאָרישע פלענער פון דער שול. די שולן האָבן אַ פאַרלאַג, וואָס האָט אַרויסגעגעבן ביכער, זשורנאַלן און קינדער־ליטעראַטור. היינטיקס יאָר וועלן דערשיינען מאַטעריאַלן פאַר די לימודים פון העברעאיש און אידיש. דער פאַרלאַג גיט אַרויס אַ פעדאַגאָגישן זשור־נאַל און ליטעראַטור פאַר קינדער און פאַר עלטערן.

די אידישע פאָלקשולן ווערן געשטיצט ניט נאָר פון די אויבן־דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס, נאָר פון ברייטע אידישע שיכטן פון די אידישע מאַסן. מענטשן פון פאַרשידענע ריכטונגען שיקן זייערע קינדער אין די שולן און שטיצן די שולן פינאַנציעל. די אידישע פאָלקשולן זוכן איינצופלאַנצן ליבשאַפט פאַרן גאַנצן אידישן פאָלק, פאַר די ווערטן וואָס זיינען דעם פאָלק טייער און פאַר ארץ־ישראל. די שול דערציט די קינדער צו אַ אידישן לעבנשטייגער, צו לעבן מיט אידישע טראַדי־ציעס און אידישע מנהגים. די שולן זיינען אָבער ניט דאָגמאַטיש פאַרגליווערט און שטעלן ניט אַוועק דעם באַגריף פון אידישקייט אויף די קוצו של יוד. די אידישע פאָלקשול, וועלכע בויט איצט נייע שול

בנינים און נייע שולן איבער אַמעריקע, איז אַ שול וואָס ברענגט דעם קינד אַ אידישקייט דורכגעדרונגען מיט פרייד, מיט חלוצישן העראָ־איזם און וואָס דערציט דאָס קינד צו אידישע מעשים.

סעפטעמבער, 1951

דער אינהאַלט פון אונזער פאָלקשול־וועזן

די אידישע פאָלקשול באַוועגונג איז שוין אַלט 40 יאָר. אין פאַרלויף פון אָט די אַלע יאָרן האָבן זיך וויכטיקע לערער, פעדאַגאָגן און פירער פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג פאַרנומען מיטן פּראָבלעם פון אידישער דערציאונג אין אַמעריקע. זייערע דערפאַרונ־גען, באַאָבאַכטונגען און פעדאַגאָגישער וויסן האָבן זיי אַריינגעבראַכט אין דער שול. די אידעאָלאָגיע, פּראָגראַם און מעטאָדן פון דער אידי־שער פאָלקשול, וואָס נעמט היינט אַרום 79 לערן אינסטיטוציעס, ווי: נאָכמיטאָג שולן, טאָג־שולן, מיטל־שולן און העכערע קורסן, איז אַ רעזולטאַט פון דעם ערנסטן דענקען און דערפאַרונג פון וויכטיקע אידישע און ניט־אידישע דערציער פון דער גאַנצער וועלט.

מיר ווילן דאָ אַרומרעדן און דערקלערן אין קורצן, — וואָס דער שול־וועזן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג האָט בייגעטראָגן צו דער אידישער דערציאונג אין אַמעריקע און מיט וואָס איז ער נאָך אויך היינט אייגנאַרטיק און אַנדערש פון די אַנדערע שול ריכטונגען אין אַמעריקע.

די אידישע פאָלקשול באַוועגונג האָט אַוועקגעשטעלט די אידישע דערציאונג אויף ברייטע נאַציאָנאַלע און פעדאַגאָגישע יסודות. אידיש־קייט איז געבראַכט געוואָרן צום קינד נישט אין אַ דאָגמאַטישער פאַרגליווערטקייט. די שול האָט ניט אָנגעוואָרפן אויפן קינד קיין מורא און שרעק און האָט אויף אים ניט אַרויפגעצוואונגען אַזעלכע מעשים וואָס ווערן נישט פאַרשטאַנען און פּראַקטיצירט אין זיין היים און אין זיין סביבה. אידישקייט ווערט געבראַכט צום קינד אין אַ ברייטן נאַ־ציאָנאַלן, גייסטיקן און פּראָגרעסיוון פאַרנעם. דער אידישער נאַציאָ־נאַליזם וואָס שטראַלט אַרויס פון די לימודים אין דער פאָלקשול ווערט פאַרשטאַנען ווי: דער דראַנג פאַר קיום האומה, דער שייכות און אינ־טערעס פון איין אידן צום צווייטן, פון איין קיבוץ צום צווייטן און פון אידן פון איין לאַנד צו אידן אין אַ צווייטן לאַנד. די תשוקה און

בענקשאַפט צו העלפן אויפבויען אַ זעלבסטשטענדיק מדינה־לעבן אין ישראל וואָס שוועבט אין דער פאָלקשול, קומט פון דעם טיפן פאַרלאַנג צו שטאַרקן דאָס אידישע פאָלק און זיכערן זיין המשך און זיין צוקונפט. ליבשאַפט און פיעטעט צום גורל פון אידישן פאָלק איז דער מאָטיוו אין דער אידישער פאָלקשול, וואָס וועקט אין אידישן קינד זיין נאַציאָנאַלן שטאָלץ און פאַרבינדט אים מיט די ליידן און פריידן פון אידן אין דער גאַנצער וועלט. די פאָלקשול האָט געבראַכט צום קינד די פאַרשטענדעניש, דרך ארץ און ליבשאַפט צו יעדן מענטשן בכלל און צו דעם אַרבעטנדיקן און שאַפנדיקן מענטשן בפרט. די פאָלקשול זוכט צו באַגייסטערן דאָס קינד פאַר אַ וועלט געבויט אויף יושר און גלייכקייט, און וואָס איז פריי פון אונטערדריקונג און שנאה. די פראָגראַם פון לימודים אין דער פאָלקשול נעמט אַריין די אידישע קולטור שאַפונג אין העברעאיש און אין אידיש. די לימודים און די פאָזיטיווע באַציאונג פון דער פאָלקשול צו אונזערע קולטור און גייסטיקע שאַפונגען פון אַלע דורות און פון אַלע תקופות, גיבן דעם קינד אַ באַגריף פון אַ גאַנצן אידישן פאָלק וואָס לעבט און שאַפט פון די פריסטע צייטן ביזן היינטיקן טאָג.

די אידישע פאָלקשול איז געווען אַ פעסטונג פאַרן אידיש־נאַציאָנאַלן געדאַנק אין דער צייט ווען אַסימילאַציע האָט געהערשט אויף דער אידישער גאַס און איז פאַרבליבן שעפעריש אין איר אויפפאַסונג פון אידישן לעבן און זיינע אינטערעסן, עד היום. געוויסע טיילן פון דער אידישער דערציאונג אין אַמעריקע האָבן שוין היינט אַריינגענומען אין זייער פראָגראַם אויך די נייע אידישע געשיכטע און די פראָבלעמען פונם היינטיקן אידישן לעבן אַדאַנק דער אומדערמידלעכער אַרבעט פון אונזער אידישער פאָלקשול באַוועגונג. אויב מען האָט אַריינגעבראַכט אין פאָלקשול שפיל, דראַמאַטיזאַציע און געזאַנג, אויב דער חלוצישער אידעאַליזם פאַרן אויפבוי פון ארץ ישראל ווערט געהערט און געלערנט אין די קלאַס־צימערן פון אידישע לערן־אינסטיטוציעס, איז דאָס זיכער דער בייטראַג פון דער אידישער פאָלקשול, וועלכע האָט די ערשטע געשריבן, אויפגעקלערט און אומאויפהערלעך געפלעגט די דאָזיקע אידייען אין דער אידישער דערציאונגס־וועלט אין אַמע־

ריקע. לויט איר מהות און אינהאַלט איז די פאָלקשול אַ לערן אינסטי־טוציע פאַר דעם רוב מנין פון אידישע קינדער אין אַמעריקע, ווי דאָס זיינען געוואָרן די אידישע פאָלקשולן אין אַרגענטינע און אין אַלע דרום אַמעריקאַנער לענדער. דאָרטן זיינען די מערסטע שולן העברעאיש־אידישע שולן, געפירט אין גייסט פון אידישן פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַליזם פון אונזער פאָלקשול באַוועגונג.

די אידישע פאָלקשול ברענגט אויך צום קינד די ווערטן פון דער אידישער טראַדיציע און אידישן רעליגיעזן דענקען אויף אַן אופן וואָס מאַכט דעם אידישן לעבן שטייגער באַליבט ביים קינד. די טיפע אייגנשאַפטן פון דער אידישער עטיק, און דער ברייטער צוגאַנג פון דער אידישער רעליגיעזער וועלט־אַנשויאונג צו וועלט און מענטש ווערט געבראַכט צום קינד לויט זיין אויפנעם פּיאיקייט, דורך מעשים און דורך עמאָציאָנעלער איבערלעבונג.

דער לעצטער צוזאַמענפאַר פון די אידישע פאָלקשולן האָט ווידער אַמאָל פעסטגעשטעלט די פּרינציפּן און אויפגאַבן פון דעם ציוניסטישן אַרבעטער שול וועזן.

* * *

די פאָלגנדיקע פּרינציפּן פון דערציאונג דרינגען דורך דעם קורי־קולום פון דער שול און די טעטיקייט אויסער דער שול און זיינען דער באַזיס פון דער שול אידעאָלאָגיע. זיי זיינען איינגעטיילט אין זעקס פונקטן:

1) דאָס אידישע קינד דאַרף אין דער שול קריגן ידיעות אין העברעאיש און אין אידיש, וואָס זאָלן פאַר אים מעגלעך מאַכן, לויט זיין עלטער און אויפנעם־פעאיקייט, צוצוקומען צו די אידישע קולטור אוצרות אין דיביידע שפּראַכן. די שול דאַרף אין קינד איינפלאַנצן אַ ליבע צו לערנען און דערגרייכן וואָס מער אין זיינע לימודים.

2) די שול דאַרף געבן דעם קינד דורך ידיעות, דורך דער געשאַפענער סביבה און דורך פאַרשיידענע אויסער־שול טעטיקייטן, אַ דעמאָקראַטיש־פּראָגרעסיווע וועלט־אַנשויאונג. די לימודים דאַרפן אַזוי געלערנט ווערן, אַז זיי זאָלן העלפן אַנטוויקלען דאָס קינד, עס

זאָל קענען דענקען זעלבסטשטענדיק און עס זאָל אָנהייבן באַגרייפן אידישע און אַלמענטשלעכע אינטערעסן.

3) די שול דאַרף כסדר פלאַנצן אין די הערצער פון די קינדער דעם באַגריף פון גאַנצקייט און חשיבות פון אידישן פאָלק איבער דער גאָרער וועלט, די דעצידירנדיקע באַדייטונג פון מדינת ישראל און קיבוץ גלויות, און דאַרף זיי אינספּירירן מיט די אידייען פון חלוציות פאַר ישראל און פאַר אַ נאַציאָנאַלן לעבן אין די תפוצות. דער דאָזיקער צוועק פון „אהבת העם" און „אהבת הארץ" דאַרף דערגרייכט ווערן דורך די לימודים און דורך פאַרשיידענע אַקטיוויטעטן.

4) די שול דאַרף באַקענען דאָס קינד מיטן אידיש־רעליגיעזן און עטישן וועלט־באַנעם.

5) די שול דאַרף דעם קינד מחנך זיין אין די וועגן פון אַ אידיש־טראַדיציאָנעלן לעבנס־שטייגער.

6) די שול דאַרף אַנטוויקלען ביים קינד אַ לעבעדיקן אינטערעס צום אידיש־געזעלשאַפטלעכן און קהילה לעבן אין אַמעריקע, צום אַל־געמיין דעמאָקראַטישן לעבן פון אַמעריקע און זיינע דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס און צו די אידישע אינסטיטוציעס און קערפּערשאַפטן אין אַמעריקע, וואָס שטאַרקן דעם אידישן המשך.

* * *

מיר ווילן דאָ אויך געבן אונזערע לייענער די הויפּט־פּונקטן פון שול קוריקולום פון דעם פאָלקשול־וועזן, ווי ער איז איצט פעסט־געשטעלט געוואָרן און זיי וויזן וואָס די לערער לערנען מיט די קינדער און וואָס זיי זוכן צו דערגרייכן מיט די לימודים.

וואָס דאַרף געלערנט ווערן און וואָס דאַרף מען דערגרייכן מיט די לימודים

1. העברעאיש — דער לימוד פון העברעאיש אין די אידישע פאָלקשולן דאַרף ברענגען די פאָלגנדיקע דערגרייכונגען: די קינדער זאָלן קענען לייענען העברעאישע טעקסטן; לייענען און אָנפירן אַ שמועס אין העברעאיש; שרייבן אַ קאָמפּאָזיציע אין העברעאיש; לייע־נען און פאַרשטיין אַ קינדער בוך אין העברעאיש. דער לימוד פון העברעאיש אין דער פאָלקשול דאַרף צוגעפּירט ווערן און פאַרבונדן

ווערן מיטן לימוד פון תנ"ך, וואָס ווערט געלערנט אין דער פאָלקשול, און אויף ווי וויט נאָר מעגלעך צו דעם גערעדטן העברעאיש אין ישראל.

2. חומש — אויסער דעם העברעאישן טעקסטבוך דאַרף דער חומש, אויך נביאים ראשונים אין לעצטן קלאַס, פאַרנעמען אַ וויכטיקן פלאַץ אין דער פאָלקשול. דער לימוד פון חומש וואָס דאַרף אָנגעהויבן ווערן ניט שפּעטער ווי אין דריטן לערניאָר, און פאַרגעזעצט ווערן ביזן לעצטן לערניאָר, דאַרף אַרומנעמען טיילן פון אַלע פינף חומשים.

3. אידיש — דער לימוד פון אידיש דאַרף ברענגען דעם קינד די פאָלגנדיקע דערגרייכונגען: צו קענען לייענען, שרייבן און פאַר־שטיין אַ לייכט אידיש בוך; ריידן, אָנפירן געשפּרעכן און שרייבן אַ קאָמפּאָזיציע אין אידיש. די טעקסט ביכער דאַרפן די קינדער באַ־קענען, לויט זייער אויפנעם־פעאיקייט, מיט די קלאַסיקער און מאָדערנע שאַפער פון דער אידישער ליטעראַטור.

4. אידישע געשיכטע — דער געשיכטע לימוד דאַרף איינגעטיילט ווערן אין צוויי ציקלען. אין דעם ערשטן ציקל, וואָס באַציט זיך אויף די ערשטע צוויי לערניאָר, וואו קיין געשיכטע קען מען נאָך מיט די קינדער ניט לערנען, דאַרפן די קינדער באַקאַנט ווערן מיט ביבלישע מעשיות און לעגענדעס פון דער שפּעטערדיקער צייט ביז היינט. דאָס דאַרף איינשליסן: מעשיות פון די אידישע יום־טובים, ביאָגראַפיעס פון אידישע היסטאָרישע פערזענלעכקייטן און מעשיות וועגן די וויכ־טיקסטע געשעענישן אין דער אידישער געשיכטע אַמאָל און היינט.

דער צווייטער ציקל זאָל זיך אָנהייבן אין דריטן לערניאָר מיטן לימוד פון געשיכטע. מ'זאָל לערנען די וויכטיקסטע מאָמענטן און געשעענישן אין דעם לעבן פון אידישן פאָלק פון די אַלטע צייטן ביז היינט, און אַרויסברענגען דעם שטענדיקן קאַמף און געראַנגל פון אידישן פאָלק פאַר זיין קיום. דאָס קינד דאַרף, לויט זיין עלטער און אויפנעם־פעאיקייט, זיך באַקענען מיט די רעליגיעז־עטישע ווערטן, וואָס אידן האָבן געשאַפן אין לויף פון די דורות, און מיט די היסטאָ־רישע פערזענלעכקייטן, וואָס האָבן פאָרמירט און געשטאַלטעט דאָס אידישע גייסטיקע און נאַציאָנאַלע לעבן. עס זאָל געלערנט ווערן וועגן די אָנשטרענגונגען, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט געמאַכט אין פאַר־

לויף פון די דורות צו געדענקען ארץ ישראל, זיין מיטן לאַנד פאַר־בונדן און ווידער אויפצובויען ארץ ישראל ווי אַ אידישע מדינה. עס זאָלן אַרויסגעבראַכט ווערן די אידייען פון ציוניזם, אַרבעטער ציוניזם און חלוציזם.

דורך דעם לימוד „אידישע געשיכטע" זאָל דאָס קינד דערזען די גאַנצקייט פון אידישן פאָלק אין אַלע זיינע תפוצות. דאָס קינד דאַרף באַקאַנט ווערן מיטן אידישן לעבן אין אַמעריקע און מיט זיינע פּראָב־לעמען, מיט די אידישע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס; הילפס־טעטיקייטן פאַר אידן אין דער גאַנצער וועלט און מיטן אידישן קאַמף צו דערהאַלטן און אַנטוויקלען אַ גייסטרייך אידיש־נאַציאָנאַל און קולטור לעבן אין אַמעריקע.

5. ארץ ישראל — ארץ ישראל זאָל געלערנט ווערן ווי אַ באַזונ־דערער קעגנשטאַנד. דער לימוד זאָל אַרומנעמען די פאָלגנדיקע טיילן: די בענקשאַפט פון דורות פאַר שיבת ציון, די פאַרשיידענע עליות, דעם אידעאַל פון קיבוץ גלויות, דער כסדרדיקער אויפבוי פון ארץ ישראל, און די הערןאישע מאָמענטן אינם גראַנגל פאַר אַ זעלבסטשטענדיקער מדינה. עס זאָל געלערנט ווערן מיט די קינדער, לויט זייער עלטער, די געאָגראַפיע פון דער נייער ארץ ישראל, די נייע סטרוקטור פון מדינת ישראל, דאָס קולטור און מדינה לעבן און דעם באַזונדערן פּלאַץ, וואָס עס פאַרנעמט די ארץ ישראלדיקע אַרבעטערשאַפט אין דעם אויפבוי־פּראָצעס פון לאַנד. (עס איז פאַרשטענדלעך, אַז די לערער זאָלן טיילן פון דעם דאָזיקן לימוד אַריינגעמען אינם לימוד פון גע־שיכטע.)

6. אידישער לעבנס־שטייגער — די קינדער זאָלן זיך באַקענען און דערצויגן ווערן מיטן טראַדיציאָנעלן אידישן לעבן, זיי זאָלן לערנען די אידישע פירונגען און מנהגים פון שבת, יום־טוב און דערוואַכן; לערנען דעם סדר התפילות און פאַרשטיין זייער פירוש. און זאָלן זיך קענען באַטייליקן אין דעם טראַדיציאָנעלן לעבנס־שטייגער פון היים און שול, אויף אידישע שמחות און טרויער־טעג.

7. געזאַנג — די קינדער זאָלן לערנען פאָלקסלידער, מאָדערנע אידישע, העברעאישע און ארץ ישראל לידער; און זינגען אידישע ניגונים און געוויסע תפילות.

8. סאָציאַלע דערציאונג — די פּראָבלעמען וועגן: באַציאונג פון מענטש צו מענטש און פון מענטשן צו דער געזעלשאַפט; די פראַגן פון סאָציאַלער גערעכטיקייט; די עטישע אידייען פון די נביאים און פון די שפּעטערדיקע סאָציאַלע דענקער זאָלן אַרויסגע־בראַכט ווערן אין דער פאָלקשול ביי פּאַסיקע געלעגנהייטן, דורך פאַר־שיידענע לימודים און אין ספּעציעלע שמועסן.

די לימודים ווערן פאַרגעזעצט, פאַרטיפט און אויסגעברייטערט אין דער מיטל שול און אין די העכערע קורסן. אין די צוויי העכערע לערן אינסטיטוציעס קומען צו אַזעלכע קעגנשטאַנדן ווי משנה, אידישע סאָציאָלאָגיע, אידישע טראַדיציע, מנהגים, אידישע און אַרבעטער פּראָ־בלעמען א. ד. ג. דער יסוד פון דער מיטל־שול בלייבט דערזעלביקער ווי פון דער טאָג־שול און נאָכמיטאָג שול און דאָס איז, צו געבן די קינדער אידישן וויסן און אַ ברייטן באַגריף וועגן אידישקייט; אַריינ־פירן זיי אין די דערפאַרונגען און אין די פּראָבלעמען פון אונזער אידישן לעבן און זיי אינספּירירן פאַר מעשים טובים, פאַר חלוציות און בנין הארץ.

* * *

מיר וויסן אַז פאַר אידישע עלטערן איז איצט אידישע דערציאונג אַ מער קאָמפּליצירטע פּראָבלעם ווי דאָס איז פריער געווען. ווען עלטערן דאַרפן שיקן זייער קינד לערנען „אידישקייט“, שטויסן זיי זיך אָן אין דער פראַגע: וואוהין און אין וועלכער שול ריכטונג זיי זאָלן זייער קינד שיקן לערנען. אינטעליגענטע עלטערן שיקן שוין היינט ניט זייער קינד אין דער שולע וואָס געפינט זיך גראָד דורך אַ צופאַל אויף זייער גאַס. זיי וויסן אַז אידישע דערציאונג אינסטיטו־ציעס ווערן אָנגעפירט פון מענטשן פון פאַרשיידענע אידעאָלאָגיעס און צוגאַנגען צום אידישן לעבן. עלטערן מוזן זיך פאַרטראַכטן אין וועמענס הענט זיי ווילן איבערגעבן די אידישע אויסבילדונג פון זייער קינד. עלטערן וויסן פונקט ווי דערציער און פּסיכאָלאָגן, אַז דער לערער, די סביבה פון דער שול פונקט ווי די לימודים שפּילן אַ גרויסע ראָליע אין פאָרמירן דעם כאַראַקטער, נייגונגען און באַציאונגען פון דעם קינד. אַפילו די נאָכמיטאָג־שול וואוהין אַ קינד גייט לערנען פאַר אַ

שעה, אָדער אַ שעה און אַ האַלב אַ טאָג, לאָזט איבער אויפֿן קינד אַ טיפֿן רושם און פֿאַרמירט ממש זיין פּערזענלעכקייט.

די חברות און חברים פֿון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג דאַרפֿן נאָך פֿיל ערנסטער טראַכטן וואוהין זיי שיקן זייער קינדער לערנען. די לערער און דערציער וועלכע האָבן פֿאָרמירט און אויסגעשטאַלטעט די פּראָגראַם פֿון דער אידישער פֿאָלקשול האָבן פֿיל געזאָרגט, אַז דורך געזונטע פּעדאַגאָגישע וועגן זאָל דערגרייכט ווערן דער גרויסער צוועק פֿון אידישער דערציאונג און דאָס איז, איבערצוגעבן דעם קינד דעם עיקר פֿון דער רייכער אידישער קולטור און איינפּלאַנצן אין אים דעם ווילן צו לעבן אין דעם וועג פֿון דער ברייטער אידישער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער טראַדיציע, די פֿאָלקשול זוכט מיט אַלע כוחות, אַז דאָס קינד זאָל דערפֿילן די אחריות פֿאַרן אידישן המשך אין דער גאַנצער וועלט און פֿאַר דער אידיש נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקער אַנטוויקלונג אין ישראל. די אידישע פֿאָלקשול איז דערפֿאַר אין דער ערשטער ריי די שול פֿאַר די קינדער פֿון די עלטערן פֿון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע.

יוני, 1952

גרונט־אידייען אין דער מאָדערנער דערציאונג

די מאָדערנע צייט האָט אָן ספק אַ סך באַרייכערט אַלע געביטן פון דערציאונג, און באַזונדערס דעם שול־וועזן. דאָ האָט זיך אין אַ סך פּרטים געענדערט דער אינהאַלט און די פאָרמע. מיר האָבן היינט, אין פאַרגלייך מיט אַמאָל, די פיינסטע שול־געבײַדעס, באַקוועמע שול־צימערן, און היגיענישע פלעצער פאַר שפּיל און ספּאָרט. די שול־מכשירים און טעקסט־ביכער הויבן אָן צוגעגרייט ווערן לויט פּסיכאָ־לאָגישע פּרינציפּן. דער שול־קוריקולום איז אויסגעברייטערט געוואָרן און נעמט אַריין אַ צאָל געגנשטאַנדן צו אַנטוויקלען דאָס עסטעטישע און געזעלשאַפטלעכע אין קינד. די נייע דערציאונגס־סיסטעמען גיבן דאָס קינד נייע פרייהייטן פאַר פאַרווײַלונג און געניוס. אַפילו די לערערשאַפט ווערט איצט אויך ערנסטער צוגעגרייט פאַר אירע שול־פליכטן און אויפגאַבן.

וואָס זיינען געווען די פאַקטאָרן, וואָס האָבן אַזוי פיל געווירקט אין אונזער צייט, אַז מען זאָל ענדלעך עפּעס טאָן פאַרן קינד? ווייסן מיר דאָך פון דערפאַרונג, אַז כאָטש די וועלט האָט זיך שטענדיק מטפּל געווען מיט קינדער־דערציאונג, איז דאָס קינד שטענדיק געלעגן אונטער אַ דיקטאַטור פון די עלטערע פון אים, וואָס האָבן אים בלויז געצוואונגען צו טאָן זייער רצון. די צוואָרפענע פּסוקים און שטעלן אין דער אַלטער רעליגיעזער העברעאישער ליטעראַטור וועגן פאַר־שיידענע דערציאונגס־אידייען, די קונסט־אידייען אין דער אַלט־גריכי־שער דערציאונג, ווי אויך די שול־סיסטעמען פון דער ניט־אידישער וועלט אין מיטל־אַלטער, באַווייזן ווי ערנסט מען האָט זיך אַפילו דע־מאָלט פאַראינטערעסירט מיט דערציאונגס־פּראָבלעמען. פונדעסטוועגן איז דאָס קינד פון דעם ניט געהאָלפן געוואָרן. עס פרעגט זיך דערפאַר, מיט וואָס פאַר אַ כח איז דאָס געלונגען דעם לעצטן יאָרהונדערט כמעט צו רעוואָלוציאָניזירן טיילווייז די דערציאונג און איר געבן אַזאַ גוואַל־דיקן שטויס פאָראויס?

צווישן די פאַרשיידענע באַפרייענדיקע פאַקטאָרן, האָט זיכער דאָס קינד אַליין געשפּילט אַ הויפּט־ראָליע. דער גרעסטער אויפטו פון דער מאָדערנער דערציאונג איז אפשר געווען דאָס, וואָס זי האָט אַנטדעקט דאָס קינד, מיט אַלע זיינע נויטן און מעגלעכקייטן און אים געמאַכט דעם אָביעקט פאַר איר פאָרשונג און אינטערעס. אַזוי שנעל ווי מען האָט די ווענדונג געמאַכט, איז דער גאַנצער דערציאונגס־געביט אויפגעריכט געוואָרן.

מען דאַרף איינזען, אַז אין דער דאָזיקער ווענדונג ליגט מער ווי בלויז דאָס באַנוצן זיך מיט אַ נייער מעטאָדע פון פאָרשונג. דאָ איז פאָרגעקומען אַ גאַנץ נייע אָריענטאַציע. אַנשטאָט דעם, וואָס ביז אַהער האָט מען אין זינען געהאַט די אָנגעזאַמלטע קולטור און מען איז געווען באַזאָרגט ווי אַזוי די קולטור זאָל דורכן קינד פאָרגעזעצט ווערן צו די קומענדיקע דורות, האָט מען זיך אויך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט די נויטן און פאָדערונגען פון קינד גופא. אויב פריער איז דערציאונג געווען מערסטנטייל אַ קולטור־פּראָבלעם, איז דאָס איצט געוואָרן אַ פּראָבלעם פון די סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס פון לעבעדיקן קינד און זיין כסדר'דיקע אַנטוויקלונג.

די נייע פאָרשונגען האָבן געוואָרפן אַ נייַ ליכט אויפן קינד, און אויף זיין באַהאַלטענער וועלט. מען האָט דערזען, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַן אייגנאַרטיקער פערזענלעכקייט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַלש דער באַגריף, אַז דאָס קינד איז נאָר אַזוי ווייט פון זיין דערוואַקסענעם ברודער, אויף ווי ווייט יענער איז עלטער פון אים. אַ זעקס־יאָריק קינד איז ניט בכח אויפצונעמען אַ דריטל פון דעם וואָס עס נעמט אויף זיין 18־יאָריקער ברודער. די חיסור־אידייע, צו אַרונטערנעמען בלויז די צאָל יאָרן, האָט געמוזט אַוועק און מאַכן פּלאַץ פאַר די רעזולטאַטן, וואָס די נייע אונטערזוכונגען האָבן געבראַכט; אַז דאָס קינד לעבט אין זיין אייגענער וועלט. דער שכל פון קינד, זיין פאַנטאַזיע און באַנעמונג פון דער וועלט אַרום אים, איז אַנדערש פון די דאָזיקע אייגנשאַפטן פון דערוואַקסענע.

און ניט נאָר ליגט אָפט אַ תהום צווישן קינד און דערוואַקסענעם, נאָר אויך צווישן איין קינד און דעם צווייטן. פונקט ווי עס זיינען דאָ

גרויסע גייסטיקע דיפערענצירונגען צווישן אַ דערוואַקסענעם מענטשן און זיין חבר, אַזוי זיינען אויך דאָ גוואַלדיקע אונטערשיידן אין די פיאיקייטן, נייגונגען און אינטעליגענץ צווישן איין קינד און אַ צווייטן.

אַ טיכטיקע פאָרשונגס־אַרבעט ווערט אָנגעפירט, כדי צו דערגיין דעם כאַראַקטער און די אייגנשאַפטן פונם קינד; אין וואָס עס באַ־שטייט דער וועלט־באַנעם פון קינד, און ווי אַזוי קען מען אים געווינען פאַר זיינע אייגענע אינטערעסן און נוצן. די אָנגעזאַמלטע מאַטעריאַלן אויף דעם געביט שטעלן שוין איצט צוזאַמען אַ ריזיקע ביבליאָטעק. וויכטיקע פאָרשער, ווי בינעי, קאַטעל, טאָרנדייק, שטערן, טערמאַן, פינטנער און צענדליקער אַנדערע, האָבן אַנטוויקלט הונדערטער פּרוואוון (טעסטן) ווי צו מעסטן די אינטעליגענץ פון קינד, זיינע נייגונגען און אויך די דערגרייכונגען אין קלאַס־צימער. די דאָזיקע פאָרשונגס־אַרבעט האַלט זיך אין איין אַנטוויקלען און שטייגן, און שאַפט כסדר וויכטיקע מאַטעריאַלן.

דאָס לעבעדיקע קינד געפינט זיך כסדר אין צענטער פון אויפ־מערקזאַמקייט און ווירקט אויפן גאַנג פון די פאָרשונגען. די צענטראַלע פּראָבלעם איז, אויב מיר טוען ניט ווי דעם קינד און שאַדן ניט זיין אַנטוויקלונג מיט דעם אופן ווי מיר צווינגען זיך אַרויף אויף אים מיט אונזער דערציאונג. עס שטייט אויך די פראַגע, אויב עס זיינען ניטאָ קיין בעסערע וועגן ווי צו געווינען דאָס קינד, אַז ער זאָל אויף אַ לייכטערן אופן אויפנעמען די נויטיקע לעבנס־פאָרמען און קולטור־באַגריפן, אין וועלכע מיר זיינען אַזוי פאַראינטערעסירט.

אונטערן דרוק פון די דאָזיקע אידייען איז אַרויסגערופן געוואָרן די אויבנדערמאָנטע באַוועגונג פאַר אינטעליגענץ־מעסטונג (אינטעלי־דזשענס טעסטינג). ביז אַהער האָבן לערער בדרך כלל געגלויבט, אַז אַלע זייערע תלמידים קענען דערגרייכן, אויב זיי ווילן נאָר, די זעלבע ידיעות אין די פאַרשיידענע שול־געגנשטאַנדן. ביי די עקזאַמענס האָבן זיך פון אַלעמען געפאָדערט די זעלבע ענטפערס. קען מען אָבער פאַרלאַנגען פון קינדער מיט אַ נידעריקער אינטעליגענץ, אָדער אַפילו פון דער געוויינטלעכער אינטעליגענץ, אַז זיי זאָלן זיך פאַרגלייכן מיט די פיאיקע קינדער פון קלאַס? ווייסן מיר דען ניט פון דעם צער

און נערוון־צעטרייסלונג פון יענע קינדער, וואָס קענען קיינמאָל ניט צופרידנשטעלן זייערע לערער, וואָס פאַרלאַנגען פון זיי דעם גאַנצן פונט פלייש, און ווילן גאָר ניט וויסן פון זייערע באַשרענקטע פיי־איקייטן.

די אינטעליגענץ־מעסטונגען, כאָטש זיי זיינען נאָך אַלץ ניט גענוג פאַרפאָלקאָמט, דינען זיי שוין אָבער אַלס וויכטיקער געצייג אין דער האַנט פון פסיכאָלאָג. דער פּסיכאָגראַף (גייסטיקע בילד) פון קינד צייגט אָן דעם לערער, וואָס ער קען און דאַרף פון באַטרעפנדן קינד פאַרלאַנגען. אַ קינד פון אַ נידעריקערער אינטעליגענץ דאַרף קריגן פון זיין לערער גענוג דערמוטיקונג און לויב, אויב ער האָט זיין אַרבעט אין קלאַס געטאָן לויט זיינע מעגלעכקייטן. געוויסע תּלמידים טאָר מען קיינמאָל ניט פאַרגעבן קיין צו־אַבסטראַקטע אויפגאַבן, זוען מען ווייס, אַז דאָס איז ניט פאַר זייערע כּחות. תּלמידים פון אַ הויכער אינטעליגענץ טאָר מען, ווידער, אָפּט ניט באַליידיקן מיט נישטיקע פּראָגעס.

אַ דאַנק די דאָזיקע דערפאַרונגען קענען מיר ניט שטענדיק קומען מיט גלייכע פאָדערונגען צו אַ גאַנצן קלאַס קינדער. דער לערער טאָר ניט באַטראַכטן זיין גאַנצן קלאַס ווי קינדער, וואָס זיינען אַלע גלייך אין זייערע פיאיקייטן, נייגונגען און אינטערעסן. בלויז דורכן אינדי־ווידועלן וועג, דורכן באַקענען זיך מיט יעדן קינד באַזונדער, קען געלינגען צו אַנטוויקלען און אַרויסברענגען זיין ספּעציפישע שאַפונגס־מעגלעכקייט.

די דאָזיקע נייע וועגן האָבן אויך געשאַפן די דינאַמישע סיסטעם פון דערציאונג. דער הויפּט־פּרינציפּ פון דער סיסטעם באַשטייט אין דעם, אַז ראשית כּל זאָל דאָס קינד זיין פאַראינטערעסירט אין דעם וואָס מען לערנט אים און זיך פּשוט נויטיקן אין דעם. ידיעות דאַרפן דעם קינד ניט איבערגעגעבן ווערן אויף אַ טעאָרעטישן אופן, ניט דורך אַבסטראַקטע געזעצן און איינצלהייטן, נאָר דאָס קינד דאַרף זיין אַקטיוו און דאָס לערנען דאַרף אים העלפן צו פאַרשטיין בעסער און דורכפירן בעסער זיין אַרבעט. די דאָזיקע טעאָריע אונטעשטרייכט, אַז קינדער, פּונקט ווי דערוואַקסענע, לערנען צום בעסטן — און גע־

דענקען די זאַכן וואָס זיי האָבן געלערנט — נאָר דעמאָלט, ווען זיי ווילן עפּעס טאָן, און נייטיקן זיך אין די איינצלהייטן פון דעם לימוד. פאַר קינדער האָט אַ באַדייטונג און פאַרבלייבט אַלס אַ טייל פון זייער לעבן און וויסן, ניט דאָס וואָס זיי הערן, נאָר דאָס וואָס זיי טוען, און דער עיקר, דורך דעם ווערט געשאַפן די מעגלעכקייט צו אָנווענדן אין לעבן די ידיעות, וואָס זיי האָבן באַקומען אין שול.

די אידייע ווערט אָנגעווענדט אין די פּראָגרעסיווע קינדער־שולן אויף אַזאַ אופן: צוערשט ווערט באַשאַפן דער פאַרלאַנג ביי די קינדער צו טאָן עטוואָס, לאָמיר זאָגן, אַרויסגעבן אַ שול־זשורנאַל, עפּעס אויפ־בויען, מאַכן אַ לענגערע רייזע, באַזוכן אַ געגנט, זיך באַקענען מיט אַן אַנדער לאַנד און אירע מענטשן, דורכפירן אַ שטודיום איבער אַ נייער סאָציאַלער אָרדענונג, דורכפירן אַ שפּיל, און דאָס גלייכן. ווען דער דאָזיקער פאַרלאַנג ווערט עטאַבלירט און די גרופּע קינדער איז גרייט אָנצוהייבן די אַרבעט, קומט דאָ דער לערער מיט זיין גאַנצער דער־פאַרונג און ידיעות און ווייזט אָן די קינדער, און לערנט זיי אַלץ וואָס עס שטייט אין ביכער וועגן דעם געגנשטאַנד.

געוויס האָבן מיר דאָ אין זינען די פּראָיעקטן־מעטאָד, וועלכע ווערט איצט אַזוי שטאַרק באַנוצט אין די וויכטיקע שולן פון אַמעריקע, איירָאָפּע, און באַזונדערס אין רוסלאַנד און ארץ־ישראל. דער זין פון דער דאָזיקער מעטאָדע איז ניט בלויז צו אָרגאַניזירן בעסער געוויסע לימודים, ווי מאַנכע לערער טייטשן דאָס אויס. די הויפּט־אידייע איז דאָ, צו קענען אַרויסרופן אַן אינטערעס פון די קינדער צום לימוד, און דאָס לערנען זאָל פאַרבונדן ווערן מיטן לעבן. איז דען ניט אַ פאַקט, אַז מיר דערגרייכן אַזוי ווייניק אין דער שול נאָר דערפאַר, וואָס די קינדער זיינען ניט פאַראינטערעסירט אין דעם וואָס מיר לערנען מיט זיי?

די דינאַמישע טעאָריע פון דערציאונג לערנט אונז, אַז דער בעס־טער וועג ווי אויסצולערנען אַ זאַך איז, ווען מען טוט די זאַך. ווען אַ גרופּע קינדער אַרבעטן אויף אַ גאָרטן, וועלן זיי זיך אויסלערנען פיל מער באָטאַנישע פּרינציפּן, ווי ווען זיי הערן וועגן דעם אין אַ קלאַס־צימער. ווען אַ קלאַס נעמט זיך צוצוגרייטן אַ מאַפּע פון אַ לאַנד,

וועלן זיך די קינדער דעמאָלט אויסלערנען פיל מער וועגן דער געאָ־גראַפיע און אייגנשאַפטן פון דעם לאַנד, ווי דעמאָלט ווען דער לערער רעדט צו זיי סתם וועגן דעם אָדער לייענט זיי פון בוך. ווען אַ קלאַס נעמט זיך אונטער, לאָמיר זאָגן, צושטעלן אַ פּלאַן פון אַ באַזוך אין ארץ־ישראל, וועלן די קינדער דעמאָלט זיכער זיך באַקענען מיט אַ סך איינצלהייטן פון לאַנד, ווי קלימאַט, איינוואוינער, שטעט, נאַטירלעכע אוצרות, אינדוסטריע, קולטור און דאָס גלייכן.

וואָלט ווער עס איז פון אונז געמאַכט אַ סך הכל פון דעם, וואָס ער האָט אַרויסגעטראָגן פון דער פאָלק־שול, וואָלט זיך באַוויזן דער פאַקט, אַז גראַדע יענע פונקטן, וואָס אונזערע לערער האָבן זייער שטאַרק באַטאָנט, איז זעלטן פאַרבליבן פאַרקניפּט אין אונזער זכרון. פון דער פאָלקשול, אָדער חדר, האָבן מיר אָפט געלערנט יענע זאַכן, אין וועלכע מיר זיינען געווען פאַראינטערעסירט — נאָכגעקוקט, נאָכ־געשפּירט און איבערגעלעבט.

די נייע דערציאונג ברענגט מיט זיך ניט קיין נייע פּאָליטישע אָדער עקאָנאָמישע ריכטונג. דאָס ווערט איבערגעלאָזן צו טעאָרעטי־קער און פילאָזאָפן. דער הויפּט־אינטערעס פון מאָדערנעם פּעדאַגאָג איז דאָס קינד און זיין פּערזענלעכקייט. ס׳ווערן כסדר געזוכט די וועגן ווי צו איבערגעבן דעם קינד ידיעות, און זיין סאָציאַלע ירושה. דאָס ווערט אָבער געטאָן דורך מיטלען, וואָס פאַרדרענגען ניט דעם קינדס פרייהייטן און וואָס צעשטערן ניט זיין ווילן און זיינע נייגונגען. ראשית כל — לעבט דאָס קינד, און איז דערפאַר באַרעכטיקט צו פריידיקייט און געזונטן אויסלעבן זיך. דורך אַרבעט און אַקטיוויטעט, אָנגעפירט פון אַ דערפאַרענעם פּעדאַגאָג, לערנט דאָס קינד, באַרייכערט זיינע דערפאַרונגען און שאַפט זיך איין יענע נייטיקע געוואוינהייטן, וואָס פירן אים צו זיין צוקונפטיקן גליק.

יאָר 1933

אידישע דערציאונג — אַן אויפגאַבע פון אַלע דורות

אידישע דערציאונג איז שטענדיק געווען און איז אויך היינט די וויכטיקסטע אויפגאַבע פון אונזער דור. עס זיינען דאָ אידייען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט געוויסע עפּאָכן, וועלכע קומען אויף מיט געוויסע געשעענישן און ענדערונגען, אַנדערש איז אָבער מיט קינדער־דערצי־אונג, וואָס איז אַן אַרבעט וועלכע איז ניט אָפּהענגיק פון אומשטענדן אָדער אַ באַשטימטן פּלאַץ. וואו אַ איד זאָל ניט זיין, אין וועלכן וועלט־טייל ער זאָל זיך ניט געפינען, אָפּגעזען צי ער איז רייך אָדער אָרעם, אויב נאָר ער וויל אַז דער נאַציאָנאַלער לעבן פון זיין פאָלק זאָל ניט אָפּגעהאַקט ווערן, מוז ער געבן זיין קינד אַ אידישע דערציאונג.

די וויכטיקייט פון קינדער דערציאונג האָבן אידן אויפגעפּאַסט אפשר אַסך פריער ווי אַנדערע פעלקער. געקומען איז דאָס צו אידן זיכער דערפון, וואָס אידן האָבן שטענדיק געהאַט אַסך גייסטיקע אוצרות און זיי האָבן די אוצרות געוואָלט איבערגעבן צו זייערע קינדער, אַז זייערע קינדער זאָלן עס איבערגעבן צו זייערע קינדער און אַזוי עד סוף כל הדורות. לערנען מיר דאָך שוין אין חומש, אַז אידן זאָלן דעם געבאָט פון ליב האָבן גאָט איינלערנען מיט זייערע קינדער, און אַז זיי זאָלן דערציילן זייערע קינדער פאַרוואָס אידן זיינען אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים. וואָס קינדער דערציאונג האָט אָבער געמיינט פאַר אידן, האָבן מיר געזען אין דעם יאָר 64 פון היינטיקער צייטרעכענונג, דאָס הייסט מיט אַכצן הונדערט און איין און אַכציק יאָר צוריק, ווען דער תנא יהושע בן גמלא האָט איינגעשטעלט אַ דערציאונגס סיסטעם פאַר אַלע אידישע קינדער אין אַלע שטעט און דערפער. דער תלמוד גיט דעם פאַל איבער אויף זייער אַן איינדרוקספולן אופן: „דערפאַר דאַרפן מיר געדענקן צום גוטן דעם מאַן וועמעס נאָמען איז יהושע בן גמלא, ווייל אַדאַנק אים איז די תורה ניט פאַרגעסן געוואָרן ביי אידן. צוערשט פלעגט לערנען תורה אַ קינד וועלכעס האָט געהאַט

אַ פאָטער, אָבער אַ קינד וואָס האָט קיין פאָטער ניט געהאַט האָט ניט געלערנט קיין תורה . . . ביז עס איז געקומען יהושע בן גמלא און האָט איינגעפירט אַז לערער פאַר קליינע קינדער זאָלן זיך געפינען אין יעדער פראָווינץ און אין יעדער שטאָט, און אַז די קינדער זאָלן אָנהויבן לערנען פון זעקס און זיבן יאָריקן עלטער".

עס איז אינטערעסאַנט, אַז אידן האָבן זיך שטענדיק געזאָרגט טאָמער וועט חלילה ביי זיי די תורה פאַרגעסן ווערן. ווען בן גמלא האָט איינגעפירט, אַז עלטערן מוזן שיקן זייערע קינדער לערנען, זיינען די אידן דאָך דעמאָלט נאָך געווען אין ארץ־ישראל. עס איז דאָך געווען די צייט פון תנאים און גרויסע אַקאַדעמיעס פון תורה. אידן האָבן אַפילו אונטער דער רוימישער הערשאַפט געלעבט לויט דעם אידישן לעבנס־שטייגער. דאָס אידישע לאַנד איז דעמאָלט פול געווען מיט תלמידי חכמים און פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך אַלץ געשראָקן טאָמער וועט די תורה פאַרגעסן ווערן. זייער שכר איז טאַקע געווען, אַז די תורה איז ניט פאַרגעסן געוואָרן אין זייער צייט.

די גרויסע באַהויפטונג אַז „נצח ישראל לא ישקר", אַז דאָס אידישע פאָלק איז אייביק, האָט אונז זיכער געבראַכט אַסך נוצן אין פאַרלויף פון אַלע דורות. דאָס האָט געשטאַרקט די אמונה אין די אידישע הערצער, אין די שווערסטע און ביטערסטע צייטן. דאָס האָט געוועקט די האָפענונג, אַז עס וועלן אָנקומען בעסערע צייטן. אין דער דאָזיקער באַהויפטונג ליגט אָבער אויך אַ גרויס געפאַר. אַסך אידן זיינען אַזוי זיכער, אַז דאָס אידישע פאָלק וועט ניט אונטערגיין, אַז זיי טוען גאָרניט כדי דאָס פאָלק צו דערהאַלטן ביים לעבן. דער ריינער אמת איז דאָך אָבער, ווי טרויעריק דאָס זאָל ניט זיין, אַז דאָס אידישע פאָלק גייט יאָ אונטער, אויב מען זאָרגט ניט פאַר דעם אידישן לעבן און ווען מען דערציט ניט די קינדער אויף די אוצרות פון אידישן פאָלק.

וואָס איז געשען מיט דעם בליענדיקן אידישן לעבן אין אַלכסנדריה, איז ער ניט אונטערגעגאַנגען? וואָס איז געשען מיט גרויסע עדות אידן אין איטאַליע, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, דענמאַרק און אַנדערע לענדער, האָבן זיי זיך אַנטוויקלט און געוואָרן גרויס אין צאָלן לויט

דער נאָרמאַלער פּראָפּאָרציע פון דער גאַנצער באַפעלקערונג? האָט דאָך דער רוצח היטלער, ימח שמו וזכרו, אָפּגעציילט אין דייטשלאַנד ביי זיין אַריינקומען אין מאַכט, זעקס הונדערט טויזנט אידן און באַענט צו צוויי מיליאָן אידישע נפשות, וועלכע זיינען געווען אַנטלאָפּענע פון אידישקייט, אָדער פאַרמישט אין דער דייטשער באַפעלקערונג און זיינען געווען בלויז האַלבע, פערטל אָדער אַכטל אידן.

אויפצוהאַלטן אידישקייט איז שטענדיק געווען אַ גאַנץ שווערע אַרבעט. אפשר ליגט עס טאַקע אין דעם אידישן ווערטל „שווער צו זיין אַ איד". דערפאַר האָט טאַקע יעדער אידישער דור געזאָרגט פאַרן אויפהאַלט פון אידנטום. דערפאַר איז טאַקע אידישע דערציאונג ביי אידן דערהויבן געוואָרן צו אַזאַ הויך און דערפאַר האָט יעדע אידישע מאַמע פאַרוויגט איר קינד מיט די האַרציקע ווערטער: „ראָזינקעס מיט מאַנדלען דאָס איז די בעסטע סחורה און מיין קינד וועט לערנען תורה".

אונזער ציוניסטישע אַרבעטער באַוועגונג, ווי שטאַרק זי זאָל זיך ניט אויסצייכענען אין גרויסע אידישע אַקציעס, אויב אָבער זי וועט ניט טאָן איר חלק אויפן געביט פון אידישער דערציאונג, וועט זי האָבן געפעלשט אין איר נאַציאָנאַלער מיסיע. מעגן מיר ריידן וויפל מיר ווילן וועגן „המשך" און „בויען דאָס אידישע לעבן", דאָס וועלן אַלץ זיין פוסטע רייד, אויב מיר וועלן פאַרנאַכלעסיקן דאָס אידישע קינד און אים ניט דערציען צו אידישער תורה און מעשים טובים.

יאָר 1945

די ראָלע פון דעם לערער אין דער מאָדערנער דערציאונג

די פעדאַגאָגישע וויסנשאַפט האָט אין די לעצטע פופציק יאָר געמאַכט אַ גרויסן פאָרשריט אויף פאַרשיידענע געביטן. מיר האָבן היינט אַ רייכע ליטעראַטור איבער די פסיכאָלאָגישע אייגנשאַפטן פון קינד אין זיינע פאַרשיידענע עלטערס. עס זיינען דאָ וויכטיקע פאָרשונגס־אַרבעטן איבער די איינגעבאָרענע נייגונגען, טענדענצן און עמאָציעס פון קינד. מיר פאַרמאָגן היינט באַדייטנדיקע שטודיומס וועגן די לערן־פראָצעסן און די אינטעליגענץ־פיאיקייטן פון קינדער. מיר האָבן אַפילו וויכטיקע מאַטעריאַלן איבער דער יוגנט (אַדאָלעסענס) עפּאָכע און די פאַרשיידענע פיזיש און גייסטיקע אַנטוויקלונגען וואָס יוגנטלעכע מאַכן דעמאָלט דורך. איין פעלד אָבער שטייט נאָך דערוויל ניט גענוג צעאַקערט און ווייניק פאָרזיכט, און דאָס איז יענער שטח וואָס נעמט אַרום דאָס פּראָבלעם פון לערער און זיין שייכות צו דער אַנטוויקלונג פון קינד.

די מערסטע דערציער ווייסן גוט ווי וויכטיק עס איז, אַז די שול־סביבה זאָל זיין אָנגענעם פאַרן קינד. יעדע קינדער־שול זוכט צו האָבן גראַמע, לופטיקע, און זוניקע קלאַס־צימערן, און מען זעט, אַז די מעבל זאָל זיין צוגעפּאַסט צום עלטער פונם קינד. שולן זיינען איבערקלייבעריש מיט די בילדער וואָס זיי הענגען אויף אין די שול קלאַסן. שוין אַ סך יאָרן ווי מען פאָרשט ווי עס דאַרף אויסזען דאָס טעקסט ביכל וואָס אַ קינד נעמט אין האַנט, און וועלכע בילדער עס דאַרפן דאָרטן אַריין. עס זיינען דאָ רעזומעען פון די עקספּערימענטן וואָס זיינען געמאַכט מיט קינדער וועגן דער נוצלעכקייט פון אַ לענגערער אָדער אַ קורצערער שורה אין דעם קינדס טעקסט ביכל, אָדער וועגן דער ראַטזאַמקייט פון גרעסערע אָדער קלענערע אותיות. מען מוז אָבער צוגעבן, אַז עס זיינען דאָ פאַרהעלטנמעסיק גאָר אַ קליינע צאָל פאָרשונגס מאַטעריאַלן וואָס גיבן זיך אָפּ מיט דער ראָלע פון לערער אין דער גייסטיקער

אַנטוויקלונג פונם קינד. מיר האָבן לײדער ניט גענוג בעאָבאַכטונגען וועגן דער השפעה פונם גוטן לערער אויפן קינד, און די שלעכטע פאָלגן וואָס אַ ניט גוטער לערער לאָזט איבער אויף דער אַנטוויקלונג פון אַ קינד.

באַזונדער וואָלטן אַזעלכע שטודיומס זייער וויכטיק געווען היינ־טיקע צייטן אין דער מאָדערנער שול, וואו דאָס קינד ווערט אָפטמאָל אין גאַנצן איבערגעלאָזן אין די הענט פון לערער. אמת, די השפעה פון לערער אויפן קינד איז געווען גענוג גרויס אַפילו אַמאָל אין דער אַלטער שול סיסטעם. דער מלמד אין חדר האָט באַאיינפלוסט דעם כאַראַקטער פון זיינע תלמידים און געווירקט אויף זייערע אייגנשאַפטן. דער מלמד אָדער דער לערער אין דער אַלטער שול־דערציאונג האָט אָבער פאַר זיך שטענדיק געהאַט אַ פעסטגעשטעלטן קוריקולום פון למודים. אין דעם חדר זיינען דאָס געווען אַזעלכע למודים ווי עברי, חומש, רש״י און גמרא. אין דער אַלגעמיינער שול זיינען דאָס געווען אַזעלכע למודים ווי לייענען, שרייבן, רעכענען, געאָגראַפיע און גע־שיכטע. אין דער אַלטער שול האָט דער לערער געמוזט אַוועקגעבן זיין מערסטע צייט אויף אויסצולערנען זאַכן פון ספר אָדער פון ביכל. דער לערער האָט דעמאָלט פשוט ניט געהאַט גענוג צייט אויף צו באַאיינפלוסן אַזויפיל דעם תלמיד. אַנדערש איז אָבער אין דער מאָדער־נער אידישער שול. דאָ זיינען די למודים ניט אַזוי פעסטגעשטעלט. דער מאָדערנער לערער פאַרנעמט דעם פּלאַץ פון אַ דערציער. אויסער די פאַרמעלע למודים, פילט דער מאָדערנער לערער זיין אויפגאַבע צו אויסטייטשן פאַרן קינד דעם זין פון געשעענישן, דערקלערן פאַרן קינד די נייס פון טאָג און די לויפנדיקע פאַסירונגען. ער פייערט מיט די קינדער די ימים־טובים און ער באַאיינפלוסט דאָס קינד אויף אַן עמאָ־ציאָנעלן אופן אָנצונעמען זיינע געדאַנקען און זיינע אידייען. דער מאָדערנער לערער ווערט אַ חבר פונם קינד. ער דערציילט דעם קינד מעשה׳לעך, אָרדנט איין פאַר אים פאַרשיידענע שפּילן און ווירקט אויפן קינדס פאַנטאַזיע. דער מאָדערנער לערער האַלט זיך אַפילו באַ־רעכטיקט צו ווירקן מיט אַלע מיטלען אַז דאָס קינד זאָל אָננעמען זיין אידעאָלאָגיע און זיין גלויבן.

די מאָדערנע דערציאונג האָט שוין לאַנג פעסטגעשטעלט אַז דאָס קינד לערנט ניט אין שול בלויז יענע פּאָרמעלע למודים פאַר וועלכע די שול איז געשאַפן. אַ קינד קומט לערנען לייענען און שרייבן. אָבער אויסער דעם לייענען און שרייבן וועט זיך דאָס קינד גלייכצייטיק לערנען אַזעלכע זאַכן וואָס זיינען גאָרניט אָנגעצייכנט אין פּראָגראַם פון דער שול. דאָס קינד וועט זיך, צום ביישפּיל, לערנען צו זיין פּינקט־לעך אָדער זיין אומפּינקטלעך; צו זיין געהאָרכזאַם אָדער צו זיין ניט געהאָרכזאַם; צו ריידן קלאָר און דייטלעך אָדער צו שלינגען די ווער־טער; צו זיין רואיק און דיסציפּלינירט אָדער צו זיין צעלאָזן און ווילד; צו האָבן קאָרעקטע זיטן אָדער ניט; אָט די זאַכן וועט ער זיך לערנען פון זיין לערער, ווען יענער וועט אים גאָר לערנען לייענען, שרייבן, אָדער ווען ער וועט אים גאָר דערציילן אַ מעשהלע.

אַ לערער, וועלכער שטאַמלט קען זייער אָפט, ניט ווילנדיק, באַ־איינפלוסן אַז די תלמידים זאָלן אויך אָנהויבן שטאַמלען. אַ לערער, וואָס רעדט ניט שאַרף אָדער וואָס רעדט שנעל, באַאיינפלוסט זיינע תלמידים, אומבאַוואוסט, אַז זיי זאָלן אויך אַזוי אָנהויבן ריידן. אַ לערער מיט ספּעציעלע אומאָנגענעמע געוואוינהייטן קען אָפטמאָל באַאיינפלוסן מיט דעם זיינע תלמידים. אַזוי איז דאָס מיט פיזישע און גייסטיקע געוואוינהייטן, און נאָך אין אַ גרעסערע מאָס איז עס ריכטיק מיט אידעאָלאָגישע מיינונגען און אָנשויאונגען פון לערער, וועלכע זיי באַ־ווירקן זייערע תלמידים אָפטמאָל אויך אויף אַן אומבאַוואוסטזיניקן אופן.

דער מאָדערנער לערער מוז דערפאַר גוט וויסן די פּסיכאָלאָגישע אייגנשאַפטן פון אַ קינד כדי צו קענען וויסן זיין אייגענע ראָלע אין דער שול. דער לערער מוז וויסן וואָס פאַר אַן איינדרוק ער קען מאַכן אויף אַ קינד ווען ער קומט אין דער שול אַ פאַרצאָרנטער און אַ ברוגזער. ער מוז וויסן ווי שטאַרק די נאָכמאַכונג־אייגנשאַפט איז איינ־געוואָרצלט אין קינד. ער דאַרף זיין באַקאַנט מיט דער אינסטינקטיווער קוריאָזיטעט־אייגנשאַפט פונם קינד, און דאַרף וויסן ווי נייגעריק קינדער זיינען אויסצוגעפינען אַלץ וואָס זיי קענען וועגן דערוואַקסענע אַרום זיי, און איבערהויפּט וועגן אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט זייער

לערער. אַלע קינדער אָן אויסנאַם, זוכן צו געפינען אין זייער לערער דעם מענטשן, וואָס איז פערפעקט אין זיינע האַנדלונגען און אייגנשאַפטן.

אין אַזאַ שול סיסטעם ווי אין אונזערע פאָלק שולן, וואָס האָט אַלס איר הויפט אויפגאַבע די אידישע דערציאונג פונם קינד, איז דורכאויס וויכטיק, אַז מען זאָל וויסן וואָס מער וועגן דעם לערער וואָס מען נעמט אַריין אין דער שול. דאָ פאָדערט זיך ניט נאָר, אַז דער לערער זאָל האָבן די נויטיקע ידיעות, און די פאַסיקע פערזענלעכקייט, נאָר דאָ איז אויך דורכאויס נויטיק, אַז דעם לערערס אנשויאונגען זאָלן זיין אין גאַנצן אין האַרמאָניע מיט די אידייען פון דער שול־סיסטעם. אינגערע קינדער פאַרשטייען טאַקע ניט דעם פולן זין פון זייערע למודים, זיי ווערן אָבער באַאיינפלוסט פון דעם עמאָציאָנעלן אופן ווי דער לערער גיט זיי איבער די דאָזיקע למודים. אַן אויפריכ־טיקער, וואַרימער אַפיל פון אַ לערער, באַאיינפלוסט די קינדער צו טאָן און אַפילו ליב צו האָבן זאַכן, וועלכע זיי אַליין פאַרשטייען נאָך ניט מיט זייער שכל. די נויטווענדיקייט צו קעמפן אַנטקעגן אומגע־רעכטיקייטן און דעם דראַנג פאַר מסירת־נפש, נעמען קינדער אָפטמאָל אויף בלויז דערפאַר, ווייל זיי זיינען באַגייסטערט געוואָרן פון זייער לערער. אָבער, כדי אַ לערער זאָל קענען צו די קינדער ברייגנען אָט די באַגייסטערונג, מוז ער אַליין דאָס דורכלעבן, דורכפילן און אין דעם אַליין גלויבן. קינדער דערפילו שוין זייער אָפט ווען דער לערער איז אויפריכטיק אין די זאַכן וואָס ער רעדט צו זיי, אָדער ער טוט עס בלויז אויף אַ מעכאַנישן אופן.

אונזער שול סיסטעם וואָס וויל, אַז אירע געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן זאָלן איבערגענומען ווערן פון די קינדער, מוז האָבן אַזעלכע לערער, וואָס גלויבן אַליין אין די דאָזיקע אידעאַלן.

דערפאַר, ווייל די ראָלע פון דעם לערער אין דער מאָדערנער דערציאונג איז אַזוי גרויס, מוז עס דער לערער וויסן, און ער דאַרף זיין גוט צוגעגרייט פאַר זיין פאַראַנטוואָרטלעכער אויפגאַבע. די שול־פאַרוואַלטונגען, פון זייער זייט, דאַרפן ניט נאָר זאָרגן פאַר דעם, אַז זיי זאָלן קריגן די גוטע לערער פאַר זייערע שולן, נאָר זיי דאַרפן זען שאַפן יענע באַדינגונגען פאַרן לערער, אַז ער זאָל זיין פיזיש און גייס־

טיק רואיק צו קענען אָנגיין מיט זיין שול־אַרבעט. די שול־פאַרוואַל־טונגען מוזן אַוועקנעמען יענע זאָרגן און אומבאַקוועמלעכקייטן וואָס האַלטן דעם לערער אין אַן אומרואיקן און אויפגערעגטן צושטאַנד. מיר מוזן דאָס אַלץ טאָן, כדי דאָס קינד אין דער שול זאָל דערצויגן ווערן צו זיין געזונט פיזיש און גייסטיק. מיר קענען אַסך מיטהעלפן, אַז דאָס קינד זאָל אויסוואַקסן מיט פאַסיקע און שיינע מידות און נייגונגען, און דאָס קינד זאָל אַרויסקומען פון שול גוט באַוואָפנט פאַרן שווערן קאַמף וואָס דאָס לעבן האָט פאַר אים שוין צוגעגרייט.

ווי זאָלן מיר זיך באַציען צום בר־מצוה יום טוב

(אַ רעפעראַט געהאַלטן אויף דער שול־קאָנפערענץ אין פילאַדעלפיע)

צווישן די פאַמיליע ימים־טובים פאַרנעמט היינט דעם יום־טוב בר־מצוה אַ גאַנץ אָנגעזעענעם פּלאַץ. דער דאָזיקער יום־טוב וועלכער איז נאָך פאַרהעלטניסמעסיק גאַנץ יונג, האָט ער זיך אָבער שוין טיף איינגעוואָרצלט אין אידישן לעבן. ער פאַרמאָגט אַ רייכן רעליגיעזן ריטואַל, ער איז פאַרבונדן געוואָרן מיט די מצוות: תפילין, הפטורה און עולה לתורה זיין און ער ווערט אָפּגעהיט ווי אַ וויכטיקער רעלי־גיעזער יום־טוב. אויסער דעם צערעמאָניאַל וואָס ווערט דורכגעפירט אין שול אָדער טעמפּל, ווערט דער יום־טוב פאַרגעזעצט מיט געבן מתנות דעם בר־מצוה און מיט אַ מאָלצייט און סעודות אין דער היים פאַר דער פאַמיליע און פאַר פריינט.

אַז דער אינטערעס פון עלטערן איז גרויס צו דעם יום־טוב בר־מצוה, קענען דאָס אויך באַשטעטיקן די לערער און טוער פון די מאָדערנע שולן. די לערער ווייסן ווי פרי די עלטערן הויבן זיך שוין אָן צו זאָרגן וועגן דער בר־מצוה פון זייער אינגל. שוין באַלד ביים אַריינגעבן אַ אינגל אין שול, ווען דאָס קינד איז נאָך זייער יונג, זיינען שוין דאָ אַזעלכע עלטערן וואָס פרעגן ניט וועלכע למודים מען לערנט אין דער שול; זיי פרעגן אָבער יאָ, צי וועט מען צוגרייטן דעם אינגל צו בר־מצוה.

די בר־מצוה פּייערונג איז לעצטנס געוואָרן אַ גאַנץ ערנסטע פּראָבלעם אין דער מאָדערנער אידישער שול. דעם ענין קען מען ניט איגנאָרירן, ווייל אַפילו ראַדיקאַלע עלטערן האָבן אָנגעהויבן פּראַווען די בר־מצוה פון זייערע אינגלעך און טאָקע אויף דעם אַלטן נוסח. ס׳זיינען דאָ פאַלן, וואו די אינגלעך אַליין זיינען זיך מתקנא אין זייערע חברים און זיי פאַרלאַנגען פון די עלטערן, אַז מען זאָל פאַר זיי מאַכן אַ יום־טוב מיט אַ צערעמאָניע. אין אַ סך שולן שאַפט זיך אָפטמאָל די פּיינלעכע לאַגע, וואָס מען נעמט אַרויס דאָס אינגל פון 12 יאָר

און העכער פון שול און מען שיקט אים אַוועק צו אַ מלמד אַז ער זאָל אים לערנען די בר־מצוה.

עס זיינען דאָ אַ סך פאַלן, וואָס מען נעמט דאָס אינגל ניט אַרויס פון פאָלקשול, אָבער מען הויבט אים אָן צו שיקן גלייכצייטיק צו אַ מלמד וואָס זאָל אים צוגרייטן צו דער בר־מצוה. דאָס קינד הויבט פּלוצים אָן צו קריגן אַ טאָפּלטע דערציאונג פון אַ לערער און אַ מלמד צוזאַמען.

די ווירקונג פון אַזאַ טאָפּלקייט און אַנטקעגנגעזעצטקייט אין דער דערציאונג מוז זיך אָפּרופן שווער אויפן קינד. אַזעלכע פאַלן ענדיקן זיך מערסטנס מיט דעם וואָס נאָך דער בר־מצוה קומט שוין דאָס אינגל אין גאַנצן ניט צוריק אין דער פאָלקשול.

שוין אַ גאַנץ היפּשע צייט ווי מיר האָבן באַמערקט די דאָזיקע דערשיינונג אין אונזער דערציאונג, אָבער מיר האָבן געשוויגן. עס זיינען נאָך אַלץ דאָ אַ סך לערער און טוער, ביי וועמען עס גילט דער פּרינציפּ פון „יהרג ואל יעבר״. מעג מען אַפילו אָנווערן דאָס קינד אָבי די בר־מצוה אין פאָלקשול ניט אַריינלאָזן. די דאָזיקע לערער און שול־טוער, האָבן, ערשטנס, פאַרזען דעם פאַקט, אַז דער בר־מצוה יום־טוב איז דורך זייער האַנדלונג ניט אָפּגעשטעלט געוואָרן. אומדירעקט טראָגן זיי אַליין אַריבער דעם קינדס יום־טוב אין דער רעליגיעזער שול. זיי ברענגען צו דעם, אַז דאָס אינגל, וועלכער איז דערצויגן געוואָרן אין אַ פאָלקשול, אין אַ אידיש־נאַציאָנאַלן און וועלטלעכן גייסט, זאָל מיט אַמאָל אַריבערגיין אין אַ שטרענג רעליגיעזער אַט־מאָספערע. ביים בעסטן אופן קען דאָך דאָס אינגל ניט געפינען אין די ברכות און הפטורה דעם אויסדרוק פון זיין פריערדיקער דערציאונג. אין אַזאַ פאַל איז די שוועריקייט ניט נאָר אין דעם וואָס דאָס אינגל האָט ניט קיין אמתן יום־טוב, נאָר וואָס ער דאַרף דורכמאַכן אַ צערע־מאָניאַל צו וועלכן ער איז ניט דערצויגן געוואָרן און וואָס איז אים פרעמד לויט דעם גייסט, וואָס ער האָט באַקומען אין זיין פאָלקשול. אַזאַ צערעמאָניאַלער יום־טוב, ווען ער ווערט אַרויפגעצוואונגען אויפן קינד, איז עלול אַריינצוברענגען אַ ריס אין דער פּערזענלעכקייט פון

קינד און שעדיקן זיין איינהייטלעכן קוק אויפן לעבן, וועלכן ער האָט באַקומען פאַר די אַלע יאָרן, וואָס ער האָט באַזוכט די שול.

דער ענין בר־מצוה איז דערפאַר אויך אַ פּעדאַגאָגישע פּראָבלעם, וועלכע מיר דאַרפן באַגעגענען פיל ערנסטער ווי מיר טוען עס איצט. מיר דאַרפן זיך אָנהויבן מער פאַרטיפן אין דעם מהות פון דעם יום־טוב און פאַרשטיין זיין אָפּשטאַם און אַנטוויקלונג. לאָמיר זיך ראשית כל אויפהערן שרעקן פאַר זיין רעליגיעזן כאַראַקטער. מיר האָבן גוטע אורזאַכן צו גלויבן, אַז דאָס איז אַן אוניווערסאַלער קינדער־יום־טוב, וואָס ווערט געפייערט צו דער געלעגנהייט פון קינדס רייף־ווערן, צו זיין פובעריטעט. אַפילו פּרימיטיווע שבטים האָבן שוין אויך באַמערקט די ענדערונגען וואָס קומען פאָר אין דעם קינד אין דעם עלטער און זיי האָבן עס פאַרבונדן מיט געוויסע צערעמאָניעס, וואָס האָבן באַדאַרפט שטאַרקן דאָס קינד און פאַרבינדן אים ענגער מיט דער געזעלשאַפט.

אָבער איידער מיר מאַכן אונזער אויספיר, ווי אַזוי מיר זאָלן זיך באַציען צו דעם יום־טוב, איז וויכטיק אַז מיר זאָלן זיך מער און ערנסטער באַקענען מיט די פאַקטן, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער אַנטוויקלונג און מאָטיוון וואָס האָבן דעם דאָזיקן יום־טוב אַרויסגערופן אין לעבן.

בר־מצוה לויט אידישע ספרים

לויט די עלטערע רעליגיעזע ספרים איז גאָר ניטאָ אַזאַ יום־טוב ווי בר־מצוה. „בר־מצוה״ איז ניט קיין נאָמען פון אַ יום־טוב, נאָר דאָס איז אַ טערמין, וואָס באַצייכנט דעם דרייצניאָריקן עלטער פאַר אַ אינגל. לויטן דין, איז דאָס אינגל ביז דרייצן יאָר, ניט פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר פרומקייט און ער וועט ניט באַשטראָפט ווערן פאַר זאַכן, וואָס ער האָט געדאַרפט טאָן און האָט ניט געטאָן, אָדער פאַר די זאַכן, וואָס ער האָט ניט געדאַרפט טאָן און ער האָט זיי יאָ געטאָן. אָבער אין דעם ערשטן טאָג פון דעם פערצנטן יאָר, ווערט ער שוין יאָ פאַראַנטוואָרטלעך פאַר רעליגיעזע מעשים. בר־מצוה מיינט פשוט אַז דאָס אינגל ווערט פאַר דער רעליגיע אַ דערוואַקסענער, פאַראַנטוואָרטלעכער איד.

אין דער אַלטער רעליגיעזער ליטעראַטור זיינען דאָ נאָך צוויי

טערמינען וואָס באַצייכענען דעם עלטער. איין טערמין איז „גדול". דאָס הייסט, אַז אין דעם ערשטן טאָג אויף דעם 14טטן יאָר, ווערט דאָס אינגל בנוגע דעם רעליגיעזן לעבן אַ גרויסער, אַ דערוואַקסענער. דער צווייטער טערמין איז „בר עונשין", דאָס מיינט אַז דאָס אינגל ווערט אויפן ערשטן טאָג פון 14טן יאָר פאַראַנטוואָרטלעך ביז באַ־שטראָפט צו ווערן פאַר ניט היטן רעליגיעזער אידישקייט. דאָס איז דער זין פון מאמר שמואל הקטן אין פרקי אָבות: „בן שלש עשרה למצוה". דאָס אינגל דאַרף זיך פירן ווי אַ רעליגיעזער איד און אַפילו דורכפירן די נדרים וואָס ער מאַכט. אַפילו די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס דער פאָטער האָט צו דערציען זיין זון ענדיקט זיך דאָס אויך מיטן סוף פון דרייצנטן יאָר. גלייך מיטן אָנהויב פון פערצנטן יאָר איז שוין דאָס אינגל זעלבסטשטענדיק אויף אַזוי ווייט, אַז ער ווערט אַליין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיין אייגענער דערציאונג און האַנדלונג [1].

דאָס זיינען אין קורצן די הויפּט־פּאַקטן פון דער לעגאַלער זייט פון דעם עלטער פון דרייצן יאָר, פון ווערן בר־מצוה לויטן אידישן דין. אין די ספרים ווערט אָבער זייער ווייניק דערמאָנט וועגן אַזאַ

1) אר"א צריך אָדם להטפל בבנו עד י"ג שנה, מכאן ואילך צריך שיאמר ברוך שפטרני מעונשו של זה (מדרש רבה, פס"ג). דער זין פון דער ברכה ברוך שפטרני איז, וואָס דער פאָטער דאַנקט וואָס ער ווערט באַפרייט פון זיין קינדס דערציאונג, וואָס ער איז מחויב אָפּצוהיטן ביז דאָס אינגל ווערט דרייצן יאָר אַלט. קיין אַנדער שטראָף קען דאָך דער פאָטער ניט האָבן צוליבן אינגל. דאָס אינגל אַליין איז דאָך פּטור פון מצוות ביז זיין 14טן יאָר. אמת, עס איז פאַראַן נאָך אַ ילקוט, וואָס זאָגט: „עד י"ג שנה בן לוקה בשביל אָביו" (ילקוט רות). דאָס מיינט, אַז דאָס אינגל ווערט גאָר ביז זיין 14טן יאָר באַשטראָפט פאַר דעם פאָטערס זינד. זאָל דאָס מיינען, אַז דער פאָטער דאַנקט דערפאַר וואָס דאָס קינד וועט אויפהערן געשטראָפט צו ווערן צוליב זיינע זינד?

אפשר קען די אגדתא דערקלערן דעם זין פון דער ברכה ברוך שפטרני:

„האָב מזכה לבנו בנוי, בכח, בעושר, בחכמה ובשנים — — — —

וכשם שהוא מזכה לו בחמשה דברים, כך הוא חייב לו בחמשה דברים, ואלו הן מאכל ומשקה מלביש מנעיל מנהיג". (פ"ב עדיות; עיין ירושלמי, פרק ק' דקידושין).

דער פאָטער באַשיינקט זיין זון מיט פינף זאַכן: מיט שיינקייט, מיט כוח, מיט רייכקייט, מיט חכמה און מיט יאָרן. דערפאַר איז ער אים אויך שולדיק פינף זאַכן און דאָס זיינען: עסן, טרינקען, קליידן, שוכן און דערציאונג. אויב ביי דרייצן יאָר ווערט דער פאָטער פון דעם אַלץ באַפרייט, קען זיין אַז דאָס זאָל זיין דער טעם פון ברוך שפטרני.

זאַך, ווי מאַכן אַ יום־טוב לכבוד דער פּאַסירונג. אין איין ספר ווערט יאָ דערמאָנט, אַז מען מאַכט עפּעס אַ סעודה לכבוד בר־מצוה, איז דאָס אָבער אַ ספר, וועלכער איז אויפגעקומען אין 16טן יאָרהונדערט, ווען דער מנהג האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן אין די אידישע קהילות [2].

דער באַרימטער געלערנטער ד״ר לעאָפּאָלד ליאָוו דערקלערט [3], אַז דער בר־מצוה יום־טוב איז ערשט אויפגעקומען אין 14טן יאָרהונדערט ביי די דייטשע אידן און ביז דעמאָלט האָט מען ניט געוואוסט פון אַזאַ יום־טוב. מיר געפינען אָבער ניט קיין מאַטעריאַל ווי אַזוי דער יום־טוב איז געפייערט געוואָרן, אויב ער איז בכלל געפייערט געוואָרן. ערשט אין אָנהויב פון 19טן יאָרהונדערט האָבן די רעפאָרמירטע קהילות אָנגעהויבן איינפירן אין זייערע טעמפּלען דעם דאָזיקן יום־טוב. זיי האָבן אָבער פאַרביטן דעם נאָמען „בר־מצוה״ אויף דעם קריסטלעכן נאָמען „קאָנפערמיישאָן״. צוערשט איז די „קאָנפערמיישאָן״ אין די טעמפּלען דורכגעפירט געוואָרן דעם שבת אידער דאָס אינגל איז אַלט געוואָרן 14 יאָר און די צערעמאָניע איז דורכגעפירט געוואָרן בלויז פאַר אינגלעך אַליין, אָבער אין יאָר 1831 האָט סעמועל עגערס אין דייטשלאַנד איינגעפירט „קאָנפערמיישאָן״ פאַר אינגלעך און אויך פאַר מיידלעך, וואָס זיינען אַלט געוואָרן 13 יאָר און דער יום־טוב איז דורכגעפירט געוואָרן פאַר אַלע קינדער מיט אַמאָל. אין אָנהויב אין ביי זיי ניט געווען קיין באַשטימטער שבת פאַר בר־מצוה, אָבער ביסלעכווייז האָבן זיי איינגעפירט צו פראַוון די אַלגעמיינע בר־מצוה פאַר אַלע קינדער אין ערשטן טאָג שבועות, דער טאָג, וואָס סימבאָליזירט מיט זיך דעם מתן־תורתנו. די פּראָגראַם פון דער „קאָנפער־מיישאָן״ איז די: דער לערער אָדער דער ראַבּיי גרייט צו די קינדער צו דער „קאָנפערמיישאָן״. ער לערנט מיט די קינדער די הויפּט־פונדאַמענטן פון דער אידישער רעליגיע און די באַטייטונג פון דער

---

2) ויגמל, חד אָמר מיצר הרע וחד אָמר מחלבו, ויעש משתה גדול, גדול עולמים היה שם (לויט אַנדערע מדרשים ווערט דער אינגל אַנטוואוינט פון יצר הרע צו דרייצן יאָר — צו בר־מצוה. אויך איז דאָ אויף דעם אַ רמז אין זהר החדש, אויפן פסוק „ויהיו מאורות ברקיע השמים״. (מדרש רבה.)

3) לעאָפּאָלד ליאָוו — „לעבנס־אַלטער״.

„קאָנגרעגיישאָן". שבועות ברענגט מען די קינדער אין טעמפל. זיי ווערן אויף אַ זייער פייערלעכן אופן איינגעשוואָרן אַלס מיטלידער אין דעם אידישן גלויבן און אין דער אידישער קהלה. די דאָזיקע „קאָנ־פערמיישאָנס" צייכענען זיך אויס מיט כאָר־ און אָרגל־געזאַנג און מיט אַ סך אַנדערע פייערלעכקייטן.

די רעליגיעזע וועלט האָט אין אָנהויב שטאַרק באַקעמפט די רע־פאָרמער מיט זייער בר־מצוה איינפירונג. מען האָט געטענהט, אַז אַזאַ בר־מצוה איז ניט אין אידישן גייסט. אַ אידיש קינד, האָבן זיי געזאָגט, דאַרף מען ניט אַריינעמען אין דעם אידישן גלויבן, נאָר דאָס קינד ווערט אַריינגעבאָרן אין אידישן גלויבן, אַז עס איז אַ „מושבע ועומד מהר סיני". דאָס הייסט, אַז דעם אידישן גלויבן האָט דאָס אידישע קינד אויפגענומען נאָך איידער עס איז געבאָרן געוואָרן און דערפאַר איז אין גאַנצן פאַלש דער גייסט פון דער בר־מצוה „קאָנפערמיישאָן".

עס איז וויכטיק צו וויסן, אַז אַפילו די הויפט דריי רעליגיעזע אויפגאַבן, וואָס פרומע אידן האָבן לעצטנס פאַרבונדן מיט דער בר־מצוה, נעמלעך — 1) דאָס וואָס דאָס אינגל הויבט אָן צו לייגן תפילין; 2) וואָס מען רופט אים אויף צו דער תורה, און 3) וואָס ער לייענט די הפטורה. אַפילו אָט די דריי וויכטיקסטע רעליגיעזע אויפגאַבן זיינען פאַרבונדן געוואָרן מיט דער בר־מצוה ערשט אין די לעצטע פאַר הונדערט יאָר. די אויפגאַבע צו לייגן תפילין קען זיך לויטן אידישן דין אָנהויבן אַ סך פריער ווי דעם 13טן יאָר [4].

אויך די צווייטע און דריטע אויפגאַבע, דאָס אויפרופן צו דער תורה און לייענען די הפטורה, איז אויך אַ מאָדערנער איינפיר אין דער לעצטער צייט. די עלטערע פוסקים דערמאָנען עס טאַקע מיט די ווערטער: „ועכשיו נוהגין". דאָס מיינט, אַז ערשט לעצטנס האָט מען

---

4) קטן היודע לשמור תפילין אָביו חייב לקנות לו תפילין ולחנכו (אור החיים, הלכות תפלין, ל"ז). הרב משה אישערליש, דער רמ"א, אין זיין פירוש דרכי משה באַמערקט קלאָר: „והמנהג כדברי בעל העיטור, שאין הקטנים מניחין תפילין עד שיהא בר מצוה דהיינו בן י"ג ויום אחד. אָבער אויך אין קיצור שלחן ערוך איז קלאָר דערמאָנט „ועכשיו נתפשט המנהג שמתחיל הקטן להניח תפילין ב׳ או ג׳ חדשים קודם שנעשו לו בן שלש עשרה שנה. (קיצור שולחן ערוך).

איינגעפירט, אַז די אויפגאַבן זאָלן זיך אָנהויבן צו דער בר־מצוה. פרומע עלטערן פלעגן שוין איינגעוואוינען זייערע קינדער צו די מצוות אַרום דעם 11טן און 12טן יאָר [5-6]).

פון אַ ריין־רעליגיעזן שטאַנדפונקט איז קיין באַטייטנדיקע זאַך ניט פאַרבונדן מיט אַ בר־מצוה יום־טוב. אַזעלכע ספרים ווי דער „שולחן־ערוך" און אַנדערע דערמאָנען גאָרניט אַז עס עקזיסטירט אַזאַ זאַך ווי אַ בר־מצוה פייערונג.

פון דעם אַלעמען זעען מיר, אַז דער בר־מצוה יום־טוב איז גאָר ניט פאַרוואָרצלט אין דעם רעליגיעזן באָדן, און די פרומע ספרים און געזעצן פאָדערן גאָר ניט אַז מען זאָל אַזאַ יום־טוב פייערן. דאָ באַווייזט זיך בלויז דער פאַקט, אַז אַפילו אין די שפּעטערדיקע צייטן האָט די אידישע רעליגיע נאָך אַלץ פאַרמאָגט דעם שאַרפן חוש און פייאיקייט צו קענען פאַרוואַנדלען אַן אוניווערסאַלן יום־טוב, דורך אַ נייעם אינ־האַלט, אין אַ אידיש־רעליגיעזן יום־טוב. אידישע רעליגיעזע פירער אין די לעצטע עטלעכע הונדערט יאָר האָבן גענומען אַ קינדער־יום־טוב, וועלכער האָט געטליעט אין פאָלק, וועלכער איז טיילווייז אָפּגעהיט געוואָרן פון אַנדערע פעלקער און איז געפייערט געוואָרן אַפילו ביי די פּרימיטיווע שבטים און זיי האָבן אים איינגעוויקלט אין די פאַנטאַסטיש־מיסטעריעזע קליידער פון גלויבן. זיי האָבן דעם יום־טוב אַריינגענומען אין שול, האָבן אים פאַרבונדן מיט שבת און תורה און האָבן פון אים געמאַכט אַן אָנציענדן רעליגיעזן יום־טוב פאַר דעם צאַרטן דרייצן־יאָריקן אידישן אינגל. זיי האָבן עס אויך אַלס רעליגיעזע פירער, פאַרבונדן דעם יום־טוב מיטן טאָג וואָס דאָס אינגל ווערט אַ מחויב במצוות און האָבן עס אַ נאָמען געגעבן בר־מצוה.

לאָמיר איצט זען אויף ווי ווייט דער יום־טוב איז אוניווערסאַל און אויך וואָס עס זיינען די פיזישע און פסיכאָלאָגישע גרונדלאַגן פאַר אַזאַ קינדער־יום־טוב.

---

5) מאימתי הוא קורא בתורה, ח"א עד שהוא יודע לברך, ח"א עד שיודע למי כ"ד מברכין (ילקוט אליעזר ס"ב).

6) קטן שהגיע לחינוך שיודע למי מברכין ויודע לחתוך את האותיות בטוב עולה למפטיר בשבת ויום טוב (קיצור שלחן ערוך כ"ג).

וואָס זיינען די ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין קינדער אין דעם עלטער פון בר־מצוה?

אין דער עפּאָכע, וואָס מיר רופן אָן „אַדאָלעסענס" — אין דעם עלטער פון דרייצן יאָר און העכער, לעבט דאָס קינד איבער — לויט פאַרלעסלעכע פאָרשונגען פון געלערנטע — אַ סך פיזישע און גייסטיקע ענדערונגען. די פיזישע ענדערונגען באַשטייען אין דעם, וואָס דער קערפּער וואַקסט אין דעם עלטער אַ סך שנעלער ווי ביז אַהער, קריגט מער וואָג, און שטאַרקערע מוסקולן. דאָס בלוט ווערט רייכער, דער בלוט־דרוק ווערט העכער און די מידקייט ווערט אַלץ וויניקער. דאָס אינגל און דאָס מיידל ווערן אין דעם עלטער געשלעכטלעך רייף. מאַנכע פּסיכאָלאָגן דריקן זיך אויס, אַז אין דעם עלטער ווערט דאָס קינד „ניי־געבוירן".

די פּסיכישע ענדערונגען, וואָס טרעטן ביסלעכוויז אַריין אין דעם לעבן פון דעם אינגל און מיידל, באַשטייט אין דעם, וואָס געוויסע אימפּולסן און אינסטינקטן, וועלכע זיינען ביז אַהער געווען אין זיי איינגעשלאָפן, וואַכן אויף צום לעבן. דאָס אינגל און דאָס מיידל דערפילן אין זיך נייע פאַרלאַנגען און ווייסן אָפטמאָל ניט ווי די פאַרלאַנגען זיינען צו זיי געקומען. עמאָציאָנעלע אויפברויזן הויבן זיך אָן ביי זיי צו טרעפן אָפטער ווי פריער. דאָס אינגל אָדער דאָס מיידל ווערן אָפטער אין כעס, און ווערן פּלוצים אומרואיק וועגן זאַכן, וואָס האָבן זיי ביז אַהער גאָר ניט אינטערעסירט. קינדער פון דעם עלטער דערגרייכן שוין באַלד צו זייער גאַנצער איינגעבאָרענער אינטעליגענץ. זיי פאַר־שטייען די נייע סיטואַציעס, וואָס רינגלען זיי אַרום, זיי האָבן אָבער נאָך ניט די נויטיקע דערפאַרונג און ווייסן ניט ווי זיך צופּאַסן צו דער נייער סביבה וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן צו אַנטדעקן. קינדער פון דעם עלטער ווייזן אָפט אַרויס אַן איבערגעטריבענעם שטאָלץ. זיי זוכן אָפט אַרויסצואווייזן זיך ווי העלדן. זיי פאַנטאַזירן אַז זיי קענען אויפטאָן פיל געוואַגטע זאַכן. אין דעם עלטער, ווייזן אָן געלערנטע, נויטיקן זיך די קינדער אין דערמוטיקונג און אין אָנערקענונג. קינדער דאַרפן זיך איבערצייגן, אַז מען פאַרטרויט זיי שוין איצט מער ווי פריער, אַז מען רעכנט זיך מיט זיי און אַז מען אָנערקענט זיי שוין אַלס גלייכע, אַלס

דערוואַקסענע מענטשן. אַזאַ אָנערקענונג ווירקט פּסיכיש אויף די קינ־דער פון דעם עלטער, אַז זיי זאָלן אַוועקגיין פון זייער קינדערישקייט, זיי זאָלן דערפילן, אַז זיי גייען אַרויס פון דער קינדהייט צו דער עפּאָכע פון יוגנט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

ווי פייערן פרימיטיווע פעלקער דעם יום־טוב פון רייף־ווערן פון זייערע קינדער?

פרימיטיווע שבטים אין פאַרשיידענע וועלט־טיילן שענקען גרויס אויפמערקזאַמקייט צו דעם רייף־ווערן, צו דער פּוּבּירעטעטס־צייט פון זייערע אינגלעך און מיידלעך. פון זייערע צערעמאָניעס און מנהגים זעען מיר, אַז זיי באַגריסן די פיזישע און פּסיכישע ענדערונגען, וואָס עס קומען פאָר אין קינדער פון דעם עלטער פון צוועלף, דרייצן, פערצן יאָר און העכער. ביי די פרימיטיווע שבטים פון אַפריקע און אויסטראַ־ליע ווערט די מערסטע אויפמערקזאַמקייט געשאָנקען צו די אינגלעך פון דעם עלטער; פאַרקערט ווידער, ביי די פאַרשיידענע שבטים פון די אַמעריקאַנער אינדיאַנער ווערט די אויפמערקזאַמקייט מערסטנס געשאָנקען צו די מיידלעך פון דעם עלטער. די שבטים פירן דורך די צערעמאָניעס אויף פאַרשיידענע אופנים. אין מאַלעניסיע, צום ביישפּיל, פירט זיך אַזוי: דער פאָטער ברענגט דעם אינגל צו זיין פעטער פון דער מאַמעס צד. דער אינגל פאַרבלייבט ביים פעטער און לערנט זיך ביי אים די וועגן פון שבט. איידער די צערעמאָניעס הויבן זיך אָן ווּיקלט מען דעם אינגל איין אין אַ ראָגאָזשע, זיין פּנים מאַכט מען טונקל מיט איבערגעברענטע קאָקאָ־ניס און מען זאָגט אים אָן, אַז ער מוז זיין רואיק און ערנסט, ווייל ער פאַרענדיקט זיין קינדהייט און ער ווערט אַריינגענומען אין דער סביבה פון דערוואַקסענע. אויפן צווייטן טאָג פראַוועט מען סעודות און אַנדערע צערעמאָניעס.

אין די אינדאַמאַנער אינזלען ווערט צו דער געלעגנהייט דורכגע־פירט די פאָלגנדע צערעמאָניע: די מאַמע, שוועסטער און אַנדערע פריינד קלייבן זיך אין דעם טאָג פון דער צערעמאָניע אַרום דעם אינגל. זיי וויינען און בעטן זיך ביים אינגל, אַז ער זאָל אַוועקוואַרפן זיינע קינדערישע שטיק, ער זאָל אַוועקוואַרפן דאָס שפּילן זיך מיט קינדער

און ער זאָל דערפילן, אַז ער איז אַ גרויסער. נאָכדעם קומען פאַר נאָך צערעמאָניעס, סעודות און געזאַנג.

אין סאַוט-ווײלס קלײַבן זיך אין דעם טאָג פון דער צערעמאָניע צונויף אַלע פרויען אין אַ קרײַז און טאַנצן. די מוטער קומט אָן מיט איר צוועלף- אָדער דרײַצן-יאָריקן אינגל און בעט, אַז מען זאָל אים אַרײַננעמען אין ראָד. אין אָנהויב זאָגן זיך אָפּ די פרויען דאָס צו טאָן, ביז זי פועל'ט עס און מען נעמט דעם אינגל אויך אַרײַן אין ראָד. דאָס אַרײַננעמען דעם אינגל אין ראָד איז בײַ זײ אַ צײכן, אַז דאָס אינגל איז אַרויס פון דעם רשות פון די עלטערן און איז אַרײַן אין רשות פון גאַנצן שבט.

ווי מיר זעען איז דער זין פון די אַלע צערעמאָניעס בײַ די פרימיטיווע שבטים צו באַאײַנפלוסן דעם אינגל אָדער מײדל, אַז זײ זאָלן וויסן, אַז זײ ווערן אויס קינדער און זײ נעמען אויף זיך פאַראַנטוואָרטלעכקײטן פון גרויסע. מען זוכט צו מאַכן די קינדער צו פילן, אַז זײ גײען אַרויס פון רשות פון דער מוטער-דערציערין און זײ גײען אין דעם עלטער אַריבער אין רשות פון גאַנצן שבט, און זײ דאַרפן לעבן ווי דער שבט לעבט; זײ דאַרפן זיך אָנהויבן אויסטויגן צום יאַגד, כאַפּן קלײנע חיות און זײַן אַזוי קריגעריש און העלדיש געשטימט ווי דער גאַנצער שבט. אײנער פון די הויפּט-פונקטן בײַ אַזעלכע צערעמאָניעס איז אויך דאָס, וואָס מען באַטאָנט פאַר די קינדער, אַז זײ זײַנען שוין געשלעכטלעך רײַף. נאָך אַזעלכע צערעמאָניעס ווערן געשלאָסן שידוכים פאַר די קינדער.

געלערנטע און פאָרשער פון דעם לעבן פון פרימיטיווע פעלקער, ווי דזשײ. דזשײ. פרײזער, ב. ספּענסער און אַנדערע, ווײַזן אָן [7], אַז די דאָזיקע צערעמאָניעס האָבן אַ שטאַרקע ווירקונג אויף די פרימיטיווע קינדער. דאָס שטאַרקט די שײַכות פון אינגל צו זײַן שבט. די צערעמאָניעס און פײַערלעכקײט, וואָס מען שענקט צום קינד, ווירקט אויף אים, אַז ער זאָל מער פאַרבונדן ווערן מיטן שבט און זײַן מאָראַל.

---

7) Frazer, J. G., The Golden Bough (Macmillan, New York, 1922). Spencer, B., and Gillen, E. J., The Northern Tribes of Central Australia (Macmillan, London, 1904).

געוויסע צערעמאָניעס פאַר קינדער פון דעם עלטער
אין פאַרשיידענע צייטן

די קאַטוילישע און אויך די פּראָטעסטאַנטישע קירכן האָבן דורכגעפירט אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן „קאָנפערמיישאָן"־צערעמאָניעס פאַר קינדער צו זייער זיבעטן און פערצנטן יאָר. די דאָזיקע צערעמאָניעס ציען זיך ביי זיי ביז צום 1טן יאָרהונדערט, ביז צו די אַפּאָסטאָלן. די קירך האָט געגלויבט, אַז קינדער פון דעם עלטער זיינען סוגעסטיוו און צערעמאָניעס מאַכן אויף זיי אַ שטאַרקן איינדרוק. דורך דער „קאָנפערמיישאָן" האָט מען געזוכט צו באַאיינפלוסן די קינדער פון דעם עלטער, אַז זיי זאָלן אויף זיך נעמען די הייליקייט פון קריסטלעכן גלויבן.

אין רוים פלעגט אַ אינגל אויפן פערצנטן יאָר אָנטאָן אַ „טאָגאַ ווירילים" — דעם מאַנטל פון מענלעכקייט, און מיט דעם האָט ער באַוויזן, אַז ער ווערט אַ דערוואַקסענער מיט די גרויסע צוגלייך. אין דער עפּאָכע פון ריטערטום פלעגט אַ אינגל ביז 14 יאָר זיין אַ „פּיידזש", בלויז אַ געהילף, און ער האָט זיך געפונען אונטער דער השגחה פון פרויען. אויפן פערצנטן יאָר איז ער אויפגענומען געוואָרן אין דער געזעלשאַפט פון דערוואַקסענע און ער איז געוואָרן אַן „עסקווייער" — אַ כמעט ריטער.

פּראָפעסאָר לעלא האָלינגוואָרטה ווייזט אָן [8], אַז די פאַרשיידענע פאַרטיס און בעלער, וואָס די רייכע מאַכן פאַר זייערע טעכטער, די „דעביוטאַנטקעס" זיינען אין אַ געוויסן זין אַ פאַרזעצונג פון די צערעמאָניעס, וואָס האָבן זייער אָנהויב נאָך אין דער פּרימיטיווער געזעלשאַפט. זי גלויבט אויך, אַז דאָס וואָס די צייט צום גראַדואירן פון פּאַבליק־סקול און אַריבערגיין אין היי־סקול פאַלט גראָד אויס אין דעם 13טן אָדער 14טן יאָר פונעם קינדס עלטער, איז אויך ניט צופעליק, נאָר דאָס איז בכיוון אַזוי געפּלאַנט געוואָרן, צו דערמוטיקן די קינדער און שטאַרקן זיי צו גרעסערע מעשים. זי איז מיט דער מיינונג, אַז דער אונטערגאַנג פון די עפנטלעכע צערעמאָניעס און פייערונג פאַר

8) Hollingworth, Lella S., The Psychology of Adolescent (D. Appleton—Century Co., 1928).

קינדער פון ניט־רעליגיעזע עלטערן, וואָס איז פאַראורזאַכט געוואָרן דורך אונזער ציוויליזאַציע, לאָזט איבער אין אַ סך פאַלן ניט קיין געוואונטשטע פסיכאָלאָגישע קאָנסעקווענצן אויפן קינד.

איז נויטיק אַז מיר זאָלן רעווידירן אונזער נעגאַטיווע שטעלונג צו בר־מצוה?

מיר האָבן געבראַכט די מאַטעריאַלן און מיינונגען, כדי מיר זאָלן פאַר זיך קענען שאַפן אַן אָביעקטיווע און וויסנשאַפטלעכן צוגאַנג צו דעם קינדער־יום־טוב — בר־מצוה. מיר האָבן געזען, אַז אַרום דרייצנטן יאָר הויבט זיך אָן אַן ערנסטע און שיקזאַלהאַפטע עפּאָכע אין דעם קינדס לעבן. דאָס אַריבערגיין פון קינדהייט צו יוגנט ברענגט מיט זיך אויפּרודערונג און אומרואיקייט אין דעם פסיכישן לעבן פון קינד. דאָס קינד איז דעמאָלט עמאָציאָנעל, אימאַגענאַטיוו און אויך סוגעסטיוו. צערעמאָניעס און ימים טובים מאַכן אויף אים אַ שטאַרקן איינדרוק. די אָנערקענונג וואָס ער קריגט שטאַרקט זיין געמיט און העלפט אים, אַז ער זאָל דרייסטער און געוואַגטער באַגעגענען די נייע סיטואַציעס אין לעבן. אַ שיינער יום־טוב צוגעגרייט פאַרן קינד האָט דעמאָלט פאַר אים בכלל אַ פסיכיש־היגיענישע באַדייטונג.

פאַר וועלטלעכע עלטערן, וועלכע ווילן ניט אַז זייערע קינדער זאָלן באַאיינפלוסט ווערן פון רעליגיעזע מנהגים און רעליגיעזן לעבנס שטייגער, דאַרף דאָס זיין דער שטאַנדפּונקט און די סיבה פאַרוואָס זיי זאָלן ניט פאַרוואַרפן די בר־מצוה־פייערונג פאַר זייער דרייצן־יאָריקן אינגל. אונזער דור האָט פאַרגרעסערט דעם דרך־ארץ פאַרן קינד. מיר האָבן אויפגעבויט די מאָדערנע דערציאונג מיטן צוועק צו פאַרשאַפן דעם קינד מער פרייד און אים העלפן אין זיין אַנטוויקלונג, טאָ פאַרוואָס זאָלן מיר באַרויבן דאָס קינד פון אַ שיינעם יום־טוב? ווי שיקט זיך עס, אַז קינדער ביי פרימיטיווע עלטערן זאָלן יאָ האָבן אַ יום־טוב, קינדער פון רעליגיעזע עלטערן אויך, נאָר אַ אינגל פון אַ וועלטלעך־געזאָנענעם פאָטער זאָל דאַרפן שטיין פאַרגאַפט און מקנא זיין דעם חבר זיינעם, ווען יענער גייט אין שול אַריין און אַליין די פריידיקייט פון יום־טוב ניט קענען פאַרזוכן? פאַרוואָס זאָל מען פונאַנדערטיילן

קינדער פון איין משפחה? אין דעם יום־טוב האָט מען דאָ אַריינגעגעבן אַ נאַציאָנאַלן אינהאַלט — די פאַראייניקונג פון אַלע דרייצן־יאָריקע אינגלעך מיטן גאַנצן כלל.

עס איז נויטיק צו מאַכן אַ רעוויזיע צו אונזער נעגאַטיווער שטעלונג צו בר־מצוה. לאָמיר די בר־מצוה פייערן אין אונזער שול און אין דער היים ווי אַ יוגנט יום־טוב. לאָמיר דעם יום־טוב צופּאַסן צום גייסט פון אונזער אייגענעם לעבן ווי מיר האָבן דאָס געטאָן מיט אַזעלכע ימים־טובים ווי פּסח, שבועות, סוכות און ד. גל. לאָמיר אים פאַרוואַנדלען אין אַ פריידיקן יום־טוב, וואָס זאָל ברענגען דערהויבנקייט דעם קינד און זיינע עלטערן.

אַ בר־מצוה־יום־טוב אין אונזער גייסט

אייניקע פאַרזוכן זיינען שוין געמאַכט געוואָרן פעסטצושטעלן דעם אינהאַלט און דעם צערעמאָניאַל פאַר אַזאַ קינדער־יום־טוב. די „בר־מצוהס״, וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן אויף דעם נייעם אופן, האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין איינדרוקספול און האָבן געשאַפן די נויטיקע יום־טובדיקע שטימונג פאַרן אינגל און פאַר דער פאַמיליע. בכלל דאַרף דער יום־טוב געפירט ווערן אין גייסט פון אונזער שול־אידעאָלאָגיע. אין צערעמאָניאַל דאַרפן זיין מאָמענטן, וואָס אונטערשטרייכן די גייסטיקייט פון אונזער פאָלק. עס דאַרפן אַרויסגעבראַכט ווערן די אידעאַלן פון אונזער פאָלק ווי: שלום, סאָציאַלע גערעכטיקייט, חשיבות פון יחיד און אהבת התורה. עס דאַרף אויך שטאַרק באַטאָנט ווערן, אַז מיר נעמען אויף דעם אינגל אין דער געזעלשאַפט פון די גרויסע און מיר דערוואַרטן פון אים הילף און איבערגעבנקייט אין דעם קאַמף פאַר אונזער נאַציאָנאַלן קיום. די דאָזיקע מאָמענטן און אידייען דאַרפן אַרויסגעבראַכט ווערן פון שטעלן אין תנ״ך (אויב מען קען דאָס געפינען אין דער סדרה און הפטורה פון דער וואָך פון בר־מצוה איז אַוודאי גוט). און אויך פון אונזער נייער אידישער און העברייאישער ליטעראַטור. אַזעלכע שטעלן דאַרפן געלייענט ווערן פון אינגל גופא און אויך פון אַן איינגעלאַדענעם גאַסט, וואָס איז גוט צוגעגרייט פאַר דעם. די מאָ־

מענטן קענען אַרויסגעבראַכט ווערן קינסטלעריש דורך פּאָרלעזונג, דראַמאַטיזאַציע און געזאַנג.

אודאי וועט נעמען צייט ביז דער צערעמאָניאַל וועט פעסטגע־שטעלט ווערן פאַר אַלע אונזערע שולן. אויף דעם וועלן דאַרפן אַרבעטן לערער און קינסטלער. וואָס מיר דאַרפן אָבער איצט באַשליסן איז, אַז מיר נעמען אַראָפּ אונזער חרם, אָדער מילדער גערעדט, אַז מיר פאַרוואַרפן אונזער קעגנערשאַפט צו דעם קינדער־יום־טוב. מיר דאַרפן פעסטשטעלן, אַז אין אַלע אונזערע שולן וועלן מיר צוגרייטן דאָס קינד צו פאַרשטיין זיינע פליכטן אַלס דערוואָקסענער איד, ווען ער וועט קומען צו זיין 13־יאָריקן עלטער — בר־מצוה. מיר דאַרפן די עלטערן פאַרזיכערן, אַז מיר וועלן ווי געהעריק פייערן דעם 13־יאָריקן אַלט־ווערן פון זייער קינד און מיר וועלן אים דעמאָלט אויפנעמען אין דער געזעלשאַפט פון די דערוואָקסענע, אין דעם קרייז פון מאָדערנע קעמפנ־דיקע אידן.

מערץ, 1939

צו דער פסיכאָלאָגיע פון קינדער־ליטעראַטור

מיר ווייסן אַז קינדער, אַפילו נאָך אין גאָר יונגן עלטער, בעטן אַז מען זאָל זיי לערנען לייענען, און ווען וויל דאָס ניט אַ קינד אַז מען זאָל אים לייענען מעשה׳לעך? אַזוי שנעל ווי קינדער לערנען זיך אויס לייענען רייסן זיי זיך צו זייערע ביכלעך און זיי לייענען אויף זייער אייגענער איניציאַטיווע שטונדן לאַנג. דאַרפן דען ניט עלטערן קעמפן מיט זייערע קינדער, שפּעט אין אָוונט, אַז זיי זאָלן אויפהערן לייענען און זיי זאָלן שוין גיין שלאָפן?

ווען מיר פרעגן זיך די פראַגע: פאַרוואָס כאַפּן זיך דאָס קינדער אַזוי צום לייענען? האָבן מיר פאַר דעם אַן ענטפער, וועלכן מיר קענען אַליין גאַנץ לייכט באַאָבאַכטן, און דאָס איז: זיי טוען דאָס צוליב הנאה. מען קען זען דעם פאַרגעניגן וואָס קינדער האָבן פון לייענען, פון זייער אינטערעס און צוגעשמידקייט צום ביכל, און דעם שמייכל וואָס רוט אויף זייערע פנים׳לעך בשעת דעם לייענען.

דער פסיכאָלאָגישער געזעץ פון אָנגענעמלעכקייט און אומאָנגענעמ־לעכקייט, דאָס הייסט, אַז קינדער און דערוואַקסענע ציט שטענדיק צו טאָן זאַכן וואָס ברענגען זיי פאַרגעניגן, און עס טרייבט זיי אַוועק פון זאַכן וואָס ברענגען זיי צער, דאַרף זיכער אָנגעווענדעט ווערן אויך אין דעם פאַל. קינדער הפנים, האָבן שטאַרק הנאה פון לייענען און דערפאַר רייסן זיי זיך אַזוי צום בוך. מען דאַרף דערפאַר גאָרניט אָנווענדן קיין שום קינסטלעכע מיטלען, דאָס קינד אַליין זוכט שוין די געלעגנהייט צו קענען אַריינקוקן אין בוך און הנאה האָבן.

עס פרעגט זיך אָבער, וואָס זיינען די פאַקטאָרן וואָס פאַרשאַפן דעם קינד אַזוי פיל נחת רוח? אויף דעם גיט אונז פּראָפ. טערמאַן דעם פאָלגנדן קלאָרן ענטפער: ער זאָגט, אַז קינדער האָבן הנאה פון לייענען דערפאַר ווייל דאָס שטעלט צופרידן אַ גרויסע צאָל פון זייערע אינסטינקטיווע אייגנשאַפטן. אַ גרויסע צאָל פון זייערע איינגעבאָרענע נייגונגען, ווי: ווילן ווייסן זאַכן; נאָכצומאַכן דערוואַקסענע; ווילן זיך

אויסצייכענען און באַהערשן; אויסצולעבן זיך אין גרופּן, און אַ סך אַנדערע פון זייערע איינגעבאָרענע טענדענצן און נייגונגען, געפינען די קינדער אין די מעשה׳ס און אין די אַלע אַנדערע ביכער וואָס זיי לייענען.

פּראָפ. וואָדסוואָירטה קלערט אויף דעם ענין פון לייענען אויף דעם אופן. ער זאָגט: „מיר פרעגן זיך פון וואַנעט נעמט זיך דער פאַרגעניגן פון לייענען? דאָס מוז זיין די זעלבע אייגנשאַפט ווי זיצן און חלומ׳ען. לייענען אַ בוך איז אַ סאָרט טאָג־חלום „דיי־דרימינג" וואָס מען זיצט פאַרטראַכט און מען לעבט דורך געשעענישן און דער־פאַרונגען. דאָס בוך איז מאַטעריאַל וואָס דער מחבר האָט אונז געגעבן צום איבערלייענען, כדי איבערצולעבן אינטערעסאַנטע לעבנס־עפּיזאָדן. לייענענדיק אידענטיפיצירט זיך דער לעזער מיט דעם וואָס ער לייענט. דורך פאַראייניקן זיך מיט דעם העלד פון אַ בוך, לעבט דער לעזער דורך זיינע אייגענע פאַרלאַנגען פון וועלן באַהערשן, אויסצייכענען זיך א.ד.ג. יענע דערציילונגען, וואָס ברענגען אַרויס פאַלן וואו דער העלד ראַטעוועט זיך פון געפאַר, ברענגען אונז אַ געפיל פון הנאה, דעם געפיל פון שוץ און זיכערקייט".

בכלל, ווילן קינדער פון עטוואָס העכערן עלטער עפּעס אויפטאָן, זיי ווילן זיך מיט עפּעס אויסצייכענען, און ווייזן אַז זיי זיינען עפּעס חשוב׳ער פון אַנדערע. זיי ווילט זיך זיין אַנפירער, רויבער, אויפטוער און פאַרכאַפּן עפּעס ביי אַנדערע. זיי וואָלטן דורך כישוף פאַרבלענדט יענעם די אויגן אויב זיי וואָלטן נאָר געקענט. מיט איין וואָרט: זיי ווילן זיין העלדן. אָט די אינסטינקטיווע דראַנגען וואָס זיי זוכן אין לעבן און קענען זיי נישט דורכפירן, געפינען זיי אָבער אין לייענען, ווען זיי פאַראייניקן זיך און אידענטיפיצירן זיך מיט דעם העלד פון דער דערציילונג ווען ער האָט דאָס אַלץ יע דורכגעלעבט. דאָס איז די הויפּט סיבה פון דער גרויסער הנאה וואָס דאָס קינד האָט פון לייענען.

עס וואַרפט זיך אין די אויגן, די פאַרבינדונג צווישן לייענען און שפּילן זיך ביי קינדער. עס איז אַ פאַקט, אַז קינדער וועלכע זיינען צוריקגעשטאַנען אין זייער גייסטיקער אַנטוויקלונג, שפּילן זיך אַ סך

ווייניקער און האָבן בכלל ווייניקער הנאה פון שפּילעריי ווי נאָרמאַלע קינדער. דאָס אייגענע איז אויך אמת וועגן לייענען. פּראָפ. טערמאַן האָט שוין באַוויזן אַז באַגאַבטע קינדער לייענען אַ סך מער ווי געוויינלעכע גרופּן קינדער. מיר קענעןביידע פאַלן פאַרשטיין דורך דעם וואָס דורך שפּילן ווי דורך לייענען לעבן קינדער אויס זייער גרויסן פאַרלאַנג פאַר אַקטיוויטעט און פאַר לעבנס־פרייד, זאַכן וואָס צוריקגעשטאַנענע קינדער פאַרמאָגן ניט פיל.

פּראָפ. שניאורסאָן דריקט אויס אַזאַ געדאַנק אויפן געביט פון שפּיל און פאַנטאַזיע ביי קינדער. ער זאָגט: „עס איז אַן אויפפאַלנדיקער פאַקט וואָס נישט די נוצלעכע אַרבעט, נאָר גראָד דער שפּיל רופט אַרויס ביי מענטשן און ביי חיות אַ פאַרכאַפּנדיקע ליידנשאַפט, און אורשפּרינגלעכע לעבנס־פרייד . . . וואָס מער מען ווערט אויפגעוועקט דורך שפּיל, אַלץ מער איז מען מונטער און אָנגערעגט פאַר אַרבעט און עקזיסטענץ־קאַמף".

סיי אין שפּיל און סיי אין לייענען געפינען מיר אָט די עלעמענטן פון רעפּראָדוקטיווער און קרעאַטיווער שאַפונג. דאָס קינד נעמט פון לייענען פאַקטן און איינצלהייטן און רעקאָנסטרואירט זיי אין זיין מוח אויף אַן אייגנאַרטיקן שטייגער. דאָס בוך גיט דערפאַר דעם קינד דאָס וואָס ער זוכט אַזוי שטאַרק אַ דאַנק דעם אינערלעכן דראַנג פון זיין אייגענעם לעבן. פּראָפ. סטענלי האָל האָט לאַנג צוריק שוין אָנגעוויזן אַז דאָס קינד איז פאַראינטערעסירט אין דער נאַטור און אַלץ וואָס איז אַרום אים, ווייל ער וויל וויסן פון אַלע מעכאַנישע און ניט מעכאַנישע זאַכן, ווי פון מאַשינען און געצייג, וואָס ער באַוועגנט. דאָס קינד זוכט אַפילו צו דערוויסן זיך פון אַזעלכע לעבנס־סודות ווי לעבן, טויט, גאָט. אויב אַ בוך גיט דעם קינד יענע זאַכן, צו וועלכע ער פילט אַן אינערלעכן דראַנג, שטילט עס אין אים איין דעם דורשט פון אויסלעבן זיך, און דאָס פאַרשאַפט דעם קינד אַ סך פרייד. אין אויספאָרשונגען וועגן דער פּסיכיק פון קינד איז טאַקע אָפט דערקלערט געוואָרן אַז אין דער ליטעראַטור זוכט דאָס קינד ראשית־כל דעם סיפור המעשה, דעם אַזוי גערופענעם פלאָט. דאָס קינד זוכט ניט מאָראַל, עטיק, און אַפילו ניט קיין סתם שיינע פּאָעזיע אין בוך. דאָס יונגע קינד איז ניט

פאַראינטערעסירט אין אַבסטראַקטע חקירות, פילאָזאָפיעס און שטי־מונגען. ער וויל אָבער לערנען עפּעס נייעס; ער וויל לייענען אַזאַ מעשה, וואָס וועט אים, לויט זיין עלטער, אַריינפירן אין יענע נייע וועלטן וועלכע ער וייס נאָך ניט. דאָס קינד זוכט צו געפינען אין בוך זיך אַליין, זיין וועלט, און דאָס וואָס אינטערעסירט אים לויט זיין עלטער און אַנטוויקלונג.

זייער ווייניק קינדער ביכלעך זיינען דערפאַר באמת צוגעפּאַסט צום קינד. ווען מיר טרעפן אַ בוך מיט דעם פּאַסיקן אינהאַלט איז דאָרטן אָבער פאַראַן אַ צו שווערע שפּראַך, וועלכע מאַכט דעם אינהאַלט ניט צוגענגלעך צום קינד: ווידער פאַרקערט, ווען די שפּראַך איז שוין יאָ לויט דעם עלטער פון קינד, באַגעגענען מיר אָפטמאָל דאָרטן אַזאַ שווערן אינהאַלט, וועלכער מאַכט ווידער אַז דאָס בוך זאָל זיין פאַרן קינד נוצלאָז. מען מוז דאָך געדענקען אַז עס זיינען דאָ פאַרשיידענע עפּאָכן אין דעם לעבן פון קינד, און יעדע עפּאָכע פאָדערט אַן אַנדער אינהאַלט.

כדי בעסער פאַרשטאַנען צו ווערן, וועלן מיר דאָ אָנווייזן אויף גע־ויסע כאַראַקטעריסטיק פון אַ קינדס אייגנשאַפטן אין געוויסע עפּאָכן, וועלכע זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרן פון דער פּסיכאָלאָגישער פאָרשונג.

די ערשטע עפּאָכע, לאָמיר זאָגן פון פינף יאָר און עטוואָס העכער, ווערט באַצייכנט פון פּראָפעסאָר קילפּעטריק, אַלס די עפּאָכע פון אינדי־ווידואַליזירונג. דאָס קינד איז דעמאָלט פאַראינטערעסירט אין זיך אַליין. אין דער עפּאָכע איז דאָס קינד ניט פאַראינטערעסירט אין איבער־שטייגן אַנדערע, וויל ניט קאָנקורירן מיט אַנדערע, און וויל בלויז געפינען זיין אייגענעם איך. פון געשלעכט ווייס דאָס קינד גאָר ווייניק. פּראָפעסאָר מאָל רופט טאָקע אָן דעם עלטער, די עפּאָכע פון געשלעכט־לעכער נייטראַליטעט. די פאַנטאַזיע פון קינד אין דער עפּאָכע קאָנ־צענטרירט זיך מערסטנס אַרום די קעגנשטאַנדן וואָס ער קען און וואָס זיינען נאָענט אַרום אים, ווי הויז חיות, פויגל, שפּיל געצייג, מאכלים, ביימער, טייכן, לאָנקעס און דאָס גלייכן. אין דעם עלטער ווילן קינדער ניט פילאָזאָפירן נאָר זיין אַקטיוו און עפּעס טאָן. זיי ווילן שפּרינגען,

בויען, לויפן. אין דעם עלטער האָבן זיי ליב ריטם, גראַמען און איינ־פאַכע אינדיווידועלע שפּילערייען. זיי ווילן זיך מישן מיטן צווייטן מין, זיי זיינען אָבער לחלוטין ניט ראָמאַנטיש.

אַנדערש אָבער זיינען שוין די נייגונגען און טענדענצן פון קינד אין דער צווייטער פעריאָדע, אין דעם עלטער פון אַרום 11־12 יאָר. דאָס איז שוין די עפּאָכע פון געזעלשאַפטלעכער צופּאַסונג. קינדער גיבן שוין אויף זייער ענגע אינדיווידואַליטעט, הערן זיך אויף צו אינטערעסירן נאָר מיט זיך אַליין, און לערנען זיך אויס צו זיין געזעל־שאַפטלעך, און ווילן אויף זיך נעמען די געזעצן און פירונגען פון דער געזעלשאַפט. אין דער עפּאָכע ווערן שוין קינדער פאַראינטערעסירט אין העראָאיזם. זיי ווילן שוין קאָנקורירן מיט אַנדערע, אַרייך אין קאָנטעסטן, זיך אויסצייכענען און געווינען איבער זייערע חברים. זיי אָרגאַניזירן זיך שוין אין „גענגס״, אין קלובן, און זוכן שוין אַוואַנטורעס, און העלדישע טאַטן. זיי האָבן ליב גערעכטיקייט, אָבער ניט קיין אַבסטראַקטע, נאָר די וואָס איז פאַרבונדן מיט מענטשן. זיי האָבן ליב מעשים, זיי פאַנטאַזירן צו זיין פליער, פירער און אַפילו רויבער, אַבי זיך אויסצוצייכענען. זייער פאַנטאַזיע מאַכט פאַר זיי זאַכן רעאַל. אַפילו סימבאָלישע זאַכן, ווי אַ פאַן אָדער אַ צייכן פון אַ געזעלשאַפט, איז ביי זיי גרעסער ווי די געזעלשאַפט אַליין. זיי פאַרשטייען אַ הונגעריקן, ווען אַפילו געבן הילף אַ קראַנקן, אָבער זיי האָבן קיין געדולד ניט ווען מען אַגיטירט זיי צו זיין סתם גוט צו מענטשן. אַבסטראַקטע באַגריפן פון פאָלק, פאָלקס־כבוד, אָדער אויסלייזונג פון פאָלק, מאַכן אויף זיי ניט דעם נויטיקן רושם. דער געשלעכט־אינסטינקט איז ביי זיי אין אַ געוויסן שטילן צושטאַנד. אין דעם עלטער זיינען קינדער ניט פאַראינטערעסירט צו שפּילן זיך צוזאַמען מיטן אַנדערן מין. אינגלעך זוכן ניט צו זיין מיט מיידלעך אין זעלבן קלוב. זיי שעמען זיך איינע פאַרן צווייטן, זיי זיינען ניט ראָמאַנטיש.

די עפּאָכע פון 13־14־15 יאָר: דאָס איז די עפּאָכע פון רייפקייט, פון „אַדאָלעסענס״. אין דער עפּאָכע ענדערן זיך די קינדער פיזיש און גייסטיק, זייערע עמאָציעס ווערן שטאַרקער און שאַרפער. זייערע נייגונגען צו געזעלשאַפטלעכקייט, צו העראָאיזם, צו גערעכטיקייט, נע־

מען אָן אידעאַלע און אַבסטראַקטע פאָרמען. די קינדער זוכן שוין דאָ צו לערנען צו פאַרשטיין דאָס לעבן. האָבן הנאה פון זיין אָרגאַניזירט, ווילן באַלאַנגען צו אַ געזעלשאַפט און צו קריגן אָנערקענונג. דער געשלעכטס־אינסטינקט, וועלכער ווערט אין דעם קינד רייף ביי דעם עלטער, איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַ סך ענדערונגען אין קינדס כאַראַקטעריסטיק און באַנעמונג.

אָט די גאַר קורצע אָנגעגעבענע סך־הכל׳ען פון אַ סך פאָרשונגען פון קינדערשן לעבן זיינען זייער נויטיק ווען מיר ווילן פאַרשטיין וואָס פאַר אַ ליטעראַטור מיר דאַרפן האָבן פאַר די קינדער. אויב דאָס קינד זוכט אין בוך, ווי מיר האָבן עס פריער געזאָגט, זיין אייגן לעבן, דעם אויסדרוק פון זיינע אײַנגעבוירענע טענדענצן, דאַרפן דאָך די קינדער־ביכלעך האַרמאָנירן מיט די דאָזיקע עפּאָכן פון אַנטוויקלונג פון קינדער און דאַרפן אַרויסברענגען אַזעלכע טיפּן און געשעענישן.

לאָמיר זיך דאָ צוהערן צו די אויספירונגען פון אַ צאָל פאָרשער בנוגע דעם דאָזיקן ענין פון לייענען ביי קינדער. די פּראָפעסאָרן טערמאַן, לימא און גייטס, באַהויפּטן אויפן סמך פון זייערע פאָרשונגען, אַז ביי קינדער פון 8־9 יאָר אַלט איז דאָ אַ גרויסער פאַרלאַנג צו לייענען פאַנטאַסטישע מעשה׳לעך, „פּיירי־טיילס״. גלייכצייטיק, מיטן זוכן פאַנטאַסטישע זאַכן, ווילן די קינדער אויך וויסן וועגן רעאַלע זאַכן אַרום זיי. זיי זוכן מעשיות וועגן קינדער אין אַנדערע לענדער, פאַקטן וועגן נאַטור און וועגן אַרומרייזן און וואַנדערן. נאָך 10 יאָר הויבן קינדער אָן אַרויסווייזן אַ נייגונג צו לייענען מעשיות פון העלדן, פון דערגרייכונגען און „אַדוועַנטשור״. ביי 12 יאָר ווייזן קינדער אַרויס אַ גרויסן אינטערעס אין ביאָגראַפיעס און אין אויפטואונגען פון מענטשן. זיי זיינען ניט אַזוי פאַראינטערעסירט אין כאַראַקטער פון מענטשן, ווי אין זייערע דערגרייכונגען. אין דעם עלטער זיינען אינגלעך זייער פאַראינטערעסירט אין דערפינדונגען, אין מאַשין און אין וויסנשאַפט־לעכע אַנטדעקונגען, און מיידלעך ווייזן אַרויס אַ נייגונג צו היים און שול־לעבן און צו סתם דערציילונגען. נאָך 12 יאָר, ווען קינדער ווערן רייפער, קומט אַריין דער פאַרלאַנג צו לייענען ראָמאַנען און אַנדערע דערציילונגען. און דאָ האָבן שוין קינדער אויך אַן אינטערעס צו פּאָעזיע

און אַנדערע לירישע אויסגוסן. פון 14־טן יאָר און ווייטער ווייזן אינג־לעך אַרויס אַ נייגונג צו מעכאַנישע דערפינדונגען, מיידלעך צו מער סענטימענטאַלע געשעענישן.

פון דעם וואָס דאָ איז געזאָגט געוואָרן, כאָטש אויף זייער אַ קורצן אופן, זעען מיר פעסטגעשטעלטע שטריכן בנוגע דעם וואָס קינדער לייענען און ווילן לייענען. האָבנדיק דאָס אין זינען, האָבן מיר אַ וועג ווי אַזוי אַריינצוקוקן אין אַ ביכל, וואָס איז געשריבן געוואָרן פאַר קינדער, און וויסן אויב דאָס ביכל איז גוט אָדער שלעכט, און אויך קאָנען מיר באַשטימען פאַר וועלכן עלטער פון קינדער אַ בוך איז גע־שריבן געוואָרן.

אַוודאי פאַרענטפערט ניט דאָס וואָס מיר האָבן ביז אַהער געזאָגט די פראַגע וועלכע קינדער־ליטעראַטור זאָלן מיר אַריינברענגען אין אונזער שול. דורך דער קינדער־ליטעראַטור ווילן מיר דאָך דערגרייכן אַזוי פיל צוועקן, ווי למשל, אויספיינערן דעם עסטעטישן געשמאַק פון קינד און אַנטוויקלען אין אים אַ חוש פאַר קונסט און שיינקייט; מיר ווילן אים געבן אינפאָרמאַציע פון פערזענלעכקייטן, פעלקער, לענ־דער און פון האַנדלונגען; מיר ווילן דאָך דורכדעם העלפן פאָרמירן דעם קינדס כאַראַקטער, אים העלפן אָנצונעמען די נויטיקע אַנשויאונגען און איידעאַלן פון לעבן. די פראַגע וואָס דאַרף זיין דער סאַמע תוך פון דער ליטעראַטור וואָס מיר לערנען מיט קינדער, איז זיכער אַ וויכטיק קאַפיטל אַן און פאַר זיך.

אין דעם אַרטיקל ווילן מיר אָבער פעסטשטעלן, אַז מיר דאַרפן שטענדיק זען אַז דער אינהאַלט פון בוך, זיין פאָרם און צוגאַנג מוז זיין צוגעפּאַסט צו דער אַנטוויקלונג און קאַפּאַציטעט פונם קינד.

די שענסטע דערציילונג, וואָס קאָן אויף אַ דערוואַקסענעם מענטשן מאַכן דעם שטאַרקסטן איינדרוק, וועט אָבער אויפן קינד ניט מאַכן קיין רושם, אויב עס איז ניט געשריבן געוואָרן אין יענעם טאָן, אין דער שפּראַך און אין דער פאָרם, וואָס איז צוגענגלעך צום קינד, און וואָס קאָן אַרויסרופן דעם קינדס אינטערעס. יעדער אינהאַלט, וואָס מיר ווילן געבן דאָס קינד, דורכן בוך מוז אָבער ראשית כל זיין אַזוי אויפגעבויט און צוזאַמענגעשטעלט, אַז דאָס זאָל פאַרכאַפּן דעם קינדס

פאַנטאַזיע, אַז דאָס קינד זאָל דאָרטן דערזען און דערפילן זיינע אייגענע אידעאַלן, יענע פאַרלאַנגען וועלכע טליען אין זיין אייגענעם יונגן לעבן.

כדי צו ברענגען צו דעם אַז דאָס קינד זאָל קאָנען לערנען פון בוך וואָס ער לייענט, מוז דאָס קינד ראשית כל הנאה האָבן פון בוך. די שפּראַך, ריטם, אופן פון האַנדלונגען און אידעאַלן פון בוך דאַרפן זיין צוגעפּאַסט צום עלטער פון קינד. אַ בוך, וואָס איז אָנגעפילט מיט דערפאַרונגען וואָס זיינען פרעמד דעם קינד, מיט האַנדלונגען, וואָס דאָס קינד וויל ניט נאָכמאַכן און איבערלעבן, וועלן אויפן קינד קיין רושם ניט מאַכן. די אידייען און אידעאַלן, וואָס מיר ווילן דעם קינד ברענגען, מוזן אָננעמען יענעם לבוש, וואָס קען צוציען דאָס קינד.

יאַר 1940

וועגן דעם לימוד פון אידישער געשיכטע

דער לימוד פון דער אידישער געשיכטע פאַרנעמט אַ וויכטיקן פּלאַץ אין דעם קוריקולום פון דער פאָלקשול. די וויכטיקסטע דערציִ־אונג־אויפגאַבן זיינען פאַרבונדן געוואָרן מיט דעם לימוד. דורך אידי־שער געשיכטע זוכט מען צו אַנטוויקלען אינעם קינד דעם נאַציאָנאַלן געפיל, די ליבשאַפט צום פאָלק און אַ פאַרערונג פאַר די העראָאישע מעשים און אידעאַלן פון פאָלק. מען וויל אויך דורך דעם לימוד איינ־פלאַנצן אינעם קינד אַ העכערע מאָראַל און אַ ווילן פאַר מסירת נפש פאַרן פאָלקס קיום. דורכן געשיכטע לימוד וויל מען דערציִען דאָס קינד צום קאָלעקטיוון לעבן, צו בירגערלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און אַנטוויקלען אין אים די היסטאָרישע אינטואיציע און דעם היסטאָ־רישן חוש צו פאַרשטיין די ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אינעם גע־שיכטלעכן לויף.

לערער באַקלאָגן זיך, אַז זיי זעען ניט די נייטיקע מזל־ברכה אין דעם דאָזיקן לימוד אין דער פאָלקשול. זיי ווייזן אָן, אַז קינדער פאַרלירן דעם אינטערעס אין אָט דעם לימוד אָדער זיי ווייזן ניט אַרויס די ניי־טיקע פאַרשטענדעניש צום געשיכטע־לימוד.

ס'איז אמת, אַז דער געשיכטע־לימוד באַגעגנט זיך מיט אַ סך שוועריקייטן. דער פאַקט, וואָס די אידישע געשיכטע ציט זיך אַרום פיר טויזנט יאָר, מאַכט שווער פאַרן לערער אַריינצופּאַסן אָט דעם גרויסן און רייכן מאַטעריאַל אין עטלעכע לערניאָר. וואָס זאָל ער אָפּקלייבן און וואָס זאָל ער איבערלאָזן? דאָס איז דעם לערערס שווערס־טע זאָרג. גאַנץ אָפט קען מען גאָר ניט לערנען קיין אידישע געשיכטע אָן דער געשיכטע פון דעם לאַנד וואו אידן לעבן, און דאָס פאַרלענגערט און פאַרשווערט נאָך דעם גאַנצן ענין. דערצו פעלן די פּאַסיקע טעקסט־ביכער פאַר געשיכטע און עס פעלן געשיכטלעכע לייען־מאַטעריאַלן פאַר קינדער.

די גרעסטע שוועריקייט פון אַלע איז אָבער דער פאַקט, וואָס קינדער אין דער עלעמענטאַר־שול קענען זעלטן משיג זיין דעם לימוד

פון געשיכטע, ווייל זיי איז שווער תופס צו זיין די סעקוועגץ פון צייט און כראָנאָלאָגיע איז פאַר זיי אינגאַנצן פרעמד.

מען האָט אַמאָל געמיינט, אַז לערנען געשיכטע מיט קינדער איז אַ לייכטער ענין, ווייל דער עיקר אין דעם געשיכטע־לימוד זיינען די פאַקטן און היסטאָרישע דאַטעס, מיט וועלכע מען האָט באַדאַרפט באַ־קענען די קינדער, און דאָס איז געווען ניט שווער. דער דאָזיקער מאַטעריאַל האָט זיך געפונען לרוב אין די פאַרשידענע טעקסט־ביכלעך פאַר געשיכטע. דער לימוד פון געשיכטע איז אָבער געוואָרן אַ באַ־זונדער פּראָבלעם, ווען מען האָט זיך בעסער באַקאַנט מיט די פּסיכישע אייגנשאַפטן פונעם קינד. מען האָט איינגעזען, אַז דאָס קינד באַנעמט ניט קיין העכערע אַבסטראַקטע באַגריפן. אַ יונג קינד קען ניט פאַר־שטיין וואָס עס מיינט „אַנטוויקלונג", „פאַקטאָרן", אַ „תקופה", און ער קען ניט אַריינדרינגען אין דעם מהות פון אַ „סאָציאַלער איבערקערע־ניש". אומצייליקע פּראָזן, וועלכע לערער באַנוצן אין אַ פאַלקשול ביים דערקלערן היסטאָרישע געשעענישן, מיינען גאָרניט פאַרן קינד און מאַכן אויף אים ניט קיין איינדרוק.

וואָס מיר זאָלן ניט באַצוועקן מיטן לימוד פון געשיכטע און וואָס פאַראַ אידעאַלן מיר זאָלן ניט וועלן אַרויסלערנען פון די גרויסע היס־טאָרישע געשעענישן, ווילן מיר דאָך אָבער זיכער דערגרייכן די צוויי הויפּט־צילן, און דאָס איז: 1) אַז דאָס קינד זאָל קענען און באַגרייפן דעם געשיכטלעכן מאַטעריאַל; 2) אַז דער לימוד זאָל אַנטוויקלען דאָס קינד, זאָל אים געבן נייע גייסטיקע דערפאַרונגען און אים צוגרייטן צו פאַרשטיין די נייע געשעענישן און סיטואַציעס אין לעבן. איז די פראַגע, צי קענען מיר עס באַווייזן מיט דעם אופן ווי מיר לערנען היינט אידישע געשיכטע מיט אידישע קינדער?

ווען מיר קוקן איבער די געשיכטע־ביכלעך וואָס מיר פאַרמאָגן, דערזעען מיר דאָרטן אַ שלל מיט טרוקענע פאַקטן, אַ ריזיקע צאָל פון נעמען פון פערזענלעכקייטן, וואָס האָבן פאַרנומען אַ פּלאַץ אין אונזער געשיכטלעכן לעבן און גאָר אַ סך דאַטעס וועגן די פאַרשידענע פאַ־סירונגען. עס פרעגט זיך, אָבער, וואָס זוערט פון אָט דעם גאַנצן היס־טאָרישן באַגאַזש, אויב ער ווערט ניט פאַרדייעט גייסטיק? וואָס פאַר אַ השפעה קענען די אַלע אַריינגענומענע פאַקטן האָבן אויף דער גייס־

טיקער אַנטוויקלונג פון קינד, אויב זיי ווערן ניט קיין אינטעגראַלער טייל פון זיינע דערפאַרונגען און עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען?

לערער באַמערקן, אַז נאָכדעם ווי זיי האָבן אין אַ געשיכטע־לעקציע אַריינגעגעבן זייער גאַנצן וויסן און האָבן די עפּאָכע באַלויכטן פון אַלע שטאַנדפּונקטן, און דער גאַנצער קלאַס האָט זיך צו אַלץ גוט צוגעהערט, איז דאָך ביי די תּלמידים געבליבן ניט מער ווי אַ צאָל טרוקענע און אָפּטמאָל לגמרי ניט־וויכטיקע פאַקטן. דער גאַנצער מוסר השכל וואָס דער לערער האָט געזוכט אַריינצוברענגען איז שפּורלאָז פאַרזונקען געוואָרן.

מיר דאַרפן ניט זוכן קיין נייע באַווייזן, וואָס זאָלן באַשטעטיקן, אַז די פאָלקשול איז, ליידער, ניט דער פּלאַץ, וואו מען קען לערנען געשיכטע מיט דער געגעטישער מעטאָדע, וואָס זוכט צו דערקלערן. אַז די גאַנצע מענטשלעכע געשיכטע איז אַ קייט פון ענדערונגען און אַנטוויקלונגען צוליב עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און קולטורעלע פאַקטאָרן. קינדער פון פאָלקשול, ביז זייער 12־13 יאָריקן עלטער, קענען עס ניט משיג זיין.

אַוודאי זיינען די באַאָבאַכטונגען ניט אינגאַנצן ניי, און די פּעדאַגאָגישע ליטעראַטור האָט זיך גאָר אַ סך פאַרנומען מיטן פּראָבלעם ווי צו לערנען געשיכטע מיט קינדער. אין אונזערע שולן איז מען שוין יאָרן־לאַנג צוריק געקומען צום שלוס, אַז דער לימוד פון געשיכטע דאַרף איינגעטיילט ווערן אין צוויי קאָנצענטרען: דער ערשטער קאָנצענטער זאָל זיין אַ צוויי־יאָריקער, אין וועלכן מען זאָל דערציילן די קינדער געשיכטלעכע מעשׂות און לעגענדעס; דער צווייטער קאָנצענטער זאָל זיין אַ דריי־יאָריקער און ער זאָל זיך אָנהייבן מיטן לימוד פון געשיכטע ממש.

די רעזולטאַטן באַווייזן אָבער, אַז אַפילו די דאָזיקע איינטיילונג האָט נאָך אויך ניט באַוויזן אָוועקצושטעלן דעם געשיכטע־לימוד אויף אַ געהעריקן אופן. ווייל אַפילו נאָך די ערשטע צוויי יאָר, וואָס דאָס מיינט, אַז די קינדער זיינען אַלט 9־10 יאָר, זיינען זיי נאָך אַלץ ניט מסוגל אָנצוהייבן צו לערנען דעם קאָמפּליצירטן לימוד פון געשיכטע.

ס'איז דאָך קלאָר, אַז דער הויפּט־צוועק פונעם געשיכטע־לימוד

אין דער פאַלקשול איז, אַז דאָס קינד זאָל אין זיך איינזאַפּן און עמאָ־ציאָנעל איבערלעבן דעם געשיכטלעכן מאַטעריאַל; אַז די היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן — ווי דוד המלך, ישעיה הנביא, דער בעש״ט און אַנדערע — און די וויכטיקע פּאַסירונגען פון דער געשיכטע, ווי כיבוש הארץ, דער אויפשטאַנד פון בר־כוכבאן, די אינקוויזיציע און גזירות ת״ח, א.אַז.וו. — זאָלן ווערן אַן אינטעגראַלער טייל פון זיין נשמה־לעבן און זאָלן אין דער צוקונפט באַאיינפלוסן זיין וועלט־אַנשויאונג און צוגאַנג צו אַלע פּראָבלעמען פון מענטש און איד. אָבער פאַרמאָגן דען די טרוקענע פאַקטן און דאַטעס אין אונזערע געשיכטע־ביכער אָט דעם כוח צו באַאיינפלוסן און אָנפילן אַ ניין־יאָריק קינד מיט עקסטאַז און באַגייסטערונג?

מיר מוזן דערפאַר קומען צום שלוס, אַז מיר קענען זיך ניט באַ־נוגענען מיט צוויי קאָנצענטרען, נאָר עס מוז איינגעשטעלט ווערן אַ דריטער קאָנצענטער. דער געשיכטע־לימוד אין דער פאַלקשול זאָל דערפאַר איינגעטיילט ווערן אין פאָלגנדיקע דריי ציקלען: דער ערש־טער ציקל, פון געשיכטלעכע מעשות און לעגענדעס, זאָל געדויערן צוויי יאָר צייט און זאָל אַרומנעמען אַלע עפּאָכן פון דער אידישער געשיכטע און זאָל זיך גלייכצייטיק קאָנצענטרירן אויף די ביאָגראַפיעס פון די אידישע געשיכטע־העלדן. דאָס אַלץ דאַרף געלערנט ווערן ניט פון אַ בוך אַרויס, נאָר דער לערער אַליין דאַרף די מעשהלעך און לעגענדעס דערציילן מיט וואַרימקייט און געפיל, און אויב נייטיק אויך איינפירן דערביי די דראַמאַטישע פאָרעם.

דער צווייטער ציקל זאָל אויך זיין אַ צוויי־יאָריקער און זאָל באַשטיין פון געשיכטלעכע מקורות און זאָל אַרומנעמען דעם נאַראַטיוון און דראַמאַטישן מאַטעריאַל פון דער געשיכטע. דאָ דאַרפן אויסגענוצט ווערן טיילן פון אָריגינעלע קלאַסישע ווערק, ווי דער תנ״ך, „ספר המכבים״, „קדמניות היהודים״ און „מלחמות היהודים״ פון יאָזעפוס פלאַוויוס, „שבט יהודה״, „עמק הבכא״, „יון מצולה״ פון ר׳ נתן נטע האַנאָווער, און אַנדערע. אין דעם ציקל דאַרפן אויך אַריינקומען די נייסטע געשיכטע־קוואַלן, וואָס שפּיגלען אוממיטלבאַר אָפּ דאָס אידישע לעבן אין דער לעצטער תקופה, ווי צום ביישפּיל, די מאַטעריאַלן אין

די פאָלקלאָר־ביכער „רשומות״, די טאָג־ביכער פון געטאָ־לעבן, די זאַמלונגען פון די איבערלעבענישן אין די דייטשע קאָנצענטראַציע־לאַגערן. דער העראָאישער אויפבוי פון ארץ ישראל — זייערע קאַמפן און דערגרייכונגען — דאַרף געלערנט ווערן מיט דעם תלמיד אויפן זעלבן אופן: דורך די מקורות גופא. די ווערק פון די אַמאַליקע און היינטיקע פּיאָנערן פון ישוב דאַרפן פאַר דעם אויסגענוצט ווערן.

דער דריטער ציקל זאָל אַרומנעמען די לעצטע צוויי יאָר פון דער פאָלקשול. דער צוועק פון דעם ציקל זאָל זיין: אַריינצוברענגען סדר און אָרדנונג אין די ידיעות פון די תלמידים, אַזוי אַז יעדער העלד און יעדע געשעעניש פון דער געשיכטע זאָל זיין אין אַ באַשטימטער צייט און פּלאַץ. נאָך דעם ווי די קינדער וועלן האָבן אויפגענומען דעם לעגענדאַרישן און דערציילערישן מאַטעריאַל פון דער געשיכטע וועט דער לעצטער ציקל פאַרטיפן זייער געשיכטלעכן דענקען און וועט קענען אין זיי אַנטוויקלען אַ היסטאָרישן חוש און פאַרשטענדעניש פאַר עוואָלוציאָנערע און רעוואָלוציאָנערע געשעענישן פון דער געשיכטע.

אין דעם צווייטן ווי אין דעם ערשטן ציקל דאַרפן אין דעם לימוד פון געשיכטע שטאַרק אונטערגעשטראָכן ווערן די אידישע יום־טובים, ווייל זיי זיינען דאָך אַרומגעוויקלט מיט אַזוי פיל פּאַסירונגען און מיט גאַנצע עפּאָכעס. אַזוי איז פסח פאַרבונדן מיט דער תקופה פון מצרים, שבועות און סוכות מיט די וואַנדערונגען און שפּעטערדיקן לעבן אין ארץ ישראל. פּורים איז פאַרבונדן מיט דער פּערסישער עפּאָכע, חנוכה מיט דער גריכישער עפּאָכע און ל״ג בעומר מיט דער רוימישער עפּאָכע. דורך די יום־טובים ווערן די היסטאָרישע פּאַסירונגען מער קאָנקרעט.

אין דעם לימוד פון געשיכטע אין דיביידע ציקלען דאַרפן אויך באַטאָנט און פאַרפיקסירט ווערן געוויסע היסטאָרישע און עטישע באַגריפן, ווי: פדיון שבויים, הכנסת אורחים, קידוש השם, חלוצים, גאולת הארץ. אָבער וועגן דעם פּונקט פאָדערט זיך באמת אַ באַזונדער אַרטיקל.

צוליב אָט דעם צוועק מוז דער צענטראַלער שול־קאָמיטעט גלייך

באַשטימען אַ קאָמיסיע פון היסטאָריקער און לערער, וועלכע זאָלן אָנהייבן זאַמלען מאַטעריאַלן און זיי צופּאַסן — אויב עס איז אומבאַדינגט נייטיק — צו דער אויפנאַמספייאיקייט פון די קינדער אין דעם צווייטן ציקל, ד.ה. פאַר קינדער אינעם עלטער פון 9 ביז 12 יאָר. צו אונזער גליק זיינען שוין אַפילו געמאַכט געוואָרן וויכטיקע מקורות־זאַמלונגען, וועלכע מיר קענען אויסנוצן פאַר אונזער צוועק, ווי: די ספרים פון דינאבורג, אברהם כהנא, דר. שמעון בערנפעלד („ספר הדמעות"), האַלפּערן (זיין אַנטאָלאָגיע „ספר הגבורה"), י. ליפשיץ און אַנדערע. די זעלבע קאָמיסיע זאָל גלייכצייטיק אויך זאָרגן פאַר מאַטעריאַלן פאַרן ערשטן ציקל און פאַר אַ פּאַסיקן טעקסט־בוך פאַרן דריטן ציקל.

מ'קען האָפן, אַז אָט די אַנטוויקלונג אינעם געשיכטע־לימוד אין אונזערע פאָלקשולן וועט ברענגען צום אידישן קינד אין אַמעריקע די זעלבע טיפע, אידישע איבערלעבענישן, וואָס אַ סך פון אונז האָבן אין אונזערע קינדער־יאָרן איבערגעלעבט אין די טראַדיציאָנעלע חדרים און ישיבות, כאָטש דער פאָרמעלער לימוד פון געשיכטע האָט דאָרטן אינגאַנצן געפעלט.

1946 יאָר

צו דער געשיכטע פון אידישן לערער־סעמינאַר

דער אידישער לערער־סעמינאַר איז געגרינדעט געוואָרן אין אַן אויסערגעוויינטלעך אומרואיקער צייט, אין דעם לעצטן יאָר פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אַמעריקע האָט דעמאָלט געהאַלטן אין אָרגאַניזירן איר אַרמיי און זי אַריבערשיקן צו די אייראָפּעאישע שלאַכט־פעלדער. די אידישע יוגנט איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַרמיי און די אידישע געזעלשאַפטלעכקייט האָט זיך געהאַט אַ נעם געטאָן צו אַ גרויסער רעליף־טעטיקייט, כדי צו ראַטעווען די היימלאָזע מלחמה־קרבנות. אָט אין יענער צייט האָט זיך אַ גרופּע קולטור־טוער פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע אָפּגעזונדערט פון דעם אַלגעמיינעם טומל און האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר אַ העכערער אידיש־אַקאַדעמישער לער־אינסטיטוציע; זיי האָבן געגרינדעט דעם אידישן לערער־סעמינאַר.

ס׳האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן צו פילן די נויט פאַר אַן אינסטיטוציע, וואָס זאָל דערציען געשולטע אידישע לערער. עס איז שוין געווען אַ 7־8 יאָר זינט עס האָט זיך געהאַט געגרינדעט די ערשטע אידישע פאָלק־שול אין אַמעריקע (1910), מיט וועלכער עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע שול־באַוועגונג. די קולטור־טוער פון דער פּועלי־ציוניסטישער ריכטונג, וואָס האָבן געגרינדעט אין אַמעריקע די ערשטע אידישע מאָדערנע שולן, האָבן פאַר די דאָזיקע אידישע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן, ווי זיי האָבן זיי דעמאָלט גערופן, אַוועקגעשטעלט פאָלגנדיקע פּרינציפּיעלע יסודות:

1. אידישער נאַציאָנאַליזם: דאָס קינד דאַרף דערצויגן ווערן צו באַטראַכטן די פאַרשיידענע טיילן פון דעם אידישן פאָלק אין דער גאַנצער וועלט ווי אַן איינהייט — ווי איין גאַנץ פאָלק.

2. די גאַנצקייט פון דער אידישער קולטור דורך אַלע דורות; דאָס קינד זאָל באַטראַכטן די גייסטיקע שאַפונגען פון אַלע אידישע דורות אַלס דאָס קולטור־פאַרמעגן פון דעם אידישן פאָלק.

3. שפּראַכן־פּראָגע: בײדע שפּראַכן, אידיש און העברעאיש, זײנען אָנערקענט געוואָרן װי די יעניקע װאָס װירקן אינם אידישן פאָלק.

4. גערעכטיקײט און גלײכקײט: אױסבילדן דעם װילן און דעם מוט צום קאַמף פאַר איבערבױען די װעלט אויף יסודות פון יושר און פרײהײט.

פאַר אַזעלכע שולן האָט מען אָבער ערשט געמוזט דערציען לערער, װעלכע זאָלן האָבן די נױטיקע קװאַליפיקאַציעס און דעם נױטיקן צו־גאַנג צו די לימודים. ראשית־כל האָט זיך געפאָדערט, אַז דער לערער זאָל זײן גוט באַקאַנט מיט דער אידישער און מיט דער העברעאישער שפּראַך און ליטעראַטור. עס איז אויך געװען װיכטיק, אַז די אַנשוי־אונגען פון די לערער זאָלן זײן אין האַרמאָניע מיטן גײסט פון שול. כדי אױסצובילדן אַזעלכע לערער, האָט מען באַדאַרפט האָבן אַ לערער־אינסטיטוט. אגב, שוין אין 1914, אויף דער ערשטער קאָנפערענץ פון די אידישע שולן, אין װעלכער עס האָבן אָנטײל גענומען אױך די דעמאָלטיקע סאָציאַליסטיש־טעריטאָריאַליסטישע גרופּעס, האָט יואל ענטין פאָרגעשלאָגן אַ פּראָגראַם־פּראָיעקט פאַר אַ אידישן לערער־סעמינאַר. דער פּראָיעקט איז טאַקע דעמאָלט אָנגענומען געװאָרן; עס האָט אָבער געדױערט אַריבער דרײ יאָר צײט ביז יענער באַשלוס איז פאַרװירקלעכט געװאָרן.

װען מען איז צוגעטראָטן אױפצושטעלן דער לערער־סעמינאַר, האָט די עקזעקוטיװע פון שולן־פאַרבאַנד אָרגאַניזירט אַ פאַרװאַלטונג פאַרן דאָזיקן סעמינאַר, אין װעלכער עס זײנען אַרײן צו צװײ פאָרשטײער פון דער גענעראַלער עקזעקוטיװע פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד און פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּועלי־ציון־פּאַרטײ, װי אױך אַ צאָל אידישע געלערנטע און פּעדאַגאָגן. ד״ר יהודה קױפמאַן, װעמען מען האָט אײנגעלאַדן צו װערן דער דירעקטאָר פונם סעמינאַר, האָט אױסגעאַרבעט די פּראָגראַם פון לימודים, און אַזױ איז די אינ־סטיטוציע געעפנט געװאָרן.

די ערשטע לערער זײנען געװען: פאַר אידיש, אידישער ליטעראַ־טור און פילאָלאָגיע: י. ענטין, חיים ליבערמאַן און יודאַ א. יאַפע; פאַר העברעאיש און העברעאישער ליטעראַטור: ד״ר יהודה קױפמאַן;

פאַר סאָציאַלע וויסנשאַפטן: א. ש. זאַקס; פאַר נאַטור־וויסנשאַפטן: ד״ר אב קאַספע און ד״ר י. א. מעריסאָן; פאַר אידישער געשיכטע: חיים שויס; פאַר פעדאַגאָגיק: ל. לעהרער, סיימאָן הירזדאַנסקי און ב. צ. גאָלדבערג.

אין אָנהויב זיינען ווי סטודענטן געווען פאַרשריבן בלויז אַזעלכע יונגע מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט זיך אויסבילדן, כדי צו ווערן לערער. אָבער שוין נאָכן צווייטן יאָר האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען אויך תלמידים און תלמידות, וואָס זיינען געווען פאַראינטערעסירט אין אי־דישע אָדער אַלגעמיינע לימודים, ניט ווענדיק דאָס מאַכן פאַר אַ „קרדום לחפור בו״. אַזוי האָט זיך אויסגעבילדעט אַזאַ איינטיילונג פון די סטודענטן: אין אַזעלכע, וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַ קורס פאַר לערער אין אידיש־העברעאישע שולן אָדער אין אידישע שולן, און אַזעלכע, וואָס לערנען „תורה לשמה״ — כדי צו קריגן בילדונג. אַחוץ דעם זיינען נאָך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן נאָר געלערנט איינצלנע לימודים.

צוליב די דאָזיקע ענדערונגען אין דעם צוזאַמענשטעל פון דעם סטודענטן־מאַטעריאַל, צוזאַמען מיט אַ „מחלוקה״ אין דער סעמינאַר־פאַרוואַלטונג וועגן פאַרגרעסערן אָדער פאַרקלענערן דעם אָדער יענעם טייל פון די העברעאיש־יודאַאיסטישע, פון די אידישע און פון די אַלגעמיינע לימודים, האָט זיך די פּראָגראַם געהאַלטן אין איין אויס־ברייטערן. יעדעס יאָר פלעגן צוקומען נייע לימודים און די צאָל לערער האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן.

די דאָזיקע פאַרצווייגונג האָט אויך געפונען איר אויסדרוק אין דער פלאַטפאָרם וועגן כאַראַקטער און צילן פון דער אינסטיטוציע, וואָס איז דעמאָלט פאַרמולירט געוואָרן דורך דער פאַרוואַלטונג. דאָרט רעדט זיך ניט נאָר וועגן צוגרייטן לערער, נאָר אויך וועגן אויסבילדן אידישע אינטעליגענטן, וואָס זאָלן האָבן טיפע און ברייטע ידיעות.

„דער אידישער לערער־סעמינאַר — הייסט עס דאָרט — איז אַ נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווע העכערע אַקאַדעמישע אינסטיטוציע, וואָס גיט די סטודענטן אַ סיסטעמאַטישע אידישע און אַלגעמיינע בילדונג און

אַ גרינטלעכע פּעדאַגאָגישע בילדונג צו די, וואָס גרייטן זיך צו זיין אידישע לערער.

דער סעמינאַר שטרעבט צו שאַפן אַ טיפּ אידישן אינטעליגענט, וואָס זאָל האָבן טיפע און ברייטע ידיעות און אַ לעבעדיקן אינטערעס אין דער וועלט־קולטור, און וואָס זאָל אין ליכט פון דעם דאָזיקן וויסן, לערנען, פאַרשטיין און אָפּשאַצן אונזער אייגענע נאַציאָנאַלע קולטור; אַ אידישן אינטעליגענט, וואָס זאָל זיין גרינטלעך באַקאַנט מיט די סאָציאַלע נויטן און פּראָבלעמען פון דער צייט און וואָס זאָל פילן זיין חוב צו טראָגן ליכט און וויסן צו די אידישע מאַסן בכלל און צום אידישן קינד בפרט.

לויט זיין כאַראַקטער איז דער אידישער לערער־סעמינאַר אַ נאַ־ציאָנאַל־פּראָגרעסיווער אינסטיטוט. זייענדיק נאַציאָנאַל, איז דער סע־מינאַר פאַראינטערעסירט אין אַלע פאַזן פון דער אידישער נייער און עלטערער קולטור ווי אויך אין די פּראָבלעמען פון טאָג־טעגלעכן לעבן און שאַפן. זייענדיק פּראָגרעסיוו אָדער ראַדיקאַל, באַקענט דער סעמי־נאַר זיינע תלמידים מיט די סאָציאַלע שטרעבונגען, סימפּאַטיעס און קאַמפן פון דער אַרבעטערשאַפט בכלל און פון דער אידישער אַרבע־טערשאַפט בפרט".

די דאָזיקע פּרינציפּן פון אַלזייטיקייט, פון אידיש־נאַציאָנאַל־קול־טורעלע און פרייהייטלעכע שטרעבונגען און פון גרינטלעכקייט זיינען געוואָרן די ליניע פון דעם סעמינאַר.

אַ סטודענט איז שטענדיק דערמונטערט געוואָרן, אַז ער זאָל אויפ־נעמען אַ פאַרצווייגטע פּראָגראַם; אַז ער זאָל זיך פאַראינטערעסירן אין אידישע און העברעאישע לימודים, אין סאָציאַלע קעגנשטאַנדן און אין די נאַטור־וויסנשאַפטן. דורך פאַרשיידענע לימודים און אַקטיווי־טעטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו קעגנוואַרטיקע פּראָבלעמען, האָט מען געזוכט אַריינצופירן דעם סטודענט אין אידיש־נאַציאָנאַלע קולטור־און אַרבעטער־פראַגעס.

מען איז אָבער געווען ווייט פון אַריינפּאַסן זיך אין וועלכע עס איז ענגע פאַרטיי־ראַמען, פון אַרויפצווינגען וועלכן עס איז „אני־מאמין" אויף די תלמידים, אָדער פאָדערן אַזעלכן פון די לערער. דערפאַר איז

טאַקע מעגלעך געווען, אַז דער „אַרבעטער־רינג״ זאָל קענען פּאַראַיינ־יקן זיינע לערער־קורסן מיטן לערער־סעמינאַר (פּאַרן משך פון אַ פּאָר יאָר). און דערפאַר האָבן זיך צווישן די לערער געפונען מענטשן פון פאַרשיידענע ריכטונגען און נייגונגען.

אין די ערשטע 17 יאָר פון זיין עקזיסטענץ האָבן אין סעמינאַר געווירקט אַ גרויסע צאָל לערער (צווישן די אויסגערעכנטע געפינען זיך עטלעכע, וואָס האָבן געהאַלטן בלויז אייניקע לעקציעס פון אַן אַלגעמיינעם קורס): ד״ר יהודה קויפמאַן, י. ענטין, א. ש. זאַקס (ע״ה), ד״ר מ. אָלגין (ע״ה), סיימאָן הירזדאַנסקי, ד״ר י. מ. העלמאַן, ב. צ. גאָלדבערג, ה. בורגין, פּראָפ. יקותיאל גינזבורג, יודאַ א. יאָפע, י. ל. כהן, חיים ליבערמאַן, פּראָפ. קאַספּער־לעווייעס (ע״ה), ל. לעהרער, פּראָפ. חיים פיינמאַן, ד״ר א. קאַספּע (ע״ה), פּראָפ. ה. מאַלטער (ע״ה), ש. ראַסקין, ש. שאַפּיראָ, ד״ר י. א. מעריסאָן (ע״ה), ש. ניגער, ה. ליאַוו, חיים שויס, ראוז סטאָלאָף, ד. ד. פלעשלער, א. גלאַנץ, ד״ר בן נתן, יוחנן טווערסקי, חיים גרינבערג, קלמן וויטמאַן, ש. ב. מאַקסימאָן (ע״ה), ד״ר י. שאַצקי, ד״ר וו. קאָלווין, ד״ר ה. ל. גאָרדאָן, ברוך גלאַזמאַן, י. אָפּאַטאָשו, י. זאַר, מ. עלקין, ד״ר א. קאָראַלניק (ע״ה), הלל ראָגאָף, ד״ר פּאָגעלמאַן, אַלכסנדר האַרקאַווי, פּ. גינגאָלד, ש. פּאָלאַק, ר. מאַר־גאָלין, ש. פּערסאָף, מ. איווענסקי, י. לעווינבאַך, יצחק אייזיק הורוויטש (ע״ה), מאָריס ווינטשעווסקי (ע״ה), יעקב מילך, מנחם ריבאַלאָוו און ה. לייוויק.

די פּראָגראַם פון די לימודים איז געווען: אידישע געשיכטע — צוויי שעה אַ וואָך; אידיש, אידישע ליטעראַטור און אידישע שפּראַך־וויסנשאַפט — צוויי שעה אַ וואָך; העברעאיש און העברעאישע ליטע־ראַטור — צוויי שעה אַ וואָך; תנ״ך, תלמוד און אידישע פילאָזאָפיע — צוויי שעה אַ וואָך; סאָציאַלע וויסנשאַפטן: פּאָליטישע עקאָנאָמיע, געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, סאָציאַליזם — צוויי שעה אַ וואָך; ענגליש און ענגלישע ליטעראַטור, וועלט־געשיכטע, אַמעריקאַ־נער געשיכטע און וועלט־ליטעראַטור — צוויי שעה אַ וואָך; פאַרשיי־דענע אַנדערע קעגנשטאַנדן — איין שעה אַ וואָך.

אין משך פון די ערשטע 17 יאָר האָבן אין סעמינאַר געלערנט

איבער 2,000 תלמידים, אַ טייל פון וועלכע האָבן אויפגענומען נאָר אַ טיילוויזן קורס. דעריבער איז ניט לייכט צו וויסן, וואָס פאַר אַ השפעה די לימודים, די סביבה פון דעם סעמינאַר און די לערער האָבן געהאַט אויף זיי. אַזוי ווייט ווי עס זיינען פאַראַן ידיעות, זעט מען, אַז אַ טייל פון זיי ווירקט אַלס טוער אין פאַרשיידענע קולטור־, אַרבעטער־ און אַנדערע אידישע אינסטיטוציעס, ווי אויך אַלס לערער אין שולן.

פון די 120 גראַדואירטע (ביז 1935), זיינען 63 באַשעפטיקט אַלס לערער אין פאַרשיידענע טיפּן שולן — דער עיקר אין אידישע פאָלק־שולן, אַרבעטער־רינג־שולן, אָבער אויך אין תלמוד־תורה׳ס, שלום־עליכם־שולן, אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן און אַנדערע דערצי־אונגס־אַנשטאַלטן. 29 זיינען נאָכן גראַדואירן געוואָרן לערער, אָבער שפּעטער אַוועק צו אַנדערע פאַכן און פּראָפעסיעס. אויסער די גראַדו־אירטע פון סעמינאַר, איז אַ באַדייטנדיקע צאָל פון די סעמינאַר־סטודענטן, וואָס האָבן ניט פאַרענדיקט זייער פולן שטודיום, געוואָרן לערער. זייער צאָל איז אַ גאַנץ גרויסע און שטייגט אפשר אַריבער די צאָל פון די גראַדואירטע לערער.

לויט דער צאָל סטודענטן, ווי אויך לויט דער הויך פון די לימודים, איז דער סעמינאַר ראוי געווען צו קריגן די נויטיקע אָנערקענונג פון דעם שטאַט און באַקומען אַ „טשאַרטער״. פאַר אַזאַ אָנערקענונג פאָ־דערט זיך אָבער, אַז די באַטרעפנדיקע אינסטיטוציע זאָל האָבן ריזיקע פאָנדן. אַזעלכע פאָנדן האָט דער אידישער לערער־סעמינאַר ליידער ניט געהאַט. ניט געקוקט אויף דעם, האָט די פאַרוואַלטונג פון אידישן לערער־סעמינאַר זיך אָנגעהויבן אינם יאָר 1935 צו באַמיען וועגן אַ טשאַרטער. אָבער דאָ הויבט זיך אָן אַ נייַ קאַפּיטל, וועגן וועלכן עס לוינט זיך אָפּצושטעלן באַזונדער.

יאָר 1943

די אידישע יוגנט און די אידישע קולטור

(צו דער אָנערקענונג פון אידישן לערער סעמינאַר
אַלס אַ קאָלעדזש)

דער אינערלעכער וועזן און מהות פון דעם אַמעריקאַנעם אידנטום איז נאָך אַלץ אַ גרויסער סוד פאַר דער אידישער וועלט. מען וואונדערט זיך אָפט און מען פרעגט אין דער שטיל און אין דער הויך, אויב עס איז באמת דאָ דער פאַרלאַנג ביי אידן אין אַמעריקע צו באַשאַפן פאַר זיך אַן אייגענעם אידישן לעבנס־שטייגער דאָ אין לאַנד ווי אידן האָבן דאָס געטאָן אין אַנדערע לענדער, און צי וויל מען בכלל פאַרמירן דאָס לעבן אויף די יסודות פון אידישער קולטור, אידישן לשון און אידישע געשיכטלעכע אידעאַלן?

די פראַגע ווערט געשטעלט פון היגע געבאָרענע מענטשן, ווי דאָס טוען די געסט, וואָס קומען צו אונז אויף אַ ווייל. דאָס קומט אָן ספק צוליב די גרויסע פאַראַדאָקסן אין אונזער געזעלשאַפטלעכן לעבן. די אָפטמאָל אומפאַרשטענדלעכע דערשיינונגען אין דער אידישער גאַס זיינען עלול אַרויסצורופן אומרואיקייט און אַרויסברענגען דעם צווייפל אין אונזער אידיש־געשיכטלעכער אַנטוויקלונג.

ווייל ווי זאָל מען טאַקע דערקלערן דעם פאַל, וואָס נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס מיר זיינען אַזוי פיין אָרגאַניזירט אין אַמעריקע, פונדעסטוועגן געפינט איר אַזאַ צעשוואומענקייט אויף דער גאַנצער לענג און ברייט פון אונזער לעבן. כמעט יעדער איד באַלאַנגט דאָך ערגעץ־וואו צו אַ אידישער קערפּערשאַפט. צי דער באַטרעפנדער מענטש ווייסט פאַרוואָס ער טוט דאָס אָדער נישט, אָבער עס איז אַ פאַקט, אַז אידן טוליען זיך איינער צום צווייטן. אַזוי איז דאָס אין די רייכערע אידישע קרייזן און אַזוי איז דאָס ביי דער אַרבעטערשאַפט. און ווען אידן הויבן אָן אַריינגיין אין אַ געוויסער ניט־אידישער געזעלשאַפט, הויבן זיי אָן אַהין אַריבערברענגען אַזוי פיל פון זייערע באַקאַנטע (מסתמא צוליב פריילעכקייט ועגן), אַז זיי באַשאַפן אויך אין דער „פרעמד" אַן אייגן

אידיש ווינקל. ביי אַזאַ אידישער אָרגאַניזירטקייט האָט מען דאָך געקענט דערוואַרטן אַ מער אָרגאַניזירטע אידישע רעפּרעזענטאַנץ, גרעסערן ווילן פאַר אידישער זעלבסטשטענדיקייט, אַ פעסטגעשטעלטע פאָלקס־מיינונג, און דער עיקר, מער זאָרג פאַרן נאַציאָנאַלן קיום.

אויב אַפילו, אַז עס זיינען גערעכט די וואָס זאָגן, אַז דער „נצח ישראל לא ישקר" איז אויך צוגעפּאַסט פאַר אַמעריקע, און אַז עס זיינען שוין דאָ גענוג פאַקטן און באַדינגונגען, וואָס וועלן שוין ווי עס איז אויפהאַלטן דאָס אידישע לעבן, פרעגט זיך אָבער, צי ווילן מיר „סתם עקזיסטירן"? קענען מיר זיין צופרידן מיט יענעם טיפּ פון אידישן עם הארץ, וואָס האָט פאַרלאָרן אַלע יענע מידות וואָס אידן האָבן זיך מיט זיי באַרימט געמאַכט; וואָס האָט באַקומען אַזעלכע געוואוינהייטן, וואָס אידן האָבן שטענדיק באַקעמפט? זיינען מיר צופרידן מיט אַזוינע טיפּן, וואָס מערן זיך ביי אידן און וואָס האַלטן זיך גראָדע אָן און ווילן נישט פאַרלאָזן דאָס אידישע פאָלק?

ווי זאָלן מיר באַגרייפן אונזער גלייכגילטיקייט צום פאַקט, וואָס די אידישע יוגנט איז פרעמד פון די סאַמע עיקרים, פון די הויפּט פּרינציפּן פון אונזער אידישן געשיכטלעכן לעבן? די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידעאַלן פון אַ פאָלק וואָס זיינען אַ רעזולטאַט פון דורות לאַנגער אַנט־וויקלונג, קענען דאָך נאָר פאַרשטאַנען ווערן ווען מען דרינגט אַריין אין דער פאָלקס־קולטור. כדי צו אָנהויבן אידיש פילן איז דאָך נישט גענוג בלויז אָגערעגט צו ווערן פון אַ פּאָגראָם פּאַסירונג. צום ביישפּיל, די אַלע וואָס מיינען, אַז דר. הערצל איז געקומען צום פאָלק בלויז דורך דער דרייפוס אַפערע, פאַרשטייען נישט דעם גייסטיקן געוועב פון אַ מענטשן. מען דאַרף וויסן, אַז כדי צו קענען אויפגערעגט ווערן פון אַ פּאַסירונג צו אַזאַ מדרגה, אַז דאָס זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שאַפנדן לעבנס־מאָטיוו, מוז דער באַטרעפנדער מענטש האָבן טיפע ידיעות, דער־פאַרונגען און איבערלעבונגען וועגן דעם דאָזיקן ענין. אַ באַוואוסטזיני־קער אידישער מענטש קען נאָר זיין דער, וואָס מאַכט דורך אויף אַן אומדירעקטן אופן דעם געשיכטלעכן לעבן פון אידישן פאָלק, וואָס פאַר־טיפט זיך אין און לעבט דורך אין זיין געדאַנק די גרויסע דערשיינונגען און דראַנגען אין אידישן געשיכטלעכן לעבן.

אין דעם אַרטיקל איז ליידער נישטאָ גענוג פּלאַץ צו אויסברייטערן

זיך און אַרומריידן באריכות די פריערדיקע באַהויפּטונגען. דער צוועק פון דאָס פריער געזאָגטע איז בלויז אַן אַריינפיר צו אונזער טעמע וועגן דער אידישער יוגנט.

עס מוז אויפן שטאַרקסטן אופן באַטאָנט ווערן, אַז די אידישע דערציאונג פון אונזער אידישער דערוואַקסענער יוגנט האָבן מיר אַליין שטאַרק פאַרנאַכלעסיקט. דאָ אין לאַנד וואו די סביבה ווירקט אַזוי שטאַרק צו פאַרפרעמדן דעם יונגן אידישן מענטשן און אים אַוועק־נעמען פון זיין אייגענעם קרייז, האָט מען דאָך געדאַרפט דאָפּעלט פאַר־שטאַרקן די שמירה איבער דער אידישער יוגנט. דער „היי־סקול" און קאָלעדזש האָבן זיך דאָך אַרויסגעוויזן צו זיין די אמת'ע „מעלטינג פּאָטס", יענע שמעלצונגס געפעס וואָס וואַרצלען אָפּ אויס אין דער אידישער יוגנט די עמאָציאָנעלע באַציאונג און פאַרשטענדיקונג פאַר זייער אייגן פאָלק און קלאַס.

געוויס וועלן זיין מאַנכע וואָס וועלן זאָגן, אַז דאָס איז שוין אַן אַל־טער ענין און אַז צו ריידן וועגן דעם ווערט שוין אָפּט אַביסל באַנאַל. אָבער דורך אַזוינע באַמערקונגען ווערט די לאַגע נישט געענדערט און דער אַסימילאַציע פּראָצעס שטעלט זיך נישט אָפּ. מוז מען דערפאַר וועגן דעם ווייטער ריידן און זוכן מיטלען.

מען דאַרף נישט האָבן קיין עקספּערימענטן פון וויסנשאַפטלייט צו באַשטימען ווי קליין און נישטיק עס זיינען די אידישע ידיעות פון אונזערע היי־סקול און קאָלעדזש יוגנט. די למודים וואָס די דאָזיקע קינדער האָבן געקראָגן אין דער פאָלקס שול אָדער תלמוד תורה איז אויסגעזויפּט געוואָרן אין דער צייט ווען זיי האָבן אויפגענומען וויכטיקע ידיעות אין זייער היי־סקול און אין קאָלעדזש. אדרבה, פרעגט אייערן אַ באַקאַנטן אידישן בחור אָדער מיידל וועגן אַ געוויסן אידישן בוך, אידישן אָדער העברעאישן שריפטשטעלער, אַ תנא, אָדער גאָר וועגן אידישע באַגריפן, ווי לאָמיר זאָגן „לפנים משורת הדין", „חזקה", „תקיעת כף" און ד. גל. און איר וועט זען ווי ווייניק זיי קערן זיך אָן מיט אידיש־גייסטיקע לעבנס פאָרמען.

אָבער נישט פון אונזערע גייסטיקע שאַפונגען איז די יוגנט ווייט, נאָר זי שטייט אויך אָן אַ זייט פון אונזער קעגנוואַרטיקע פּראָבלעמען. זייער אַ קליינע צאָל פון דער אידישער יוגנט איז אָרגאַניזירט אין יענע

קלובן וואָס גיבן זיך אָפּ מיט אידישע אינטערעסן און אידישע טעטיקייטן.

דאָס אָרגאַניזירטע אידנטום אין אַמעריקע האָט באַדאַרפט אויפנע־מען אויף אַ ברייטן אופן דאָס דאָזיקע פּראָבלעם. האָבן דאָך כמעט אַלע שטאַטן פעסטע געזעצן וואָס צווינגען קינדער צו לערנען ביז אַ געוויסן עלטער און אַז זיי זאָלן דערוואַרבן געוויסע ידיעות. די „קאָנטיניואיישאָן סקול" פאָלגט דאָך נאָך דאָס קינד אַפילו ווען ער קריגט באַשעפטיקונג און צווינגט אים צו אומקערן זיך פאַר אַ געוויסער צייט צו לערנען. זיינען דאָך שוין דאָ שטאַטן וואָס האָבן פאַרצויגן די לערן־צייט פון די קינדער ביז 16־18 יאָר. פאַרוואָס קען נישט אָנגענומען ווערן יענער אומגע־שריבענער געזעץ אין אונזער אידישן לעבן, אַז יעדעס קינד זאָל מוזן קריגן כאָטש אידישע מיטל־שול ידיעות?

וואָלטן מיר געהאַט אַ נעץ פון מיטל־שולן וואָלט שוין במילא ניט געווען קיין פּראָבלעם וועגן אָפּשפּאָרן אַ צאָל פון אונזער אידישער יוגנט פאַר העכערע אידישע לימודים, דאָס וואָלט שוין געקומען פון זיך אַליין. אָבער ווי די לאַגע איז היינט איז די פראַגע פון העכערער אידישער בילדונג אַ העכסט אָנגעווייטיקטע.

דער גאַנצער באַגריף פון „תורה לשמה" צו לערנען כדי צו באַ־רייכערן און פאַרפיינערן דעם אייגענעם גייסטיקן לעבן, איז ווי פאַר־שוואונדן פון אַמעריקאַנער אידישן האָריזאָנט. די העכערע אינסטיטו־ציעס פאַר אידישער בילדונג וואָס מיר פאַרמאָגן אין אַמעריקע, זיינען אַלע פּראָפעסיאָנעלע שולן. אין איין פּלאַץ דערציט מען רבנים, אין צווייטן פּלאַץ דערציט מען ראַבאַיס, און אין די אַנדערע אינסטיטוציעס דערציט מען לערער. קיין אינסטיטוט ספּעציאַליזירט זיך אָבער נישט און פירט נישט אָן קיין אויפקלערונג וועגן דעם, אַז די אידישע יוגנט זאָל קומען לערנען צוליבן לערנען גופא. פאַרוואָס זאָל אַ אידישער בחור וואָס וויל ווערן אַ דאָקטאָר נישט פילן, אַז גלייכצייטיק מיט זיין אַלגעמיינער בילדונג, מוז ער אויך האָבן אַ אידישע בילדונג? פאַרוואָס זאָלן די אַלע אַנדערע אידישע פּראָפעסיאָנאַלן נישט געפינען פאַר נייטיק צו אויפנעמען אַ קורס אין אידישער געשיכטע און באַקאָנען זיך מיטן אידישן פאָלק־שאַפן? זיי דאַרפן עס דערפאַר, ווייל זיי זיינען אידן און דאָס איז זייער סאָציאַלע ירושה, דאָס איז זייער אידיש־מענטשלעכע פערזענלעכקייט און מענטאַליטעט. אָט האָבן דאָך אַלע קאָלעדזשעס אין

אַמעריקע און איראָפּע דעם קורס פון „בעטשלאָר אָוו אַרטס", אָדער „בעטשלאָר אָוו סייענס", וואָס יעדער איינער מוז אויפנעמען צוליב אַל־געמיינעם וויסן נאָך איידער ער וויל זיך לערנען וועלכע ניט איז פּראָ־פעסיע. פאַרוואָס נישט אויפקלערן אונזער אידישע יוגנט, אַז כדי צו ווערן אַן אינטעליגענטער מענטש מוז דער אידישער בחור אָדער מיידל אויפנעמען געוויסע קורסן אין אַ אידישן אַקאַדעמישן אינסטיטוט?

גלויבנדיק אַז איינע פון די סבות פאַרוואָס די אידישע יוגנט איז דערוויטערט געוואָרן פון איר אייגענעם קולטור קוואַל, ליגט אויך אין דעם, וואָס די אידישע אַקאַדעמישע אינסטיטוטן זיינען אָוועקגעשטעלט געוואָרן, ווי פריער געזאָגט, בלויז פאַר פּראָפעסיאָנעלער אידישקייט, קומט איצט דער אידישער לערער סעמינאַר צו אָנפירן אַ ברייטע אויפ־קלערונג צווישן דער אידישער יוגנט, אַז זי זאָל קומען צו אידישע בילדונג פון דעם ריין אידיש נאַציאָנאַלן און קולטור שטאַנדפּונקט. דער אידישער לערער סעמינאַר וועט פאַרן קומענדיקן יאָר האָבן אַ גוט־אָרגאַניזירטע אָפּטיילונג פאַר אידישע, העברעאישע און אַלגעמיין אידי־שע לימודים. דידאָזיקע אָפּטיילונג וועט זיך מאָדעלירן לויטן פּראָגראַם פון דעם קורס אין „בעטשלאָר אָוו אַרטס", ווי ער ווערט געגעבן אין אַט די פאַרשידענע קאָלעדזשעס פון לאַנד.

פאַר דער אידישער שטודירענדיקער יוגנט וועט זיין פון גרויס וויכטיקייט צו וויסן אַז פאַר אידישע למודים אין אידישן לערער סעמי־נאַר וועלן זיי קריגן פולע קרעדיטן און זיי וועלן די קרעדיטן קענען באַנוצן פאַר ב.א. אָדער ב.ס. דעגרי אין די אַלגעמיינע קאָלעדזשעס, אַזוי אַז דאָס וועט נישט זיין קיין פאַרלוסט אין צייט אַפילו פון זייער אייגענעם סטודענטישן שטאַנדפּונקט.

דער אַרבעטער קאָלעדזש וואָס וועט דערעפנט ווערן אין אידישן לערער־סעמינאַר וועט צוגרייטן די אידישע יוגנט פאַר די גרויסע אידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס און יוניאָנס. די אידישע בילדונג וואָס די סטודענטן וועלן דאָ קריגן וועט זיי העלפן צו פאַרשטיין די סביבה און אַנטוויקלונג פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט. אָבער אַט די אָפּטיילונג פון אידישן לערער־סעמינאַר פאַרדינט זיכער אַ באַ־זונדער אַרטיקל פאַר זיך אַליין.

עס ווילט זיך פאַרענדיקן דעם אַרטיקל מיט אַ פּראַקטישער ווענדונג צו אַלע אונזערע חברים, אַז זיי זאָלן אויפנעמען מיט טיפער פאַרשטענדעניש די גרויסע געשעעניש, וואָס דער אידישער לערער־סעמינאַר האָט איצט געקראָגן די אָנערקענונג פון דער רעגירונג צו ווערן דער קאָלעדזש פאַר אידישער (העברעאיש איינגעשלאָסן) און אַרבעטער ביל־דונג. אַ דאַנק דעם אַקט וועט דער סעמינאַר איצטער איבערגעבויט ווערן און וועט זיך אויסברייטערן צו קענען אויפנעמען די אידישע יוגנט פון איבערן גאַנצן לאַנד, וואָס וועט וועלן קומען און קריגן דאָס קערענדיקסטע און סאַמע תוך פון דער אידישער קולטור פון דורות. מיר ווילן אַז דער סעמינאַר זאָל איצטער ווערן די היים פאַר יעדן אידישן בחור און מיידל, וואָס וויל ווערן אַ אינטעליגענטער אידישער מענטש מיט אַ פּראָגרעסיווער פאַרשטענדעניש פאַר אידישע און אַרבעטער פּראָבלעמען.

די וואָס שטייען אַרום אידישן לערער־סעמינאַר האָפן צו קענען ברענגען דער אידישער וועלט נאָך אַ באַווייז, אַז דאָס אידישע לעבן דאָ אין לאַנד שלאָגט טיפע וואָרצלען; ציט זיין יניקה פון אידישע היסטאָרישע קוואַלן און אַז מיר זוכן באַוואוסטזיניקערהייט צו פאַרמירן אונזער אידיש לעבן דאָ אויף אידיש־נאַציאָנאַלע און געשיכטלעכע יסודות.

מאי, 1935

דאָס פּראָבלעם פון העכערער אידישער בילדונג

די ציפערן וואָס די „הלל פאונדיישאָן" האָט פאַרעפנטלעכט בנוגע דער צאָל פון אידישע סטודענטן אין די אַמעריקאַנער קאָלעדזשעס און אוניווערזיטעטן, האָבן אַרויסגערופן גרויס צופרידנקייט ביי דער אידישער באַפעלקערונג.

עס ווייזט זיך אַרויס אַז מיר פאַרמאָגן היינט אַריבער הונדערט און פינף טויזנט אידישע סטודענטן דאָ אין לאַנד.

דער דראַנג נאָך העכערער בילדונג זעט אויס צו זיין פיל שטאַרקער צווישן דער אידישער ווי צווישן דער ניט־אידישער באַפעלקערונג. פאַרגלייכט מען די צאָל פון דער אידישער און ניט־אידישער באַפעלקערונג און די צאָל פון די אידישע און ניט־אידישע סטודענטן, באַקומט מען אַרויס דעם וויכטיקן פאַקט, אַז דער פּראָצענט פון דער אידישער סטודענטנשאַפט איז מער ווי צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי די ניט־אידישע.

די צאָל פון דער אידישער יוגנט וואָס רייסט זיך ממש צו העכערער בילדונג שטייגט מיט יעדן יאָר. קיינע שטערונגען האַלטן נישט אָפּ דעם יונגן אידישן מענטשן צו קענען אַריינקומען אין די טויערן פון אַקאַדעמישער בילדונג. און אַז עס זיינען דאָ גענוג ספּעציעלע שוועריקייטן פאַרן אידישן סטודענט ווייסן דאָך אַלע. דער פאַקט וואָס עס איז פאַראַן אַזאַ גרויסע צאָל אידישע סטודענטן וועלכע אַרבעטן ביי־טאָג, וואָס ווערן זומער צייט קעלנער און געשיר וואַשער אין די פאַרשיידענע האָטעלן און זומער פּלעצער, באַווייזט קלאָר אַז די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אידישע סטודענטן איז אַ גאַנץ שווערע. אידישע סטודענטן מוזן זיך בעסער לערנען און זיך כסדר האַלטן אין אויסצייכענען כדי צו קענען פאַרנעמען וועלכן ניט איז אָרט אין קאָלעדזש גופא. ווייסן מיר דאָך אויך פון דער גרויסער סטודענטן וואַנדערונג, ס'הייסט פון אידישע סטודענטן וואָס פאָרן אַרויס און קלאַפּן אין די טירן פון די פּאַרוואָרפענע קאָלעדזשעס אַז מען זאָל זיי אַריינעמען. אָבער אָט די אַלע שטערונגען טויטן נישט אָפּ דעם ווילן פון אידישן

סטודענט צו אָנקומען אַהין, וואו ער האָט זיך אָנגעצייכנט. ווי עס זעט אויס, ווערט דאָ פאַרווירקלעכט די „אינפעריאָריטעטס־טעאָריע", וואָס באַהויפּטעט, אַז מינדערווירדיקייט קאָמפּלעקסן ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ קוואַל פון נייער ענערגיע, וועלכע טרייבט דעם, וואָס ליידט פון זיי, צו גרעסערע און אַמביציעזערע מעשים. די שטערונגען, וואָס ליגן אין וועג פון אידישן סטודענט, די שנאה צו אים, וואָס ער באַגעגנט אָפט אין די העכערע אַקאַדעמישע אַנשטאַלטן און אין לעבן, סטימולירן אים צו ווערן מער פאַרעקשנט און בייצוקומען די אומגעהויערע שוועריקייטן.

די וויכטיקע באַדייטונג פון דעם פאַקט פון דער גרויסער צאָל אידישע סטודענטן ווערט אָבער טיילווייז פאַרמינדערט ווען מען טראַכט זיך אַריין אין דער צוקונפט פון אידישן לעבן אין אַמעריקע. מיר ווילן דאָ נישט אָנרירן די עקאָנאָמישע זייט פון דער פראַגע, דאָס הייסט, וואָס וועלן טאָן אַזוי פיל פראָפעסיאָנאַלן אין די אַזוי שוין אויך איבער־געפילטע „אידישע" פראָפעסיעס? דאָס איז אַ באַזונדער קאַפּיטל פאַר זיך אַליין. מיר ריידן דאָ בלויז וועגן אונזער וייטערער גייסטיקער און קולטורעלער אַנטוויקלונג.

אָט די גרויסע מאַסע אידישע סטודענטן וואָלט דאָך געקענט זיין אַ ברכה פאַר דער גייסטיקער דערהויבונג פון אונזער פאָלק. אַזאַ גרויסע אינטעלעקטועלע מאַסע וואָלט דאָך געהאַט ביכולת צו רעוואָלוציאָניזירן אונזער לעבן און אים אַוועקשטעלן אויף גאָר אַ הויכער קולטורעלער מדרגה. יעדעס פאָלק וואָס זוכט צו איבערבויען זיין לעבן הויבט דאָך אָן מיט דער דערציאונג פון זיין יוגנט, מיט דעם אויפשטעלן פון אַ באַוואוסטזיניקער פאָלקס־אינטעליגענץ.

אָבער אָט די גרויסע אידישע סטודענטשאַפט, אָט די אינטעלעקטואַלן און פּאָטענציאַלע אידישע פירער — וואָס וויסן זיי פון דער קולטור פון זייער פאָלק, פון זייער פאָלק'ס לעבן־שטייגער? וואָס פאַר אַ שייכות האָבן זיי צו די אייביקע גייסטיקע שאַפונגען פון די אידישע דורות? וואָס האָבן זיי געטאָן כדי צו פאַרבונדן ווערן גייסטיק מיט דעם גאַנג פון דער אידישער געשיכטע? אַלס פראָפעסיאָנאַלן וועלן זיי דאָך מסתמא פריער אָדער שפעטער שפילן אַ וויכטיקע ראָלע אין דער אידי־

שער געזעלשאַפט. פרעגט זיך: וואָס פאַר אַ גייסטיק אידישן באַגאַזש האָבן זיי, וואָס וועט זיי באַרעכטיקן צו רעפּרעזענטירן די אידישע פאָלקס־מאַסן און צו באַאיינפלוסן דעם גאַנג פון דעם אידישן לעבן?

אין פּרימיטיווע צייטן איז פאַר אַ יונגן מענטשן נישט געווען קיין נויטווענדיקייט צו באַזוכן אַ שול אָדער אַ קאָלעדזש. אַזעלכע אינסטי־טוציעס האָבן בכלל נישט עקזיסטירט. די עלטערן און די קרובים האָבן שוין אויסגעלערנט דעם יונגן מענטשן די סאַמע נויטיקסטע מלאכות. אָבער אין אַ געזעלשאַפט וואו דאָס לעבן איז קאָמפּליצירט, וועט קיינער נישט וואַגן צו איבערלאָזן די דערציאונג פון יונגן מענטשן צו סתם עלטערן אָדער צו דער גאַס. דאָס איז דאַכט זיך אַזוי איינפאַך, ממש אלף־בית. טאָ ווי קומט דאָס טאַקע וואָס די אויסבילדונג און די דערציאונג פון דעם יונגן אידישן מענטשן לאָזט מען אויף הפקר און אויף אַ צופאַל? פאַרוואָס זאָל מען מיינען, אַז אידישע בילדונג און אידיש וויסן, וועט שוין דער אַמעריקאַנער אידישער סטודענט אויפ־כאַפּן אין גאַס, פון דער לופט? אדרבא, האָט שוין ווער עס איז געפרעגט די הונדערט און פינף טויזנט אידישע סטודענטן: וואו קריגן זיי זייער אידישע בילדונג, אין וועלכן קאָלעדזש באַקומען זיי זייער אויסבילדונג אין העכערע אידישע לימודים?

די פּראָגראַם פון די קאָלעדזשעס פאָדערט, אַז יעדער סטודענט זאָל ווידמען אַרום פולע צוויי יאָר פון זיין שטודיום בלויז צו הומאַני־טאַרע למודים ווי ליטעראַטור, שפּראַך, געשיכטע, פילאָזאָפיע און אַנ־דערע סאָציאָלאָגישע קעגנשטאַנדן. יעדער אידישער בחור און מיידל וואָס וויל קריגן אַ העכערע בילדונג נעמט דאָך אויף, אויסער די עלע־מענטאַרע און מיטל־שול למודים, אויך צוויי יאָר קאָלעדזש למודים, כדי צו קענען זיך אויסלעבן אין גייסט פון דער אַמעריקאַנער קולטור. אויב דאָס איז אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך, טאָ ווי קומט דאָס, וואָס בנוגע דער אייגענער קולטור איז אַריינגעטראָטן אַזאַ גלייכגילטיקייט? פאַרוואָס זאָלן מיר האָבן אַזוי פיל סטודענטן, וועלכע זיינען אין אַ אידישן זינען פּשוטע עם־הארצים?

דער יונגער אידישער סטודענט נעמט אויף מיט אמתער התלהבות די קולטור ירושה פון אַמעריקע. ער לערנט זיך פלייסיק, דרינגט אַריין אין גייסט פון דער שפּראַך, ליטעראַטור און לעבנס־באַנעם פון די

אַמעריקאַנער דענקער און פירער. אַפילו אין דעם אַקצענט און אינ־טאָנאַציע איז ער מער מדקדק ווי זיין ניט־אידישער חבר. אָט אַזאַ וואוילער סטודענט בלייבט צו אונזער נאַציאָנאַלן אומגליק, פרעמד צום עצם אינהאַלט פון זיין פאָלקס־קולטור. אַפילו דער אידישער סטודענט, וועלכער אינטערעסירט זיך מיט די פּאָליטישע אַספּיראַציעס פון אי־דישן פאָלק איז אָבער דורכאויס אַסימילירט גייסטיק און קולטורעל. די גייסטיקע פערזענלעכקייט פון אַ מענטשן איז דאָך אַ פּועל יוצא פון דעם, וואָס ער נעמט אויף דורך זיין דערציאונג. אויב די שפּראַך־פאָרמען, דאָס דענקען און די קולטור־באַגריפן פון סטודענט זיינען ניט פון אידישן קוואַל — איז דאָך זיין גאַנצע מענטאַליטעט אַ ניט־אידישע, ס׳הייסט, אַן אַסימילירטע.

דאָס פיר־מיליאָניק אידישע פאָלק אין אַמעריקע פאַרמאָגט נישט קיין איין מאָדערנעם קאָלעדזש, וואָס פאַרבינדט די אידישע למודים מיט די אַלגעמיינע למודים אין איין איינהייט. לויט ווי עס ווערט היינט געלערנט אין די קאָלעדזשעס, איז דאָך מעגלעך, אַז מען זאָל לערנען אַמעריקאַנער געשיכטע און מען זאָל אַפילו נישט האָבן קיין אַנונג פונם אידישן בייטראָג צו דעם אויפבוי פון אַמעריקע. דאָס איז אויך ריכטיק בנוגע ליטעראַטור, מוזיק און דאָס גלייכן. אידן אַלס איינהייט, ווערן נישט דערמאָנט אין די טעקסט־ביכער, אין דער צייט ווען אַנדערע פעלקער ווערן אַזוי פּראָמינענט „געפּיטשורט״. אין אַ אידישן קאָלעדזש וואָלט דאָך די אידישע קולטור געוואָרן ווי אַן אינטעגראַלער טייל פון דער וועלט־קולטור לויט די פאַרשידענע עפּאָכן און צייטן. דאָס וואָלט דאָך באַשאַפן אַ גאַנצע האַרמאָנישע אידישע פערזענלעכקייט. מיר האָבן אין אַלגעמיין זייער ווייניק העכערע בילדונגס־אינסטיטוציעס. און לאָמיר דאָ דערציילן דעם טרויעריקן אמת, אַז אונזערע עטלעכע סעמינאַרן און קאָלעדזשעס האָבן דאָך אַ נישטיקע צאָל סטודענטן. דערוויל איז נאָך לײדער נישטאָ קיין סטאַטיסטיק פון דער צאָל אידישע סטודענטן אין די אידישע אינסטיטוטן פאַר העכערער אידישער בילדונג. מיר וויסן אָבער, אַז זייער צאָל איז זייער, זייער קליין. אויב ניו־יאָרק וועט זיין אַ ביישפּיל פאַרן גאַנצן לאַנד, אין באַצוג צו סטודענטן, וואָס נעמען אויף העכערע אידישע למודים, דעמאָלט איז אַ ספק אויב אַפילו אין גאַנץ אַמעריקע דערגרייכט זייער צאָל צו פינף טויזנט.

מיר טאָרן זיך נישט טרייסטן מיט די צייטונגס באַריכטן בנוגע די צאָל פון די, וואָס נעמען אויף העברעאיש אין היי־סקולס און באַזונדערע געוויסע קורסן. דאָס זיינען דאָך אָנפאַנגער. מיר ריידן דאָ וועגן אַ צוקונפטיקער אידישער אינטעליגענץ, וועגן צוקונפטיקע פירער און וועגווייזער פאַר די אידישע מאַסן, וואָס דאַרפן לערנען גרינטלעך און סיסטעמאַטיש כדי דורכגעדרונגען צו ווערן מיט דעם גייסט פון אונזער קולטור.

די אידישע עפנטלעכקייט האָט לעצטנס פיל געזאָרגט פאַר דער עלעמענטאַרער אידישער דערציאונג. אַ דאַנק דער אָנשטרענגונג, האָבן מיר איצטער מיט פיל טויזנטער קינדער מער אין די פאַרשידענע תלמוד תורות און פאָלק־שולן. פאַרוואָס זאָלן די אידישע דערציער און קולטור־טוער נישט אויפנעמען איצט די פּראָבלעם פון העכערער אידישער ביל־דונג, גרינדן די נויטיקע געזעלשאַפטן און שאַפן פאַר דעם די נויטיקע פאָנדן?

וואָלטן מיר געקענט ווירקן, אַז לכל הפחות אַ טייל פון דער אידישער סטודענטשאַפט זאָל קומען לערנען אין העכערע אידישע לערן־אַנ־שטאַלטן, וואָלט דאָך דאָס געשאַפן ווויסנשאַפטלעכע צענטערן פאַר אידי־שער פאָרשונג און געלערזאַמקייט. די אידישע געלערנטע וואָלטן אין אַן (אידישער) אַקאַדעמישער סביבה געקענט פאַרזעצן אויף אַ נאָרמאַלן אופן זייער וויסנשאַפטלעכע אַרבעט און ווירקן אויף דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון דער אידישער יוגנט.

פאַרוואָס ווילן מיר זיך נישט אָנשטרענגען און דערהויבן אידישע העכערע לימודים צו אַ נויטווענדיקייט? קען מען דאָס טאַקע נישט אויפקלערן דעם אידישן קאָלעדזש סטודענט, אַז כדי צו טראָגן בכבוד דעם נאָמען אידישער סטודענט, מוז ער אויפנעמען וויניקסטנס אַ יאָר אָדער צוויי העכערע אידישע למודים?

ווען אַ סטודענט, וואָס גרייט זיך צו זיין אַ דאָקטאָר, אַ לאָיער אָדער אַן אַנדער פּראָפעסיאָנאַל, וואָלט אין פאַראויס געוואוסט אַז די אידישע סביבה וועט אים קיינמאָל נישט באַטראַכטן פאַר אַן אייגענעם אינטעליגענטן מענטשן, ווען ער וועט נישט האָבן קיין העכערע אידישע בילדונג; ווען דאָס וואָלט געשען — וואָס דאָס דאַרף געשען — וואָלט

דאָך דער גייסטיקער לעבן פון אונזער פאָלק געווען אין גאַנצן אָן אַנדערער.

אונזער אידיש לעבן שטויסט זיך שוין אָן אין גייסטיקער טעמפּקייט און סטאַגנאַציע. אַ דאַנק דער אָפּוועזנהייט פון גייסטיקע כחות ווערן די אידישע מאַסן לײדער וואולגאַריזירט, דאָס קען מען שוין אָפּט באַמערקן אויף די פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע און משפחה צוזאַמענקונפטן. דאָס אידישע שול־וועזן האָט ווייט נישט דעם טיפ לערער אין וועלכן עס נויטיקט זיך. מיר באַגעגענען אָפט אידישע פירער, וואָס ווילן אויסלייזן דאָס פאָלק און קענען לײדער נישט אַפילו דעם אידישן אלף־בית. אידיש וויסן איז שוין נישט קיין אומשיידבאַרער טייל פון דעם מהות פון אידישן מענטשן. דאָס ווערט שוין בלויז פאַרבונדן מיט פרנסה. אַ רב דאַרף קענען לערנען, אַ שרייבער דאַרף קענען די קליינע פּינטעלעך, אָבער סתם אַ איד איז גאָר נישט מחויב צו זיין באַהאַוונט אין די אַלע זאַכן.

דאָס פּראָבלעם פון העכערער אידישער בילדונג איז איצט — צוריק צו רעסטאַווירן די אידישע פערזענלעכקייט, ברענגען צוריק צו יענער איבערצייגונג, אַז מיר זיינען אַ קולטור־פאָלק וואָס ציט זיין חיונה און כח פון די אייביקע אידישע גייסטיקע קוואַלן, און אַז יעדער איינער פון אונז איז מחויב צו „קענען לערנען", צו געפינען די וועגן צו דער נשמה פון זיין פאָלק און צו זיין אייגענעם „איך".

יוני, 1937

ימים טובים

חנוכה, דער היסטאָרישער קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער פרייהייט

הנרות הללו אנו מדליקין, — די דאָזיקע ליכט צינדן מיר — על הנסים ועל התשועות ועל הנפלאות — צוליב די נסים, די ישועות און די וואונדער, וואָס זיינען געשען מיט אונזערע עלטערן. דאָס איז דער טראַדיציאָנעלער חנוכה צערעמאָניעל וואָס דורות זינגען צינדנדיק די חנוכה־ליכט צום אָנדענק פון די גרויסע היסטאָרישע געשעענישן פון דעם מאַקאַבייער קאַמף.

דאָס אידישע פאָלק פייערט חנוכה מיט אַ געפיל פון אינערלעכן שטאָלץ. מען פרייט זיך מיט דער מוטיקייט, גבורה און נצחון פון די מאַקאַבייער, דערביי פילט יעדער איינער ווי ער אַליין וואָלט געווען אַ שותף, אַ מיטבאַטייליקטער אין דעם גרויסן זיג. שוין אין אונזער עלטסטער תפילה, אין דעם „בימי מתתיהו כהן גדול", ווערט דערציילט פון דעם גרויסן קאַמף פון די חשמונאים מיט די גריכן, אַז ווייניק האָבן באַזיגט אַ סך, אַז שוואַכערע האָבן בייגעקומען שטאַרקערע, אַז מען האָט מיט גרויס פרייד געהייליקט דעם בית המקדש, וואָס די רשעים האָבן פאַראומרייניקט, און אַז די אַכט חנוכה טעג זיינען באַשטימט געוואָרן פאַר אַלע דורות פאַר אַ יום־טוב, צו לויבן גאָט פאַר די גרויסע וואונדער, וואָס ער האָט געטאָן צו זיין פאָלק.

אַלע אידישע דורות שעפּן מוט און בטחון פון חנוכה. דער סימבאָל, אַז ניט שטענדיק זיגט די ברוטאַלע מאַכט, איז פאַר דעם אידן פאַר־קערפּערט אין די געשעענישן פון חנוכה. דער העלדנמוט פון די מאַ־קאַבייער האָט געשפּייזט און דערמונטערט דאָס אידישע פאָלק דורך זיין גאַנצער לאַנגער געשיכטע. איז דען אונזער היינטיקער קאַמף פאַר אַ פרייער, זעלבסטשטענדיקער ישראל ניט אַ דירעקטער המשך פון דעם קאַמף פון די חשמונאים? האָבן די העלדן פון אונזערע היינטיקע אַרמייען ניט געפילט דעם גייסט פון יהודה המכבי?

די חנוכה פאַסירונגען זיינען פאָרגעקומען אַרום איין און צוואַנציק

הונדערט יאָר צוריק. אידן זיינען דעמאָלט געווען ווייניק. ארץ ישראל איז דעמאָלט געווען גאָר קליין און איז באַשטאַנען בלויז פון יהודה, און געוויסע טיילן פון יהודה זיינען אויך געווען באַזעצט פון אַנדערע פעלקער. די אידישע באַפעלקערונג איז געווען צעטיילט און האָט געהאַט אַנטקעגנגעזעצטע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אינטערעסן.

די מערסטע אידן זיינען דעמאָלט געווען פּויערים, ערד אַרבעטער, און האָבן געוואוינט אין דערפלעך און אין קלענערע שטעט. זיי האָבן זיך געהאַלטן פעסט ביים אידישן לעבנס־שטייגער, ביי תורת משה און ביי אידישע טראַדיציעס. גלייכצייטיק איז אָבער שוין אויך אויפגעקו־מען אַ קלאַס פון סוחרים און באַאַמטע, וועלכע האָבן געפירט גרויסע געשעפטן מיט גריכנלאַנד און זיינען געקומען אין באַרירונג מיט דעם העלעניסטישן קולט. דער מסחר האָט זיך אין יענער צייט שטאַרק צעבליט און די סוחרים און באַמאַטע, איינוואוינער פון די שטעט זיינען ביסלעכווייז רייך געוואָרן און האָבן, מיט דער צייט, זיך גאַנץ שטאַרק העלעניזירט.

מיר זעען פאַר זיך איצט קלאָר אויסגעשפּראָכענע צוויי קלאַסן אין אַ אידישן לעבן. דער ערשטער, וואָס באַשטייט פון אידישע פּאַרמער און לאַנד־אַרבעטער, וועלכע זיינען דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון דער אידישער קולטור און ווילן אין דעם גייסט פאַרזעצן זייער לעבן. אגב, זיינען זיי שטאַרק אומצופרידן מיט די נייע גריכיש־סירישע הערשער, וואָס האָבן פאַרכאַפּט ארץ ישראל און האָבן אַרויפגעלייגט גרויסע שטייערן אויף די אידישע פּאַרמער און פּאָלקס־מענטשן. די דאָזיקע נייע הערשער האָבן אָנגעהויבן צו העלעניזירן יהודה.

אַנדערש אָבער, איז געווען די שטעלונג פון אידישן רייכן קלאַס, וואָס איז באַשטאַנען פון סוחרים און באַאַמטע, צו די דאָזיקע פּאָליטישע און גייסטיקע פּראָבלעמען. די דאָזיקע אַריסטאָקראַטיע האָט געהאַט אַ גרויסן אינטערעס אַז אידן זאָלן זיך אַסימילירן און צופּאַסן צו דעם נייעם לעבן אין אָריענט, ווי ער האָט זיך אָנגעהויבן פאָרמירן אונטער דער נייער גריכיש־סירישער הערשאַפט. זיי האָבן געוואָלט אויסברייטערן זייער מסחר אין די נייע לענדער. פּאָליטיש איז דאָס געווען אַ אידיש גריכיש־סירישע פּאַרטיי. די פּאַרטיי איז געווען פאַר

אַסימילאַציע און קעגנעריש צום רעוואָלטירנדיקן גייסט פון די אידישע מאַסן. אַ טיפע שנאה איז אַזוי אַרום, אויסגעוואַקסן צווישן די דאָזיקע צוויי ריכטונגען און דאָס האָט געפירט צו גאָר גרויסע קאָנסעקווענצן.

באַטאָנענדיק די פאַקטאָרן וואָס האָבן אַרויסגערופן דעם חשמונאים אויפשטאַנד, איז וויכטיק צו דערמאָנען די מיטלען וואָס גריכישע הערשער האָבן אָנגעווענדט, כדי צו קענען איינהאַלטן און אַסימילירן די פעלקער, וואָס זיי האָבן איינגענומען. איינער פון די מיטלען איז געווען אויפצובויען גריכישע שטעט אין האַרץ פון די מלוכות וואָס זיי האָבן באַזיגט. דער גאַנצער נאָענטער אָריענט איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט אַזעלכע גריכישע שטעט. דאָס זעלבע האָבן די גריכן געטאָן אין יהודה. מער ווי דרייסיק גריכישע שטעט זיינען אויפגעבויט געוואָרן אין יהודה, וועלכע זיינען אָנגעפילט געוואָרן מיט גריכן אָדער מיט אַנדערע אָריענטאַלן, וועלכע האָבן זיך מיט די גריכן אַסימילירט. די דאָזיקע שטעט זיינען געוואָרן צענטערן פון גריכישן האַנדל, מיליטערישע פעסטונגען און גריכישע מיליטער. די שטעט זיינען געוואָרן צענטערן פון העלעניסטישער קולטור און איינפלוס. די רעגירונג האָט געזאָרגט אַז מען זאָל אין די דאָזיקע שטעט פייערן אויף אַן אימפאָזאַנטן אופן, די גריכישע ימים־טובים און דעם גריכישן ספאָרט־קולט. אין די פראָצעסיעס און טורנירן פון די שטעט פלעגן זיך באַטייליקן אַטלעטן, די יוגנט, מענער און פרויען און אויך די גלחים מיט זייערע רעליגיעזע סימבאָלן. די ימים־טובים פלעגן צוציען אַ סך אידן. די דאָזיקע גריכישע שטעט זיינען געוואָרן גריכישע מיליטערישע און קולטורעלע פעסטונגען אין דעם האַרץ פון לאַנד. אין ארץ ישראל זיינען אַזעלכע שטעט ווי יפה, בית־שאן, עכו, עזה, דור, יבנה און גדר געוואָרן גריכישע צענטערן. די דאָזיקע שטעט האָבן גענאָסן די אַלע ספּעציעלע פריווילעגיעס, ווי זעלבסטפאַרוואַלטונג, קלענערע שטייערן און דאָס גלייכן.

אַ סך אידן האָבן שטאַרק מקנא געווען די דאָזיקע העלעניסטישע צענטערן. אדרבה, זיי האָבן זיי אויפגענומען מיט חשק. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז יאזון, דער דעמאָלטיקער כהן גדול, האָט פאַרגעשלאָגן דעם הערשער, אַנטיוכוס עפּיפאַנוסן, אַז ירושלים זאָל ווערן

אַ גריכישער צענטער און זאָל אָנהייבן געניסן די זעלבע פּריווילעגיעס. פאַרשטייט זיך, אַז אַנטיוכוס האָט צו דעם צוגעשטימט, און אַזוי האָט זיך ירושלים אָנגעהויבן אַסימילירן. די ערשטע טריט פון דער אַסימי־לאַציע זיינען געווען דאָס, וואָס מען האָט אָנגעהויבן צו איבערבייטן די אידישע נעמען אויף גריכישע. אין ירושלים האָט מען שוין דורכ־געפירט פאַרשידענע ספּאָרטס און טורנירן אין טעג פון גריכישע ימים־טובים. די אידישע בחורים האָבן זיך אָרגאַניזירט אין גריכישע „פּראַ־טערניטיס״; זיי פלעגן אַרומגיין אין די גאַסן פון ירושלים מיט גריכישע היטעלעך, וואָס זיינען געווען געווידמעט דעם גאָט הערמעס. אַרום בית המקדש איז אויפגעבויט געוואָרן אַ גרויסער גימנאַזיום־פּלאַץ פאַר ספּאָרט און גימנאַסטיק. די גרויסע טורנירן אין ירושלים פלעגן באַזוכט ווערן פון צאָלרייכע מאַסן פון דער אידישער יוגנט, און אַפילו יונגע כהנים פלעגן פאַרלאָזן זייער עבודה אין בית המקדש און זיך באַטייליקן אין די טורנירן.

די אידישע מאַסן האָבן געקוקט מיט ווייטיק אויף די דאָזיקע אַסימילאַטאָרישע טענדענצן, וואָס האָבן אַריינגעדרונגען און האָבן אָנ־געהויבן אונטערגראָבן דאָס אידישע לעבן. כאָטש זיי זיינען געווען די מערהייט, זיינען זיי אָבער געווען אָרעם און די פּויערים האָבן געוואוינט ווייט אין די דערפער און זיי האָבן ניט געקענט אויסאיבן קיין איינפלוס און אָפּשטעלן די פּריווילעגיע אַסימילאַציע. ערשט ווען אַנטיוכוס עפּי־פאַנוס האָט אַרויסגעגעבן די גזירות, אַז גאַנץ ארץ ישראל דאַרף העלעניזירט ווערן, אַז אידן דאַרפן אויפגעבן די פונדאַמענטן פון דער אידישער רעליגיע און זי אויסבייטן אויף גריכישן געצנדינסט, דעמאָלט איז רייף געוואָרן די צייט פאַר אַ רעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד.

די געצוואונגענע אַסימילאַציע האָט שוין נישט אַרויסגערופן קיין ווידערשטאַנד אין ירושלים און אין די אַנדערע גרויסע שטעט. דאָרטן איז מען שוין געווען אַסימילירט. עס האָט אָבער רעוואָלטירט דאָס קליינע דערפל מודיעין, אַ פּערציק מייל ווייט פון ירושלים, מיט דער העלדישער חשמונאים משפּחה אין דער שפּיץ, און צוזאַמען מיט זיי האָט רעוואָלטירט דער אידישער פּויער און פאָלקס־מענטש.

אַנטקעגן ווען איז דער חשמונאים אויפשטאַנד געפירט געוואָרן

און וועמען האָט ער געדאַרפט באַקעמפן? אַוודאי זיינען געקומען צו־ערשט די גריכיש־סירישע אַרמייען, וועלכע האָבן מיט זיך פאַרגע־שטעלט די גרעסטע געפאַר. עס מוז אָבער אונטערגעשטראָכן ווערן דער גרויסער קאַמף וואָס יהודה המכבי האָט געהאַט מיט די אידישע העלעניזירטע עלעמענטן, וואָס האָבן אונטערגעגראָבן דאָס פאָלק פון אינעווייניק און האָבן געגעבן הילף דעם שונא. עס זיינען דאָ גענוג פאַקטן וואָס ווייזן אָן אויף דער פאַררעטערישער ראָלע פון די דאָזיקע אינעווייניקסטע שונאים. אין די ביכער פון די חשמונאים, די עלטסטע היסטאָרישע דאָקומענטן פון יענער צייט, ווערט דערמאָנט אָפט, אַז די העלעניזירטע אידישע עלעמענטן זיינען אָפט געשטאַנען אין דינסט פון סירישן חיל און האָבן געגעבן אינפאָרמאַציע דעם שונא ווי אַזוי מען קען באַפאַלן די אַרמייען פון יהודה המכבי. די איינוואוינער פון די גריכישע שטעט אין יהודה וואָס פלעגן באַרויבן די אידישע באַפעל־קערונג, האָבן אָבער באַשיצט די אידישע אַסימילאַטאָרן.

דער חשמונאים אויפשטאַנד, וואָס איז אין אָנהייב געווען אַ קאַמף פאַר רעליגיעזער פרייהייט און האָט געהאַט זיין אויפגאַבע צו שטערן די גזירות פון אַנטיוכוסן, אַנטקעגן דעם אידישן גלויבן, און אידישער קולטור, איז מיט דער צייט אויסגעוואָקסן און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ נאַציאָנאַלן קאַמף פאַר אידישער זעלבסטשטענדיקייט. אַזוי זעען מיר, אַז אין יאָר 162 (פאַר היינטיקער צייט רעכענונג) האָט אַנטיוכוס דער פינפטער אַליין בטל געמאַכט די גזירות פון זיין פאָטער אַנטיוכוס עפי־פאַנוס. אידן איז דערלויבט געוואָרן אָנצוגיין מיט זייער אייגענעם לעבנס־שטייגער און אָפּהיטן די מצוות. דער קאַמף פאַר רעליגיעזער פרייהייט איז שוין דעמאָלט געוואונען געוואָרן. עס איז דאָ אַ מיינונג, אַז די גרויסע „חסידים" וואָס האָבן געהאָלפן יהודה המכבי האָבן טאַקע דעמאָלט אַוועקגעלייגט זייער וואָפן און האָבן אויפגעהערט קעמפן. אַנדערש איז דאָס אָבער געווען מיט די חשמונאים, ביי זיי האָט זיך דער קאַמף ערשט דעמאָלט ווי געהעריק צעפלאַקערט. דער פאַרלאַנג צו באַפרייען די באַזיגטע טיילן פון ארץ ישראל און ווערן זעלבסט־שטענדיק, האָט זיי געטריבן צו נייע קאַמפן און צו נייע, ווייט־גרייכנ־דיקע זיגן.

דער חשמונאים אויפשטאַנד האָט פאַרמירט אַ ניי אידיש פאָלק. ביים אויסברוך פון אויפשטאַנד איז געווען בלויז אַ קליינע אידישע מדינה, יהודה. נאָכן חשמונאים קאַמף איז ארץ ישראל באַשטאַנען פון יהודה, שומרון, עבר הירדן און גליל. עס האָבן זיך אויך צעוואַקסן גרויסע, צאָל־רייכע אידישע געמיינדן אין עגיפּטן, אין גריכנלאַנד, אין רוים און אויף די אינזלען פון מיטללענדישן ים. דער חשמונאים זיג האָט געמאַכט ארץ ישראל גרויס ניט נאָר פּאָליטיש און טעריטאָריעל, נאָר אויך גייסטיק. געלערזאַמקייט איז אויסגעברייטערט געוואָרן; עס האָט זיך אויסגעבילדעט די פּאַרטיי פון די פרושים, וועלכע האָבן געבראַכט נייע רעפאָרמען אין אידישן לעבן. די תורה איז אַנטוויקלט געוואָרן און האָט אָנגעהויבן אַריינגעמען ניט נאָר געזעצן נאָר אויך שאַפונגען, וואָס האָבן אָפּגעשפּיגלט דעם גאַנג פון אידישן לעבן. דערהויבענע משיח־געדאַנקען האָבן אָנגעהויבן שפּראָצן אין פאָלק און האָבן אויסגעאיבט אַ זייער גרויסן איינפלוס אויף דער אַנטוויקלונג פון אידישן גייסט און אויף דעם גאַנג פון דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע.

אָט די דאָזיקע גרויסע עפּאָכע האָט אונז געגעבן דעם שיינעם יום־טוב חנוכה, וועלכער פאַרקערפּערט אין זיך דעם געדאַנק פון העראָאיזם און פאָלקס־באַפרייאונג, און דעם שיינעם סימבאָל, אַז אַ קליין אָבער ריין אָפּגעהיטער ביסל בוימל קען געבן ליכטיקייט פאַר אַ סך, אַ סך טעג.

מיר ווילן דאָ פאַרענדיקן די לעקציע מיט אַ וויכטיק וואָרט פון דער חסידישער ליטעראַטור פון באַרימטן לאדיער רבין, שניאור זלמן. ער פלעגט זאָגן: פאַרוואָס צינדט מען ליכט בלויז ביי דעם נס פון חנוכה? אַ סך אידישע געשיכטלעכע ימים־טובים זיינען דאָך פאַרבונדן מיט נסים, ווי פסח און פורים. אויף דעם פלעגט ער ענטפערן: פּרעה האָט געוואָלט די אידן אומברענגען פיזיש, דערפאַר פייערט מען דעם נס פסח דורך עסן מצה; המן האָט געוואָלט אויסראָטן די אידן פיזיש — דערפאַר פייערט מען פורים דורך עסן און טרינקען; אַנדערש איז אָבער מיט חנוכה, וואָס דער הויפּט קאַמף איז געווען ניט קיין פיזישער, נאָר אַ גייסטיקער — מען האָט געוואָלט אויסראָטן דעם אידישן גייסט;

אַזאַ נס פּייערן מיר אויף אַ סימבאָלישן אופן און צינדן ליכט — דער סימבאָל פון גייסטיקייט און תורה.

זאָל דער יום־טוב חנוכה אַריינברענגען אין אונזערע הערצער דעם רוף פון דער מאַקאַבייער עפּאָכע — צו קעמפן אַנטקעגן אַסימילאַציע, צו פאַרשטאַרקן דעם אידישן גייסט און צו פאַרשטיין אונזער גרעסטע דערגרייכונג — די דריטע אידישע מדינה, וואָס טראָגט אין זיך די האָפענונג פון קיבוץ גליות.

דער יום־טוב חנוכה לויט די ספרי חשמונאים א־ב

אין יענע טעג איז אויפגעשטאַנען מתתיהו בן יוחנן, איינער פון די כהנים, און זיך באַזעצט אין מודיעין. ער האָט געהאַט פינף זין: יוחנן, שמעון, יהודה, אלעזר, און יונתן. ער האָט צוגעזען די רשעות וואָס זיינען אָפּגעטאָן געוואָרן אין יהודה און אין ירושלים. האָט ער געזאָגט: ווי איז צו מיר, צוליב וואָס בין איך געבאָרן געוואָרן צוצוזען דעם בראָך פון מיין פאָלק און דעם בראָך פון דער הייליקער שטאָט, און נאָך לעבן אין איר אין דער צייט ווען זי איז אין די הענט פון די שונאים, און דאָס בית המקדש אין די הענט פון די פרעמדע?

האָבן מתתיהו און זיינע זין צעריסן זייערע קליידער, האָבן זיך אָנגעטאָן אין זעק, און זייער שטאַרק געטרויערט. זיינען געקומען דעם קעניגס שליחים אין מודיעין צו צווינגען די אידן אַז זיי זאָלן זינדיקן און מקריב זיין קרבנות צו די גריכישע געטער. אַ סך פון די אידן זיינען זיך צוזאַמענגעקומען צו זיי און אויך מתתיהו און זיינע זין האָבן זיך דאָרט פאַרזאַמלט.

האָבן דעם קעניגס מענטשן גערעדט צו מתתיהו אַזוי צו זאָגן: דו ביסט זייער אַן אָנגעזעענער מענטש און אַנפירער אין דער דאָזיקער שטאָט, און דו ווערסט אונטערגעשטיצט פון אַלעמען. דערנעענטער זיך און פיל אויס דעם קעניגס באַפעל, ווי עס האָבן געטאָן אַלע פעלקער, און דו און דיינע זין וועלן זיין צווישן די פריינט פון קעניג, און דו און דיינע זין וועלן באַדאַנקט ווערן מיט גאָלד און זילבער און מיט אַ סך מתנות.

האָט מתתיהו געענטפערט און געזאָגט אויף אַ הויך קול: אַפילו ווען אַלע פעלקער פון דעם קעניגס מלוכה זאָלן פאָלגן דעם קעניג, און יעדער איינער זאָל זיך אָפּקערן פון דעם גלויבן פון זיינע עלטערן, און זאָלן אויסקלייבן צו פאָלגן דעם קעניגס באַפעל, וועל איך און מיין משפחה אַזוי ניט האַנדלען; זאָל גאָט היטן מיר זאָלן פאַרלאָזן

די תורה און די מצוות. די רייד פון קעניג וועלן מיר ניט הערן, און פון אונזערע געזעצן וועלן מיר ניט אָפּטרעטן רעכטס אָדער לינקס.

* * *

און ווען ער האָט פאַרענדיקט צו רעדן די דאָזיקע ווערטער, האָט זיך אַ איד דערנעענטערט צום מזבח פאַר אַלעמענס אויגן צו ברענגען אַ קרבן אויף דעם מזבח אין מודיעין ווי דער באַפעל פון קעניג. און מתתיהו האָט דאָס געזען, האָט זיין האַרץ אָנגעהויבן קלאַפּן און איז הייס געוואָרן, און די קנאה פאַר גאָטס תורה האָט זיך אין אים צעפלאַ־קערט, און ער איז צוגעלאָפן צו דעם אידן און אים געהרג׳עט לעבן דעם מזבח, און אויך דעם קעניגס מענטש האָט ער געהרג׳עט און דעם מזבח פאַרניכטעט. און ער איז אַרומגעלאָפן איבער דער שטאָט און אויסגערופן: ווער עס וויל זיך אָננעמען פאַר דער תורה און איז געטריי דעם ברית מיט גאָט, זאָל גיין נאָך מיר. און ער און זיינע זין זיינען אַנטלאָפן אין די בערג און איבערגעלאָזט אַלץ וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט אין שטאָט און האָבן אָנגעהויבן דעם קאַמף פאַר באַפרייאונג.

* * *

און עס איז געווען ווען מתתיהו איז אַלט געוואָרן, און זיינע טעג האָבן זיך דערנעענטערט צום שטאַרבן, האָט ער גערופן זיינע זין און צו זיי געזאָגט: „עס איז אַן עת צרה פאַר ישראל, און דערפאַר שטייט אויף, מיינע זין, און זייט קנאים פאַר גאָט׳ס תורה און שטעלט איין אייער לעבן פאַר דעם בונד פון אייערע אבות! געדענקט די מעשים פון די אָבות, וואָס זיי האָבן געטאָן אין זייערע דורות און איר וועט זיך דערווערבן גרויס כבוד און אַן אייביקן נאָמען. פאַר די רייד פון אַ רשע זאָלט איר ניט מורא האָבן; ווייל היינט איז ער דערהויבן גע־וואָרן און מאָרגן עקזיסטירט ער מער ניט, ווייל ער קערט זיך אום צו זיין שטויב, און זיינע געדאַנקען ווערן פאַרלאָרן. זאַמלט אַרום אייך אַלע וואָס היטן אָפּ די מצוות און זייט זיך נוקם די נקמה פון אייער פאָלק״. און ער האָט זיי געבענטשט, און איז געשטאָרבן.

לכבוד חנוכה

א שפּיל אין צוויי סצענעס — מיט געזאַנג און טענץ

שרה: אַהאַ, מאָטל, שוין ווייטער מיט מאַטעמאַטיק? נאָר די חשבונ׳סט. וואָס וועסטו האָבן פון דעם שטענדיקן חשבונ׳ען?

מאָטל: ניין שרה, דו האָסט ניט געטראָפן. איך לייען עפּעס אַ זאַך, וואָס דו דאַרפסט אויך וויסן.

שרה: פאַרוואָס דאַרף איך דאָס וויסן?

מאָטל: דערפאַר, ווייל דאָס איז געשריבן אויך צו דיר, נו איצט קענסטו שוין טרעפן וואָס דאָס איז?

שרה: אָה, איך וואָלט געשוואָרן, אַז דאָס איז אַ בריוול פון טאַטן, איך וויס, איך וויס. גיב מיר דאָס בריוול, איך וויל עס גלייך זען.

מאָטל: ניין, ניין, דו קענסט עס ניט זען. דער טאַטע שרייבט דאָרט בפירוש. ער שרייבט מיר: מיין ליבער, קלוגער זון, מאָטל. איך שרייב צו דיר דעם בריוו, ווייל דו ביסט דער עלטסטער זון מיינער. זאַמל צונויף דיינע ברידערלעך און שוועסטערלעך און לייען פאַר זיי איבער מיין היינטיקן בריוול, פאַרשטייסט שוין?

שרה: אָבער זיי זיינען דאָך נאָך אַלע אין דער אידישער שול, איך וויל ניט וואַרטן.

מאָטל:..(נעמט אַרויס דעם זייגער, גיט אַ קוק) עס איז איצטער איינס אַזייגער. אַט באַלד קומען זיי אָן. וועסטו דערפאַר, שרה׳לע צוואַ־וואַרטן, ווייל איך וויל אויספירן וואָס דער טאַטע הייסט מיך.

(עס קומט אַריין שמעון — טראָגט אַ פּאַק מיט שווערע ביכער, לויפט אַריין, לויפט צו צו מאָטלען) וואָס הערט זיך — האַ? איך בין אַ פאַרנומענער מענטש. איך בין אַ פאַרנומענער מענטש; איך דאַרף לייענען, מען דאַרף לייענען.

מאָטל: וואָס לייענסטו עפּעס, פילאָזאָף, מיינער? וועגן אַריס־טאָטל, שפּינאָזא און רמבם?

שמעון: נו, איז וואָס? געפעלט דיר שפּינאָזאַ און דער רמבם? דענקסטו טאַקע אַז דער מאַטעמאַטיקער איינשטיין איז גרעסער פון אַלעמען? נעם זיך ניט איבער, אַריסטאָטל און שפּינאָזאַ האָבן אויך געקענט חשבונ׳ען.

מאָטל: גענוג פילאָזאָפירן, עס איז דאָ אַ וויכטיקער בריוו פון טאַטן. איך וועל אים באַלד לייענען, ווען אַלע קינדער קומען פון שול, גיי ניט אַוועק.

שמעון: איך בין זייער אַ פאַרנומענער מענטש, אָבער איך וויל וויסן וואָס דער טאַטע שרייבט. איך וועל באַלד קומען. (עס עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין חנה; טראָגט גרויסע ביכער. ווענדט זיך צו מאָטלען).

חנה: אָה, האָבן מיר דאָס געהאַט היינט אַ גוטע לעקציע אין דער מיטל־שול. איך בין באַגייסטערט פון דעם וואָס מיר האָבן היינט געלערנט וועגן דעם העלדישן קאַמף פון די מכבי׳ער לויט די ספרים פון די חשמונאים. וואָס פאַראַ העלדישע קעמפער די מכבי׳ער זיינען דאָס געווען!

מאָטל: חנה, זייער גוט, זייער גוט. דער טאַטע שרייבט טאַקע עפּעס וועגן דעם. מען דאַרף דיך איצט זייער האָבן, מיט דיין מיטל־שול.

חנה: נו, הער זיך אויף טשעפּן. איך נעם זיך קיינמאָל ניט איבער. איך בין ניט די איינציקע וואָס גייט אין דער מיטל־שול.

שרה: זאָג מיר, וואָס שרייבט דער טאַטע?

מאָטל: דער טאַטע שרייבט, — אָה, ניין, דו וועסט מיר אַנטשולדיקן, דער טאַטע וויל אַז מען זאָל ניט זאָגן איינציקוויז יעדן באַזונדער. דער טאַטע וויל מען זאָל זאָגן אַלע קינדער אינאיינעם.

חנה: דו מאַכסט דאָך, מאַכסט דאָך פון דעם אַ גאַנצן מאַטעמאַטישן סוד?

מאָטל: טשעפּע זיך נאָר ניט צו מיין מאַטעמאַטיק. (די טיר עפנט זיך און עס לויפט אַריין לאה׳לע מיט אַ פּעקל ביכער.)

לאה׳לע: וואָס, מען האָט שוין אָפּגעגעסן? איך בין אַזוי הונגעריק.

מאָטל: שטענדיק נאָר זי האָט טענות. ווער זאָגט דאָס דיר, אַז מען האָט שוין אָפּגעגעסן?

לאה'לע: טאָ פאַרוואָס עסט מען ניט?

מאָטל: וואָס איז מיט דיר? מען וועט עסן, מען וועט עסן.

חנה: הערט אויף מיטן עסן. עס איז דאָ אַ וויכטיקער בריוו פון טאַטן, וואַרט וואַרט אויף.

מאָטל: נו, איצט אַז איר זייט שוין אַלע דאָ, זאָל זיין שטיל, אָבער זאָל זיין שטיל, זאָג איך.

אַלע קינדער צוזאַמען: ווער רעדט דען? לייען דעם בריוול.

מאָטל: אָבער שאַ. (מאָטל נעמט אַרויס אַ קאָנווערט און פון קאָנווערט שלעפּט ער אַרויס אַ בריוול און לייענט): „מיין טייערער זון, מאָטל: אַזוי ווי דו ביסט באַ מיר דער בכור, וויל איך אַז דו זאָלסט דעם בריוו לייענען פאַר אַלע קינדער, ווען זיי וועלן קומען פון לערנען און דו זאָלסט מיר גלייך שרייבן אַן ענטפער, וואָס איר וועט טאָן. מיינע טייערע, ליבע האַרציקע קינדער, איר ווייסט דאָך אַז איך בין איצט זייער ווייט פון דער היים. איך פאָר אַרום פון שטאָט צו שטאָט צו פאַרדינען אויף פרנסה פאַר אייך און פאַר אַלע, וואָס אַ ייד דאַרף זאָרגן. איך בין איצטער אַזש אין סאָלט־לייק סיטי, יוטאַה. האָב איך אַ קוק געטאָן אין לוח און האָב דערזען, אַז אין, אַז אין דריי וואָכן אַרום קומט אָן דער גרויסער יום־טוב חנוכה. נו, קינדערלעך, בין איך איצט גרייט צו פאַרקערעוון מיין מאַרשרוט צוריק אַהיים. חנוכה איז אַ גרויסער יום־טוב, וויל איך זיין אין דער היים מיט אייך. ס'קען זיין, אַז הייַנטיקן חנוכה וועלן מיר אויך האָבן מיט אונז גאָר אַ גרויסן גאַסט. איר ווייסט, ס'קען זיין, אַז פעטער אורי דיין פון מדינת ישראל זאָל קומען צו אונז אויף אַ באַזוך אויף חנוכה. ער איז אַ וויכטיקער מענטש, ער איז אַ חלוץ, ער איז אַ שרייבער און איז געווען אַ קעמפער אין דער אידישער אַרמיי. קינדערלעך, איך וויל אַז איר זאָלט זיך צוגרייטן און ווייזן דעם פעטער, אַז מיר אין אַמעריקע ווייסן אויך וואָס חנוכה איז. וויל איך, אַז איר זאָלט זיך, קינדערלעך, גוט צוגרייטן, אַזוי ווי איר אַלע קענט. אָבער דאָס מאָל בעסער ווי אַלעמאָל. אויב, אָבער חלילה וחס, איר קינדערלעך, קענט ניט אָדער איר פּילט ניט,

טאָ לאָזט מיר וויסן, וועל איך אפשר אין גאַנצן ניט קומען אויף חנוכה און וועל שוין קומען אויף פּורים. איך קוש אייך אַלעמען און לאָזט האַרציק גריסן דער מאַמען. אייער טאַטע, יהודה הררי״.

שמעון: זיכער דאַרף דער טאַטע קומען, אָבער וואָס זאָל מען צוגרייטן פאַר דעם יום־טוב חנוכה?

אַלע: טאַקע, טאַקע, וואָס גרייט מען צו?

מאַמע: וואָס שרייט איר קינדער, וואָס איז געשען?

אַלע: דער טאַטע קומט, דער טאַטע קומט!

מאַרטאַ: (שמייכלט) איך האָב נעכטן נאָך געוואוסט, אַז דער טאַטע קומט. איך, אייערישע דינסט.

קינדער: פון וואַנען האָסטו געוואוסט?

מאַרטאַ: איך געוואוסט. נעכטן געוואַשן די טעלער — אַ טעלער מיר צעבראָכן אין אַכט שטיקער. ווען טעלער ברעכן וועט זיין אַ יום־טוב און דער טאַטע וועט קומען.

מאַמע: נו, הער שוין אויף, מאַרטאַ, מיט דיינע מעשות. צו מאַטלען: זאָגט מיר, וואָס האָט דער טאַטע געשריבן?

שרה: דער טאַטע האָט שוין איינמאָל געשריבן. ער זאָגט אַז דער פעטער אורי דיין פון ישראל וויל קומען צו אונז אויף אַ באַזוך אויף חנוכה. נאָר, זאָגט דער טאַטע, אַז ער וועט קומען אויב מיר קענען צוגרייטן אַ שיינעם חנוכה יום־טוב, ס'הייסט באַווייזן דעם פעטער, וואָס חנוכה איז אַזוינס. טאָ, וואָסזשע טוט מען?

מאָטל: תלמיד חכם, מיינער. נו, וואָס האָט איר זיך אַלע אַזוי דערשראָקן? איר קענט ניט צוגרייטן עפּעס אַ חנוכה שפּיל?

אַלע: מאַמע טייערע (באַפאַלן איר אַלע און קושן איר), אַ וואונ דערבאַרע אידייע, מען דאַרף זיך גלייך נעמען צו דער אַרבעט.

שמעון: בריות מיינע, וואו האָט איר אַ שפּיל? (צו שרה'ן) דו גייסט דאָך אין אַ מיטל־שול, דו ווייסט דאָך אַזוי גוט וואָס חנוכה איז. אפשר וועסטו אָנשרייבן אַ שפּיל?

שרה: וואָס עפּעס איך? זאָל מאָטל אָדער שמעון אָנשרייבן אַ שפּיל.

שמעון: קינדער, ניט געקריגט זיך. זאָל שרה, מאָטל און חנה אָנשרייבן די שפּיל. אָבער וואָס שרייבט מען דעם טאַטן?

מאָטל: שמעון, זעץ זיך אַוועק און שרייב, מיר וועלן דיר זאָגן.

שרה: שרייב, ליבער טאַטע!

חנה: שרייב, ליבער, טייערער טאַטע!

שרה: מאָטל האָט אונז געלייענט דיין בריוו. מיר ווילן אַלע אַז דו זאָלסט קומען אויף חנוכה.

לאה׳לע: מיט דעם פעטער פון ישראל.

שמעון: יע, מיטן פעטער פון ישראל. מיר האָבן אַלע באַשלאָסן צו מאַכן אַ חנוכה שפּיל, וואָס דער פעטער זאָל קיינמאָל ניט פאַרגעסן. ער זאָל וויסן, אַז מיר אין אַמעריקע פאַרשטייען אויך וואָס חנוכה איז.

מאַמע: אמת, אמת.

שמעון: נו, פאַרענדיק דעם בריוו. פון אונז, דיינע קינדער, וואָס האָבן דיך ליב און וואַרטן אויף דיר מיט דעם פעטער צו דעם ערשטן חנוכה־ליכטל. אונטערגעשריבן: — מאָטל — חנה — שרה — לאה׳לע.

מאַמע: און דיין נאָמען שמעון.

שמעון: ריכטיק. און איך שרייב דעם טאַטן אַז די מאַמע און מאַרטאַ הויבן שוין אָן צוצוגרייטן אַן אמת׳ן חנוכה יום־טוב, מיט לאַטקעס און גריוון, און, און . . .

מאַרטאַ: יע, באַלעבאָסטע, גריוון דאָ גענוג.

מאָטל: און איצט, קינדער, וועל איך אייך זאָגן וואָס מען דאַרף טאָן.

לאה׳לע: איך בין הונגעריק, איך וויל עסן.

מאָטל: וועסט עסן. לאָמיר כאָטש רעפּעטירן דאָס ערשטע ליד פון דער שפּיל.

קינדער: וואָס פאַראַ ליד?

מאָטל: לאָמיר זינגען ברוך אתה.

(אַלע קינדער זינגען ברוך אתה).

צווייטע סצענע

(טאַטע, מאַמע, פעטער — אורי דיין, מאַרטאַ, שרייבער,
מאָלער, קרובים)

שמעון: גוט יום־טוב! צו דעם היינטיקן יום־טוב חנוכה, האָבן מיר צוויי טייערע געסט, אונזער ליבן טאַטן, וואָס איז געפלויגן איבער צוויי טויזנט מייל, כדי צו קענען דאָ זיין היינט מיט אונז אויף יום־טוב; און אונזער טייערער פעטער אורי דיין פון מדינת ישראל. מיר אַלע קינדער האָבן געטראַכט, וואָס פאַראַ מתנה מיר זאָלן געבן אונזערע טייערע געסט, האָט אונזער טייערע מאַמע געטראַכט, אַז ווען מיר זאָלן קענען עפּעס זאָגן און דערציילן וועגן חנוכה, וואָלט פאַר זיי געווען די גרעסטע שמחה. נו, ווי פאָלגט מען ניט אַמאָל אַ מאַמע, איז גערעדט און געטאָן און אָט הויבן מיר אָן: טאַטע, דיר זיינען מיר מכבד מיט אָנצינדן דאָס ערשטע ליכטל. (טאַטע גייט צו, מאַכט „ברכה" און „שהחיינו", בלייבט שטיין.) און איצט ווילן מיר דעם פעטער מכבד זיין מיט זינגען „מעוז צור".

אורי: און איצט, ביי די פלעמלעך פון די היסטאָרישע חנוכה ליכטלעך, ווילן מיר אַלע זינגען, ווי מען זינגט אין ישראל: „מי ימלל גבורות ישראל". ווער קען זיך דאָס אָנדערציילן מיט די גבורות פון ישראל אַמאָל און היינט. אָבער צוערשט, אונזער הייליק טראַדיציאָנעל ליד: „מעוז צור ישועתי", זינגען. (און גלייך זינגט מען מי ימלל.)

לאה'לע: לאָמיר זינגען „אוי, איר קליינע ליכטעלעך". (מען רעציטירט יעדע סטראָפן און מען זינגט.)

שמעון: אַ חנוכה־טאַנץ (אָפּגעטאַנצט). און איצט ווילן מיר דערציילן וואָס חנוכה איז.

אַ קינד: שמעון, קום אַהער, זעץ זיך דאָ. זעצט זיך דאָ אַלע אויס. (זעצן זיך אויס.)

אַ קינד: (ווענדט זיך צו חנה'ן) חנה, זאָג אונז, פאַרוואָס מיר פייערן חנוכה.

חנה: אין די טעג פון מתתיהו דעם כהן גדול, דער חשמונאי און זיינע זין, איז אויפגעשטאַנען מלכות יון, די רשעותדיקע, אויף דיין

פאָלק ישראל צו מאַכן זיי צו פאַרגעסן דיין תורה, און אַוועקצוגעמען זיי פון די געבאָטן פון דיין ווילן. און דו מיט דיין גרויס רחמים ביסטו זיי בייגעשטאַנען אין דער צייט פון ענגשאַפט. האָסטו געקריגט זייער קריג; האָסטו נקמה גענומען זייער נקמה; האָסטו איבערגעענטפערט שטאַרקע אין די הענט פון די שוואַכע, אַ סך — אין די הענט פון די ווייניקע, אומריינע, — אין די הענט פון די ריינע, רשעים — אין די הענט פון צדיקים און מוטוויליקע אין די הענט פון די וואָס האַלטן דיין תורה. און צו דיר האָסטו געטאָן אַ גרויסן נאָמען און אַ הייליקן, אין דיין וועלט; און צו דיין פאָלק ישראל האָסטו געטאָן אַ גרויסע הילף און דערלייזונג ביז היינטיקן טאָג. און דערנאָך זיינען אַריין דיינע קינדער אין דעם הייליקטום פון דיין הויז, און זיי האָבן אויסגערוימט דיין פּאַלאַץ און גערייניקט דיין מקדש און אָנגעצונדן ליכט אין דיינע הויפן, די הייליקע, און געשטעלט די דאָזיקע אַכט טעג חנוכה צו דאַנקען און צו לויבן דיין גרויסן נאָמען.

טאַטע: (צום פּעטער) נו, וואָס זאָגסטו?

פּעטער: פיין, לאָז זיי, זאָלן זיי.

מאַטל: (צו לאה'לען) לאה'לע, זאָג דו עפּעס וועגן די חנוכה ליכטלעך.

לאה'לע: אַכט קליינע ברידער
פון אַ גרויסן פלאַם,
זינגען שטומע לידער
פון אַ בראַוון שטאַם.

פון אַ שטאַם פון קריגער,
מוטיק און געטריי —
און פון שטאָלצע זיגער
איבער שקלאַפעריי.

אַכט שטומע עדות,
אייער ליכט דערמאָנט
אין די עלטער־זיידעס
פון אַ וויטן לאַנד.

אַכט ליכט העלע — אַכט עדות און פינףברידער
5 גבורים — געקומען זיינען זיי פון דאָרף און פון אַקער
פון אָרעמקייט און פראַצע צו צעברעכן דעם יאָך —
פון פיינט און פאַררעטער — על קדוש השם ועל קדוש העם.
און דו, שמעון, דערציילן זיי וועגן יהודה מכבי.

שמעון: שוין איין און צוואַנציק הונדערט יאָר
ווי דער שופר האָט געשאַלט.
זינט יהודה איז מיט וואָרט און שופר נאָר
קעגן פיינט אַרויס פון פעלדזן שפאַלט.

אָ, מיין פאָלק! דורך איין און צוואַנציק הונדערט יאָר
גייסטו אַלץ פון יענעם פלאַם פאַרכאַפּט!
וואָס דו האָסט אַמאָל, אין גרויסן העלדן דור
אויף מודיעם׳ס זון־בערג איינגעזאַפּט.

איז דער אַלטער פירער מתתיהו טויט,
הייבט זיין זון יהודה אויף די פאָן,
וואָס דער פאָטער האָט אים פאַרן טויט פאַרטרויט,
און דער פרייהייטס קאַמף גייט ווייטער אָן.

זאַמלט זיך צונויף אַ פאָלק פון מענטשן שטויב
פון פיר ווינטן די פאַרלאָרענע!
טוען זיך די קנעכט די נעכטיקע אַ הייב
גלייך ווי אָדלערס פריי־געבאָרענע!

גייט פאָראויס יהודה ווי אַ גואל ניט מיט אויל,
נאָר מיט פייער — אין מלחמה־פעלד
האָט ער ניט געוואוסט דערשיינענדיק פון הייל,
אַז ער איז דער הייס־געגאַרטער העלד.

פלאַקערט אונטן די באַגייסטערונג אַלץ מער
שטורעמט אויף די שלאַכט אַלץ ברויזענדער

און עס וואַרפן זיך אָן שפּייז און אָן געווער
הונדערטער אַנטקעגן טויזנטער.

שמעון: און איצט אַביסעלע פינצטער. (די סצענע פון חנה מיט אירע זיבן זין).
העלדישקייט יהודה׳ס און די ברידער זיינע,
לייכטן דורך די דורות מיט אַ טיפן זין.
הייליק זייער נאָמען — הייליק וועט ער בלייבן.
איצט, חנה מיט איר זיבן זין.

אַנטיוכוס: זיינען די אַלע זיבן, דיינע קינדער?

חנה: יאָ, מיינע, מיט זיבן ברכות האָט מיר גאָט פון ישראל געבענטשט.

אַנטיוכוס: ווי רופט מען דיך, דיך, דעם עלטסטן

אברהם: אברהם איז מיין נאָמען. דער ערשטער פון מיינע אבות, וואָס האָט צעבראָכן די געצן פון האָלץ און שטיין.

אַנטיוכוס: צו מיינע געטער בוק זיך!

אברהם: געשריבן אין דער תורה: איך בין דיין גאָט, נישט האָבן זאָלסטו קיין אַנדערע געטער פאַר מיין פנים.

אַנטיוכוס: וועסטו ניט אויספילן מיין באַפעל, הייס איך די צונג דיר אויסשניידן פאַר דיינע רייד די חוצפה׳דיקע. צו די געטער מיינע בוק זיך! (שטיל שוריגן.) נעמט אים, פייניקט אים, ביזן טויט דערשלאָגט אים.

חנה: עס האָט גאָט געגעבן און גאָט האָט צוגענומען. געלויבט זאָל זיין זיין נאָמען.

אַלע: אָמן! (פויזע)

אַנטיוכוס: און דיך, ווי רופט מען? דיך, דעם צווייטן?

יצחק: יצחק איז מיין נאָמען. דער צווייטער פון אונזערע גרויסע אָבות. צו דער עקידה האָט אים זיין פאָטער געפירט און אַזוי ווי ער, אויך איך בין גרייט מיין לעבן מקריב צו זיין פאַר דעם פאָלק מיינעם.

אַנטיוכוס: צו די געטער בוק זיך!

יצחק: אַ אידיש קינד טאָר אַזוינס ניט טאָן. נישט פאָלגן וועל איך דיין באַפעל.

אַנטיוכוס: נעמט אים, טוט מיט אים ווי מיט דעם ערשטן!

חנה: פאַרבאָרגן, גאָט, זיינען דיינע וועגן.

אַנטיוכוס: און דיין נאָמען, דו דריטער?

יעקב: מיין נאָמען איז יעקב.

אַנטיוכוס: בייג איין דיינע קני, בייג דיין קאָפּ פאַר די געטער מיינע און דו באַקומסט אַלץ וואָס דו באַגערסט.

יעקב: געשריבן אין דער תורה: ניט האָבן זאָלסטו קיין אַנדערע געטער.

אַנטיוכוס: נעמט אים!

חנה: גיב כוח מיר, גרויסער גאָט.

אַנטיוכוס: דיין נאָמען, דו, דו דער פערטער?

יוסף: מיין נאָמען איז יוסף.

אַנטיוכוס: ווערסטו זיין גוט און וועסט פאָלגן?

יוסף: געוועגדט אַזוינס וואָס פאַרלאַנגסטו.

אַנטיוכוס: מיין פאַרלאַנג — בוק זיך צו מיינע געטער!

יוסף: איינער איז גאָט.

אַנטיוכוס: טראָגט אים, נעמט אים!

חנה: אָ, גאָט! טיף איז דער ים, נאָר טיפער די קלאָג.

אַנטיוכוס: דו, דער פינפטער, דיין נאָמען?

משה: משה, אַ נאָמען נאָך משה רבינו. ער האָט אונז די תורה געגעבן.

אַנטיוכוס: געהערט, געהערט, משה, דו זאָג, וועסטו זיך בוקן?

משה: איך וועל זיך בוקן . . .

חנה: קינד מיינס!

משה: אויב דיין גאָט פון האָלץ, פון שטיין, וועט באַפעלן, טו איך עס.

אַנטיוכוס: קען אַ זאַך פון האָלץ דען ריידן?

משה: דו, קעניג מעכטיקער, דו בוקסט זיך צו האָלץ. פיס האָבן זיי די געטער און גיין קענען זיי ניט; הענט האָבן זיי און רירן קענען זיי זיך ניט; אויערן האָבן זיי און הערן ניט; אויגן האָבן זיי און זעען ניט.

אַנטיוכוס: געַנוג, טויטן אים!

חנה: זיי שטאַרק, מיין האַרץ, מיין בטחון אין דיר, גאָט איינ־ציקער!

אַנטיוכוס: און דיך, דעם זעקסטן, ווי רופט מען דיך?

דוד: דוד, פון דוד המלך מיין אָפּשטאַם.

אַנטיוכוס: האָסטו דאָך געזען דעם סוף פון דיינע ברידער, ווילסטו אויך אומקומען ווי זיי? (פויזע) גוט, דאַן בוק זיך צו די געטער מיינע און דו בלייבסט לעבן.

דוד: ניין, ניט פאַר דיינע געטער וועט אַ איד זיך בוקן.

חנה: שטאַרק מיך, גאָט דו גרויסער!

אַנטיוכוס: און דיין נאָמען, דו, דער זיבעטער?

שלמה: שלמה!

אַנטיוכוס: שלמה? שיין איז דיין נאָמען. וועסטו קלוג זיין ווי שלמה און זיך בוקן — בלייבסטו לעבן.

שלמה: ניין, איך וועל זיך ניט בוקן.

אַנטיוכוס: ווי אַן אייגענער זועסטו מיר זיין. פאַר אַ פּרינץ קרוינען וועל איך דיר. בוק זיך!

שלמה: ניין, איך וועל זיך ניט בוקן.

אַנטיוכוס: נישט צו די געטער דאַרפסטו זיך בוקן. זע, איך וואַרף מיין רינג פון פינגער. בייג זיך איין און הויב אויף דעם רינג — און מער ווי דאָס דאַרפסטו ניט, נאָר איינבויגן.

חנה: שאַנד און שפּאָט, דו גרויסער קעניג, נאַרן אַ קליין קינד, אַז מיינען זאָלן די מענטשן דיינע, אַז עס בוקט זיך דער זון פון חנה צו די געטער פון האַלץ און שטיין?

אַנטיוכוס: אויך אים, דעם לעצטן, טויטן.

חנה: אברהם — אַ, פאָטער אונזערער! בלויז איין מזבח האָסטו געמאַכט פאַר דיין יצחק'ן. געפירט אים צו דער עקידה. חנה האָט אָבער אירע זיבן זין פאַר גאָט'ס הויז געהייליקט. דו, אברהם, ביסט נאָר געפּרואווט געוואָרן, געשטאַנען פאַר שווערן נסיון — דיין יצחק איז לעבן געבליבן. חנה'ס זיבן זין האָט דער שונא פאַרטיליקט, נאָר

די נפשות זייערע אומגעבראַכט, זייערע נשמות אָבער — זיי וועלן שטראַלן און לייכטן פון היינט אויף אייביק, עד סוף כל הדורות.

פעטער: קינדער, איך בין געריררט. איר האָט דאָס אַזוי גוט פאַרשטאַנען. טרערן זיינען מיר געקומען אין די אויגן.

מאַמע: אורי, איך בעט אייך, זאָגט איר אונז עפּעס.

אַלע: זאָגט עפּעס, פעטער!

פעטער: וואָס קען איך אייך זאָגן?

מיר, אין ישראל האָבן נאָכאַמאָל איבערגעלעבט דעם יום־טוב חנוכה. נאָכדעם ווי באַ אייך אין אַמעריקע, פאַר די פאַראייניקטע פעלקער, מיט פיר יאָר צוריק, איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די דריטע אידישע מדינה, זיינען אונז גלייך באַפאַלן זיבן אַראַבישע מלוכות פון אַלע זייטן, פון מזרח, מערב, צפון און דרום. פונקט ווי אַמאָל אין די צייטן פון יהושוע בן נון. זיי האָבן געמאַכט אַלערליי פּלענער צו פאַרניכטן אונז און אונזער ניי־געבוירענע מדינת ישראל. און פונקט ווי אַמאָל, האָט יהודה המכבי צעבראָכן דעם רוקן פון די גריכישע אַרמייען, אַזוי האָבן אונזערע העלדישע זין און טעכטער, אין אונזערע טעג, צעבראָכן און פאַרניכטעט די אַרמייען פון מצרים, איראַק, לבנון, עבר הירדן, סיריע און די אַנדערע. אונזער הגנה, פּלמ״ח און חלוצים אין אַלע קיבוצים און קבוצות זיינען געווען געטרייע שומרים פאַר זייער פאָלק און לאַנד — איין ענטפער איז געווען אויף אַלעמענס ליפּן: „אני מוכן ומזומן" — איך בין גרייט! גרייט! מיר זיינען געווען גרייט אין קאַמף און מיר זיינען איצט גרייט צו בויען אַ היים פאַר יעדן אידן, וואָס וויל לעבן אַ פרייען און גליקלעכן לעבן אונטער די בלויע הימלען פון זיין היסטאָרישן פאָטערלאַנד. קינדער, אויף אייך וואַרט אונזער באַנייטע, אויסגעקעמפטע, מדינה. (קינדער לויפן צו צום פעטער, נעמען אים אַרום און זאָגן: אַלע, מיר וועלן קומען, פעטער, מיר וועלן קומען! זינגען פּלמ״ח און טאַנצן אַ האָראַ.)

חמשה עשר בשבט

שוין אַ לאַנגע צייט ווי אידן אין דער גאַנצער וועלט פייערן דעם פופצטן טאָג פון חודש שבט אַלס דעם יום־טוב פון די ביימער. אין דעם טאָג עסט מען ארץ־ישראלדיקע פירות ווי טייטלען, באָקסער און פייגן. מען רעדט וועגן דער שיינקייט און רייכקייט פון דער ארץ־ישראלדיקער נאַטור און מען דערמאָנט די גרויסע היסטאָרישע געשעענישן פון אידישן פאָלק, ווען ער האָט געלעבט אין יענעם לאַנד.

אין דער צייט פון יאָר איז אין די מערסטע לענדער וואו אידן וואוינען היינט קאַלט. די ערד איז מערסטנס באַדעקט מיט שניי. אָבער די אידן פאַרגעסן אין דער קעלט און אין דעם פראָסט און אין זייערע געדאַנקען וואַרעמען זיי זיך מיט דער זוניקייט און מיט דער ליכטיקייט וואָס הערשט אין ארץ־ישראל.

אין אַמאָליקע צייטן פלעגט מען אין דעם טאָג פון חמשה עשר בשבט ניט לערנען, נאָר מען פלעגט דורכפירן סעודות און מען פלעגט עסן די ארץ־ישראלדיקע פירות. די לערער פלעגן דערציילן שיינע מעשות פון ארץ־ישראל און די קינדער פלעגן שפילן, זינגען און זיך משמח זיין.

אין די לעצטע צענדליקער יאָרן איז חמשה עשר בשבט געפייערט געוואָרן ווי דער יום־טוב פון באַנייאונג און אויפלעבונג פון ארץ־ישראל. אין דער גאַנצער וועלט האָט מען געזאַמלט אין דעם טאָג געלט צו פלאַנצן ביימער און צו מאַכן געזונט און שיין אונזער היים־לאַנד. דער קרן קימת — דער אידישער נאַציאָנאַל פאָנד — האָט דערמאָנט די אידן אין דער גאַנצער וועלט אין דער דאָזיקער הייליקער פליכט פון פלאַנצן ביימעלעך אין חמשה עשר בשבט.

דער יום־טוב ווערט זייער שיין געפייערט אין ארץ־ישראל. די לערער מיט די קינדער פאָרן אין דעם טאָג אַרויס פון שטאָט אין די פעלדער און אין די גערטנער. די קינדערלעך פאַרפלאַנצן מיט זייערע אייגענע הענטלעך יונגינקע ביימעלעך. זיי זינגען, טאַנצן און פרייען זיך אונטער דעם לויטערן, זוניקן ארץ־ישראלדיקן הימל. גרויסע וועל־

דער זיינען שוין אויסגעוואָקסן אין ארץ־ישראל פון דיביימעלעך, וואָס די קינדער האָבן דאָרטן פאַרפלאַנצט. די וועלדער גיבן אַ סך שאָטנס אין די הייסע טעג, פאַרהיטן פון טריקענישן און לאָזן ניט פאַרשפּרייטן קיין זאַמדן.

און ווי אַזוי, קינדער, זאָלן מיר היינט פייערן חמשה עשר בשבט, היינט, ווען אונזערע האָפענונגען זיינען פאַרווירקלעכט געוואָרן, ווען אין ארץ־ישראל איז איצט אויפגעשטעלט אַ זעלבסטשטענדיקע אידישע מדינה?

גאָר איינפאַך, קינדער. מיר דאַרפן זיך מער פרייען ווי אַלע מאָל. מיר דאַרפן זיך פאַראייניקן אין אונזערע געדאַנקען מיט ישראל. לאָמיר טראַכטן פון די העלדן, יונגע בחורים און מיידלעך, וועלכע האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן שונאים, אַנטקעגן זיבן אַרמייען פון אַראַבישע פעלקער און זיי האָבן זיי באַזיגט. אַ סך פון די העלדן, וואָס זיינען נאָך געווען אַליין יונגע קינדער, זיינען געפאַלן אויף די שלאַכט־פעלדער. זיי האָבן אַוועקגעגעבן זייער לעבן כדי צו באַקומען אַ פריי, גליקלעך לאַנד פאַר זייערע ברידערלעך און שוועסטערלעך, פאַר די אידן אין דער גאַנצער וועלט. זיי האָבן אויסגעקעמפט אַ היים פאַר אונז און פאַר אַלע אידן אין דער וועלט וואָס נייטיקן זיך אין אַ נאַציאָ־נאַלער היים. לאָמיר פלאַנצן ביימער אין זייער אָנדענק. לאָמיר זינגען זייערע העלדישע געזאַנגען, לאָמיר גיין אין זייערע חלוצישע וועגן. לאָמיר זיך פרייען, וואָס מיר זיינען קינדער פון אייביקן, קעמפנדיקן אידישן פאָלק. לאָמיר זיך פרייען, וואָס מיר האָבן דערלעבט, אַז די שיינע נאַטור פון ארץ־ישראל איז געוואָרן נאָך אַ מאָל, פון דאָס ניי, אונזער היים, אונזער זעלבסטשטענדיקע אידישע מדינה, ישראל.

יאָר, 1950

דער יום טוב פורים

לקיים את ימי הפורים האלה — י״ב פעמים
נצטוו על הפורים . . . ללמד שכל ישראל
עתידין לעשות הפורים לעתיד לבוא כהקבץ
כל ישראל.
(צוועלף מאָל ווערט אין דער מגילה אָנגעזאָגט
אָפּצוהיטן דעם יום־טוב פורים. איינער פון די
טעמים איז, אַז אידן זאָלן אויך פייערן פורים
אין דער ווייטער צוקונפט, ווען עס וועט
פאַרקומען דער נס פון קבוץ גלויות).
— מדרש לקח־טוב

אין פאַרלויף פון טויזנטער יאָרן האָט דאָס אידישע פאָלק מיט גרויס זאָרג און ליבשאַפט אויסגעפורעמט און אָפּגעהיט דעם אויס־טערלישן יום־טוב פורים. אין דעם יום־טוב איז אַריינגעגעבן געוואָרן אַזוי פיל פאָלקס שאַפונג און עמאָציאָנאַלע שטימונגען. אָט הייבט זיך עס אָן ווי אַ צערעמאָניאַל — ערנסט, כמעט טרויעריק, תענית־מעסיק. און באַלד גייט עס אַריבער צו אַ פריידיקער, אָפטמאָל אַ ביסל שרייע־דיקער קאַרניוואַל שטימונג. דער אָנהייב פון דער בעלי־בתי׳שער סעודה, וואו עס זיצט פאַרזאַמלט די גאַנצע משפחה, איז אַן ערנסטער. מען צעשיקט מיט פּיעטעט און פּינקטלעכקייט דעם שלח מנות. באַלד פאַלן אַריין די פורים שפּילער מיט זייער טומלדיקן שאַרוש. ערנסט און שפּיל — צער און פרייד מישן זיך אין די פורים טעג ווי די פאַרשידענע געזאַנגען פון פייגלען אין וואַלד אין אַ וואַרעם זומער פרימאָרגן.

מגילת אסתר איז, לויט איר אָרדנונג, די פינפטע מגילה. זי איז קלערער און מער פאַרשטענדלעך ווי אַלע אַנדערע מגילות. פונדעסט־וועגן, זיינען וועגן איר געשריבן געוואָרן מער מדרשים, מער קאָמענ־טאַרן, ווי אויף די אַנדערע פיר מגילות. די בעסטע גייסטיקע אידישע כוחות האָבן געווידמעט זייער מוח אויסצוטייטשן דעם אינהאַלט פון דער מגילת אסתר. זיי האָבן באַקרוינט דעם יום־טוב פורים מיט גאָר אַ סך לעגענדעס, אַפאָריזמען און ווערטלעך. אַ גאַנצע מסכתא מגילה איז געווידמעט געוואָרן דעם דאָזיקן שיינעם פאָלקס יום־טוב פורים.

ביז היינט איז ניט פעסטגעשטעלט געוואָרן דער אמת׳ער מחבר פון דער מגילת אסתר. אין תלמוד זיינען פאַראַן פאַרשידענע מיינונגען וועגן דעם. אַנדערע שרייבן עס צו צו די אנשי כנסת הגדולה און אַנדערע צו מרדכי׳ן גופא. עס איז אויך ניט פעסטגעשטעלט געוואָרן ווען עס האָט געקענט פאַרקומען די פּאַסירונג וועלכע עס ווערט דערציילט אין דער מגילה. דאָס האָט אָבער ניט אָפּגעהאַלטן דאָס פאָלק צו מאַכן פון פורים אַ דערהויבענעם פאָלקס יום־טוב. אין געוויסע צייטן איז די מגילת אסתר געשריבן אויף פּאַרמעט און באַצירט מיט קינסטלעכע אָרנאַמענטן, געווען דער פּאַרמעגן פון יעדער בעלי־בתישער היים.

קיין אַנדער העלד פון די אַנדערע מגילות איז ניט אַזוי אידעאַליזירט געוואָרן ווי די צוויי העלדן פון דער מגילה — מרדכי און אסתר. אין מדרש ווערט מרדכי פאַרגליכן אין אַ געוויסן זין צו משה רבנו און צו אברהם אבינו. דער כאַראַקטער פון אסתר, וועלכער איז אַזוי קלאָר אין דער מגילה, ווערט ער אָבער נאָך הערלעכער געמאָלן אין די פאַרשידענע מדרשים. אַזוי, אַז עס ווערט אסתרן צוגעשריבן, אַז זי האָט דערגרייכט צו דער מדרגה פון רוח הקודש.

פאַרוואָס דאָס פאָלק האָט זיך אַזוי באַצויגן צום יום־טוב פורים מוז זיכער ליגן אין דעם עצם פון דער פורים געשעעניש. המן ווערט באַטראַכט ניט פאַר אַן איינצלנעם אויסנאַם־פאַל, נאָר ווי אַ פּראָטאָטיפּ פאַר די אַלע המנס וועלכע זיינען געקומען נאָך אים און האָבן געזוכט שלעכטס צו טאָן דאָס אידישע פאָלק. די המנס דערשיינען דאָך אין יעדן דור. די געשעעניש פון פורים איז ניט קיין איינצל געשעעניש אין אונזער געשיכטע, נאָר עפּעס וואָס חזרט זיך כסדר איבער אין דעם אידישן גלות־לעבן — אַן אַלטע מעשה וואָס איז שטענדיק ניי.

די העלדן מרדכי און אסתר שטעלן מיט זיך אויך פאָר טיפּן פון אידישע מענטשן וועלכע זאָרגן פאַר דעם מצב פון זייער פאָלק, מענטשן וועלכע פילן אַז די געשיכטע האָט זיי אויסגעקליבן צו טראָגן די אחריות פאַר דעם גורל פון זייער פאָלק און צו געפינען די וועגן ווי אַזוי אין אַ צייט פון אומגליק, אָפּצואווענדן די בייזע שטורעמס וואָס ברעכן אויס איבערן קאָפּ פון זייער פאָלק. אַזעלכע אידישע פּערזענ־

לעבקייטן שטייען אויף און באַווייזן זיך אין יעדן דור. זיי זיינען דער געוויסן פון זייער פאָלק פון יעדער תקופה.

דער יום־טוב איז אויך פאַרהייליקט געוואָרן דערפאַר, וואָס ער ווייזט אָן אויף דעם אייביקן המשך און קיום פון פאָלק און זיין כוח בייצוקומען אַלע זיינע שונאים. אין פאָלק לעבט דער גלויבן אַז מיר קענען ניט באַזיגט ווערן און די דערציילונג פון פורים באַקרעפטיקט דאָך אַזוי פיל דעם דאָזיקן גלויבן. אין דער גאַנצער מגילת אסתר וואָס איז אַ שטאַרקע דראַמע, מיט אַ סך האַנדלונגען, מיט גאַר גרויסע פּער־זענלעכע און פאָלקס איבערלעבונגען, ווערט אָבער אין ערגעץ ניט דער־מאָנט דער נאָמען פון גאָט. דאָס האָבן שוין אויך באַמערקט די בעלי מדרשים. זיי פרעגן — מרדכי זאָגט אַז, אויב דו, אסתר, וועסט ניט העלפן, וועט די הילף קומען פון אַן אַנדער פּלאַץ. פרעגן זיי, פאַרוואָס זאָגט ניט מרדכי אַז די הילף וועט קומען פון גאָט? זייער ענטפער איז, ליידער, אַ שוואַכער, אַז אַזוי ווי די מגילה איז געשריבן געוואָרן אין פערסיע, האָט מען ניט געקענט דערמאָנען דעם נאָמען פון אידישן גאָט. דער ענטפער שטעלט אָבער, ליידער, ניט צופרידן, וויסנדיק ווי גייסטיק רייך עס איז געווען דאָס אידישע לעבן אין פערסיע. אָבער, אויך דאָס האָט ניט געשאַדט, אַז די מגילה זאָל ווערן אַ הייליק בוך, אַריינגענומען צווישן די הייליקסטע ביכער וואָס אונזער פאָלק פאַר־מאָגט. שוין דערפאַר אַליין, וואָס אין דער מגילה איז פאַראַן אַזוי פיל זאָרג פאַר דעם אידישן גורל און אַזוי פיל פאָלקס בטחון און אמונה אין דעם המשך פון אידישן פאָלק איז דער יום־טוב און דער ספר, וואו עס ווערט וועגן דעם יום־טוב דערציילט, פאַרהייליקט אויף אַלע אייביקייטן.

יאָר 1950

פסח, אין ליכט פון דער נייער תקופה

ווען מען פאַרטיפט זיך אין דעם זין פון אַ יום־טוב, דערזעט מען אַז אַ יום־טוב איז שטענדיק פאַרבונדן מיט אַ וויכטיקן היסטאָרישן מאָמענט און מיט אַ גרויסן אידעאַל.

עס איז אין ערגעץ ניט אַנטפּלעקט קיין גרעסערע נאַציאָנאַלע דערפאַרונג ווי די, וואָס לעבט אין די ימים־טובים. דורך דעם מהות פון אַ יום־טוב, דערגרייכט מען צו דער נשמה פון פאָלק און צו זיינע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס.

אַזוי איז עס מיט אַלע ימים־טובים. אָבער דער העכסטער נאַציאָ־נאַל־אידישער באַוואוסטזיין איז אַריינגעוועבט געוואָרן אין דעם יום־טוב פּסח. אַ גרויסע דעצידירנדיקע ראָלע האָט דער יום־טוב פון יציאת מצרים געשפּילט אין דעם גייסטיקן אידישן לעבן. דער דאָזיקער היסטאָרישער מאָמענט האָט באַאיינפלוסט דעם שעפערישן כוח פון אידישן פאָלק פון די סאַמע עלטסטע צייטן ביז היינט צו טאָג און האָט געענדערט דעם גאַנג פון דער אידישער געשיכטע. די תורה זוכט איינצופלאַנצן אינעם אידישן פאָלק וויכטיקע אידייען און גוטע מידות, אַ דאַנק דעם פאַקט פון יציאת מצרים. דערפאַר וואָס מען איז געווען שקלאַפן און מען איז אויסגעלייזט געוואָרן, דאַרף מען זיין ערלעך און גערעכט.

דער דאָזיקער צוגאַנג ווידערהאָלט זיך אַ סך מאָל אין תורת משה. לאָמיר דאָ ברענגען אַ צאָל ציטאַטן. אָט ווען עס רעדט זיך וועגן דער הייליקייט פון שבת, וועגן דער נויטיקייט פון רו און פרייהייט, ווערט דאָס באַקרעפטיקט מיט דעם פאַקט, „אַז מען איז געווען קנעכט אין מצרים און גאָט האָט אונז פון דאָרט אַרויסגענומען מיט אַ שטאַרקער האַנט״.

ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ מענטשלעכער און פריינטלעכער באַציאונג צום פרעמדן וואָס קומט אין לאַנד, ווערט אַזוי געזאָגט: „און אַז ביי דיר וועט זיך אויפהאַלטן אַ פרעמדער אין דיין לאַנד, זאָלסטו

אים ניט קריוודען, אַזוי ווי אַן איינגעבוירענער זאָל ביי דיר דער פרעמדער זיין. זאָלסט אים ליב האָבן ווי זיך אַליין, ווייל פרעמדע זייט איר געווען אין לאַנד מצרים״.

ווען מען זאָגט אונז אָן, אַז מען דאַרף טאָן גערעכטיקייט, אַז מען דאַרף זיין ערלעך, ווערט אָנגעזאָגט: „אַ ריכטיקע וואָגשאָל, ריכטיקע וואָג־שטיינער און אַ ריכטיקע מאָס זאָל ביי אייך זיין: ווייל איך בין אייער גאָט וואָס האָט אייך אַרויסגעצויגן פון לאַנד מצרים״.

ווען מיר קומען צו די סאָציאַל־עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס אין דער אידישער געזעצגעבונג, ווי שמיטה און יובל, ווערט דאָס ווידער אונטערגעשטראָכן מיט דעם פאַקט פון יציאת מצרים: „איך בין דיין גאָט, וואָס האָט דיך אַרויסגעצויגן פון לאַנד מצרים״. ווען מען זאָגט אונז אָן, אַז מען דאַרף העלפן אַ געפאַלענעם און פאַראָרעמטן ברודער, אַז מען דאַרף אים לייען, און מען טאָר ביי אים קיין פראָצענט ניט נעמען, ווערט עס ווידער באַקרעפטיקט מיט דעם פאַקט פון יציאת מצרים: „זאָלסט ניט געבן דיין געלט אויף צינזן, ווייל איך בין דיין גאָט, וואָס האָט דיך אַרויסגעצויגן פון לאַנד מצרים״.

שוין דער סאַמע ערשטער געבאָט פון די עשרת הדברות, וואָס באַצייכנט די געטלעכע פערזענלעכקייט, ווערט עס פאַרבונדן מיט יציאת מצרים: „איך בין דיין גאָט וואָס האָט דיך אַרויסגעצויגן פון לאַנד מצרים, פון דער האַנט פון קנעכטשאַפט״.

מיר זעען אַז די פרייהייט, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט געוואונען דורכן פראָצעס פון יציאת מצרים, האָט די אידן לויט דער תורה, פאַרפליכטעט צו לעבן אַ דערהויבענעם, עטישן לעבן. אַלע רעפאָרמען פאַר סאָציאַלער און עקאָנאָמישער גלייכהייט זיינען מאָטיווירט געוואָרן פון דער גרויסער געשעעניש פון איבעררייסן מיט דער קנעכטשאַפט. די אינדיווידועלע פרייהייט, וואָס דער אידישער מענטש פאַרמאָגט, איז דאָס אַ דאַנק דעם, וואָס ער, דער יחיד איז דעמאָלט באַפרייט געוואָרן פון שקלאַפעריי.

די אידייען וואָס זיינען אַרומגעוויקלט אַרום פסח ווי: זיך שטעלן אַנטקעגן אונטערדריקער; אייניקייט אַלס אַ פאָרבאַדינג פאַר פאָלקס־פרייהייט און די נויטווענדיקייט אָפילו צו פאַרלאָזן דאָס געבוירן־לאַנד

כדי צו דערגרייכן צו פולער נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט, האָבן אויסגעפורעמט דעם כאַראַקטער פון אידישן פאָלק און האָבן אים גע־פירט אויפן וועג פון נאַציאָנאַלער פרייהייט און פראָגרעס.

עס דאַרף פאַרבונדן ווערן אונזער היסטאָרישע פאַרגאַנגנהייט מיט אונזער קעגנוואַרט. די דערהויבענע פסח פייערונגען דאַרפן פלאַנצן אין אידישן פאָלק דעם באַגער פאַר נייע יציאות, פאַר איינזאַמלען דאָס אידישע פאָלק אין זיין היסטאָרישן היימלאַנד און פאַר אַן ענטגילטיקן קיבוץ גלויות. די שטורמישע געשעענישן פון אַמאָל פון דער פסח תקופה, דאַרפן פאַרבונדן ווערן מיט די אידישע גבורות אויף די שלאַכט־פעלדער פון ישראל, מיט די נסים און דערגרייכונגען פון די אידישע אַרמייען, קעמפער און חלוצים פון היינט. דאָס איז אידישער המשך, און אידישע היסטאָרישע שעפערישקייט. מיר שטייען היינט אויף דעם פרשת דרכים, אויף די איבערגאַנגס וועגן פון נאַציאָנאַלער אָנמעכטי־קייט צו אַ אידיש שטאַטלעכן פאַרנעם. מיר קענען אַמבעסטן פאַרשטיין דעם פריידיקן „אָז ישיר״ וואָס עס האָבן געזונגען די מחנות אידן, וועלכע זיינען געלאָפן פון מצרים צו נאַציאָנאַלער פרייהייט אין זייער געגאַרטן היימלאַנד.

לאָמיר זיך פאַרטיפן אין דעם זין פון פסח, לאָמיר פייערן אונזער אויסגעביינקטע פרייד, די פאַרווירקלעכונג פון אונזער גרעסטן היס־טאָרישן חלום!

יאָר 1952

די דריטע אידישע מדינה — גלאָרייכער המשך פון דער אידישער געשיכטע

היינטיקע וואָך האָבן זיך אָנגעהויבן די גרויסע פייערונגען לכבוד מדינת ישראל. מיר אין אַמעריקע, וועלכע זיינען געוואוינט צו נאַציאָ־נאַלע פּאַראַדן און געזעלשאַפטלעכע ימים־טובים, קענען נאָך, חלילה, פאַרטומלט ווערן פון די דאָזיקע פייערונגען און ניט אויפנעמען די גרויסע געשעענישן אין זייער פולן היסטאָרישן זין.

אין דעם לעצטן העראָאישן קאַמף פון בר כוכבא, ווען די אידישע זעלבסטשטענדיקייט איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון די הענט פון די אידישע קעמפער דורך די רוימישע לעגיאָנערן, האָט דאָס אידישע פאָלק גלייך פעסטגעשטעלט, אַז עס הייבט ווידער אָן אויפצושטעלן די אידישע מלוכה.

די ליטעראַטור, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין יענער צייט איז געווען דורכגעדרונגען מיט משיח האָפענונגען און משיחישע וויזיאָנען. אַלע תפילות וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין יענער צייט האָבן אויס־געדריקט די האָפענונג אַז די אידישע מלוכה וועט ווידער אויפגע־שטעלט ווערן, אַז דער בית המקדש וועט ווידער אויפגעבויט ווערן און אַז די שכינה וועט זיך ווידער אומקערן אויף איר פּלאַץ קיין ירושלים. דאָס זיינען תפילות וואָס האָבן כסדר אויסגעדריקט דעם פעסטן אידישן ווילן וועגן דער באַנייאונג פון דער אידישער מלוכה אין ארץ ישראל. די פאַרשידענע עליות קיין ישראל וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן שפּעטער האָבן שוין געהאַט דעם קלאָרן צוועק צוריקצו־ברענגען אידן קיין ארץ ישראל, כדי דאָרטן אויפשטעלן פון דאָס ניי די אידישע מלוכה. עס איז דערפאַר אויך קיין וואונדער ניט, וואָס דער באַשעפער פון דעם פּאָליטישן ציוניזם, דר. הערצל, האָט ממשיך געווען דעם דאָזיקן גרויסן געדאַנק פון אַ אידישער מלוכה אין ישראל און ער האָט אָנגעהויבן זיין גרויסע ציוניסטישע אַרבעט מיטן בוך „דער אידישער שטאַאַט".

די סאַמע ערשטע בויער פון דער דריטער אידישער מלוכה זיינען דערפאַר געוועז יענע אידן וואָס, ווערנדיק פאַרטריבן אין גלות דורך די רוימישע האָרדעס, האָבן אָנגעהויבן גלייך צו רעדן וועגן דעם אומקער צוריק קיין ארץ ישראל. יעדער דור האָט ניט נאָר געהאַט דעם גלויבן, אַז די אידישע מלוכה וועט אויפגעשטעלט ווערן, נאָר ער האָט זיך געגרייט פאַר דעם. אידישע דורות האָבן כסדר געזוכט אויפצוהאַלטן דאָס אידישע לעבן אין ארץ ישראל, שיקנדיק אַהין געלט, שיקנדיק אַהין עולים, און האָבן שטענדיק און כסדר פּראָקלאַמירט פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז זיי דערוואַרטן דאָס אויפבוי פון ארץ ישראל, אַז זיי גיבן ניט אויף זייער רעכט אויף זייער היסטאָרישן לאַנד. די גייסטיקע שאַפונגען פון אידישן פאָלק אין משך פון די דאָזיקע גלות יאָרן זיינען געווען באַזעלט פון דעם גלויבן אין דעם ווידער אויפבוי פון ארץ ישראל. גרויסע ווערק זיינען אין די גלות־יאָרן געשאַפן געוואָרן וואָס האָבן געהאַט אויסשליסלעך צו טאָן מיט דעם אידיש־רעליגיעזן לעבן ווען די אידישע מלוכה וועט פון דאָס ניי אויפגעבויט ווערן.

און עס זיינען געקומען אונזערע לעצטע צוויי דורות, וועמען די אידישע געשיכטע האָט איבערגעגעבן דעם זכות, אַז זיי זאָלן זיין די וואָס זאָלן פאַרווירקלעכן די דאָזיקע אידישע האָפענונג. די דאָזיקע דורות האָבן מיט זייער שוויס אויפגעלעבט די וויסטענישן און מיט זייער בלוט אויסגעקעמפט די אידישע פרייהייט, וועלכע איז אַוועק־געריבט געוואָרן מיט 2,000 יאָר צוריק דורך דער רוימישער אימ־פּעריע.

דער חודש מאַי דאַרף דערפאַר זיין דער חודש, ווען מיר זאָלן זיך אַליין פאַרטראַכטן און פאַרטיפן און דערציילן אונזערע קינדער וועגן דעם לאַנגען וועג וואָס עס האָט גענומען דאָס אידישע פאָלק ביז ער האָט ווידער אויפגעשטעלט זיין אייגענע מלוכה. מיר דאַרפן דערפילן און דערזען ווי עס האָט זיך געענדיקט דאָס טרויעריקע קאַפּיטל פון חורבן און נאַציאָנאַלער פאַרשקלאַפונג פאַר אונזער פאָלק. די וואַנדע־רונגען און כסדר'דיקע היימלאָזיקייט פון אונזער פאָלק גייען אַריבער אין דער פאַרגאַנגענהייט און פאַר אונזער פאָלק הייבט זיך אָן אַן

עפּאָכע פון אויפבוי, אויסברייטערונג, פאַרשטאַרקונג און גרויסער אידי־
שער גייסטיקער שעפערישקייט אין דעם היסטאָרישן לאַנד. ארץ ישראל
וועט זיכער שטאַרקן און שענער מאַכן אויך דאָס אידישע לעבן אין
דער גאָרער וועלט. לאָמיר דערפילן די פרייד פון דער דאָזיקער גרוי־
סער פּאַסירונג.

יאָר 1951

קולטור און באַוועגונג

די ראָלע פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד אין דעם קולטורעלן לעבן אין אַמעריקע

כדי צו פאַרשטיין דעם קולטור־כאַראַקטער פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד און די מאָטיוון, וועלכע האָבן גורם געווען, אַז ער זאָל ווערן, שוין גלייך ביי זיין גרינדונג, אַן אינסטרומענט פאַר אידיש־קולטורעלער טעטיקייט, מוז מען זיך פריער באַקענען מיט דעם נאַציאָנאַלן און קולטור־צושטאַנד פון די אידישע מאַסן אין אַמעריקע אין יענער צייט. מען מוז האָבן, פיל־וויניקער, אַ באַגריף וועגן די אידעאישע קאַמפן, וואָס זיינען אַנטשטאַנען אין אידישן לעבן. בלויז ווען מען ווייס, ווי די אידישע אַרבעטער־פירער און אידישע אַרבעטער־אינסטיטוציעס פון יענער צייט האָבן זיך באַצויגן און רעאַגירט אויף נאַציאָנאַלע און קולטור־פּראָבלעמען, ערשט דעמאָלט קען מען איינזען, אַז דער פאַרבאַנד איז געקומען ווי אַ פּראָטעסט אַנטקעגן די שעדלעכע גערזעלשאַפטלעכע טענדענצן, וואָס האָבן באַהערשט דאָס אידישע לעבן. די גרינדונג פון פאַרבאַנד איז פאָרגעקומען נאָך לאַנגע וויכוחים און נאָך אַן ערנסטן ישוב־הדעת. די ערנסטע פּראָבלעמען פון אידיש־נאַציאָנאַלן און קולטורעלן לעבן אין אַמעריקע ביים אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט האָבן געשאַפן דעם פאַרבאַנד און האָבן אָנגעצייכנט זיין אייגנאַרטיקן נאַציאָנאַלן און קולטורעלן פּראָגראַם פון טעטיקייטן.

דאָס ניט־פאַרוואָרצלטע אידישע לעבן אין יענער צייט

דאָס אידישע לעבן אין אַמעריקע איז נאָך אין די ערשטע יאָרן פון היינטיקן יאָרהונדערט געווען אויפגערודערט און האָט נאָך נישט געשלאָגן קיין וואָרצלען. עס האָבן דעמאָלט געהאַלטן כסדר אין אָנקומען נייע אידישע אימיגראַנטן־שטראָמען. אין משך פון 12 יאָר פון 1899 ביז 1910, אין דעם יאָר, ווען דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַר־

באַנד איז געגרינדעט געוואָרן, זיינען אַריינגעקומען אין אַמעריקע פון די אייראָפּעאישע לענדער אַריבער אַ מיליאָן אידן. די גרעסערע מער־הייט פון דער צאָל, גאַנצע 640,000, זיינען אַריבערגעקומען אין משך פון 5 יאָר.

די אַריבערגעקומענע אידישע באַפעלקערונג האָט דעמאָלט דורכ־געמאַכט גרויסע ענדערונגען אין איר עקאָנאָמישן און סאָציאַלן מצב. פון אַ קליינשטעטלדיקער באַפעלקערונג, ווי די אידן זיינען געווען אין אייראָפּע, זיינען זיי אין אַמעריקע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויס־שטאָטישער, ווייל די מערסטע אַריבערגעקומענע האָבן זיך דאָ באַזעצט אין די גאַנץ גרויסע שטעט. זיי האָבן געמוזט אַריבערגיין צו נייע עקאָ־נאָמישע פּאָזיציעס. פריערדיקע הענדלער און קליינבירגער האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין לוין־אַרבעטער. די דאָזיקע ענדערונג האָט דעמאָלט אַרויסגערופן ביי די אידישע אימיגראַנטן אַ סך ערנסטע פּסיכאָלאָגישע און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען.

אַ גרויסע ענדערונג איז אין יענעם פּעריאָד אויך פאָרגעקומען אין דעם גייסטיקן און קולטורעלן לעבן פון די אַריבערגעקומענע. זייער איינגעפונדעוועט אידיש לעבן איז שוין טיילווייז צעטרייסלט געוואָרן נאָך אין דעם שטעטל, פון וואַנען זיי זיינען געקומען. די רעוואָלוציאָ־נערע באַוועגונגען, וועלכע זיינען אויפגעקומען אין אייראָפּע, האָבן פאַרשפּראָכן אַ באַלדיקע גאולה שלימה און האָבן פאַרכאַפּט גרויסע טיילן פון דער אידישער יוגנט. די אידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער און ציוניסטישע באַוועגונגען האָבן רייף געמאַכט דעם אידישן אַרבעטער און פאָלקס־מענטש צו קענען אויפנעמען נייע אָריענטאַציעס און זוכן נייע אידעאַלן פאַר אַ שענערער צוקונפט. עס איז דערפאַר קיין וואונ־דער ניט, וואָס אַריבערקומענדיק קיין אַמעריקע, איז דער אידישער אַרבעטער און פאָלקס־מענטש געווען גרייט אויפצונעמען נייע אידייען. די פונדאַמענטאַלע פרייהייטן אין אַמעריקע האָבן טאַקע געקענט ווערן דער יסוד, אויף וועלכן עס האָט זיך דאָ געקענט אויפבויען אַ נאַציאָנאַל־אידיש לעבן, וואָס האָט געקענט ווערן אַ קוואַל פון ענערגיע פאַר אידן אין דער גאַנצער וועלט. אָבער צוליב סיבות, וועלכע מען האָט נישט געקענט קאָנטראָלירן, איז די אידישע אַמעריקע פאַרכאַפּט געוואָרן פון

עלעמענטן, וואָס נישט נאָר האָבן זיי נישט געזוכט ווייטער צו בויען דאָס אידישע לעבן און ווייטער צו שפּינען דעם אידישן המשך, נאָר זיי האָבן באַוואוסטזיניק געפּריידיקט אידייען פון נאַציאָנאַלן צוזאַמענברוך, אידייען וואָס זאָלן צעשטערן און לויז מאַכן די שייכות און דעם בונד פון דעם אידן אין אַמעריקע מיט אידן אין אַנדערע לענדער. זיי האָבן אַנטוויקלט טענדענצן אָפּצומעקן דעם גייסטיקן אידישן פּרצוף און צע־שטערן די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון אַ אידישן קולטור־שעפערישן לעבן.

די אַנטי־נאַציאָנאַלע שטרעמונגען

די נאַציאָנאַל־צעשטערנדיקע אידייען און פאַקטאָרן, וואָס האָבן באַאיינפלוסט דאָס אידישע לעבן אין די יאָרן פון 1881—1910, זיינען געקומען גלייכצייטיק פון צוויי ריכטונגען: צוערשט פון דעם לאַגער פון די אידישע רעפאָרמער און נאָכדעם פון דער אידישער אַנאַרכיס־טישער און סאָציאַליסטישער ריכטונג. די אידן פון דייטשלאַנד האָבן אָנגעהויבן אַריבערקומען קיין אַמעריקע אין גרעסערע צאָלן אין יאָר 1848. זיי האָבן זיך דאָ גוט איינגעבירגערט און מאַטעריעל באַפעס־טיקט. פון דייטשלאַנד, די פעסטונג פון רעפאָרם־אידנטום, זיינען אַהער אַריבערגעקומען די ראַבינער י. מ. וויז, קויפמאַן קאָלער און אַנדערע. די דאָזיקע ראַבינער, אגב זייער פּעאיקע מענטשן, האָבן אָנגעהויבן איינפלאַנצן די רעפאָרם־תורה אין די ניי־געגרינדעטע קהילות פון אַמעריקע. די אידייען פון גייגער און פרידלענדער, אַז אידן זיינען נישט קיין פאָלק, נאָר בלויז אַ רעליגיעזע סעקטע, אַז העברעאיש איז אַ טויטע שפּראַך, וועלכע האָט נישט קיין פּלאַץ אין אידישן לעבן, און אַז ירושלים איז נישט מער ווי אַן אָפּגעשטאָרבענער אידישער סימבאָל, איז דעמאָלט געפּריידיקט געוואָרן אויף די העכסטע טענער אין די רעפאָרם־קהילות, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן שטאַרק צו פאַרשפּרייטן אין לאַנד. אין יאָר 1897, נאָך דער דערשיינונג פון ד״ר הערצל׳ס „יודענשטאַט״ און נאָך דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, ווען אין אַמעריקע האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן די ערשטע ציוניסטיש־באַ־

וואוסטזיניקע גרופירונגען, האָבן י. מ. ווייז און קויפמאַן קאָלער שנעל פאַררופן אַ קאָנפערענץ פון רעפאָרם־ראַבינער. אויף דער קאָנפערענץ האָבן זיי צוריקגעוויזן יעדן פאַרזוך פון גרינדן אַ אידישן שטאַט אין ארץ־ישראל. זיי האָבן איבערגע׳חזר׳ט זייער חכמה, אַז „אַמעריקע איז ציון און וואַשינגטאָן איז ירושלים״; זיי האָבן געשטורעמט, אַז „מיר קענען מער נישט בעטן פאַר אומקערן זיך קיין ירושלים, ווייל דאָס איז אַ גאָט־לעסטערונג און אַ ליגן אויף די ליפּן פון יעדן אַמעריקאַנער אידן״. די רעזאָלוציע, וואָס די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען, איז געווען אַ פאַרביסן אַנטי־ציוניסטישע. „ציוניזם״, האָבן זיי באַשלאָסן, „איז שעדלעך פאַר אידן און שטעלט אין סכנה דעם אידישן גורל אין דער גאַנצער וועלט״. אָט אַזוי האָבן זיי באַגעגנט די גרויסע נאַציאָנאַלע אויפלעבונגס־באַוועגונג פון אידישן פאָלק.

אַ באַזונדער פאַראַכטונג האָבן די יהודים אַרויסגעוויזן צו אידיש און צו דער אידישער קולטור. אין „היברו אינסטיטוט״ (דער שפּעטער־דיקער „עדיוקיישאָנעל אַלייענס״), וואָס זיי האָבן אויפגעשטעלט צו אַמעריקאַניזירן די אידישע איסט־סייד פון ניו־יאָרק, האָבן זיי פאַר־ווערט אַריינצונעמען אידישע ביכער. אין דער לערע פון „אַמעריקאַ־ניזאַציע״, וואָס זיי האָבן אומעטום פאַרשפּרייט, איז נישט געווען אַזוי פיל פאַרשטענדעניש און ליבשאַפט פאַר אַמעריקע און אירע דעמאָ־קראַטישע אינסטיטוציעס, ווי די שנאה צו אַלץ, וואָס איז געווען אידיש־פאָלקסטימלעך און אידיש־נאַציאָנאַל. זייערע אָנפירער, אַליין אַריבער־געקומענע פון דייטשלאַנד, האָבן געפּריידיקט זייער רעפאָרם־תורה אויף דייטש און האָבן פאַרווערט אין זייערע אינסטיטוציעס די אידישע שפּראַך. אַנדערע פון זיי זיינען געגאַנגען אַפילו אַזוי ווייט, ווי אָפּצו־קויפן אידישע לערן־אינסטיטוציעס מיט גרויסעביישטייערונגען מיט דעם באַדינג, אַז זיי זאָלן פון דאָרטן אַרויסוואַרפן די אידישע שפּראַך. אויף דעם מזרח־אייראָפּעאישן אידן, וואָס האָט גערעדט אידיש, האָבן זיי געקוקט מיט ביטול (זע זכרונות פון י. קאָפּעלאָוו, 2טער באַנד). זייערע לערן־אינסטיטוציעס האָבן נישט געהאַט קיין אינטערעס צו אַנט־וויקלען גייסטיק די אידישע מאַסן און זיי האָבן נישט דערמוטיקט קיין אידישע קולטור־שאַפונגען אין העברעאיש אָדער אין אידיש. זייער גאַנצע אידישקייט איז געווען אַ רעליגיעזע. זייער רעליגיע האָבן זיי

אָבער אויסגעטאָן פון אידישן פאָלקסטימלעכן לבוש, פון נאַציאָנאַלער טראַדיציע און פון אידישער רעליגיעזער האָפענונג ווידער אויפצולעבן ווי אַ פאָלק. זייער אַמעריקאַניזאַציע איז אַזויאַרום פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַקטועלער אַסימילאַציע. די אידישע נאַציאָנאַלע האָפענונגען פאַר־צוזעצן דעם אידישן קיום אין דער גאַנצער וועלט און ווידער אויפצו־לעבן ווי אַ פאָלק אין ארץ־ישראל, זיינען נישט אַריינגעדרונגען אין זייערע הערצער.

די אַסימילאַציע־טענדענצן פון דער אָרגאַניזירטער אידישער אַרבעטערשאַפט

אויב אָבער די השפעה פון רעפאָרמירטן אידנטום אין אַמעריקע האָט דערגרייכט בלויז אַ טייל פון דעם בירגערלעכן אידישן עלעמענט, איז אָבער דער אַסימילאַטאָרישער איינפלוס, וואָס איז געקומען פון אידישע אַרבעטער־פירער, געווען פיל גרעסער און האָט אַריינגעדרונגען אין ברייטערע קרייזן. כדי צו פאַרשטיין די נשמה פון דעם אידישן אַרבעטער אין יענער צייט, מוז מען געדענקען, אַז דער אידישער ניי־אָנגעקומענער אימיגראַנט איז אין אַמעריקע אַריינגעפאַלן נישט נאָר אין אַ נייער סביבה, וועמענס שפּראַך און קולטור איז אים געווען פרעמד, נאָר אַז ער האָט זיך אויך גאָר שנעל דערפילט באַרויבט פון זיין מענטשלעכער חשיבות. די אידישע פאַבריקאַנטן, סיי פון דייטשן און סיי פון מזרח־אייראָפּעאישן אָפּשטאַם, האָבן לויט דעם נוסח אַמע־ריקע אויפגעשטעלט די סוועטשאָפּ־סיסטעם, וואָס איז געווען אַ מוסטער פון עקספּלואַטאַציע און וואָס האָט דעם אידישן אַרבעטער ממש פאַר־וואַנדלט אין אַ שקלאַף. די שכירות זיינען געווען קלעגלעכע, קוים די נשמה צו דערהאַלטן. דערפאַר אָבער זיינען די אַרבעטס־שעה׳ן געווען לאַנגע, פון 12 ביז 14 שעה אַ טאָג. דער היגיענישער צושטאַנד פון די טויזנטער שעפּער איז אויך געווען אַ שרעקלעכער און האָט געבראַכט מיט זיך פאַרשידענע קראַנקהייטן. די אידישע דיכטונג פון מאָריס ראָזענפעלד, ד. עדעלשטאַט און י. באָוושאָווער איז דער בעסטער עדות אויף דעם ביטערן צושטאַנד, וואָס עס האָט דעמאָלט געהערשט אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס.

דער קליינשטעטלדיקער איד, וועלכער איז אין דער אַלטער היים געווען פאַרהעלטניסמעסיק אַ פרייער מענטש, האָט מיט אַמאָל דער־פילט, אַז ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לוין־שקלאַף, און ער האָט גענומען בענקען נאָך זיין אַמאָליקער פרייהייט. די שנאה צו זיין נייעם בעל־הבית איז דערפאַר אַלץ געוואַקסן און געוואָרן גרעסער און שטאַרקער. דער אַרבעטער האָט אָנגעהויבן זוכן עמיצן, וואָס זאָל אים אַרויספירן פון דער דאָזיקער שווערער לאַגע. די אידייען פון סאָציאַ־ליזם, וועלכע האָבן שוין געהאַט דערגרייכט די אידישע אַרבעטער אין דער אַלטער היים, האָבן איצטער אָנגענומען רעאַלע פאָרמען. די פאַר־שידענע אַנאַרכיסטישע און סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיעס האָבן דער־פאַר געגומען שלאָגן טיפע וואָרצלען אין לעבן פון די אידישע אַרבעטער און האָבן כסדר פאַרנומען גרעסערע און ברייטערע פּאָזיציעס. די פירער פון די אַנאַרכיסטישע און סאָציאַליסטישע באַוועגונגען, וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט דעם קאַמף צו פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע פון אידישע אַרבעטער, זיינען אַזוי־אַרום געוואָרן די טאָן־געבער אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס. זיי זיינען געוואָרן די „כהנים גדולים", צו וועמענס וואָרט מען האָט זיך צוגעהערט מיט גרויס שפּאַנונג. זייער ווילן איז געוואָרן געזעץ, וועלכער איז זייער אָפט אויסגעפאָלגט גע־וואָרן בלינדערהייט. צום אַרבעטער־פירער, וועלכער האָט דערמוטיקט און פאַרשפּראָכן צו פאַרבעסערן די מאַטעריעלע לאַגע, האָט די מאַסע אַרויפגעקוקט ווי צו איר דערלייזער.

וואָלט דער אידישער סאָציאַליזם אין יענער צייט נישט געווען בלינד און נישט געווען אָנגעפילט מיט פאַראורטיילן קעגן דעם נאַציאָ־נאַלן געדאַנק, וואָלט די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע געקענט ווערן אַ ברכה פאַרן גאַנצן אידישן פאָלק. וואָלט די אידישע אַנאַרכיסטישע און סאָציאַליסטישע פירערשאַפט פון יענער צייט פאַר־שטאַנען די אידישע נאַציאָנאַלע און קולטור־שעפערישע כוחות פון די אידישע מאַסן און זי וואָלט געהאָלפן פאַרפעסטיקן די אידישע שפראַך און די אידישע קולטור צווישן די אידישע מאַסן, וואָלטן מיר איצט נישט געהאַט אין אַמעריקע אַ דור, וועמען עס איז אינגאַנצן פרעמד דער אידישער מהות. זיינען אָבער די אידישע אַרבעטער־פירער פון

יענער צייט געווען קאָסמאָפּאָליטן, וועלכע האָבן באַטראַכט דעם נאַציאָנאַליזם פאַר רעאַקציע און אידישע קולטור ווי אַ שעדלעכע זאַך. דער ווילן צו אידישער זעלבסטפאַרלייקענונג איז ליידער געווען דער אידעאַל פון דער גרעסטער מערהייט פון אידישע סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע פירער פון יענער צייט.

כדי בעסער צו פאַרשטיין די קולטור-אַסימילאַציע, וועלכע איז געפּריידיקט געוואָרן אויף דער אידישער גאַס, איז כדאַי צו באַקאַנען זיך מיט אַ צאָל אינטערעסאַנטע פאַקטן.

אויף דעם זיבעטן צוזאַמענפאָר פון דער אידישער סאָציאַליסטישער סעקציע אין דעצעמבער, 1895, איז אין פאַרזאַמלונגס-זאַל געהאַנגען אַ גרויסער אויפשריפט מיט אַזאַ לאָזונג: „מיר זיינען קיינע יודן, זאָנדערן אידיש-שפּרעכנדע פּראָלעטאַריער". (זע: „אמת", 10טן יאַנואַר, 1896).

אויף דעם אַכטן צוזאַמענפאָר פון די אידישע סאָציאַליסטן, אָפּגעהאַלטן דעם 24טן דעצעמבער, 1897, איז געהאַנגען אַן אויפשריפט: „מיר זיינען אידישע סאָציאַליסטן, אָבער נישט קיין סאָציאַליסטישע אידן". (זע: „אָוונטבלאַט", 25טן דעצעמבער, 1897).

דאָס איז געווען דער זין פון דעם אויפרוף אין דער „אַרבעטער-צייטונג" פון 5טן דעצעמבער, 1890: פאַרוואָס מען גרינדעט די „היברו פעדערייטאָן אָוו לייבאָר" — די היינטיקע אידישע געווערקשאַפטן. דאָרטן ווערט געזאָגט: „מיר האָבן קיין אידן-פראַגע אין אַמעריקע. די איינציקע אידן-פראַגע, וועלכע מיר אָנערקענען, איז די פראַגע, ווי צו פאַרהיטן, אַז דאָ זאָל נישט קומען צו אַזעלכע אידן-פראַגעס" . . . און „אָפּצומעקן אַלע גרענעצן צווישן איד און ניט-איד אין דער אַרבעטער-וועלט איז איינער פון אונזערע צילן".

אידישע אַרבעטער-צייטונגען און זשורנאַלן, וואָס זיינען דעמאָלט דערשינען, האָבן ביי יעדער געלעגנהייט אָפּגעוואָרפן פון זיך דעם חשד פון נאַציאָנאַליזם און אידישער קולטור-טעטיקייט. אַזוי איז זיך מתנצל און פאַרענטפערט זיך גאָר אַ וויכטיקער אַרבעטער פירער אין 1894, פאַרוואָס די אידישע סאָציאַליסטן גיבן אַרויס דעם זשורנאַל „צוקונפט". צווישן אַנדערע זאַכן, שרייבט ער: „און וואָס דאָ איז אינטערעסאַנטער פון אַלץ, איז דער פאַקט, אַז גראָד סאָציאַליסטן גיבן אַרויס די „צוקונפט", אַזאַ זשורנאַל פון עלעמענטאַרער בילדונג פאַר אידן. דאָכט

זיך, אַז ביי די סאָציאַליסטן איז דאָך קיין נפקה־מינה נישט, צי אַ איד צי אַ גוי, דאַכט זיך זיי באַקעמפן דאָך דעם זאָגענאַנטן אידישע פּאַטריאָ־טיזם, ווי־זשע קומט עס, וואָס זיי באַשעפטיקן זיך מיט דער בילדונג פון דעם אידן?״ **אויף דעם קומט דער באַרימטער ענטפער פון יענער צייט, אַז מען טוט עס דערפאַר, ווייל „די באַפרייאונג פון דעם אַרבעטער איז די זאַכע פון דעם אַרבעטער אַליין״ („צוקונפט״, יאַנואַר, 1896).**

דער זעלביקער זייער איינפלוסרייכער אַרבעטער־פירער האָט אָנ־געשריבן אין 1894 אַן עדיטאָריאַל לכבוד דעם ערשטן מאַי. פאַרלאַנגט ער דאָרטן, אַז די אידישע רעליגיעזע יום־טובים, וואָס פאַרבינדן דעם אידן פון אַמעריקע מיט די אידן פון דער גאַנצער וועלט, זאָל מען אויפגעבן און מען זאָל זיי פאַרבייטן אויף פּראָלעטאַרישע יום־טובים. דעם עדיטאָריאַל פאַרענדיקט ער מיט אַזאַ פערלדיקן אויפרוף: „אַדיע, רעליגיעזע פייערטעג, און אַדיע, נאַציאָנאַלע שמחות . . . לאָמיר הייבן דעם כוס פאַר פרייהייט, גלייכהייט און גליק פון אַ נאַציאָן, וואָס איר פאַטערלאַנד איז די וועלט, וואָס איר רעליגיע איז די ברידערלעכקייט, וואָס איר תורה איז די וויסנשאַפט״.

שאַרפער אָבער פאַר אַלעמען איז פאַר דער אַסימילאַציע אַרויס־געטראָטן דער דעמאָלט באַרימטער אַרבעטער־פירער ב. פייגנבוים. פייגנבוים, אַליין אַ ישיבה־בחור און אַ גוטער לערנער, האָט אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס געגאָלטן ווי אַ רב און ער האָט טאַקע גע־פסקנ׳ט שאלות. (אגב, ער האָט אַפילו אָנגעשריבן אַ בוך „כשר און טריף״). שרייבט ער אַזוי: „אַסימילאַציע איז אַ ברכה. צו די אַלע שאָדנס, געפאַרן און צרות, איז די זיכערסטע רפואה וואָלטעטיקע אַסי־מילאַציע . . . איבערהויפּט שטעלט זיך נישט קעגן אָט דער נאַטירלע־כער טענדענץ אין אַמעריקע, איבערצוקאָכן אַלע אַהער־געקומענע מענטשן אין איין שמעלצטאָפּ, און צו מאַכן פון זיי איין האָמאָגענעם (גלייך־סאָרטירטן) מענטשן־מאַטעריאַל . . . לאָזט דאָ גיין ווי עס גייט. לאָזט צו רו, זאָל זיך דער נאַטירלעכער אַסימילאַציע־פּראָצעס טאָן זיין אַרבעט, ווייל ער ברענגט די גרעסטע ברכה פאַר אַלע מענטשן, באַ־זונדערס פאַר אַלע אידן״ („צוקונפט״, יולי, 1912).

די דאָזיקע תורה פון אַסימילאַציע האָט געבראַכט אומגעהויערן שאָדן דער נאַציאָנאַלער קולטור־טעטיקייט אין אַמעריקע. אין יענער

צייט פון אַנאַרכיסטישע יום־כפּור־בעלער און סאָציאַליסטישער אַסימי־לאַציע איז טאַקע אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס נישט אויפגעוואַקסן קיין איין אידישע אינסטיטוציע, וואָס זאָל זוכן צו פאַרשפּרייטן אידישע קולטור אויף אידיש און העברעאיש. מיט דער דערציאונג פון אידישן קינד האָט מען זיך בכלל נישט פאַרנומען. אַפילו די בעל־הבתישע עלעמענטן האָבן די דערציאונג פון אידישן קינד אין אַמעריקע איבערגעלאָזן אין די הענט פון אומפעאיקע מלמדים און גאַר אָפט אין די הענט פון שאַרלאַטאַנעס, וועלכע האָבן זיך לחלוטין גאָרניט אָנגעקערט מיט אידישער דערציאונג. עם־הארצים און טויגעניכטסן האָבן געעפנט חדרים אין טונקעלע הויפן און האָבן געלערנט די קינדער א״ב און בר־מצווה־„ספּיטשעס״ (זע קאָנאָוויצעס אַרבעט אין ספר היובל).

די אָפיציעלע אידישע אַרבעטער־צייטונגען און זשורנאַלן האָבן זיך דעמאָלט מערסטנס אָפּגעגעבן מיט קאַמף קעגן רעליגיע און האָבן פאַרנומען זייערע שפּאַלטן מיט עלעמענטאַרע אַרטיקלען וועגן סאָציאַליזם און נאַטור־וויסנשאַפט. די איינציקע צוויי אינסטיטוציעס פאַר אַרבעטער־בילדונג אין יענער צייט: די אַרבעטער בילדונג־שול און נאָכדעם די עדיוקיישאָנעל ליג, זיינען געווען, לויט ווי יואל ענטין דער־ציילט, אַסימילאַטאָריש־אויפקלערערישע (זע: „אידישע שטימע״, פעברואַר, 1916).

דער אַרבעטער־רינג, וועלכער איז שוין אין 1910 געווען אַ גרויסע אידישע אָרגאַניזאַציע, מיט אַרום 40 טויזנט מיטגלידער, איז נאָך דעמאָלט געווען אַן אַנטי־נאַציאָנאַלע פעסטונג. די בילדונגס־אַרבעט פון „אַרבעטער־רינג״ האָט נישט געטראָגן קיין אידיש־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. די מערסטע פון זייערע לעקציעס זיינען געווען אויף וויסנשאַפטלעכע און סאָציאַליסטישע טעמעס, ווי: א״ב פון סאָציאַליזם, מאַטעריאַליזם, אַנאַרכיזם און סאָציאַליזם, פיזיאָלאָגיע, באָטאַניק, געאָלאָגיע, לאָגיק, עוואָלוציע, א. ד. גל. זיין צוגאַנג צום ציוניזם און צום אידישן נאַציאָנאַליזם איז געווען אַ נעגאַטיווער.

אין „פריינד״ פון דעצעמבער, 1910 פאַרלאַנגט י. סאַלוצקי, אַז דער „אַרבעטער־רינג״ זאָל פאַרשפּרייטן די אידייען און פּרינציפּן פון אַרבעטער־רינג, געבן עלעמענטאַרע בילדונג אין נאַטור־וויסנשאַפט, אַרבעטער־פאַרזיכערונג, סאָציאַלע מעדיצין, געזעצגעבונג, יוניאָן־באַוועג־

גונג, פּאָליטישע אַרבעטער־טעטיקייט, אָבער קיין איין וואָרט דערמאָנט ער נישט וועגן אידישער קולטור און אידישע ענינים. אין „פריינד" פון פעברואַר, 1911, שלאָגט ב. ווּלאַדעק פאָר, אַז דער אַרבעטער־רינג זאָל זען: „אַרויספירן זיינע פיר־מאָל צען טויזנט מיטגלידער אויף דעם ברייטן פעלד פון דעם אַמעריקאַנעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן לעבן. לאָזט נאַטור־וויסנשאַפט צו די ברענטשעס, גיט די מעמבערס אַ באַגריף וועגן זאָנדערבאַרן און וואונדערשיינעם לאַנד. לאָזט צורו די דיסקוסיע פון אַרבעטער־רינג און סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. די וויכטיקסטע אויפ־גאַבע איז די דערציאונג פון סיטיזענס". אויך ב. ווּלאַדעק, וועלכער איז דעמאָלט געווען פיל אידישער פון זיינע חברים־גענאָסן, האָט פאַר די מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג נישט פאָרגעשלאָגן קיין אַנדער פּראָגראַם פון טעטיקייטן, ווי „סיטיזענשיפּ", אָדער אין אַנדערע ווער־טער — „אַמעריקאַניזאַציע".

שוין אַפילו אַזוי שפּעט ווי יוני, 1915, אויף דער 15טער יערלעכער קאָנווענשאָן פון אַרבעטער־רינג, איז דורכגעפאַלן די רעזאָלוציע, וואָס איז אַריינגעבראַכט און פאַרטיידיקט געוואָרן פון ד״ר זשיטלאָווסקי און נפתלי פיינערמאַן: „די עדיוקיישאָנעל קאָמיטע זאָל שענקען אויפמערק־זאַמקייט צו דער דערציאונג פון יונגן דור דורך פרייע סאָציאַליסטישע סאָנדעי סקולס פאַר קינדער, אידישע און ענגלישע". דאָס וואָרט „אי־דישע" האָט דאָס אויפגעבראַכט דעם גרויסן טייל פון די מיטגלידער. איינער פון די חשוב׳סטע דעלעגאַטן, ד״ר סילווערבערג, האָט פאַרלאַנגט דורכאויס, „אַז די אַרבעטער־רינג־קאָנווענשאָן זאָל פעסטשטעלן איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַז דער אַרבעטער־רינג איז נישט קיין אידישע אינסטיטוציע". די רעזאָלוציע מיטן וואָרט „אידישע" איז טאַקע דורכ־געפאַלן. עס האָבן פאַר איר געשטימט 35 דעלעגאַטן, אָבער קעגן איר — 52 דעלעגאַטן.

די אידישע אַסימילאַציע איז געוואָרן מיאוס, און אַפילו „אייגענע מענטשן" האָבן זיך אָנגעהויבן שעמען. ש. עפּשטיין ליאַרעמט אין דער „צוקונפט" פון מאַי, 1912, אַז „אידישע פּאַרטיי־פירערס האָבן מיט גוואַלט געוואָלט אַסימילירן די אידישע אַרבעטער און מאַכן פון זיי וואָס גיכער אמת׳ע „יענקיס".

דער כעס און צאָרן, וועלכער האָט זיך אָנגעקליבן ביי די אידישע

נאַציאָנאַל־געשטימטע עלעמענטן אין אַמעריקע אַנטקעגן אַסימילאַטאָרן פון רעכטס און לינקס, איז דעמאָלט אַם שאַרפסטן אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון ד״ר נ. סירקין. ער שרייבט: „בלויז ביי די אידן, וואו אַלץ איז קאַפּויר, האָבן די סאָציאַליסטן איבערגענומען די אַסימילאַציע פון דער אידישער בורזשואַזיע אַלס אַ גייסטיקן פאַרמעגן. אין דעם מוז מען נישט אַנדערש ווי זען די ירידה פון זייער סאָציאַליסטישן און פרייהייטלעכן ערנסט . . . בנוגע זיין אידישן געפיל, וויזט זיך דער אידישער סאָציאַליזם אַרויס פונקט אַזוי נישט אויפגעקלערט, שקלאַפעריש, ווי די אידישע בורזשואַזיע״.

נייע נאַציאָנאַלע כוחות אין אַמעריקע

דאָס אומפאַרמיידלעכע איז געשען. אין דער זעלביקער צייט, ווען עס איז געווען אַזוי שטאַרק די השפעה פון די צוויי אויסגעשפּראָכענע אַסימילאַציע־טענדענצן, האָט דערוואַכט אַ אידיש־נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיניקייט. עס האָבן זיך אויך אַנגעקליבן אין אַמעריקע נייע אידישע נאַציאָנאַל־שעפערישע כוחות, וואָס האָבן געראַטעוועט דאָס אידישע לעבן פון סטאַגנאַציע און אונטערגאַנג.

שוין אינם יאָר 1883 איז אויסגעבראָכן אַ קריג צווישן דעם סימפּאַטישן אידיש־פילנדיקן ספרדי, סאַבאַטא מאָרייס, דעם גרינדער פון אידיש־טעאָלאָגישן סעמינאַר, און דעם רעפאָרמער י. מ. וויז, גרינדער פון רעפאָרמער יוניאָן היברו קאַלעדזש. באַדייטנדע טיילן פון די בירגערלעכע עלעמענטן האָבן אַנגעהויבן זיך פונאַנדערצוגיין מיט די רעפאָרמער. זיי האָבן אָנגעהויבן בויען דאָס קאָנסערוואַטיווע אידנטום אין אַמעריקע אַלס קעגנגיפט צו דער רעפאָרם־באַוועגונג.

עס האָט זיך בכלל מיט אַמאָל באַוויזן אַ ווילן צו שעפערישע קולטור־אַרבעטן. אַזוי איז אין יאָר 1885 געגרינדעט געוואָרן די „קאָהוט פאַונדיישאָן״ מיטן צוועק אַרויסצוגעבן אידישע פאָרשונגס־אַרבעטן, און אין יאָר 1888 איז אַנטשטאַנען די „דזשואיש פּאָבליקיישאָן סאָסייעטי״ מיטן צוועק אַרויסצוגעבן ביכער מיט אַ אידישן אינהאַלט אויף ענגליש. אין יאָר 1892 ווערט געגרינדעט די אידישע היסטאָרישע געזעלשאַפט

צו פאַרשן דאָס אידישע לעבן אין אַמעריקע. אין די יאָרן 1896־97 ווערט געלייגט דער פונדאַמענט פאַר די צוויי וויכטיקע העכערע לערן־אינסטיטוציעס: די יצחק אלחנן־ישיבה — דער היינטיקער ישיבה־אוניווערסיטעט — און דער אידישער טעאָלאָגישער סעמינאַר. דער צוועק פון דיביידע לערן־אינסטיטוציעס איז געווען אַרויסצורייסן די רעליגיעזע פירערשאַפט פון די הענט פון די רעפאָרמער, ווי אויך צו פאַרשפּרייטן אידישע טראַדיציאָנעלע בילדונג צווישן דערוואַקסענע.

די גרינדער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָבן אין 1897 צונויפגענומען די ציוניסטיש־געשטימטע עלעמענטן און זיי אויסגע־שמידט אין אַ אידישן, נאַציאָנאַל־ווירקענדן כוח. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער ווערן געגרינדעט די קלאָר־אויסגעשפּראָכענע, נאַציאָנאַלע, אידיש־באַוואוסטזיניקע אַרבעטער־פּאַרטייען, די פּועלי ציוניסטישע און די סאָציאַליסטיש־טעריטאָריאַליסטישע. די נאַציאָנאַל־באַלעבנדע ראָלע פון דער פּועלי ציון־פּאַרטיי אינם אַמעריקאַנער אידישן לעבן איז יעדן איינציקן גוט באַקאַנט.

אַרום יאָר 1910 האָבן שוין געווירקט אין אַמעריקע — און מאַנכע שוין אַ גאַנץ לענגערע צייט — אַזעלכע נאַציאָנאַל־אויסגעשפּראָכענע פּערזענלעכקייטן ווי ד״ר נחמן סירקין, ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, פּראָפּ. יצחק אייזיק הורוויטש, ד״ר ה. זאָלאָטאַראָוו, מאָריס ווינטשעווסקי, יואל ענטין, מ. כץ, א. ש. וואַלדשטיין און אַנדערע, און זיי האָבן מיט זייער שאַרפער פּען און מיט זייערע גייסטרייכע רייד געמאַכט חורבונות אין די אַסימילאַטאָרישע פעסטונגען.

אַ צאָל אָנגעזעענע אידישע אַרבעטער־פירער פון דעם אַנאַרכיס־טישן און סאָציאַליסטישן פליגל האָבן אין יענער צייט אָנגעהויבן צו דערזען ליכט און זיינען אַריבערגעקומען אין די רייען פון די אידיש־נאַציאָנאַל־געשטימטע גרופּירונגען. נאַציאָנאַל־געשטימטע יחידים אי־בער אַמעריקע האָבן אָנגעהויבן גרינדן פאַרשידענע קלובן פאַר אידיש־קולטורעלע טעטיקייטן. די פּועלי־ציון־פּאַרטיי אָרגאַניזירט דעמאָלט אירע כוחות און הייבט אָן אַרויסצוגעבן דעם „אידישן קעמפער״, וועל־כער ווערט די גייסטיקע היים פאַר דעם נאַציאָנאַל־דענקענדן אידישן אינטעליגענט און איבט אויס אַ שטאַרקן איינפלוס אויף די אידישע

מאַסן. וויכטיקערע ליטעראַרישע שאַפונגען פון די דעמאָלט־יונגע אַמע־ריקאַנער דיכטער און שריפטשטעלער דערשיינען אויף די זייטן פון „אידישן קעמפער" צוזאַמען מיט ערנסטע אַרטיקלען איבער אידיש־געזעלשאַפטלעכע, נאַציאָנאַלע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. מיט די נייע שטראָמען פון אַ נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיניקער אידישער יוגנט, וואָס די רוסישע רעוואָלוציע פון 1905 האָט כסדר געשטויסן צו די אַמערי־קאַנער ברעגן, האָט זיך די נאַציאָנאַלע יוגנט אָנגעהויבן פילן פריילע־כער און מונטערער.

אויסער דער דאָזיקער נאַציאָנאַל־אויסגעשפּראָכענער גרופּע פון שריפטשטעלער און וואָרט־פירער איז די אידישע וועלט דעמאָלט כסדר באַרייכערט געוואָרן מיט באַרימטע ליטעראַריש־שעפערישע כוחות. די אידישע ליטעראַטור איז אין יענער צייט געקומען צו איר העכסטן אויסדרוק. עס זיינען דערשינען די רייפסטע ווערק פון אונזערע דריי שטערן — מענדעלע, שלום עליכם און פּרץ. דער אידישער לייענער האָט זיך דעמאָלט באַקאָנט מיט די גרויסע שאַפונגען פון ש. פרוג, דוד פּינסקי, יעקב גאָרדין, אברהם רייזין, שלום אַש, מאָריס ראָזענפעלד, יהואָש, א. ליעסין, ז. ליבין, ל. קאָברין, ה. ד. נאָמבערג. יונג און קרעפטיק זיינען פאַר אונז דערשינען די נייע שריפטשטעלער, ווי י. אָפּאַטאָשו, דוד איגנאַטאָוו, י. י. שוואַרץ, מ. ל. האַלפּערין, ל. שאַפּיראָ, ה. לייוויק, י. ראָלניק, ה. רויזענבלאַט און צענדליקער אַנדערע נייע, פרישע און זאַפטיקע כוחות. די קריטיקער בעל־מחשבות, בעל־דמיון און ש. ניגער האָבן דעמאָלט געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער אידי־שער ליטעראַטור־קריטיק.

די זעלבע שפע שעפערישע כוחות האָט זיך אויך באַוויזן אין דער העברעאישער ליטעראַטור. אויסער אַ צאָל פון די פריער־דערמאָנטע שריפטשטעלער, וואָס האָבן געשאַפן אין העברעאיש און אידיש, האָבן אויך אויפגעלויכטן אַזעלכע כוחות, ווי אַחד־העם, ח. נ. ביאַליק, ש. טשערניכאָווסקי, ז. שניאור, י. כהן, בערדיטשעווסקי, דוד פרישמאַן און אַנדערע. אין יענער עפּאָכע איז ממש געווען אַ מזל־ברכה אין פאַרלאַגן פאַר אידישער און העברעאישער ליטעראַטור. עס איז כדאַי צו דערמאָ־נען אַ צאָל פון זיי: אין לאָנדאָן איז געגרינדעט געוואָרן דער פאַרלאַג

„פּראָגרעס״, דער פאַרלאַג „פרידמאַן״, דער פאַרלאַג „אידיש־ענגלישע ליטעראַטור״. אין וואַרשע האָבן עקזיסטירט די פאַרלאַגן „פּראָגרעס״, „ב. שימין״, „השחר״, „וועלט־ביבליאָטעק״, „ביכער פאַר אַלע״. אין ניו־יאָרק זיינען דעמאָלט געווען די פאַרלאַגן „מאַקס נ. מייזעל״, דער „עוואָלענקאָ פאַרלאַג״, „היברו פּאָבלישינג קאָ.״, „אידישע ביבליאָטעק״ און דער „פּראָרוועסט פאַרלאַג״. אַ צאָל וויכטיקע פאַרלאַגן זיינען אויך אויפגעקומען אין גאַליציע, ווי דער פאַרלאַג „רביבים״, פאַרלאַג „ביל־דונג״. די אַלע פאַרלאַגן האָבן די אידישע קולטור־וועלט כסדר באַרייכערט מיט ווערק פון אידישע עסייאיסטן, דיכטער און דערציילער. עס זיינען גלייכצייטיק דערשינען איבערזעצונגען פון די בעסטע ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור. דער אידישער לעזער האָט זיך דעמאָלט באַקאַנט מיט די ווערק פון וויקטאָר הוגאָ, מעטערלינק, איבסען, טורגע־נעוו, סטרינדבערג, טשעכאָוו, אָסקאַר ווײַלד, טאָלסטאָי און אַ סך אַנדערע.

אַזוי איז דאָס געווען. אין דער זעלבער צייט, וואָס אין דעם אַמע־ריקאַנער אידישן לעבן האָבן געבושעוועט בייזע אַסימילאַטאָרישע איינ־פלוסן פון די רעפאָרמער און פון דער אָפיציעלער אַרבעטער־באַוועגונג, איז געשען דער נס און עס זיינען געקומען ווי אַ טוי אויף פאַרטריקנטע פעלדער נייע, נאַציאָנאַל־שעפערישע אידישע כוחות. די אידישע און העברעאישע ליטעראַטור האָבן מיט אַמאָל ווי אַ שפּרודלדיקער קוואַל אויפגעבראָכן אַלע שטערונגען און געבראַכט אַ פריש־דערקוויקענדן גייסטיקן שטראָם פון נאַציאָנאַלן מוט צו די פון אַסימילאַציע פאַר־חלש׳טע הערצער פון דער אידישער יוגנט. אַ באַוואוסטזיניקע אידישע יוגנט און נאַציאָנאַל־קעמפערישע מאַסן האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אויף דער אידישער גאַס אין אַמעריקע.

אָט די נייע אָנגעזאַמלטע נאַציאָנאַל־אידישע ענערגיע האָט דאָס אַרויסגערופן צום לעבן דעם אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן צו באַקעמפן די אַסימילאַציע, קולטור־לאָזיקייט און עם־הארצות, וואָס האָבן דעמאָלט געהערשט אויף דער אָפיציעלער אידישער אַרבעטער־גאַס. דער ווילן צו צעברעכן די העגע־מאָניע פון די אַסימילאַטאָריש־געשטימטע אַרבעטער־פירער און אויפ־

צוהייבן אַ קאַמף אַנטקעגן קולטורלאָזיקייט און עם־הארצות איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער. דעם זכות צו גרינדן דעם אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד אַלס אַ קאַמפּס־אינסטרומענט אַנטקעגן די אַסימילאַטאָריש־געשטימטע פירער און זייערע אינסטיטוציעס האָט די געשיכטע צוגע־טיילט דער יונגער מוטיקער פּועלי ציון־פּאַרטיי. זי האָט דאָס אָוועק־געלייגט אַלס זיין יסוד: די אידייען פון אידיש־פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַ־ליזם; די בענקעניש נאָך אַ היימלאַנד אין ארץ־ישראל און די פאַר־זעצונג פון דעם אידיש־גייסטיקן און קולטורעלן לעבן.

די קולטור־טעטיקייט פון פאַרבאַנד

די קולטור־אידייע איז אינקאָרפּאָרירט געוואָרן צווישן די גרונט־פּרינציפּן פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד און איז געוואָרן דער לייטנדער מאָטיוו אין זיין פאַרצווייגטער טעטיקייט. די קולטור־אַקטיוויטעט איז געווען דער מאַסשטאַב, מיט וועלכן עס איז כסדר געמאָסטן געוואָרן די נשמה־גאַנצקייט און לעבנס־פעאיקייט פון פאַר־באַנד.

די קולטור־טעטיקייט אין פאַרבאַנד איז כסדר געגאַנגען אין צוויי ריכטונגען: 1) אַלגעמיינע קולטור־טעטיקייטן, וועלכע זיינען מערסטנס געפּלאַנט פאַר דעם ברייטן אידישן עולם, און 2) די אויסבילדונג און קולטור־דערהייבונג פון די מיטגלידער גופא.

ביידע טעטיקייטן האָבן באַצוועקט באַקאַנט צו מאַכן און פאַרבינדן דעם יחיד און דעם ברייטן אידישן עולם מיט די ווערטן פון אונזער קולטור אין אידיש און אין העברעאיש. להיפוך צו די קולטור־טענ־דענצן, וועלכע זיינען אָנגעגאַנגען אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס, אַז מען דאַרף בלויז באַקאַנען דעם אידישן עולם מיט אַלגעמיינער וויסנשאַפט און מיט פרעמדע ליטעראַטורן, האָט דער אידיש־נאַציאָ־נאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד אין זיין קולטור־טעטיקייט אַרויסגעבראַכט דעם נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט וועגן דער וויכטיקייט פון דער אייגענער קולטור און די אייגענע שפּראַכן. דער פאַרבאַנד האָט געזוכט צו שטאַרקן

און דערהייבןביידן, אי דעם אידישן מענטשן און אויך די אידישע קולטור. די אַלע טעטיקייטן פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד אין משך פון זיין עקזיסטענץ האָבן טאַקע געהאַט פאַר זיך אַט דיביידע צוועקן: צו דערמוטיקן די שעפער פון דער אידישער קולטור, שאַפן פאַר זיי בעסערע אומשטענדן, אַז זיי זאָלן קענען אַרויסברענגען דאָס פיינסטע, וואָס ליגט אין זייער „איך", און גלייכצייטיק לערנען און דערציען דעם יחיד און דאָס פאָלק צו קענען פאַרשטיין און הנאה האָבן פון זייערע אייגענע קולטור־אוצרות.

אַ גרויסע דיסקוסיע איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען אויף דער אידישער גאַס וועגן דער פראַגע: „וועמען פאַר וועמען?" צי דאַרף מען קולטיווירן די אידישע שפראַך און פאַרפיינערן די אידישע ליטעראַטור און גלייכצייטיק דערציען דעם אידישן אַרבעטער, ער זאָל די ליטעראַטור קענען פאַרשטיין און אויפנעמען, אָדער די אידישע שפראַך און ליטעראַטור זאָלן בלייבן אין דעם מצב ווי זיי זיינען און זיי זאָלן זיך צופאַסן צו דעם קולטור־מצב פון דעם אידישן אַרבעטער.

אב. קאַהאַן, אין פעברואַר־נומער „צוקונפט" פון 1910, טענה׳ט זיך אויס מיט די פועלי ציון, פאַרבאַנד־מענטשן און מיט ד״ר זשיטלאָווסקין וועגן דעם דאָזיקן ענין. ער שרייבט: „די אידישע קולטור, פאַר וועלכער ער (זשיטלאָווסקי) און די מערסטע ציוניסטן אַרבעטן, איז אַן אַבּסטראַקטע מין קולטור... קולטורעלער מאַכן די אידישע קולטור, ניט די אידישע מאַסן . . . זיי אינטערעסירט די אידישע שפראַך־גראַמאַטיק, וואָס דער אידישער פאָלקס־מענטש וויל ניט פאַרשטיין . . . ניט די אידן ווילן זיי בילדן, נאָר די שפראַך". מיר ברענגען די ציטאַטע, ווייל זי איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער קולטור־טעטיקייט פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין יענער צייט. צו זיין געבילדעט און אינטעליגענט האָט הויפּטזעכלעך געמיינט צו קענען רוסיש, ענגליש, עלעמענטאַרע וויסנשאַפטן און די ליטעראַטורן פון אַנדערע פעלקער, אָבער צו באַנוצן זיך מיט דער אייגענער קולטור אַלס אַן אינסטרומענט פאַר בילדונג און דערציאונג איז גאָרניט געקומען אין אָנבאַטראַכט. די זאָרג פאַר דער פאַרפיינערונג פון דער אייגענער שפראַך און קולטור איז געווען פרעמד אַ גרויסן טייל פון די אידישע אַרבעטער־פירער אין

יענער צייט. די קולטור־טעטיקייט פון פאַרבאַנד האָט מיט זיך אויס־געדריקט דעם קעגנזאַץ פון אַזאַ איינשטעלונג. דעם פאַרבנד׳ס דרך אין דער קולטור־אַרבעט איז געווען, צו דערנענטערן דעם אידישן יחיד צו זיין אידישער און העברעאישער שפּראַך און העלפן אים צו קענען געניסן פון דער רייכער אידישער קולטור. אַזוי־אַרום איז אויך מעגלעך געוואָרן, אַז די אידישע שעפערישע כוחות זאָלן האָבן אַ פּרוכטבאַרן באָדן פאַר זייערע שאַפונגען.

שוין באַלד אויף זיין ער׳שטן גרינדונגס־צוזאַמענפאָר האָט דער פאַרבאַנד באַשלאָסן דורכצופירן ברייטע קולטור־טעטיקייטן און צו גרינדן לערן־אינסטיטוציעס פאַר דעם דערוואַקסענעם מענטשן און אויך פאַר די קינדער. עס זיינען שוין באַלד אין אָנהייב אָנגעצייכנט געוואָרן אַ צאָל קולטור־אַרבעטן, וועלכע זיינען פאַרבליבן נאָך ביזן הייניקן טאָג צווישן די סאַמע וויכטיקסטע קולטור־אַקטיוויטעטן פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד.

ווי אַמביציעז און אַלזייטיק עס זיינען געווען די גרינדער פון פאַר־באַנד אין זייער קולטור־פּאַרנעם איז גענוג איבערצולייענען די רעזאָ־לוציעס, וואָס די פּערטע פאַרבאַנד־קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען אין סעפּטעמבער, 1916. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער פאַרבאַנד האָט דעמאָלט פאַרמאָגט נישט מער ווי אַרום פיר און אַ האַלב טויזנט מיט־גלידער, האָט ער אָבער געוואַגט אָנצונעמען אַ פּראָגראַם פון קולטור־טעטיקייטן, וועלכע האָבן געפאָדערט אַ סך כוחות און גרויסע סומען געלט.

צווישן די רעזאָלוציעס איז שוין באַלד דאָ אַלץ, וואָס אַן איינצלנע אָרגאַניזאַציע קען דורכפירן אויפן קולטור־געביט. דאָ איז שוין באַ־שלאָסן געוואָרן וועגן: לעקציעס, לעקציע־טורס, שטודיר־גרופּן, לייען־קרייזן, ליטעראַריש־דראַמאַטישע פאַראיינען, אַ רעדנער־ביוראָ, ביכער און בראָשורן, אַ פאָלקס־אוניווערסיטעט, אַ פאָלקס־טעאַטער און אָוונט־שולן.

אייניקע פון די אָנגענומענע רעזאָלוציעס באַווייזן דעם אומפּאַר־טייאישן, ברייטן צוגאַנג פון פאַרבאַנד צו אידישער קולטור־שאַפונג. עס איז דאָ אַ וואַרעמע באַגריסונג צו דער העברעאישער הסתדרות

עברית, צום חודשלעכן העברעאישן זשורנאַל „התורן", רעדאַגירט פון דעם העברעאישן שריפטשטעלער ראובן ברײנין, און אין דער זעלבער צײט אַ סימפּאַטישע באַגריסונג צו דער אַנאַרכיסטיש־געשטימטער „קראָפּאָטקין־ליטעראַטור־געזעלשאַפט" און אויך צו דעם ענגלישן זשורנאַל „דזשואיש קראָניקל".

די אידישע פאָלק־שולן און דער אידישער לערער־סעמינאַר

די צוויי גרעסטע שאַפונגען פון פאַרבאַנד זײנען געווען:

1) די אידישע פאָלק־שולן, און

2) דער אידישער לערער־סעמינאַר.

אין די בײדע אינסטיטוציעס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אַספּיראַציעס און אידעאָלאָגישע שטרעבונגען פון דער גרויסער פאַרבאַנד־מיטגלי־דערשאַפט און זײער באַגער פאַרצוזעצן דעם אידישן קיום און צו פאַר־פלאַנצן די אידישע קולטור אויף דעם אַמעריקאַנער באָדן.

דער פאַרבאַנד איז די ערשטע נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפט, וואָס האָט באַשלאָסן, אַז אידישע קינדער־דערציאונג איז די אויפגאַבע פון דער אָרגאַניזירטער אידישער אַרבעטערשאַפט אין אַמעריקע. בײם ערשטן צוזאַמענפאָר אין יוני, 1910, אָפּגעהאַלטן אין ראָטשעסטער, נ. י., איז אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס צו גרינדן נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן פאַר קינדער. אין „דאָס נײע לעבן", רעדאַגירט פון ד"ר זשיט־לאָווסקי (יולי, 1910) ווערט די דאָזיקע פּאַסירונג איבערגעגעבן אַזוי: „אַ באַשלוס, וועלכער איז מיט גרויס באַגײסטערונג אָנגענומען געוואָרן פון די דעלעגאַטן אויף דער קאָנפערענץ, איז געווען וועגן דער נאַציאָ־נאַל־ראַדיקאַלער דערציאונג. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אָנצוהײבן אַ גרויסע אַקציע און אַרבעט פאַר דער באַשאַפונג פון נאַציאָנאַל־ראַדי־קאַלע שבת־ און זונטיק־שולן. די פאַרבאַנד־ברענטשעס זאָלן זען אונ־טערצושטיצן די דאָזיקע אַרבעטן מיט אַלע מעגלעכקײטן, זײ זאָלן נעמען די איניציאַטיוו אין דער הינזיכט, זײ זאָלן רופן קאָנפערענצן, גיבן

מאָראַלע און פינאַנציעלע הילף און זאָלן זיך ערנסט אָפּגעבן מיט דער פראַגע פון דער דערציאונג פון יונגן אידישן דור״.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער איז דער פאַרבאַנד געווען דער ערשטער אָנצונעמען אַ רעזאָלוציע, וואָס זאָל פאַרפליכטן זיינע מיטגלידער צו העלפן אויפבויען דעם אידיש־פּראָגרעסיוון אַקאַדעמישן לערן־אינסטי־טוט, דעם אידישן לערער־סעמינאַר, און ער האָט טאַקע געגעבן די ערשטע גרעסערע סומע צו דערמעגלעכן זיין דערעפענונג. די שולן און דעם סעמינאַר האָט דער פאַרבאַנד כסדר אַוועקגעגעבן זיין פולסטע אויפמערקזאַמקייט. ביז היינט־צו־טאָג באַטראַכט דער פאַרבאַנד די צוויי אינסטיטוציעס אַלס זיין גרעסטן ביישטייער צום אידישן קולטור־לעבן אין אַמעריקע.

אידישע און העברעאישע ביכער פאַר די „פּאָבליק לייברערים״

שוין אויף זיין ערשטן עפנטלעכן גרינדונגס־צוזאַמענפאָר האָט דער פאַרבאַנד אונטערגענומען נאָך אַ קולטור־אַרבעט, וועלכע איז געווען פון אַ גרויסער באַדייטונג פאַר דער אידישער קולטור־טעטיקייט אין אַמע־ריקע. דער שטאַרקער ווילן צו דערהויבן די חשיבות פון דעם אידישן בוך און צו סטימולירן דעם אידישן לעזער צו זוכן זיין גייסטיקן געגוס אין אידישע קולטור־שאַפונגען האָט געבראַכט דעם פאַרבאַנד אונטער־צונעמען די אַרבעט, אַריינצוברענגען דאָס אידישע און העברעאישע בוך אין די אַמעריקאַנער „פּאָבליק לייברעריס״. די דאָזיקע אַרבעט איז דורכגעפירט געוואָרן אין משך פון אַ סך יאָרן. אין דער טעטיקייט איז פאַראינטערעסירט געוואָרן דער קרייז שריפטשטעלער און קולטור־טוער, וועלכע זיינען געשטאַנען נאָענט צום אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד. די חברים חיים ליבערמאַן, יואל ענטין, ש. שאַפּיראָ, מ. מאָשעוויצקי, מ. ל. בראַון, ה. עהרענרייך און אַנדערע האָבן פאַר דער אַרבעט אַוועקגעגעבן אַ סך צייט. די אונטערנעמונג איז דורכגעפירט געוואָרן אויף דעם פאָלגענדן אופן: די מיטגלידער פון דעם פאַרבאַנד און די פּועלי ציון זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן אַריינצוגעבן פּע־טיציעס אין דער פּאָבליק לייברערי, אַז זיי, אַלס לעזער נויטיקן זיך

אין אידישע און העברעאישע ביכער. גלייכצייטיק איז צוגעגרייט געוואָרן אַ פּאַסיקער „ליפלעט״, אָנגעשריבן פון יואל ענטין, צו די ביבליאָטעקן, אָנווייזנדיק זיי אויף דער וויכטיקייט פון דער אידישער און העברעאישער ליטעראַטור און אויף דער נייטיקייט פאַר דעם אידישן לעזער צו קענען באַקומען אידישע און העברעאישע ביכער. אַ רשימה פון די וויכטיקסטע אידישע און העבראַישע ביכער און וואו מען קען זיי קריגן איז צוגעשטעלט געוואָרן צו די ביביליאָטעקן. די ביביליאָטעקן פון ניו־יאָרק, פילאַדעלפיע, דעטראָיט, שיקאַגאָ, לאָס אַנדזשעלעס, סאַן פראַנציסקאָ און פיל אַנדערע שטעט זיינען אין אַ פאַרלהעלטניס־מעסיק קורצער צייט נאָכגעקומען די דאָזיקע פאַרלאַנגען און האָבן אַריינגענומען אויסוואַלן פון העברעאישע און אידישע ביכער. אויך אין קלענערע שטעט, ווי אַטלאַנטאַ, דזשאָ., בראָקטאָן, מאַס.; סיראַקיוז, נ. י., און אַ סך אַנדערע פלעצער איז די דאָזיקע אַרבעט דורכגעפירט געוואָרן אויף אַ טיכטיקן אופן. אַ סך היינטיקע אידיש־העברעאישע אָפּטיילונגען אין די פּאָבליק לייברעריס זיינען אַ דירעקטער רעזולטאַט פון יענער טיכטיקער אַרבעט, דורכגעפירט פון די הונדערטער וואָלונטירן פון פאַרבאַנד און פועלי ציון.

מיטן אַריינברענגען פון די אידישע און העברעאישע ביכער האָט זיך אין די ביביליאָטעקן שפּעטער אַנטוויקלט נאָך אַ וויכטיקע קולטור־טעטיקייט. די חברות מייטע ליפּשיץ (לידער שוין נישט צווישן די לעבעדיקע) און שפּעטער די חברות סאָפי יודין און אסתר באַראַק האָבן אָנגעהויבן צו גרינדן ביי די ביביליאָטעקן אידישע קלובן. אין די קלובן האָט מען געלייענט אידישע ביכער און מען האָט דיסקוטירט ליטעראַרישע פראַגן. אידישע ליטעראַרישע אָוונטן זיינען דאָרטן איינגעאָרדנט געוואָרן און וויכטיקע אידישע שריפטשטעלער און דיכטער זיינען אַהינגעקומען פאַרלייענען זייערע ווערק. די קלובן פון דער „סוּאָרד פּאָבליק לייברערי״, „טרימאָנט פּאַרק לייברערי״ זיינען געוואָרן די ערשטע אידישע לייען־קרייזן אין אַמעריקע. די קלובן פלעגן אויך פייערן אידישע יום־טובים און דורכפירן קונסט־אויסשטעלונגען פון אידישע מאָלער. אַ סך פון די דאָזיקע אַרבעטן ווערן נאָך פאַרגעזעצט היינט־צו־טאָג.

קולטור־אַנקעטע פון פאַרבאַנד

ווי ערנסט די קולטור־אַרבעט איז באַטראַכט געוואָרן אין פאַרבאַנד, קען מען זען פון דער אויספאָרשונגס־אַרבעט, וואָס איז אויף דעם געביט דורכגעפירט געוואָרן אין יאָר 1919. דער צוועק פון דער אויספאָרשונג איז געווען פעסטצושטעלן דעם קולטורעלן מצב פון די פאַרבאַנד־מיטגלידער, כדי צו האָבן אַ בעסערן באַגריף, וועלכע קולטור־טעטיקייטן זאָלן אונטערגענומען ווערן. די דאָזיקע אַרבעט איז איבערגעגעבן געוואָרן צו אַ קאָמיסיע, וואָס איז באַשטאַנען פון די חברים פּראָפ. יצחק אייזיק הורוויטש, פּרעזידענט פון פאַרבאַנד, מאיר ל. בראַון, סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד און ד״ר יהודה קויפמאַן, דירעקטאָר פון אידישן לערער־סעמינאַר. די קאָמיסיע האָט אויסגעאַרבעט אַן אַנקעטע, וועלכע איז נאָכדעם אָנגענומען געוואָרן פון דער גענעראַל־עקזעקוטיווע פון פאַר־באַנד און איז צוגעשיקט געוואָרן צו יעדן חבר אַהיים.

אַ באַדייטנדע צאָל מיטגלידער פון פאַרבאַנד האָט געענטפערט אויף דער אַנקעטע. נאָכדעם ווי די אַנקעטע איז טאַבולירט געוואָרן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז 1,265 חברים און חברות האָבן זיך פאַרשריבן אויף פאַרשידענע פאַרבאַנד־קורסן.

חיים ליבערמאַן איז דעמאָלט באַשטימט געוואָרן אַלס דער לייטער פון דער בילדונגס־ביוראָ און האָט אָנגעהויבן דורכפירן אַ צאָל קולטור־אַרבעטן.

עס זיינען געעפנט געוואָרן שטודיר־קורסן אין ניו־יאָרק איבער די פאָלגנדע קעגנשטאַנדן: אידישע געשיכטע, אידישע שפּראַך און ליטע־ראַטור, העברעאישע שפּראַך און ליטעראַטור, סאָציאָלאָגיע און פּאָלי־טישע עקאָנאָמיע. אין דער אויפקלערונגס־אַרבעט איז פאַרשפּראָכן געוואָרן, אַז די בילדונג וועט זיין אַ סיסטעמאַטישע, אַ גרינטלעכע און אַ נוצלעכע.

אַזוי ווי די חברים פון דער פּראָווינץ האָבן אויך געפאָדערט קורסן, איז דער פאַרבאַנד צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן קאָרעספּאָנדענץ־קורסן. די ערשטע קורסן זיינען געווען: אַ קורס אין אידישער געשיכטע פון די עלטסטע צייטן ביז דער צעשפּאַלטונג פון דער אידישער מלוכה, פון חיים שויס; איינלייטונג צום שטודיום פון ליטעראַטור, פון יואל

ענטין; דער מענטשלעכער עלעמענט אין דער עקאָנאָמיע, פון פּראָפ. סקאָט נירינג.

אין דער ווענדונג צו סטודענטן איז קלאָר געזאָגט געוואָרן, אַז וויל־קאָמען וועלן זיין נאָר אַזעלכע חברים, וואָס ווילן זיך באמת אָפּגעבן טיכטיק מיט דער אַרבעט, וואָס האָבן אַן אמת׳ן חשק צו לערנען די קעגנשטאַנדן, וועלכע זיי נעמען אויף. דער מאָטאָ פון דער פאַרבאַנד־טעטיקייט איז דעמאָלט געווען: „יעדער חבר אין פאַרבאַנד זאָל ווערן אַ סטודענט אין די פאַרבאַנד־לערן־אינסטיטוציעס״.

די אַרבעט פון די אָוונט־קורסן איז פאַרגעזעצט געוואָרן אין די שטעט, וואו עס זיינען געווען אַ גרעסערע צאָל פאַרבאַנד־מיטגלידער. אַזעלכע קורסן זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן אין שיקאַגאָ, דעטראָיט, פּאַ־טערסאָן, אַטלאַנטאַ און אין אַנדערע שטעט. אין די מערסטע פלעצער זיינען די לימודים געווען איבער אידישער געשיכטע, אידישער און העברעאישער ליטעראַטור, סאָציאָלאָגישע וויסנשאַפטן און פילאָזאָפיע. פון צייט צו צייט זיינען אויך צוגעשיקט געוואָרן ביבליאָגראַפישע מאַ־טעריאַלן צו לייענען.

די דאָזיקע קולטור־אַרבעט, ווי שטודיר־גרופּן און קאָרעספּאָנדענץ־קורסן, זיינען אַ שטענדיקער טייל פון די קולטור־אַרבעטן אין פאַרבאַנד. זיי ווערן איבערגע׳חזר׳ט אָפט, כאָטש אָפּטמאָל מיט אַ ביסל צו לאַנגע הפסקות. די מימיאָגראַפירטע לעקציעס, וואָס זיינען לעצטנס פונאַנדער־געשיקט געוואָרן צו די ברענטשעס, זיינען געווען וועגן דער אידישער יוגנט אין ארץ־ישראל פון ד״ר ב. וויינריב; איז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד געלייזט געוואָרן די אידישע פראַגע?, פון א. רעוואוצקי, ע״ה; וועגן פוילישן אידנטום, פון ד״ר א. טאַרטאַקאָווער, און אַ סך אַנדערע.

אַ נייער וועג, ווי צו פאַרשפּרייטן וויסן איז לעצטנס איינגעשטעלט געוואָרן אין שיקאַגאָ דורך דעם באַקאַנטן חבר, ד״ר דאַלניק. די לעצטע עטלעכע יאָר פאַרזאַמלען זיך יעדן שבת אָוונט הונדערטער חברים אויף ספּעציעל־איינגעאָרדנטע מלווה־מלכה־אָוונטן, צו הערן סיסטעמאַטישע לעקציעס וועגן פּרקי אָבות, תנ״ך און וועגן דער לערע און פּערזענלעכ־קייט פון די תנאים.

דער פאַרזוך פון אונזערע חברים אויף דעם זעלבן געביט אין סינ־סינעטי, אָהייאָ, און זייער געזעלשאַפט „יבנה״, די קורסן איבער אידי־

שער געשיכטע, העברעאיש און געשיכטע פון ציוניזם, איינגעאָרדנט פון פאַרבאַנד־צענטער אין ברוקלין, די סיסטעמאַטישע לעקציעס פון חיים שויס אין לערן־קרייז אין ברוקלין, א. אַנד. זיינען אַ באַמיאונג צו פאַראינטערעסירן דעם אידישן פאָלקס־מענטש צו לערנען און פאַר־שטיין די אידישע קולטור און נאַציאָנאַל־מענטשלעכע אידעאַלן. דעם אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד וועט נאָך זיכער באַשערט זיין אַ סך אויפצוטאָן אויף דעם געביט.

בילדונג און אויפקלערונג

די סיסטעמאַטישע קורסן אָדער אָוונט־שולן, וואָס זיינען אין אַ סך שטעט אָרגאַניזירט געוואָרן, זיינען געווען, ווי שוין אויבן דערמאָנט, אַ גאַנץ פיינער דערפאָלג. די לעקטאָרן זיינען געווען פאַך־מענטשן און זיי האָבן די צוהערער אויך אָנגעוויזן וואָס צו לייענען וועגן די קעגנ־שטאַנדן, וואָס זיי האָבן געלערנט.

די דאָזיקע קורסן האָבן אָבער נישט געקענט צוציען אַ גרויסן עולם, וועלכער איז נישט מסוגל זיך צו קאָנצענטרירן און זיך אָפּגעבן מיט ערנסטן לערנען. דער בילדונגס־קאָמיטעט פון פאַרבאַנד האָט דערפאַר אָנגעהויבן דורכצופירן איינצלנע און גרופּן־לעקציעס אין ניו־יאָרק ווי איבערן גאַנצן לאַנד.

דער נאַציאָנאַלער צוגאַנג צו דער קולטור־טעטיקייט, ווי דאָס איז אויסגעדריקט געוואָרן אין פאַרבאַנד׳ס פּרינציפּן־דערקלערונג, אַז: „די אויפגאַבע פון פאַרבאַנד איז צו שטאַרקן דעם נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן באַוואוסטזיין פון די אידישע מאַסן דורך דערציאונג און בילדונג און דורך קאַמף קעגן דער אַסימילאַציע״, האָט אָנגעצייכנט דעם כאַראַקטער פון די לעקציעס, וואָס ער האָט אָרגאַניזירט. די טעמעס זיינען געווען אַנדערש פון די טעמעס, וואָס זיינען געהאַלטן געוואָרן פון לעקטאָרן אין די אַנדערע אַרבעטער־קערפּערשאַפטן. די לעקציעס איבער נאַטור־וויסנשאַפט, אָדער ווי מען פלעגט זיי דעמאָלט באַצייכענען: „לעקציעס וועגן שטיינער וואָס פאַלן פון הימל״, זיינען פאַרביטן געוואָרן אויף לעקציעס איבער פּראָבלעמען, וואָס האָבן אַ דירעקטע שייכות מיטן אידישן און אַרבעטער־לעבן. צווישן די ערשטע רשימות פון די לעק־

ציעס, וואָס זיינען געהאַלטן געוואָרן, געפינען זיך אַזעלכע טעמעס, ווי: „נביאים אַלס סאָציאַלע קעמפער"; „די מאָדערנע אידישע קולטור"; „ישראל בעל שם, זיין לערע און פערזענלעכקייט"; „דער רמב"ם און זיין ביישטראָג צום אידיש־פילאָזאָפישן געדאַנק"; „דער ווילנער גאון און די השכלה"; „עזרא און נחמיה"; „דער נאַציאָנאַלער קאַמף פון די מאַקאַבייער"; „די שעפער פון דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור"; „נאַציאָנאַליזם און אַסימילאַציע"; „די אַנטוויקלונג פון סאָציאַליסטישן געדאַנק"; „ציוניזם און סאָציאַליזם"; „די אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג"; „אידיש און העברעאיש"; „דעמאָקראַטיע און ביוראָקראַטיע"; „נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע דערציאונג"; „ די אויפגאַבן פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט"; א. אַנד. טעמען.

יום־טוב פייערונגען און עונג־שבתים

צו די אָריגינעלע קולטור־אויפטועך פון פאַרבאַנד דאַרפן זיכער פאַררעכנט ווערן די יום־טוב־פייערונגען און די עונג־שבתים, וואָס דער פאַרבאַנד האָט אַריינגעבראַכט אין דעם אידישן לעבן אין אַמעריקע. די עפנטלעכע פייערונגען האָבן באַצוועקט צוריקצוברענגען צום אידישן פאָלקס־מענטשן די שיינקייט, הערלעכקייט און פיעטעט צו די אידישע נאַציאָנאַלע יום־טובים, וועלכע זיינען דורך די ראַדיקאַל־אַסימילאַטאָרישע קרייזן אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס אויסגעלאַכט געוואָרן. דורך די פייערונגען און דורך דער אַגיטאַציע פאַר זיי האָט דער אידישער אַרבעטער ווידער דערזען די היסטאָרישע שייכות פון די יום־טובים מיט דעם קאַמף פאַר אידיש־נאַציאָנאַלער אויפלעבונג.

די לעקטאָרן־רעדנער פון פאַרבאַנד האָבן דורך וואָרט און שריפט אַרויסגעבראַכט די וויכטיקייט פון אידישע יום־טובים אין קאַמף פאַר ווייטערדיקן אידישן המשך. זייער אַ סך און אינהאַלטסרייך האָט וועגן דעם געשריבן יואל ענטין אין דער טעגלעכער „וואָרהייט", „די צייט" און אין „אידישן קעמפער". אין דעם מאַי־יוני־נומער „אידישע אַרב.־שטימע" פון 1918 רופט ד"ר ח. זשיטלאָווסקי די אידישע אַרבעטער, אַז זיי זאָלן אַריינברענגען אין זייערע היימען די פּאָעטישע שיינקייט פון די אידישע יום־טובים. ער שרייבט: „אַ אידישע נשמה לעבט אין

יענעם הויז, וואו עס ווערט געפירט אַ אידיש לעבן . . . דאָס אידישע פאָלק האָט זיך דערהאַלטן אין גלות ווי אַ באַזונדער פאָלק צום גרעסטן טייל אַ דאַנק דער אידישקייט, וואָס האָט געהערשט אין אַלע ווינקעלעך פון זיין הויז און אין אַלע מאָמענטן פון זיין לעבן . . . עס וואָלט גאַנץ זיכער געווען איינע פון די גרעסטע פאַרדינסטן פון אונזער אָרדן, אויב ער וואָלט ערנסט גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו אויסצוקעמפן — אינאיינעם מיט אַלע אַנדערע שיכטן פון אונזער פאָלק, וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין דעם — די מעגלעכקייט פאַר דעם אידישן אַר־בעטער אָפּצוהיטן זיינע שבתים און יום־טובים".

די עפנטלעכע יום־טוב־פייערונגען האָבן די פאַרבאַנד־ברענטשעס אין די ערשטע צייטן פאַרבונדן מיט די אידישע פאָלקס־שולן. די עלטערן פון די קינדער און די פאַרבאַנד־מיטגלידער פלעגן זיך צוזאַ־מענקומען אין אַ גרעסערן פאַרזאַמלונגס־פּלאַץ, אַ רעדנער פלעגט איינ־לייטן וועגן דעם כאַראַקטער און נאַציאָנאַלן זין פון יום־טוב און די קינדער פלעגן פאָרלייענען, דעקלאַמירן און זינגען פּאַסיקע זאַכן פון דעם באַטרעפנדן יום־טוב.

די עונג־שבתים האָבן זיך איינגעבירגערט אין פאַרבאַנד פיל שפּע־טער. עונג־שבתים ווערן סיסטעמאַטיש דורכגעפירט דורך דעם „יבנה"־קרייז פון אונזערע חברים אין סינסינעטי און אין אַ סך אַנדערע שטעט. לעצטנס זיינען אויך צוגעקומען מלווה־מלכה־פייערונגען, וועלכע האָבן געפונען זייער אידעאַלן אויסדרוק אויף די מלווה־מלכה׳ס, וואָס ווערן דורכגעפירט פון דעם ד"ר דאָלניק־צווייג פון פאַרבאַנד אין שיקאַגאָ.

דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד גרייט איצט צו צוויי ביכער, וועלכע וועלן דערהייבן די שבת־פייערונגען. „דער שבת־בוך", צוזאַמענגעשטעלט פון י. י. שוואַרץ, וועט אַנטהאַלטן די קערנדיקסטע און וויכטיקסטע עסייען און אָפּהאַנדלונגען, צעשפּרייטע אין דער גאַנצער העברעאישער און אידישער ליטעראַטור וועגן שבת. דאָס צווייטע בוך, „שבת־ און יום־טוב־לידער", צוגעגרייט פון די מוזיקער לעאָ ליאָוו און ש. בוגאַטש, וועלן געבן אַלע וויכטיקסטע ליטורגישע און פאָלקס־גע־זאַנגען, אין העברעאיש און אידיש, און מיט זיי באַקאַנט מאַכן די ברייטע אידישע עפנטלעכקייט.

דער פאַרבאַנד און דאָס אידישע בוך

די ערשטע אויסגאַבן, וואָס דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד האָט אַרויסגעגעבן, זיינען געווען זייער באַשיידענע. דאָס זיינען געווען צוויי ביכלעך, צוגעגרייט פאַר די קינדער פון די אידישע פאָלקס־שולן: „דער דין־תורה מיטן ווינט" פון י. ל. פרץ און „די גרים" פון ש. אַנסקי. די דאָזיקע ביכלעך האָבן אָבער געמאַכט גאָר אַ גרויסן רושם. אפשר טאַקע דערפאַר, ווייל מיט זיי איז געווען פאַרבונדן אַ גרויסע אידייע. די אידישע פאָלקס־שולן, וואָס דער פאַרבאַנד האָט צו־זאַמען מיט די פועלי ציון געגרינדעט, האָבן ניט געהאַט קיין טעקסט־ביכער און אויך ניט קיין קינדער־ליטעראַטור, מיט וואָס צו שפייזן דעם לייען־דורשט פון די אידישע קינדער. דער בילדונגס־קאָמיטעט פון פאַרבאַנד, וועלכער האָט דאַן באַטראַכט די פאָלקס־שולן פאַר זיין וויכטיקסטער קולטור־טעטיקייט, איז אַרויסגעקומען מיט דער אידייע, אַז מען מוז שאַפן אַ קינדער־ליטעראַטור אין אידיש, צוגעפּאַסט פאַר די אַמעריקאַנער קינדער. די דערמאָנטע צוויי ביכלעך זיינען אויסגע־קליבן געוואָרן צו זיין די ערשטע. איידער מען האָט אָפּגעדרוקט פרצעס קינדער־מעשה'לע, האָט חיים ליבערמאַן, דעמאָלט אַ וויכטיקער פירער אין דער שול־באַוועגונג, זיך געווענדעט צו פרץ'ן נאָך אַ דערלויבעניש איבערצודרוקן זיין מעשה'לע, דערציילנדיק אים גלייכצייטיק וועגן די אידייען פון די פאָלקס־שולן און וועגן דעם ציל צו באַשאַפן אַ אידישע קינדער־ליטעראַטור. אגב האָט ער פרצ'ן פאָרגעשלאָגן $5.00 האָנאָראַר (אין יענער צייט איז דאָס געווען, ווי עס זעט אויס, אַ פיינע מטבע). אויף דעם האָט דער פאַרבאַנד געקראָגן באַגייסטערטע תשובות סיי פון גרויסן פרצ'ן אַליין און אויך פון זיין נאָענטסטן פריינד, דעם שריפט־שטעלער יעקב דינעזאָן. עס איז כדאי, אַז יעדער פאַרבאַנד־חבר זאָל זיך באַקאָנען מיט דער האַרציקייט און וואַרעמקייט, וואָס שטראַלט אַרויס פון די דאָזיקע צוויי בריוו. פרצ'עס בריוו לייענט זיך:

ליבע, טייערע פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד.

דעם שענסטן טאָג פון מיין לעבן האָב איך אייך צו פאַרדאַנקען. דעם שענסטן און גליקלעכסטן. קיין שענערע און גליקלעכערע בשורה איז מיר נאָך קיינמאָל ניט אָנגעזאָגט געוואָרן, ווי איר אין אייער האַרציקן בריוו האָט עס געטאָן. דער בריוו איז אויך דער שענסטער, וואָס אַ מענטש קען פון דער

אידישער וועלט באַקומען. איך וועל ביי אייך קיין פינף דאָלאַר ניט נעמען. קויפט פאַר זיי קינדער־ביכלעך און צעשענקט אָרעמערע קינדער.

זאָלט איר און די קינדערלעך „אייערע" ווערן געטרייסט ווי איר האָט מיך געטרייסט צום נייעם יאָר. און ווען איר מיר פון צייט צו צייט שרייבן וועגן דעם גאַנג פון אייער הייליקסטער אַרבעט, וועל איך אייך דאַנקבאַר זיין אַן אַ שיעור.

גריסט אַלע קינדער.

אייער איבערגעגעבנסטער,

י. ל. פּרץ

אויב מעגלעך, לעזט זיי פאַר מיין בריוו.

יעקב דינעזאָן האָט אויך צוגעשיקט דאָס פאָלגנדע האַרציקע בריוועלע:

צום אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, געשיקט לכבוד דער אויסגאַבע פון אידישער קינדער־ליטעראַטור אין יאָר 1913.

וואַרשע, ערב ר"ה תרע"ד.

ליבע, טייערע ברידער און קינדער.

ניט ווייניקער ווי מיין פריינד פּרץ'ן, האָט אייער בריוו צו אים אויך מיר די גרעסטע פרייד פאַרשאַפט. זייט־זשע מיר האַרציק באַדאַנקט, ליבע ברידער, פאַר די אמת'ע טרייסט און האָפענונג, וואָס אייער מי און הייליקע אַרבעט פאַר אונזער פאַרוואָרלאָזטן פאָלק גיט אונז! — איבערלייענדיק אייערע איינ־פאַכע, אָבער טיף אין האַרצן איינדרינגענדע ווערטער, האָט זיך ביי מיר אַן איניקסטער קול אַרויסגעריסן: לא אַלמן ישראל! אמת, שטאָלצע, אָבער העכסטע אמת'ע, באַוואוסטזיניקע ווערטער פון אונזער תנ"ך! און באמת, אַלמן און אַלמנה זיינען יענע, וועלכע האָבן ניט קיין געטרייע, איבערגעגעבענע קינדער, וואָס לאָזן זייער פאָטער אָדער מוטער, זייער אַלמנה׳שאַפט ניט פילן. האָבנדיק אָבער אַזעלכע געטרייע, באַוואוסטזיניקע און מיט דער גאַנצער נשמה דעם פאָלק איבערגעגעבענע קינדער, ווי איר, ליבע ברידער און טייערע, איז זעלבסט אונזער גרויסער, דער געיאָגטער און געפּלאָגטער פאָלק קיין אַלמן און אויך קיין יתום ניט!

גייט, ליבע ברידער, אין דעם שיינעם הייליקן וועג, אויף וועלכן איר האָט אייער טריט געשטעלט. ווייט איז דער וועג, שווער און דערנערפול, אָבער קיין זיכערער פאַר אים איז פאַר אונזער צוקונפט נישטאָ.

און איר, קינדער, ליבע, שיינע אידישע קינדער, איר זייט אונזער אידישע צוקונפט. זייט אידן און זייט שטאָלץ אויף אייער אידישקייט! לערנט אידיש און אידישקייט, וועט איר איבערצייגט ווערן, אַז איר מעגט מיט זיך שטאָלץ זיין.

עס גריסט אייך און קושט אייך פון וויטן דער וואָס ליבט אייך.

יעקב דינעזאָן

די צוויי ביכלעך האָבן געבראַכט דערצו, אַז אין 1917 האָט אָנ־געהויבן צו דערשיינען אַ אידישער קינדער־זשורנאַל „קינדערוועלט" און נאָכדעם האָבן נאָכגעפאָלגט נאָך אַ צאָל קינדער־ביכלעך, ווי: יהודה

שטיינבערג׳ס „מעשה׳לעך״, ה. רויזנבלאַט׳ס „בעבזיק״ א. אַנד. לעצטנס איז דערשינען קאַדיאַ מאָלאָדאָווסקי׳ס „אידישע קינדער״, וואָס די קינדער פון אונזערע שולן וועלן זיכער אויפנעמען מיט פרייד.

דער פאַרבאַנד האָט אויך אַרויסגעגעבן אין די יאָרן פון פאַריקן וועלט־קריג אַ ריי אינטערעסאַנטע אַקטועלע בראָשורן און קאַמף־שריפטן, ווי: „אימיגראַציע״ פון יצחק אייזיק הורוויטש, אַ גרעסערע אַרבעט „אין קאַמף פאַר אידישער רעכט״, געשריבן פון ב. באָראָכאָוו, בן־גוריון און א. טשעריקאָווער, „דער אידישער קאָנגרעס״ פון ד״ר נ. סירקין, „אידישע סאָציאַליסטן אין דער אַרבעט פאַר ארץ־ישראל״ פון ד״ר בן־ציון ליבער, „אונזערע שכנים פון ארץ־ישראל״ פון י. בן־צבי, „די אויפגאַבע פון אידישן פראָלעטאַריאַט״ פון ד״ר ב. ליבער, א. אַנד. אין פאַרשידענע יאָרן זיינען דערשינען: „יום־טובים״ פון קלמן וויטמאַן, „די זיילן פון דער אידישער ליטעראַטור״ פון יואל ענטין, „צען לעקציעס אידישע געשיכטע״ פון חיים שויס, „וואוהין גייען מיר?״ פון יעקב לעשטשינסקי, „ארץ־ישראל און די אידישע נויטן״ פון א. רעוואוצקי, „דער קאַמף פון דעמאָקראַטיע פאַר מענטשלעכער רעכט״ פון פראָפ. מ. לאַזאַרסאָן, „יהודה הלוי״ פון אַ. רעגלסאָן, אַ געזאַנג־בוך „זינגען מיר״, „די אידן־פראַגע אויף דער שלום־קאָנפערענץ״ פון פראָפ. מ. לאַזאַרסאָן, „אין קאַמף פאַר אַ אידישער מלוכה״ פון אַ. צייטלין, „די נביאים״ פון חיים שויס, אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון פילאַדעלפיע־דיסטריקט נומער 4 פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, און אַנדערע ביכער און בראָשורן.

דורך די פאָלקס־שולן האָט דער פאַרבאַנד אַרויסגעגעבן טעקסט־ביכער און סילאַבוסן פאַר די שול־קינדער און לערער, פון די חברים י. ענטין, וו. שניידער, ש. שאַפּירא און ד״ר י. שאַפּירא און אויך אַזעלכע ווערק, וואָס ווערן גענוצט אין די העכערע קלאַסן און פאַר דערוואַקסענע, ווי: צוויי בענדער „אידישע פאָעטן״ פון יואל ענטין, „מעשה־לעך״ פון יהודה שטיינבערג, רעדאַגירט פון ש. שאַפּירא און דריי בענדער אַנטאָלאָגיע „דאָס וואָרט״ פון ש. וויסמאַן.

אַ וויכטיקע צאָל ביכער זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן פון פאַרבאַנד־צווייגן צוזאַמען מיט דער הילף פון קולטור־קאָמיטעט פון פאַרבאַנד. דאָס ערשטע בוך, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון אַ צווייג מיט דער

הילף פון פאַרבאַנד, איז געווען ה. רויזענבלאַט׳ס „אונטער גאָט׳ס הימ־לען״, פון ברענטש 104 אין שיקאַגאָ אין 1919. ברענטש 14 אין ניו־יאָרק האָט אַרויסגעגעבן אַ באַנד געקליבענע שריפטן פון ב. באַראַכאָוו אונטער דער רעדאַקציע פון ב. לאָקער אין יאָר 1928. ברענטש 71 אין אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיאַ, און ברענטש 98 אין וואַשינגטאָן, ד. ק., האָבן אַרויסגע־געבן אין 1938 מ. פריילּיכאָוו׳ס בוך „ד״ר נ. סירקין״. די אַנטאָלאָגיע פון דער העברעאישער פּאָעזיע פון י. י. שוואַרץ איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון די חברים אין דעטראָיט און דעם גאַנצן דיסטריקט. דער י. ח. ברענער ברענטש 169 אין ניו־יאָרק האָט אַרויסגעגעבן דעם ברענער־בוך אונטער דער רעדאַקציע פון ש. גראָדזענסקי. ברענטש 137, דעטראָיט, האָט אַרויסגעגעבן דעם אַרלאָזאָראָוו־בוך אונטער דער רע־דאַקציע פון ש. גראָדזענסקי.

וויכטיקע ביכער, וואָס וועלן אינגיכן דערשיינען, זיינען: דער צוויי־טער באַנד „נביאים״ פון חיים שויס; „דער חורבן און אויפשטאַנד פון די וואַרשעווער אידן״ פון מלך ניישטאַט „דער שבת־בוך״, צונויפגענ־געשטעלט פון י. י. שוואַרץ; אַ שבת־ און יום־טוב געזאַנג־בוך, רעדאַ־גירט פון לעאָ ליאָוו און ש. בוגאַטש.

די גענעראַל־עקזעקוטיווע האָט אויך באַשלאָסן אַרויסצוגעבן לכבוד חבר יואל ענטינ׳ס 70־יאָריקן יובילעי זיינע צוויי בענדער: „אידישער טעאַטער״ און „אידישער לעבנס־שטייגער״.

אין 1916 האָט דער פאַרבאַנד באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ גרויסע אַרבעט איבער דער אידישער שפּראַך און ליטעראַטור פון ב. באָראָכאָוו. דער פאַרבאַנד האָט אים טאַקע גלייך אַוואַנסירט די ערשטע סומע, אַז ער זאָל די אַרבעט צוגרייטן צום דרוק. חבר באָראָכאָוו האָט דעמאָלט צוגעשטעלט אַ פּראָספּעקט פון זיין גרויסער אַרבעט. אין דער „אידישער אַרבעטער־שטימע״ פון פעברואַר, 1916, איז דערשינען די פאָלגנדע מיטטיילונג פון בילדונגס־קאָמיטעט:

„עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן די געשיכטע פון דער אידישער שפּראַך און ליטעראַטור אין 4 בענדער.

די געשיכטע ווערט געשריבן פון דעם באַקאַנטן חבר ב. באָראָכאָוו, און אַ ספּעציעלע ליטעראַרישע קאָמיסיע ווערט זיך בילדן, וואָס וועט זיך מיטן חבר באָראָכאָוו פאַרשטענדיקן איבער דעם מאַטעריאַל, אָרטאָגראַפיע א.אַ.וו.

די געשיכטע וועט הייסן „דאָס אידישע וואָרט״ (קורצע ענציקלאָפּעדיע פון

דער אידישער שפּראַך און ליטעראַטור־געשיכטע) און געדרוקט ווערן אין 4 בענדער, אומגעפער 352 זייטן אין יעדן באַנד. דער אינהאַלט וועט זיין פאָלגנדער:

באַנד 1 — די אידישע שפּראַך

ד״ה איר בוי, אירע פאָרמען, אירע דיאַלעקטן, איר געשיכטע, איר פּסיכאָלאָגיע און איר פּאָליטיש־קולטורעלער עקזיסטענץ־קאַמף; אידישע אָרטאָגראַפיע; געשיכטע פון דער אידישער שפּראַך־פאָרשונג.

באַנד 2 — די אידישע פאָלקס־שאַפונג

(אונזער לעבעדיקע פאַרגאַנגענהייט)

ד״ה אידיש פאָלקס־לעבן, עטנאָגראַפיע און מנהגים, אידישער פאָלקס־גלויבן, פאָלקס־מעדיצין, לעגענדעס און פאָלקס־מעשיות, שפּריכווערטער, פאָלקס־ליד, פאָלקס־הומאָר, די געשיכטע פון דער פאָלקס־דראַמע, פון פאָלקס־מוזיק, פון פאָלקס־קונסט (סינאַגאָגאַלע אַרכיטעקטור א.ד.ג.), אָרנאַמענטיק, געשיכטע פון בדחנות, מגידות און חסידישע פאָלקס־פּראָפּאַגאַנדע.

באַנד 3 — „פאַרקלונגענע טענער״

ד״ה די געשיכטע פון דער אַלטער אידישער פּראָזע און פּאָעזיע, ביזן אָנהייב פון דער משכילישער עפּאָכע.

באַנד 4 — די נייע אידישע ליטעראַטור

ד״ה די געשיכטע פון דער אידישער פּאָעזיע און פּראָזע, טעאַטער און פּרעסע פון דער משכילישער עפּאָכע ביז אונזערע טעג.

אין די ווייטערדיקע נומערן וועלן מיר פאַרעפנטלעכן פּראַקטישע איינצלהייטן״.

לוידער האָט דער טויט זיך צוגעאיילט און האָט אַרויסגעריסן די פען פון איינעם פון אונזערע אָריגינעלסטע שפּראַך־ און ליטעראַטור־פאָרשער אין מיטן פון זיין בליענדיקן שאַפן. די פיר בענדער זיינען ניט דערשינען און בלויז פון דער דאָזיקער קורצער מעלדונג וועגן ברייט־פאַרמאָסטענעם אַרבעטס־פּלאַן פון אונזער פאַרשטאָרבענעם פירער און באַדייטענדן געלערנטן קענען מיר זען אונזער גרויסן פאַרלוסט.

אויסער די ביכער, וועלכע זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן דירעקט פון פאַרבאַנד אָדער פון זיינע צווייגן, האָט דער פאַרבאַנד דורך די אַלע יאָרן געשטיצט און געהאָלפן צו פאַרקויפן ביכער פון אַנדערע קערפּער־שאַפטן. אַזוי האָט דער פאַרבאַנד געהאָלפן פאַרשפּרייטן די ערשטע שלום עליכם פאָלקס־אויסגאַבע. דאָס זעלבע האָט ער אויך געטאָן מיט די פיר בענדער פון יצחק אייזיק הורוויץ, וועלכע זיינען זייער פיל פאַרקויפט געוואָרן דורך די צווייגן פון פאַרבאַנד. דער פאַרבאַנד האָט אויך געהאָלפן פאַרשפּרייטן ש. אַנסקי׳ס שריפטן, די שריפטן פון דוד פינסקי, פון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, בערל קאַצענעלסאָנ׳ס בוך וועגן

ד״ר נ. סירקין. די שריפטן פון שלום אַש און פיל אַנדערע ביכער. דורכן פאַרבאַנד ווערן אויך פאַרשפּרייט אַלע ביכער, וואָס זיינען אַרויס־געגעבן געוואָרן פון דער פּועלי ציון־פּאַרטיי.

די פאַרלאַג־טעטיקייט פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד האָט זיך איצט אַנטוויקלט צו אַ נייער הויך. שוין אין יאָר 1918, אויף דער פינפטער קאָנווענשאָן פון פאַרבאַנד, איז אָנגענומען געוואָרן אַ ברייטער פּלאַן פון פאַרלאַג־טעטיקייט.

מיט דעם גרויסן וואוקס פון פאַרבאַנד איז צייטיק געוואָרן די אידייע, אַז דער פאַרבאַנד זאָל גרינדן אַ פאַרבאַנד־פאַרלאַג פאַר פונ־דאַמענטאַלע ווערק. אויף דער נאַציאָנאַלער קאָנפערענץ, וואָס איז אָפּ־געהאַלטן געוואָרן פון 7טן ביזן 10טן סעפּטעמבער, 1944, האָט חבר לואיס סיגאַל אַריינגעבראַכט די רעזאָלוציע, וועלכע איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן. די רעזאָלוציע לייענט זיך אַזוי: „די קאָנפערענץ פון דער גענעראַל־עקזעקוטיווע מיט די פאַרטרעטער פון די שטאָט־און דיסטריקט־קאָמיטעטן באַשטעטיקט דעם פאַרשלאַג פון דער עקזע־קוטיווע וועגן דער גרינדונג פון אַ פאַרבאַנד־פאַרלאַג מיטן צוועק אַרויס־צוגעבן פונדאַמענטאַלע אידישע ווערק.

„די קאָנפערענץ נעמט אָן מיט אַ באַזונדער צופרידנהייט דעם טייל פון פּראָיעקט, וואָס איז באַזירט אויף אַ פּלאַן, אַז אַזאַ פאַרלאַג זאָל פאַר דעם פינאַנציעלן פונדאַמענט האָבן אַן ענדאָומענט־פאָנד פון אַרום $100,000, וואָס זאָל זיין געבויט אויפן פּרינציפּ, אַז דער קרן פון דעם פאָנד זאָל שטענדיק אָפּגעהיט ווערן און וואָס זאָל מעגלעך מאַכן, אַז דער פאַרלאַג זאָל בלייבן אַן אייביקע אינסטיטוציע אינם לעבן פון פאַרבאַנד, פאַר אידישע קולטור־טעטיקייטן.

„די קאָנפערענץ זעט אין דער גרינדונג און אַנטוויקלונג פון אַזאַ פאַרלאַג אַ וויכטיקע דערגרייכונג פון פאַרבאַנד פאַר אידישע קולטור־אַקטיוויטעטן מיט אַ נאַציאָנאַלן פאַרנעם און פאַר אַ וויכטיקן בייטראַג פאַר דער דערהויבונג און פאַרטיפונג פון אידישע קולטור־ווערטן ביי די פאַרבאַנד־מיטגלידער און ביי די אידישע מאַסן בכלל.

„די קאָנפערענץ אינסטרואירט די גענעראַל־עקזעקוטיווע צוצו־טרעטן אַזוי שנעל ווי מעגלעך צו רעאַליזירן דעם פּלאַן און פאָדערט אויף די פאַרבאַנד־בראַנטשעס, קלובן און פאַרבאַנד־מיטגלידער צו געבן

דער וויכטיקער קולטור־אונטערנעמונג די פולסטע חברישע קאָאָפּע־ראַציע״.

אין 1945 האָט די גענעראַל־עקזעקוטיווע דערוויילט אַ פאַרלאַג־קאָמיטעט, וואָס באַשטייט פון די חברים יואל ענטין, חיים גרינבערג, דוד פינסקי, מאיר ל. בראַון, ל. שפּיזמאַן און פּ. גינגאָלד. נאָך אַ צאָל זיצונגען, אין וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט אַלע חברים פון קאָמי־טעט, איז באַשטימט געוואָרן דער כאַראַקטער פאַר דעם פאַרבאַנד בי־כער־פאַרלאַג; זיינע אויפגאַבן זיינען פאָרמולירט געוואָרן אויפן פאָל־גענדן אופן:

„דער פאַרבאַנד־ביכער־פאַרלאַג־קאָמיטעט שטעלט זיך זיין אויפ־גאַבע אַרויסצוגעבן פונדאַמענטאַלע אידישע ווערק. אונטער אַ אידיש־פונדאַמענטאַל ווערק ווערט פאַרשטאַנען אַ בוך, וואָס איז באַזירט אויף ערנסטע פאָרשונגען און וואָס האָט אַ שייכות צום אידישן פאָלק און צום אידישן לעבן. די ביכער, וואָס דער פאַרלאַג וועט אַרויסגעבן, וועלן באַהאַנדלען די פאָלגנדע געביטן פון אונזער קולטור: אידישע געשיכטע, אידישע קולטור־געשיכטע, פילאָזאָפיע, ליטעראַטור, אידישע סאָציאָלאָ־גיע, אידישע קונסט און אַנדערע געביטן, ווי אידישע און העברעאישע שפּראַך־פאָרשונג, אידישע אַרבעטער־באַוועגונג און דאָס גלייכן.

אַזוי שנעל ווי עס וועט געשאַפן ווערן דער נייטיקער גרינדונגס־קאַפּיטאַל, טרעט צו דער פאַרלאַג אַרויסצוגעבן די ערשטע דריי ווערק:

1) אַ בוך אָדער צוויי איבער דער הלכה (תורה שבעל פה). דאָס בוך וועט געבן אַן אַלזייטיקן און גרינדלעכן באַגריף וועגן דעם מהות פון תורה שבעל פה און פון דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער געזעצ־געבונג.

2) אַ בוך אָדער צוויי איבער אַגדה. דאָס בוך זאָל האָבן אַ זאַמלונג פון די וויכטיקסטע אַגדות און זאָל אויך געבן אַן אַריינפיר, באַלייכטונג און דערקלערונג איבער דער דאָזיקער וויכטיקער אידישער קולטור־שאַפונג.

3) אַ בוך איבער קבלה. דאָס בוך וועט געבן דעם אינהאַלט, די סיסטעמען און אידייען פון דער קבלה פון די פריעסטע צייטן ביז היינט. דאָס בוך וועט אויך אַנטהאַלטן די וויכטיקסטע קבלה־טעקסטן.

דער פאַרלאַג וועט גלייכצייטיק פּלאַנירן די פאָלגנדע אַרבעטן:

1) די געשיכטע פון אידן אין אַמעריקע.

2) די אַנטוויקלונג פון דער אידישער ליטעראַטור.

דער פאַרלאַג וועט מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונג, אַז זיינע אויס־גאַבן זאָלן זיין אַ פּאַסיקער בייטראַג צו דער אידישער קולטור אין אַמעריקע און זאָלן האָבן אַ דויערהאַפטן ווערט״.

פאַרוויילונגען און קאָנצערטן

אין די פאַרוויילונגען און קאָנצערטן, וואָס דער פאַרבאַנד האָט דורכגעפירט, האָט ער שטענדיק געזוכט אַריינצוברענגען אַ נאַציאָנאַלן און קולטורעלן אינהאַלט. פאַר דעם קאָנצערטן־פּראָגראַם האָט מען אויסגעקליבן אידישע מוזיק און מוזיקאַלישע נומערן, וואָס זיינען באַזירט אויף אידישע מאָטיוון. דער מאַטעריאַל צום פאָרלייענען און שפּילן איז גענומען געוואָרן פון די בעסטע זאַכן פון דער אידישער ליטעראַטור.

מיט זייערע אידישע קולטור־פּראָגראַמען האָבן די פאַרבאַנד־צווייגן ביסלעכוויז געווירקט, אַז די אַנדערע אידישע קערפּערשאַפטן האָבן אויך אויפגעהערט צו מאַכן יום־טובים מיט אַ פרעמדן ניט־אידישן אינהאַלט און דער אידישער קולטור־מאָטיוו זאָל אינגאַנצן אויסגעלאָזט ווערן. אַזוי איז געוואָרן אַ מנהג, אַז צו קולטור־אָוונטן זאָל מען איינלאַדן אידישע אַרטיסטן און אַז אין די פּראָגראַמען פון קאָנצערטן זאָלן אַריינ־געבראַכט ווערן אידישע פאָלקס־לידער, חסידישע ניגונים און ארץ־ישראל־לידער. עס איז אויך איינגעפירט געוואָרן דאָס זינגען בציבור, וואו דער גאַנצער עולם זינגט אונטער דער אָנפירערשאַפט פון אַרטיסט.

אויפן געביט פון פאַרוויילונג האָט דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַר־בעטער־פאַרבאַנד געמאַכט נאָך אַ וויכטיקן בייטראַג, און דאָס איז די אידייע פון קאָנצערטן־טורס איבערן לאַנד. וועלנדיק געבן אַ בעסערן אינהאַלט דעם אידישן עולם, האָט מען זיך אָנגעשטויסן אויף דער שוועריקייט וואָס אין די גרעסערע שטעט קען מען נאָך דורכפירן אַ

פּאַסיקן קאָנצערט, ווייל מען קען דאָרט געפינען אידישע אַרטיסטן, וואָס זאָלן אָבער טאָן די קלענערע שטעט, וואו קיין אידישער אַרטיסט איז ניט בנמצא? דאָ איז דער פאַרבאַנד געקומען צום געדאַנק צו פאַר־שטענדיקן זיך מיט אַרטיסטן, אַז זיי זאָלן אַרויספאָרן איבערן לאַנד.

שוין 25 יאָר אַז דער פאַרבאַנד פירט דורך אַזעלכע קאָנצערטן־טורס איבערן לאַנד און די אַרבעט איז, מיט קליינע אויסנאַמען, אַ מאָ־ראַלישער און אויך אַ פינאַנציעלער דערפאָלג.

געזאַנג־פאַראיינען

אויסער דער טעטיקייט צו פאַרפיינערן און דערהייבן די אידישע קאָנצערטן און ליטעראַרישע אָוונטן האָט דער פאַרבאַנד אויך אָנגע־הויבן אין 1922 צו גרינדן אידישע כאָרן מיטן צוועק אויסצובילדן אידי־שע פאָלקס־זינגער און אַזוי־אַרום פאַרשפּרייטן קלאַסיש געזאַנג און דאָס אידישע פאָלקס־ליד צווישן די אידישע מאַסן.

דער ניו־יאָרקער כאָר איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1922 און פאַר די לעצטע יאָרן איז ער אונטער דער אויפזיכט פון באַקאַנטן קאָמ־פּאָזיטאָר און דיריגענט לעאָ ליאָוו. די יערלעכע קאָנצערטן פון דעם ניו־יאָרקער כאָר זיינען וויכטיקע געשעענישן אינם לעבן פון פאַרבאַנד. די קאָנצערטן צייכענען זיך אויס מיט זייער אידישן אינהאַלט און מיט דער פיין־געשולטער פּרעזענטאַציע פון אידיש־קלאַסישער און פאָלקס־מוזיק.

געזאַנג־כאָרן זיינען אויך געגרינדעט געוואָרן אין אַ סך שטעט. אין דעטראָיט איז געגרינדעט געוואָרן דער הלוי־הזמיר־כאָר, וועלכער איז געוואָרן אַ וויכטיקע קולטור־אינסטיטוציע אין שטאָט. דער כאָר אין פילאַדעלפיע איז ביז היינט־צו־טאָג אַ דאַנק חבר בעליס און אַנדערע אַ וויכטיקער פאַרבאַנד־פאַרמעגן, וועלכער באַשיינט אַלע גרעסערע אונטערנעמונגען. כאָרן זיינען אויך געגרינדעט געוואָרן אין שיקאַגאָ, טאָראָנטאָ, פאָל ריווער, נואַרק, פּעטערסאָן, לאָס אַנדזשעלעס, אָמאַהאַ און אין פיל אַנדערע שטעט.

די כאָרן האָבן דערצויגן אַ סך פיינע זינגער און זיי האָבן אַ סך בייגעשטייערט, אַז אידישע פאָלקס־לידער און ארץ־ישראל־לידער זאָלן געזונגען ווערן שיין און מעלאָדיש איבער גאַנץ אַמעריקע.

פון צייט צו צייט זיינען אין פאַרבאַנד אויך געגרינדעט געוואָרן נייע סעקציעס פאַר מוזיק און דראַמאַטישער קונסט. אַזוי זיינען אין ניו־יאָרק און איבערן גאַנצן לאַנד געגרינדעט געוואָרן מאַנדאָלין־אָר־קעסטערס און דראַמאַטישע סעקציעס. דער קונסט־פאַראיין ברענטש 100 אין ניו־יאָרק האָט אין 1916 אַליין אויפגעפירט טעאַטער־פאָרשטע־לונגען און געשפּילט וויכטיקע ליטעראַרישע פּיעסן. זייער אָנפירער איז געווען דער פאַרשטאָרבענער חבר ר. מערליס. אויך האָט דעטראָיט פאַרמאָגט אַן אָרקעסטער מיט אַ דראַמאַטישן פאַראיין, וועלכע האָבן פון צייט צו צייט אויפגעפירט אידישע פּיעסן. די דראַמאַטישע גרופּע אין בינגהעמטאָן, נ. י., האָט אויפגעפירט פּרץ הירשביינ׳ס פּיעסן און אַנדערע. אין סיראַקיוז, נ. י., האָבן די גראַדואירטע פון דער פאַרבאַנד מיטל־שול אָרגאַניזירט אַ דראַמאַטישע גרופּע. זיי פלעגן שפּילן אין סיראַקיוז און אומגעגנט. אין ניו־יאָרק האָט דער ברענטש 440 אָרגאַ־ניזירט אַ דראַמאַטישע גרופּע, וועלכע שפּילט אָפט יעקב גאָרדינ׳ס פּיעסן.

דער פאַרבאַנד דאַרף ערנסט טראַכטן, ווי צו אַנטוויקלען די דאָזיקע וויכטיקע קולטור־אַרבעט, וועלכע וואָלט געקענט זיין אַ וויכטיקער אינ־סטרומענט פאַר דער אויפלעבונג פון אידישן וואָרט.

טעטיקייטן צו פאַרשטאַרקן דאָס אידישע קולטור־לעבן אין אייראָפּע

דער פאַרבאַנד האָט זיך באַטייליקט אין אַלע אַקטיוויטעטן, וואָס האָבן באַצוועקט צו פאַרשטאַרקן דאָס אידישע קולטור־לעבן אין די אייראָפּעאישע לענדער.

אַ ברייטע טעטיקייט האָט דער פאַרבאַנד דורכגעפירט פאַר דעם „שולקולט״, די שול־אָרגאַניזאַציע פון די פועלי ציון און נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד פון פּוילן ...

גרעסערע סומעס, וואָס דער פאַרבאַנד האָט אַליין געשאַפן פאַרן „שול־קולט", האָט ער אויך געווירקט אויפן „דזשאָינט" צו שטיצן דעם „שולקולט".

דער פאַרבאַנד האָט זיך באַטייליקט אין דעם פאָנד פון י. ל. פּרץ־פאַראיין פאַר אייראָפּעאישע שרייבער און ער האָט כסדר געהאָלפן דער טעגלעכער צייטונג „דאָס וואָרט" אין פוילן. לעצטנס איז אַנטוויקלט געוואָרן אַ גרעסערע טעטיקייט צו שיקן ביכער פאַר די שולן און צו די ניי־איינגעשטעלטע אידישע ביבליאָטעקן.

אָבער אַ גרעסערע אַרבעט, וואָס האָט געבראַכט גרויסע נוצן דעם אידישן קולטור־לעבן אין אייראָפּע, איז געווען די אַרבעט פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, צו ווירקן, אַז דער „פּיפּלס רעליף" און דער „דזשאָינט דיסטרי־ביושאָן קאָמיטי" זאָלן זיך פאַראינטערעסירן ניט נאָר מיט דער פיזישער און מאַטעריעלער לאַגע פון די אידן אין אייראָפּע, נאָר מען זאָל אויך העלפן אויפבויען זייער גייסטיק און קולטורעל לעבן.

די פערטע פאַרבאַנד־קאָנווענשאָן, וועלכע איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין סעפּטעמבער, 1916, האָט אָנגענומען די פאָלגנדע וויכטיקע רעזאָ־לוציע, וועלכע האָט געהאַט אַ באַדייטנדע ווירקונג און האָט אויפגעוועקט דעם אינטערעס פון די הילפס־טוער פאַר דעם ווידער־אויפבוי פון דעם קולטורעלן אידישן לעבן אין אייראָפּע.

די רעזאָלוציע לייענט זיך: „די קאָנווענשאָן דערקלערט, אַז די רעליף־אַרבעט, וואָס ווערט אָנגעפירט אין אַמעריקע פאַר די אידישע מלחמה־קרבנות אין אייראָפּע, טאָר זיך ניט באַשרענקען בלויז אויף מאַטעריעלע הילף, נאָר זי זאָל אויך אויסברייטן איר טעטיקייט אויף דער ווידער־אויפבויאונג פון דעם קולטורעלן אידישן חורבן, וואָס די וועלט־מלחמה האָט פאַראורזאַכט.

דעריבער פאָדערט די קאָנווענשאָן אויף אירע פאַרטרעטער אין דער פאָלקס־הילפס־קאָמיטע אויסצואיבן זייער גאַנצן איינפלוס, אַז אַ טייל פון די געזאַמלטע געלטער זאָל אויך פאַרוועגדט ווערן פאַר דער גרינ־דונג און אויפהאַלטונג פון אידישער דערציאונג און אַנדערע קולטור־אינסטיטוציעס אין מלחמה־לענדער.

דערביי ווערט קלאָר פאַרשטאַנען, אַז עס ווערט איבערגעלאָזן צו

די אידן פון די באַטרעפנדע לענדער אַליין צו באַשטימען, וועלכע קול־טור־אינסטיטוציעס זיינען פאַר זיי נייטיק״.

די פאַרבאַנד־דעלעגאַציע אויף דער פערטער קאָנווענשאָן פון „פּיפּלס רעליף״ האָט אַריינגעבראַכט די דאָזיקע פאָרשלאָגן אין דער רעזאָלוציע־קאָמיסיע. חבר ב. צוקערמאַן האָט אין זיין פּראָגראַם־רעפע־ראַט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם, אַז די קינדער־שולן און קינדער־היימען אין פּוילן זאָלן געשטיצט ווערן פון רעליף־געלטער. ער איז שטאַרק אונטערגעשטיצט געוואָרן דורך יואל ענטין, וועלכער האָט פאַר־לאַנגט, אַז די שטיצע זאָל גיין ניט נאָר צו די קינדער־שולן און קינדער־היימען, נאָר זאָל אויך אַרייננעמען די תלמוד־תורות.

דער „פּיפּלס רעליף״ האָט אָנגענומען אונזערע פאָרשלאָגן און פיל מיטגעהאָלפן פונאַנדערצובויען די נעץ פון פאָלקס־שולן און קינדער־היימען אין פאַר־מלחמה׳דיקן פּוילן.

טעטיקייטן צו פאַרשטאַרקן דאָס אידישע קולטור־לעבן אין אַמעריקע

עס דאַרפן זיכער פאַרצייכנט ווערן די וויכטיקסטע אַלגעמיינע קול־טור־אַקציעס, וואָס דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד האָט פון צייט צו צייט אונטערגענומען, כדי צו פאַרשטאַרקן דאָס אידיש־גייסטיקע לעבן אין אַמעריקע.

איינע פון די אַקציעס איז געווען דאָס באַשאַפן פון „די פאָלקס־ליג פאַר אידישע סאָלדאַטן״, וואָס דער פאַרבאַנד האָט געגרינדעט אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער צוועק פון דער ליגע איז געווען, צו העלפן גייסטיק און קולטורעל די אידישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין די פאַרשידענע קעמפּס. די ספּעציעלע קאָנפע־רענץ פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, אָפּגעהאַלטן אין נאָ־וועמבער, 1917 אין טרענטאָן, נ. דזש., האָט אָנגענומען דעם פאָלגענדן זייער אינטערעסאַנטן און וויכטיקן באַשלוס:

„די קאָנפערענץ נעמט אויף מיט צופרידנקייט די אַרבעט פון דער גענעראַל־עקזעקוטיווע פאַר די אידישע סאָלדאַטן, וואָס האָט זיך אויס־

געדריקט אין דער גרינדונג פון דער פאָלקס־ליגע און וואָס באַצוועקט אויפצונעמען אַ ברייטע קולטורעלע טעטיקייט צווישן די אידישע סאָל־דאַטן אין די מיליטערישע קעמפּס.

די קאָנפערענץ באַטאָנט די וויכטיקייט פון דער נאָענטער פאַרבינ־דונג מיט די אידישע סאָלדאַטן און פאָדערט אויף די ברענטשעס צו נעמען אויף זיך די איניציאַטיוו צו בילדן אָפּטיילונגען פון דער פאָלקס־ליגע אין די באַטרעפנדע שטעט".

די ברענטשעס פון פאַרבאַנד האָבן די דאָזיקע רעזאָלוציע פאַר־ווירקלעכט אין לעבן. זיי האָבן דורכגעפירט אַ ברייטע קולטור־טעטי־קייט אין די פאַרשידענע קעמפּס. זיי האָבן געשיקט אין די קעמפּס אידישע און העברעאישע ביכער און אידישע צייטונגען און זשורנאַלן. די ברענטשעס האָבן געמאַכט פאַרשידענע קולטור־אונטערנעמונגען פאַר די סאָלדאַטן און פלעגן זיי איינלאַדן צו די ברענטש־שמחות. אין דער אַרבעט האָט זיך זייער שטאַרק אויסגעצייכנט דער ברענטש 71 אין אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיאַ, וועלכער האָט אַליין, מיט זיינע באַשיידענע מיטלען, דורכגעפירט די אַרבעטן, וואָס זיינען אין דער היינטיקער מלחמה געפירט געוואָרן פון דער „נעשאָנעל דזשואיש וועלפעיר באָארד", מיט דער הילף פון דער רעגירונג.

די באַמיאונגען פון פאַרבאַנד צו באַשאַפן פאַר די אידישע סאָל־דאַטן אין די קעמפּס אַ אידישע אַטמאָספער; האַלטן די סאָלדאַטן פאַר־בונדן מיטן אידישן לעבן דורך צייטונגען און זשורנאַלן און שטאַרקן זייער שטימונג דורך פאַרשידענע אונטערנעמונגען, האָט געפירט די־רעקט צו דעם, אַז אין דער היינטיקער מלחמה זאָל די דאָזיקע אַרבעט אונטערגענומען ווערן דורך דער „נעשאָנעל דזשואיש וועלפעיר באָארד", וועלכע האָט שוין פאַר איר אַרבעט געקראָגן הילף פון „יונייטעד דזשו־איש אַפּיל".

סעמינאַר פאַר אידישער אָרטאָגראַפיע

אַ גאָר וויכטיקע דערגרייכונג אויפן קולטור־געביט איז אַרויסגע־וואַקסן אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון פאַרבאַנד און האָט געפירט צו דער פאַראיינפאַכונג און איינהייטלעכקייט פון דער אידישער אָרטאָגראַ־

פיע. דאָס איז געווען אין 1916, ווען דער צווייג 83 פון אידיש־נאַציאָ־נאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד האָט אויף דער איניציאַטיוו פון חבר מאיר קאָסטאָף באַשלאָסן צו געפינען אַ וועג ווי אַריינצוברענגען אַן אָרדענונג אין דער אידישער אָרטאָגראַפיע, וועלכע איז דעמאָלט געווען אַ ניט־„פאַרצאַמטער גאָרטן", און יעדער האָט זיך געשריבן ווי ער האָט גע־וואָלט, ניט פעסטגעשטעלט און ניט איינהייטלעך. דער צווייג האָט ראשית־כל באַשאַפן אַ סעמינאַר פאַר אידישער אָרטאָגראַפיע. ער האָט איינגעלאַדן די באַקאַנטע פילאָלאָגן און שריפטשטעלער: ב. באָראָכאָוו, ד"ר ספּיוואַק, יהואָש, פּראָפ. יודא יפה, יצחק אייזיק הורוויטש, דוד פּינסקי, אַלכסנדר האַרקאַווי און אַביגדור שאַלקאָוויטש צו האַלטן פאַר־טראַגן איבער דער אידישער שפּראַך און אידישער אָרטאָגראַפיע. די זעצער־שריפטשטעלער ד"ר איזאַקאָוויטש און נ. פּאָמעראַנץ זיינען איינגעלאַדן געוואָרן אַרויסצוברענגען זייער מיינונג וועגן דער פראַגע. די אַלע לעקציעס זיינען געהאַלטן געוואָרן פאַר די מיטגלידער פון צווייג 83, פאַר אידישע זעצער און פאַר איינגעלאַדענע געסט.

דער דאָזיקער קרייז איז אין יהואָשעס הויז אָרגאַניזירט געוואָרן אין אַ קאָמיטעט פאַר ווייטערדיקער פאָרשונג. דער קאָמיטעט האָט אויסגעאַרבעט כללים, באַזירט אויף וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג מיטן צוועק צו פאַראיינהייטלעכן די אידישע אָרטאָגראַפיע. די ערשטע רשימות מיט כללים זיינען אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער „אידי־שער אַרבעטער־שטימע".

מיט דעם האָט זיך אָבער די אַרבעט פאַר דער אידישער אָרטאָ־גראַפיע ניט פאַרענדיקט. די רשימות מיט כללים האָבן אַרויסגערופן אַן ערנסטע דעבאַטע אין דער אידישער פרעסע. שפּעטער איז מיט דער הילף פון דעם י. ל. פרץ־פאַראיין און מיט פאָרשטייער פון די אידישע שול־ריכטונגען, פון אַרבעטער־רינג, שלום עליכם און פאַרבאַנד די דאָזיקע אַרבעט פאָרגעזעצט געוואָרן.

אויף גאָר אַ ברייטערן אופן האָט די אַרבעט איבערגענומען דער אידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט אין ווילנע, וועלכער האָט אונז מיט עטלעכע יאָר צוריק געבראַכט אַ סך רעפאָרמען אין דעם אידישן אויסלייג.

אידיש און העברעאיש אין די הײ־סקולס

די צוועלפטע פאַרבאַנד־קאָנווענשאָן האָט זיך ערנסט פאַראינטערעסירט מיט דער פראַגע צו געפינען וועגן, ווי אַזוי מען זאָל אַרײנברענגען אידיש און העברעאיש אין די „הײ־סקולס״, און אויב מעגלעך — אויך אין די „פּאָבליק־סקולס״. די קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען די פאָלגנדע רעזאָלוציע:

„די קאָנווענשאָן שטעלט פעסט, אַז אין אַ צאָל גרעסערע שטעט אין אַמעריקע איז די צײט רײף אונטערצונעמען אַן אַקציע פאַר דער אײנפירונג פון אידישע און העברעאישע לימודים אין רעגירונגס־שולן אין געגנטן, וואו אידן וואוינען אין קאָמפּאַקטע מאַסן.

די קאָנווענשאָן אָנערקענט, אַז אַזאַ באַוועגונג וועט אין דער דערציאונגס־טעטיקייט פאַראינטערעסירן אַ גאַר באַדײטנדן טייל פון די אידישע מאַסן אין אַמעריקע.

די קאָנווענשאָן אינסטרואירט דעריבער דער אַרײנקומענדער גענעראַל־עקזעקוטיווע צוזאַמען מיט דער פּאַרטײ פּועלי ציון און מיט אַנדערע קולטור־עלעמענטן, פעסטצושטעלן די מעגלעכקייטן, אין וועלכע שטעט אַזאַ אַקציע קען האָבן דערפאָלג און צוצוטרעטן די אַקציע אונטערצונעמען.

די קאָנווענשאָן שיקט אַ גרוס צו די חברים און חברות אין מאָנטרעאָל און צו אַלע נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווע עלעמענטן פאַר זייער בראַוון און מוטיקן קאַמף, וואָס זיי פירן אָן פאַר דער אָנערקענונג פון באַזונדערע אידישע שולן מיט לימודים פעסטגעשטעלט פון אידן אַליין, וואָס זאָל אויסגעהאַלטן ווערן פון דעם רעגירונגס־דערציאונגס־בודזשעט.

די קאָנווענשאָן דריקט אויס די האָפענונג, אַז דער קאַמף אין דער פּראָווינץ קוויבעק וועט זיך ענדיקן דערפאָלגרייך לטובת דער באַוועגונג פון באַזונדערע אידישע שולן און וועט אויך האָבן אַ באַדײטנדע ווירקונג אויף דער אײנפירונג פון אידישע און העברעאישע לימודים אין די אַמעריקאַנער לער־אַנשטאַלטן אין דער גאַר נאָענטער צוקונפט״.

נאָך דער קאָנווענשאָן זיינען אין ניו־יאָרק פאַררופן געוואָרן פאַר דעם צוועק אַ צאָל קאָנפערענצן מיט פאָרשטייער פון אַנדערע קולטור־

קערפּערשאַפטן. פּעטיציעס זיינען צוגעגרייט געוואָרן פון יואל ענטין, יודא יפה און י. לעווין.

די אַקטיוויטעט האָט נאָך ניט געבראַכט קיין פולן רעזולטאַט. צו אונזער פרייד איז אָבער די אַרבעט אַריינצוברענגען העברעאיש אין די „היי־סקולס" אונטערגענומען געוואָרן פון דער „דזשואיש עדיוקיישאָן קאָמיטע". דעם ענערגישן קולטור־טוער יהודה לאפּסאָן, מיט דער הילף פון ד"ר י. טשיפּקין, איז געלונגען אַריינצוברענגען דעם העברעאישן לימוד אין גאָר אַ גרויסער צאָל היי־סקולס, און עס לערנען איצט העברעאיש אַ סך טויזנטער אידישע קינדער, וואָס וואָלטן אונטער אַנדערע באַדינגונגען קיינמאָל ניט געקומען צום העברעאישן וואָרט.

אַנדערע קולטור־אַקטיוויטעטן

אין דער גרינדונג פון דער „ציקאָ" האָט דער פאַרבאַנד פאַרנומען אַ וויכטיקן פּלאַץ. דער פאַרבאַנד האָט צוזאַמען מיטן אַרבעטער־רינג פאַררופן די קאָנפערענץ און האָט געהאָלפן אויסאַרבעטן די סטאַטוטן פון דער וויכטיקער אָרגאַניזאַציע, וועלכע דאַרף אָרגאַניזירן, קאָאָרדינירן און פאַראייניקן די אידישע קערפּערשאַפטן פאַר אַ ברייטער קולטור־טעטיקייט. דער פאַרבאַנד באַטייליקט זיך אין אַלע אינסטאַנצן פון דער קערפּערשאַפט און שטיצט די אַרבעטן, וועלכע זי נעמט אונטער.

דער פאַרבאַנד באַטייליקט זיך אין דעם אידיש־וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט „איוואָ" און איז גוט פאַרטראָטן אויף די יערלעכע צוזאַמענפאָרן פונם אינסטיטוט. די גענעראַל־עקזעקוטיווע און די צווייגן פון פאַרבאַנד שטיצן דעם אינסטיטוט און העלפן אים אין זיינע פאַרשידענע טעטיקייטן.

די שטיצע פון פאַרבאַנד ווערט אויך געגעבן צו די העברעאישע קערפּערשאַפטן: די הסתדרות עברית, „הדואר", רעדאַגירט פון מנחם ריבאַלאָוו, דעם מאָנאַטלעכן זשורנאַל „בצרון", רעדאַגירט פון ח. טשערנאָוויץ. די פירנדע מיטגלידער פון פאַרבאַנד, ווי מ. מאשעוויצקי, ש. שאַפּיראָ און קלמן וויטמאַן זיינען געווען צווישן די גרינדער פון דער הסתדרות עברית און אַ סך אַנדערע חברים העלפן דער הסתדרות כסדר.

דער פאַרבאַנד האָט אָפּטמאָל געגומען די איניציאַטיוו און האָט זיך באַטייליקט אין קאָנפערענצן און דירעקט געהאָלפן פאַרשטאַרקן דאָס אידישע קולטור־לעבן אין אַמעריקע. אַזוי האָט זיך דער פאַרבאַנד באַטייליקט אין אַן אַקציע צו העלפן דעם אידישן קונסט־טעאַטער; אין אַן אַקציע צו זיכערן די עקזיסטענץ פון דער טעגלעכער צייטונג „דער טאָג״. דער פאַרבאַנד האָט אויך אויף זיין באַשיידענעם אופן דורכגעפירט אייניקע גרעסערע קאָנצערטן פאַר די פּליטים אין „קעמפּ אָסוויגאָ״. דער פאַרבאַנד העלפט באַשאַפן קולטור־צענטערס, כדי די אידישע קולטור־אַרבעט זאָל האָבן אַ היים.

לײדער איז ניט אַלץ, וואָס דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד האָט אויפגעטאָן אויפן קולטור־געביט, דאָ פאַרצייכנט געוואָרן. עס זיינען דאָ נישט אָנגעגעבן געוואָרן די כסדר׳דיקע זוכענישן פון פאַרבאַנד צו געפינען אַ וועג, ווי אַזוי דער צענטער זאָל קענען באַאיינפלוסן ווי געהעריק די צווייגן, זיי זאָלן זייער קולטור־אַרבעט אַוועקשטעלן אויף פעסטע פּערמאַנענטע יסודות. עס זיינען דאָ אויך נישט פאַרצייכנט געוואָרן די גרויסע אָנשטרענגונגען פון דער גענעראַל־עקזעקוטיווע צו שאַפן די נייטיקע פאָנדן פאַר קולטור־טעטיקייטן.

אין די ערשטע יאָרן האָט דער סעקרעטאַר מ. ל. בראַון געזוכט צו שאַפן די נייטיקע פאָנדן פאַר דער קולטור־טעטיקייט דורך אַ שטענדיקן שטייער אויף די מיטגלידער. אויף דער ניינטער קאָנווענשאָן האָט ש. גאָלדשטיין, דער דעמאָלטיקער גענעראַל־סעקרעטאַר, געהאָלפן דורכצופירן אַ רעזאָלוציע צו שאַפן אַ 50־טויזנט־דאָלאַרדיקן פאָנד פאַר דער קולטור־טעטיקייט פון פאַרבאַנד. אין די לעצטע יאָרן זוכט דער גענעראַל־סעקרעטאַר ל. סיגאַל צו געפינען גרעסערע מיטלען פאַר דער קולטור־טעטיקייט פון אַ גרעסערער צאָל יחידים אין פאַרבאַנד, ווי ער טוט עס ביים שאַפן דעם 100־טויזנט־דאָלאַרדיקן פאָנד פאַרן פאַרלאַג. די דאָזיקע פראַגע פון פינאַנסירן די קולטור־טעטיקייט אין פאַרבאַנד איז לײדער נאָך אַלץ נישט פאַרענטפערט. דער פאַרבאַנד האָט נאָך ביז היינט נישט דעם נייטיקן אַפּאַראַט פאַר דער דאָזיקער יסודות׳דיקער טעטיקייט.

מיר האָבן זיך אויך נישט אָפּגעשטעלט געגויער אויף דער וויכ־טיקער באַדייטונג פונם פאַרבאַנד־אָרגאַן „די אידישע אַרבעטער־שטימע", וואָס איז געווען מיט קליינע אויסנאַמען אַ וויכטיקע שריפט, וואו עס האָבן מיטגעאַרבעט עטלעכע צענדליק פון די וויכטיקסטע אי־דישע שריפטשטעלער און דיכטער.

יאָר 1945

מיר מוזן אויף זיך נעמען גרעסערע אחריות

(צו דער 15טער קאָנווענשאָן פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד)

דער טאָן פון אונזער לעבן האָט זיך אין די לעצטע וואָכן גע־ענדערט. אין ליכט פון די טראַגישע געשעענישן זיינען מיר ערנסטער געוואָרן. ניט נאָר קוקן מיר מיט שרעק אויף די פּאַסירונגען פון דער קעגנוואַרט, נאָר די זאָרג פאַרן מאָרגן איז געוואָרן אַ נאַטירלעכע דערשיינונג באַ די מערסטע פון אונז.

וואָס פאַר אַ איבעראַשונגען די צוקונפט זאָל פאַר אונז נישט ברענגען, איין זאַך איז אָבער פאַר אונז איצטער קלאָר, און דאָס איז, אַז יעדער איינער פון אונז טראָגט איצט אויף זיך גרויסע פאַראַנט־וואָרטלעכקייטן. ווי מיליטער לייט אויף די שלאַכט פעלדער, וואו יעדער איינער מוז אָפּהיטן זיין פּאָסטן, אַזוי הויבן מיר זיך אָן צו פילן אין אונזער טאָג־טעגלעכן לעבן. יעדערער פון אונז דאַרף עפּעס אָפּהיטן, יעדערער פון אונז מוז טראָגן אויף זיך די אַחריות ניט נאָר פאַר זיינע אייגענע אינטערעסן נאָר אויך פאַר די געזעלשאַפטלעכע און נאַציאָנאַלע אויפגאַבן פון אונזער פאָלק.

אין אַזאַ שטימונג און אין אַזאַ טראַגישער צייט איז געפאַלן דער גורל אַז מיר זאָלן האָבן אונזער קאָנווענשאָן. אַפילו שמועסן און געשפּרעכן פון פּריוואַטע מענטשן זיינען דאָך היינט אַזוי ערנסט, היינט ווי ערנסט און פאַראַנטוואָרטלעך דאַרפן שוין זיין די פאַרהאַנדלונגען און דיסקוסיעס אויף אַ קאָנווענשאָן?

זיינען זיכער דאָ אַ סך וויכטיקע פראַגן וועגן וועלכע עס ווילט זיך באַרירן. דאָס קען אָבער ניט געטאָן ווערן צוליב מאַנגל אין פּלאַץ. ווילן מיר דערפאַר אויפנעמען בלויז עטלעכע פראַגן פון דעם ציקל פראַגן וועלכע מיר קענען כאָטש טיילווייז פאַרענטפערן ווייל זיי ליגן אין דעם קרייז פון אונזערע מעגלעכקייטן:

1) די זאָרג פאַר אונזער באַוועגונג אין אייראָפּע

פאַר אונז דאַרף זיין קלאָר, אַז ווי שטאַרק אַנדערע אידישע הילפס־געזעלשאַפטן זאָלן ניט אַנטוויקלען זייער טעטיקייט, בלייבט אָבער אי־בער פאַר אונז אַליין די אויפגאַבע צו קומען צו הילף יענע טויזנטער חברים אונזערע וואָס דער ביטערער שיקזאַל האָט זיי אַזוי צעשטויבט און צעברעקלט. אויב די עקזיסטירנדיקע הילפס פאָנדן וועלן זיי אַפילו ברענגען ברויט און קליידער, דאַרפן מיר אָבער זיין די וואָס דאַרפן גלייך זאָרגן פאַר זייער געזעלשאַפטלעכן און גייסטיקן לעבן. פאַר אַ מענטשן איז סביבה און געזעלשאַפטלעכקייט אַזוי נויטיק ווי לופט צום אָטעמען. ווער וועט אונזערע חברים ברענגען אָט דעם גייסטיק־פאַר־זואנדעטן טרייסט וואָרט? ווער וועט פאַר זיי שאַפן אַ געמיינזאַמען דאַך איבערן קאָפּ וואו זיי זאָלן זיך קענען צוזאַמענקלייבן, אויסריידן זיך און פלאַנירן זייער געצאַמטן און באַשיידענעם טאָג־טעגלעכן לעבן? זיי האָבן זיך צו קיינעם ניט צו ווענדן אויסער צו אונז אַליין.

מיר טאָרן ניט דערלאָזן אַז אונזער באַוועגונג, אַז די טויזנטער חברות און חברים וואָס האָבן געלעבט אין איין גייסטיקן בונד מיט אונז זאָלן צעריסן ווערן און פאַרוואַנדלט ווערן אין הילפלאָזע יחידים. מיר דאַרפן מיט אַלע כחות שאַפן מיטלען כדי אויפצוהאַלטן זייער גאַנצקייט, זייערע האָפענונגען אויף אַ בעסערן טאָג. דאָס זיינען דאָך אונזערע שטיק פונקטן וועלכע מיר טאָרן ניט לאָזן פאַלן. דורך זיי דאַרפן מיר ברענגען טרייסט און דערמוטיקונג צו דערשלאָגענע אידי־שע מאַסן אין די פאַרבלוטיקטע אייראָפּעאישע לענדער און זיי ניט דערלאָזן אַריינפאַלן אין אַ פאַרצווייפלונג.

די קאָנווענשאָן אונזערע טאָר די דאָזיקע הילפס אַרבעט פאַר אונזער באַוועגונג אין אייראָפּע ניט לאָזן ווי אַ צופעליקע זאַך וועלכע וועט זיך אָנהויבן ווען אַ הילפס רוף וועט קומען. דער רוף איז שוין געשיקט געוואָרן, די מלאכי חבלה האָבן שוין זייער חורבן געבראַכט. מיר מוזן דערפאַר אָרגאַניזירן אונזער אייגענעם טייל פון דער הילפס אַרבעט אויף אַ סיסטעמאַטישן אופן.

עס מוז פאַר אַלעמען אין אונזערע רייען קלאָר ווערן, אַז איצט איז די עת לעשות — די צייט צו טאָן. מען מוז זיך טיילן אַפילו מיטן

ביסן ברויט מיט די פון אונז וואָס געפינען זיך אין אַנדערע לענדער, וועלכע טראָגן שוין גאָטס צאָרן אויף זייערע לייבער. דער רוף ניט צו דערלאָזן דאָס צופאַלן ווערן פון אונזער באַוועגונג אין יענע לענדער דאַרף פראָקלאַמירט ווערן אויף אונזער איצטיקער קאָנווענשאָן.

2) די פּראָבלעם פון אונזער יוגנט

וואָס מיר זאָלן ניט זאָגן און ווי מיר זאָלן זיך אַליין ניט טרייסטן, איין זאַך איז קלאָר, און דאָס איז, אַז די יוגנט אונזערע איז נאָך אַלץ ניט רייף צו פאַרשטיין אין וועלכער עפּאָכע דאָס אַמעריקאַנער אידנט'ם איז איצט אַריינגעטראָטן. אונזער יוגנט זעט ניט די גאַנצקייט פון אונזער פאָלק, באַגרייפט ניט דעם ווייטיק פון די אידישע מאַסן אין אַנדערע לענדער און זוכט ניט די נאַציאָנאַלע לייזונג פאַר אונזערע טראַגישע פּראָבלעמען. מיר ווילן דאָ ניט באַרירן די טיפע וואונד און דעם פאַקט, אַז נאָך איצט איז אַ גרויסער טייל פון דער אידישער יוגנט פאַרפעסטעט מיט פאַרעטערישע אידייען צו די לעבנס אינטערעסן פון אונזער פאָלק. מיר ריידן דאָ פון די געזונטע, שטאַרקע און לעבן־לוסטיקע אידישע בחורים און מיידלעך וועלכע שטייען בכלל ווייט פון אונזער גאַנצן לעבן און דרייען זיך אַרום ווי ווייט־פרעמדע צו אַלץ וואָס איז באַ אונז הייליק און נאָענט.

אַזאַ גלייכגילטיקע יוגנט דאַרפן מיר ניט זוכן באַ יענעם. מיר געפינען זיי באַ זיך, באַ אונזער אייגענער באַוועגונג. דאָס איז אונזער בלוט און פלייש, וועלכע קומט ניט צו אונזערע פאַרזאַמלונגען, באַלאַנגט ניט אין אונזערע אָרגאַניזאַציעס און וויל זיך אַפילו ניט צוגעוואוינען צום געדאַנק אַז זיי זיינען דאָס אידישע פאָלק פונם מאָרגן, אַז די געשיכטע האָט איצט אויף זיי אַרויפגעלייגט גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייטן, צי זיי ווילן צי, חלילה, זיי ווילן דאָס ניט. (אַוודאי, וואָלט אונזער יוגנט געווען גאָר אַן אַנדערע ווען מיר זאָלן איר געווען דערציען ווי געהעריק, אָבער דאָס איז שוין אַ באַזונדער קאַפּיטל.)

וואָס דאַרפן מיר טאָן? ראשית כל דאַרפן מיר רייף ווערן צום געדאַנק אַז מיר מוזן עפּעס טאָן אויף דעם געביט. אַוודאי איז אַ גרויסע זאַך וואָס מיר האָבן אין די רייען פון פאַרבאַנד לעצטנס אַר־

גאַניזירט טויזנטער און טויזנטער נייע מענטשן. אָבער ווי גרויס וואָלט געווען אונזער פרייד ווען מיר וואָלטן אויך געהאַט אין אונזערע רייען כאָטש אַ 5 אָדער 10 טויזנט יונגע מענטשן, פשוט די בחורים און מיידלעך — די זין און טעכטער פון אונזערע אייגענע חברים?

די איצטיקע קאָנווענשאָן מוז פעסטשטעלן, אַז מיר מוזן געפינען די וועגן צו אָרגאַניזירן די יוגנט אין אונזערע רייען. מיר דאַרפן פאַר זיי שאַפן דעם אָרגאַניזאַציאָנס ראַם, די פאָרמע וואָס איז פאַר זיי צוגעפאַסט. די פּראָגראַם פון אויפגאַבן און טעטיקייטן דאַרף צו־געפּאַסט ווערן צו זייער איצטיקער מענטאַליטעט. עס דאַרף געשאַפן ווערן אַ פּראָגראַם אויפן באַזיס פון כסדר'דיקער אַנטוויקלונג. מיר דאַרפן וויסן אַז די אידישע יוגנט איז לײדער איצטער ניט מסוגל צו קענען אויפנעמען אונזער גאַנצן וועלט־באַנעם. אונזערע אידעאַלן זיינען נאָך ניט זייערע אידעאַלן, דאַרפן מיר דערפאַר קומען און זיי ברענגען בלויז אַ טייל פון אונזער גייסטיקן באַגאַזש.

אונזערע באַלדיקע אַרבעט פאַר דער יוגנט דאַרף זיין אַז יעדער ברענטש זאָל אָרגאַניזירן פאַר זיין אייגענער יוגנט צוזאַמענקונפטן, דיסקוסיע אָוונטן און קאָנפערענצן. אַזעלכע שטעט ווי שיקאַגאָ, דע־טראָיט, לאָס אַנדזשעלעס, פילאַדעלפיע, באָסטאָן און צענדליקער אַנ־דערע שטעט מוזן אָנהויבן אָרגאַניזירן זייער יוגנט און זיי אַריינברענ־גען אין אונזער וועלט פון פּראָבלעמען.

מיר פאַרמאָגן אַ צאָל זומער קעמפּס וועלכע מוזן געעפנט ווערן פאַר אונזער יוגנט. אָבער דער זומער קעמפּ טאָר איצט ניט בלייבן אַ פּלאַץ פאַר בלויז פאַרוויילונג. עס דאַרפן דאָרט דורכגעפירט ווערן סעמינאַרן און סימפּאָזיומס וואו די יוגנט זאָל אַליין אָנהויבן אַנטוויקלען איר מאַרך און אינטעליגענץ.

די פאָרמע פון אָרגאַניזאַציע פאַר דער יוגנט דאַרף זיין אַ ברייטע. עס דאַרף געשאַפן ווערן אַ יוגנט באַוועגונג און ניט קיין איינגע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. מען דאַרף מאַכן די ראַם אַזוי ברייט ווי מעגלעך אַזוי, אַז מען זאָל קענען אַריינגעמען וואָס אַ גרעסערע צאָל. די סיס־טעמאַטישע אויפקלערונגס אַרבעט וואָס מען וועט צווישן דער יוגנט דורכפירן וועט זיי סוף כל סוף ברענגען אין אונזערע רייען.

זאָל דערפאַר זיין קלאָר אַז מיר מוזן זיך אין אונזער אַרבעט פאַר דער יוגנט ניט באַנוגענען מיט דער יוגנט אָרגאַניזאַציע וואָס מיר פאַרמאָגן. דאָ רעדט זיך וועגן פּראָפּאַגאַנדע און דערציאונגס אַרבעט צווישן דער יוגנט וואָס די ברענטשעס אַליין דאַרפן דורכפירן. די יוגנט אַרבעט דאַרף ווערן אַ טייל פון יעדן ברענטש. זאָלן נאָר די יוגנטלעכע קומען צום באַוואוסטזיין, אַז זיי דאַרפן זיין אָרגאַניזירט, וועלן זיי שוין געפינען דעם וועג און ענגע פאָרמע פאַר זייער אָרגאַניזאַציע. אונזער פליכט איז דורכפירן צווישן דער יוגנט און פאַר דער יוגנט אויפקלערונגס און דערציאונגס אַרבעט. און דאָס דאַרף גלייך געטאָן ווערן.

3) קולטור און דערציאונג פון אונזערע מאַסן

פאַר אונז שטייען איצט שווערע און ערנסטע צייטן. די אידישע מאַסן און אויך אַלע די וואָס זיינען אָרגאַניזירט אין אונזערע אייגענע רייען וועלן דאַרפן טאָן אַ סך אַרבעט, וועלן דאַרפן פּלאַנירן זייער לעבן און וועלן דאַרפן אָפּהיטן די גאַנצקייט און אייניקייט פון אונזער פאָלק. דאָס וועט געשען ווען אין אונזערע רייען וועט אָנגיין אַ כסדר׳דיקע, סיסטעמאַטישע אויפקלערונגס אַרבעט, ווען מיר וועלן גייסטיק שטאַרקן די אַלע וואָס זיינען אין אונז אָנגעשלאָסן. אויב מיר דאַרפן אַלע צוזאַמען דורכפירן גרויסע אַרבעטן, מוז אונזער באַוואוסטזיניקייט שטאַרקער ווערן. מיר דאַרפן זיך בעסער פאַרשטיין, מיר דאַרפן אָנהויבןריידן אַ געמיינזאַמע שפּראַך.

דער גייסטיקער אינהאַלט פון די פאַרזאַמלונגען און מיטינגען פון אונזערע ברענטשעס מוז ראַדיקאַל געענדערט ווערן. מען טאָר היינט ניט צוזאַמענרופן אַ פופציק זעכציק מענטשן, און פאַרהאַנדלען זאַכן פון אַ אומבאַדייטנדן כאַראַקטער וואָס אַ סעקרעטאַר אָדער אַ קאָמיטעט פון דריי מענטשן דאַרף אַליין דאָס באַשטימען. אונזערע מיטינגען דאַרפן געבן אונזערע מיטגלידער אויפקלערונג און דערהויבונג. מער לעקציעס איבער פראַגן פון טאָג דאַרפן געהאַלטן ווערן. מען דאַרף ברייגען מער וויסן צו די מיטגלידער איבער אידישע געשיכטע און אידישן דענקען פון אַלע דורות. מיר דאַרפן דערמוטיקן אונזערע חברים

דורך ברייגנען צו זיי די קוואַלן פון אונזער רייכער קולטור און אונזערע אייביקע אידעאַלן.

פייערונגען פון ימים טובים, עונג שבתים, לייען קרייזן, שטודיר גרופּן, דאַרפן איצטער ווערן די סאַמע נויטיקסטע אינסטיטוציעס אין יעדער שטאָט וואו מיר האָבן מיטגלידער. מיר דאַרפן אונזערע נייע און פריערדיקע חברים געבן גייסטיקע שפּייז, כדי זיי זאָלן פאַרשטיין אונזער געמיינזאַמן אידישן שיקזאַל. מיר דאַרפן פלאַנצן אין זיי גלויבן פאַר בעסערע צייטן און וועקן אין זיי דעם ווילן פאַר גרויסע מעשים.

יעדער ברענטש מוז סיסטעמאַטיש דערציִיגן ווערן צו זיינע קולטור־רעלע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן. פּונקט ווי מיר ווענדן זיך צום ברענטש נאָך הילפס מיטלען, נאָך פאָנדן, אַזוי דאַרפן מיר זיך צו זיי ווענדן און זיי אויפפאָדערן פאַר קולטורעלע מעשים. מיר מוזן כסדר דערציִיגן ווערן און זיין באַקאַנט מיט דעם היסטאָרישן הינטערגרונט פון געשעענישן. מיר דאַרפן געפינען גייסטיקע דערמוטיקונג אין די געשיכטלעכע עפּאָכן וואָס באַווייזן אַז אונזער פאָלק האָט שוין אַמאָל דורכגעלעבט ענלעכע קאַטאַסטראָפעס.

מיר שטעלן זיך דאָ ניט אָפּ באַזונדער אויף דער וויכטיקייט פון דערציִאונג פון אונזערע קינדער. דאָס איז אַזוי זעלבסט פאַרשטענדלעך, אַז אין אַזעלכע שווערע עפּאָכן מוזן מיר געווינען דאָס קינד ווען עס איז נאָך יונג. די פאָלק שולן אונזערע מוזן איצט פאַרשטאַרקט ווערן און אַוועקגעשטעלט ווערן אין סאַמע צענטער פון אונזערע טעטיקייטן.

4) אמעריקע און מיר

מיר דערפילן איצט, מערער ווי ווען עס איז, אַז אונזער אייגענער לעבן דאָ אין לאַנד דאַרף ווערן געזונטער, מער איינגעפונדעוועט און דאַרף זיך טיפער פאַרוואָרצלען. מיר מוזן באַגרייפן אַז מיר זיינען געוואָרן דער וויכטיקסטער טייל פון אונזער גאַנצן פאָלק און אויף אונז האָט די געשיכטע אַרויפגעלייגט דעם חוב ווייטער צו שפּינען דעם גאַנג פון אידישער עקזיסטענץ. מיר מוזן שטאַרקער ווערן אינם אַמעריקאַנער לעבן כדי מיר זאָלן קענען געבן די נויטיקע הילף צו דעם אויפבוי פון ארץ ישראל און צו די רואינירטע טיילן פון אונזער פאָלק אין אַלע אַנדערע לענדער.

מיר מוזן זיך אַליין פרעגן די פראַגע צי פאַרשטייט אונז די ניט־אידישע אַמעריקע. צוויי פאַקטן האָבן לײדער באַוויזן אַז מיר האָבן ניט גענוג געטאָן כדי צו איבערצייגן אַ גרויסן טייל פון אונזערע שכנים אין אונזער ערלעכקייט און נוצלעכקייט אַלס אַ טייל פונם אַמעריקאַנעם פאָלק. דער פאַקט וואָס די נאַציס איז, אין גאָר אַ קורצער צייט, כמעט ווי געלונגען צו פאַר׳מיאוס׳ן אונז אין די אויגן פון גרויסע טיילן פון אַמעריקאַנער פאָלק און זיי געמאַכט צו גלויבן אין אַלערליי ליגנס און אַנטיסעמיטישע רכילות איז אַ באַוויז, אַז מיר קומען זיך ניט צוזאַמען גענוג מיט ניט־אידן כדי יענע זאָלן אונז בעסער פאַרשטיין און קענען.

דער צווייטער פאַקט איז געווען מיט דער באַציאונג פון אַמערי־קאַנער צו דער הילף פאַר אידן אין פוילן און צו דער ברייטהאַרציקער הילף זייערער פאַר די פינער און אַנדערע. גרויסע אַמעריקאַנער צייטונגען האָבן דאָך אַפילו ניט געדרוקט וועגן די אַלע שוידערלעכע רציחות וואָס די נאַציס האָבן באַגאַנגען אַנטקעגן אידן. אונזער הילף געשריי איז דאָך געבליבן טויט פאַר די ברייטע אַמעריקאַנער מאַסן.

אונזערע פּראָבלעמען זיינען דאָך באמת אוניווערסאַלע אַזוי, אַז יעדער ניט־איד קען זיי פאַרשטיין. די האָפנונגסלאָזע לאַגע פון די אידן וועלכע ווערן באַפאַלן ווי אַן אומבאַשיצט פאָלק, קען דאָך דער אַמעריקאַנער אַזוי גוט באַגרייפן, שוין אָפּגערעדט פון ציוניזם וועלכער קען זיכער אַזוי גוט פאַרשטאַנען ווערן פון דער קריסטלעכער וועלט.

מיר מוזן זיך נאָענטער צוזאַמענקומען מיט אונזערע ניט־אידישע שכנים אין יענע אַרבעטן וואו מיר דאַרפן זיין פאַרטראָטן אַלס בירגער. איין געביט איז דער דערציאונגס געביט. אין יעדער שטאָט אין אַמע־ריקע זיינען דאָ „פּערענטס אַסאָסיאיישאָנס" צוזאַמענגעשטעלט פון על־טערן פון די קינדער. אויף יענע פאַרזאַמלונגען ווערן דיסקוסירט וויכטיקע פראַגן, דאָרטן דאַרפן מיר זיין ניט נאָר כדי מיר זאָלן קענען העלפן דער דערציאונגס אַרבעט אין אַלגעמיין, נאָר טאַקע כדי מיר זאָלן זיך צוזאַמענלעבן מיט אונזערע שכנים אַז זיי זאָלן אונז פאַרשטיין. עס זיינען דאָ אין די מערסטע שטעט קלובן, אָרגאַניזאַציעס וועגן פאַר־שידענע שטאָטישע טעטיקייטן, ווי „סיוויק קלובס", „פּלייגראַונד קלובס", „לייברערי קלובס", „אימפּרואוומענט קלובס", וואו מיר דאַרפן

זיין אַלס בירגער און וואו מיר קענען זיך טרעפן מיט אונזערע שכנים געזעלשאַפטלעך.

צו אונזער גרויס באַדויערן האָבן זיך אין אַ סך שטעט אידישע קאָמוניסטן אַריינגעכאַפּט אין די דאָזיקע אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציעס, און אָפטמאָל פאַראַדירן זיי אַלס אידישע פאָרשטייער. אין אַזעלכע פאַלן קומט שוין אויס, אַז ווען די אַמעריקאַנער באַגעגענען זיך מיט אַ אידן איז דאָס מיט איינעם וואָס באַ אונז איז ער אַ מחוץ למחנה׳דיקער.

די ליטעראַטור אין ענגליש וואָס מיר דרוקן יאָ אַמאָל קומט זעלטן אָן צו אַ ניט־אידן. אָט האָבן מיר אַליין אַרויסגעגעבן אַ וויכטיקע בראָשורע וואָס אידן דאַרפן פאָדערן פון אַ פרידנס־קאָנפערענץ און וואו אונזער לאַגע איז אַזוי קלאָר געשילדערט געוואָרן. די בראָשורע איז אָנגעקומען בלויז אין אידישע הענט. ניטאָ קיין וועג וויאַזוי אַזאַ בראָשורע זאָל דערגרייכן צו 5,000 ניט־אידישע לעזער.

מיר מוזן דערציען אונזערע מיטגלידער זיך צו באַטייליקן אין יענע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, וועלכע דינען אונז ווי אַמע־ריקאַנער בירגער אַלס איינוואוינער. מיר מוזן אָפטמאָל סטימולירן און העלפן באַשאַפן אַזעלכע קלובן, וואו מיר זאָלן זיך טרעפן געזעלשאַפט־לעך מיט אונזערע ניט־אידישע שכנים, און וואו עס מאַכט זיך מעגלעכ־קייטן צו אויפקלערן אונזערע שכנים וועגן אונזערע ספּעציפישע אי־דישע פּראָבלעמען.

עס איז דאָך אַ פאַקט, אַז אויך מיט אונזערע ניט־אידישע אַרבעטער טרעפן מיר זיך ניט צוזאַמען געזעלשאַפטלעך. די יוניאָנס זיינען אָפט אַזוי פונאַנדערגעטיילט אויף אידישע און ניט־אידישע לאָקאַלן אַזוי, אַז גייסטיק האָבן מיר אויף זיי ניט קיין השפעה. און אָפטמאָל ווערן זיי גאָר נעסטן פאַר אַנטיסעמיטישע העצער, וואו מען האָדעוועט שנאה אַנטקעגן אונז. דאָס זעלבע איז אָפט אין די פּאָליטישע גרופּירונגען אונזערע. דער אַנטיסעמיטיזם האָט אַ גרעסער שליטה דאָרטן, וואו עס איז ניטאָ קיין געזעלשאַפטלעכע פאַרבינדונג צווישן אידן און ניט־אידן.

ווי אידן און אַמעריקאַנער בירגער דאַרפן מיר זיך זוכן צוזאַמענ־טרעפן מיט אונזערע ניט־אידישע שכנים. צוזאַמען מיט זיי מוזן מיר

בויען און אויסבעסערן אונזערע אַמעריקאַנישע אינסטיטוציעס אין די שטעט וואו מיר וואוינען. אין דער געמיינשאַפטלעכער אַרבעט וועלן מיר זיך בעסער דערקענען און פאַרשטיין. אונזער לעבן דאָ אין לאַנד מוז ווערן סאָציאַל מער געזיכערט.

די פראַגע איז באַ אונז ניי. מיר רעדן אָפט וועגן דרוקן זאַכן און געבן זיי אונזערע שכנים צו לייענען. אַוודאי דאַרף מען דאָס אויך טאָן. אַוודאי דאַרף מען שאַפן די נויטיקע בראָשורן און ביכער פאַר דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג און פאַר דער אַמעריקאַנער שטודירנ־דיקער יוגנט. אָבער דאָס וועט ניט לייזן די פראַגע. אונזערע שכנים דאַרפן אונז לערנען פון די געמיינזאַמע־געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן, וואָס מיר וועלן מיט זיי דורכפירן. זאָל די פאַרשטענדיקונג קומען דורכן פערזענלעכן געזעלשאַפטלעכן קאָנטאַקט. מיר מוזן זיך פאַרוואָרצלען אין לאַנד און אירע אינסטיטוציעס. אַמעריקע מוז אונז פאַרשטיין. אירע פירער דאַרפן זיך מיט אונז אָפטער באַגעגענען און מיר מוזן פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג קריגן די נויטיקע סימפּאַטיע און די נויטי־קע הילף ווען די שעה פאָדערט עס.

יאַר, 1940

דער צער און צאָרן פון אידישן קינד אין אַמעריקע

ווען מען לייגט היינט צו אַן אויער צו אַ שוועל פון אַ אידישער היים אין אַמעריקע קען מען לייכט דערהערן די וויטיקן און די שווערע שטימונגען וואָס עס גייט דאָרטן אָן. די איוב צרות וואָס האָבן זיך אויסגעגאָסן אויף אידן אין אייראָפּע האָט צעבראָכן דעם אידישן געמיט. די שרעק אַז מען פאַרלירט די סאַמע טייערסטע, עלטערן, ברידער, שוועסטער און קרובים האָט ממש אַריינגעוואָרפן הונדערטער טויזנטער אידישע מענטשן אין אַ פּאַניק.

ניט נאָר לעבט איצט די אידישע אַמעריקע אין אַ שטימונג פון צעטרייסלונג און דערשלאָגנקייט, נאָר עס איז איצטער דאָ ביי אידן אַ ברענעדיקער פאַרלאַנג נאָך מעשים. יעדער איינער וואָלט וועלן מיט עפּעס מיטהעלפן, עפּעס בייצוטראָגן צו קענען לינדערן די גרויסע נויט. וואָלט מען מיט געלט געקענט ראַטעווען נפשות און אָפּשטעלן די האַק פון משחית וואָלט מען איצטער געקענט זאַמלען אין אַמעריקע ריזיקע סומעס.

עס איז אַ טעות צו מיינען אַז אַמעריקאַנער אידן זיינען פאַרהאַר־טעוועט, און פילן ניט דעם גרויסן אומגליק וואָס עס האָט אַרומגעכאַפּט אונזער פאָלק. דאָס פאָלק איז אויפגערעגט און די בעסטע אין פאָלק פאַרגייען ממש פון וויטיק. מען האַלט שוין דאַכט זיך ביי דער מדרגה פון פאַרצווייפלונג אַדאַנק דער אומבאַהאָלפנקייט אין וועלכער מען געפינט זיך. אדרבה, זאָלן איצטער קומען אידישע פירער און רופן דאָס פאָלק צו דעמאָנסטראַציעס, צו פּראָצעסיעס, ווייל דאָס וועט העלפן צו דעם איצטיקן אומגליק, וואָלטן די גאַסן פון ניו יאָרק ענג געווען צו קענען אויפנעמען די צענדליקער טויזנטער וואָס וואָלטן געקומען צו פּראָטעסטירן און פאָדערן פון דער וועלט, אַז זי זאָל עפּעס טאָן כדי צו פאַרמיידן די שחיטות אויף אונזער פאָלק.

די פּראָטעסט פאַרזאַמלונג פון קינדער, וואָס זועט פאַרקומען קומענדיקן מאָנטיק בייטאָג אין מעקאַ טעמפּל, איז איינער פון יענע אויסדרוקן פון ווייטיק און פּראָטעסט וואָס איז אַזוי טיף באַזעצט אין דעם אידישן האַרץ. אויף די עטלעכע צוזאַמענקונפטן פון לערער און דערציער פון אַלע שול ריכטונגען, איז ניט געווען קיין איין שטימע וואָס האָט ניט צוגעשטימט אַז מען דאַרף אויפרייסן דעם געוויסן פון דער וועלט, און אַז מען מוז אָרגאַניזירן קינדער פּראָטעסטן. אמת, עס זיינען גלייך אין אָנהייב געווען מיינונגס פאַרשידנהייטן וועגן דער גרויס פון אַזאַ פאַרזאַמלונג. עס זיינען געווען דערציער פון אַלע שול ריכטונגען, ווי תלמוד תורות, ישיבות און אידישע שולן וואָס האָבן געוואָלט אַ גרויסע פּראָצעסיע פון קינדער אין די ניו יאָרקער גאַסן, און אויב נייטיק, צו פאַרענדיקן אַזאַ פּראָצעסיע אין אַ מעדיסאָן סקווער גאַרדן. זיינען אָבער געווען אַנדערע, טאַקע פון דיזעלבע ריכטונגען, וואָס האָבן גע'טענה'ט, אַז עס איז אַ סכנה צו לאָזן קינדער מאַרשירן אין ווינטערדיקע פרעסט און אַז, אַפילו צוזאַמענברייינגען צוואַנציק טויזנט קינדער אין איין פאַרזאַמלונג איז אויך פאַרבונדן מיט שוועריקייטן און סכנות פאַרן געזונט פון די קינדער. די לערער וואָס האָבן געוואָלט אַ דעמאָנסטראַציע האָבן שטאַרק באַטאָנט, אַז מיר מעגן אַפילו איינ־שטעלן דעם וואוילזיין פון אונזערע קינדער מיט דער האָפענונג, אַז מיט דעם וועלן מיר ראַטעווען די לעבנס פון אַנדערע קינדער און דערוואַקסענע. די אידישע פאָלקשולן פון אידיש נאַציאָנאַלן פאַרבאַנד און פּועלי ציון צ. צ. האָבן אַפּעלירט, אַז דער אַרויסטריט פון קינדער זאָל זיין וואָס גרעסער און אימפּאָזאַנטער, די טענות און די שטימען פון דעם אַנדערן צד האָבן אָבער אַריבערגעוואויגן.

די פאַרשטייער פון דער „דזשואיש עדיוקיישאָן קאָמיטע" האָבן, ליידער, געשטימט מיט די וואָס האָבן געוואָלט אַ קלענערע, אָבער דערפאַר אַ בעסער אָרגאַניזירטע פאַרזאַמלונג. מען מוז צוגעבן, אַז אַ סך פון זייערע טענות זיינען געווען גאַנץ וואַגיקע. מען קען זיך אָבער ניט העלפן ניט באַמערקנדיק, אַז אין אַסך פון זייערע טענות האָט זיך אַרויסגעוויזן די ריכטס־ליניע פון יענער גרופּע אידן אין אַמעריקע וואָס גלויבן, אַז שרייען וועט ניט העלפן און, אַז ווען מען

שרייט שוין יע, דאַרף עס זיין איינגעצאַמט אַז עס זאָל חלילה ניט גרילצן אין די אויערן פון די שכנים.

ניט זייענדיק מסכים מיט די פאָרשטייער פון דער „דזשואיש עדיוקיישאָן קאָמיטע" אין זייער צוגאַנג צו געוויסע פראַגן, דאַרף מען אָבער זיי געבן דעם פולן קרעדיט פאַר דער איבערגעבנקייט מיט וועלכער זיי זאָרגן אַז די קינדער פאַרזאַמלונג זאָל זיין דערציעריש און אימפּאָזאַנט. דער גאַנצער סטעף פון זייער אָרגאַניזאַציע העלפט צוגרייטן די פּראָגראַם פון דעם בייטאָג. די אַלע דעפּאַרטמענטן פון דער עדיוקיישאָן קאָמיטעט זיינען איצט פאַרנומען מיט אויספּאַסן אַז די פאַרזאַמלונג אין מעקאַ טעמפּל, וועלכע האָט איינדרוקספולע מאָמענטן, זאָל מאַכן דעם נייטיקן איינדרוק אויף די קינדער און אויף די ניט־אידישע געסט וואָס וועלן אַהין קומען.

דאָס וועט זיין צום ערשטן מאָל אַז קינדער פון אַלע טיפּן שולן וועלן זיך צוזאַמענקומען אויף איין פּלאַטפאָרמע. אין מעקאַ טעמפּל וועלן זיין קינדער פון ישיבות, פון תלמוד תורות, פון קאָנגרעגיישאָנעל סקולס, פון רעפאָרם טעמפּלען און די קינדער פון די אַרבעטער רינג שולן, פאָלק שולן פון אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, שלום עליכם שולן און אויך אַ צאָל קינדער פון די שולן פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן. דאָס וואָס מען האָט ניט געקענט פּועלן ביי דערוואַקסענע, אַז זיי זאָלן זיך אַלע צוזאַמענקומען אויף אַ גרויסער עפנטלעכער דעמאָנסטראַציע, האָט מען אָבער יאָ גע׳פּועל׳ט ביי דערציער פון קינדער.

3,000 קינדער, פאַרטרעטער פון אַלע קינדער שולן אין ניו יאָרק וועלן זיך צוזאַמענקומען צו אויסדריקן זייער ווייטיק און צער אויף די אומגליקן וואָס זיינען באַפאַלן דאָס אידישע פאָלק.

און פּונקט ווי עס זיינען פאַראייניקט די קינדער פון אַלע ריכטונגען, אַזוי וועט אויך די פּראָגראַם פון בייטאָג פאַראייניקן און אויסדריקן די גאַנצקייט פון דעם אידישן פאָלקס לעבן פון אַלע דורות. עס וועט דורכגעפירט ווערן אַ צערעמאָניאַל פון צינדן ליכט נאָך די נשמות פון די אומגעקומענע. עס וועט זיין דער טראַדיציאָנעלער אל מלא רחמים. עס וועט אויך זיין פאַרטראָטן דער אידישער וויי־געשריי

אויסדרוק דורך דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור — אַ פּאָעמע פון ה. לייוויק. עס וועט אויך געהערט ווערן דער הימל־עפּן־זיך געשריי פון ח. נ. ביאַליק: שמים בקשו רחמים עלי.

איידער די גרויסע קינדער פאַרזאַמלונג איז אָרגאַניזירט געוואָרן האָט זיך אַ קאָמיטעט געטראָפן אין סיטי האָל מיט איינעם פון די וויכטיקסטע באַאַמטע פון שטאָט ניו יאָרק. דער קאָמיטעט איז זייער פריינטלעך אויפגענומען געוואָרן און מען האָט פאַרשפּראָכן צו זען, אַז די וויכטיקסטע שטאָט באַאַמטע זאָלן זיין אויף דער פאַרזאַמלונג. אָבער דאָ מוז אויך געזאָגט ווערן, אַז צו אונזער גרויסן באַדויערן האָבן מיר ניט געפילט, אַז אַפילו דער וויכטיקער פירער פון דער שטאָט ניו יאָרק פאַרשטייט און באַגרייפט אונזער אומגליק. ער האָט אין אַנהויב באַטראַכט די פאַרזאַמלונג ווי אַ רעליגיעזער צוזאַמענ־קונפט פון קינדער, לויבנדיק דערביי די אידן וועלכע ווייזן אַרויס אַזאַ גרויסן אינטערעס פאַרן רעליגיעזן לעבן, אַנווייזנדיק, אַז ליידער, געפינט מען ניט די דאַזיקע פאַרשטענדיקונג ביי די פּראָטעסטאַנטישע עלטערן. פון דעם געשפּרעך איז קלאָר געוואָרן, אַז ליידער האָבן מיר נאָך אַלץ ניט אַנגעשטעקט מיט אונזער ווייטיק אַפילו די בעסטע פון אונזערע שכנים, ניט־אידן. זיי לייענען טאַקע די נייעס אין די צייטונגען וועגן די אידישע שחיטות, אָבער אינפאָרמאַציע אַליין איז ניט גענוג. עס דאַרף דאָ זיין דער מענטשלעכער עלעמענט, וואָס דאַרף באַשאַפן די שטימונג. עס דאַרפן זיין די קרובים און פאָלקס ברידער פון יענע מיליאָנען מאַרטירער, וועלכע זיינען אומגעקומען אָן אַ פאַרוואָס, וועלכע דאַרפן ברענגען דעם צער און ווייטיק צו דער ניט־אידישער וועלט.

די אידישע פירערשאַפט אין אַמעריקע דאַרף איצט מאַכן איר אייגענעם חשבון הנפש. עס איז דאָך ממה נפשך, אָדער מען פאַר־נאַכלעסיקט די גרויסע אויפגאַבע צו קענען ברענגען הילף און לינדע־רונג צו אונזערע געפייניקטע אין אייראָפּע, אָדער די פירערשאַפט אַליין דאַרף צוגעבן, אַז זי אַליין איז אינגאַנצן הילפלאָז און ביי איר בעסטן ווילן קען זי גאָרניט טאָן. וואָס די סיבות זאָלן ניט זיין, עס מוז דאָך איצט אָנגענומען ווערן אַ נייע ווענדונג אין אונזער אַרבעט. מיר אין אַמעריקע ווערן באַטראַכט ווי די וויכטיקסטע פאַרשטייער

פון אידן אין דער וועלט. די ווענדונגען און הילפס־רופן וואָס קומען אויף די פאַרשידענע אַמעריקאַנער אַדרעסן, סיי פון אונטערערדישע קאַנאַלן פון פוילן, סיי דורך די אָפענע קייבלגראַמס פון ארץ־ישראל באַווייזן אַז די אידישע וועלט וואַרט אויף אונזער הילף. מיר מוזן דערפאַר מאַכן אַלע מעגלעכע פאַרזוכן אויפצורודערן דעם געוויסן פון דער וועלט צו אונזער לאַגע.

עס איז אמת, אַז דערווייל איז נאָך ניטאָ קיין געזונטער פלאַן וואָס מען זאָל טאָן כדי אָפצושטעלן די מערדערישע הענט. אָבער מיר ווייסן אויך, אַז די אַלע מלוכות, וואָס וואָלטן יאָ געקענט עפּעס טאָן שווייגן נאָך אַלץ און זיי קומען ניט אַרויס מיט קיין ברידערלעכע הילף.

טויזנטער קינדער וואָס וועלן זיין פאַרזאַמלט אין מעקאַ טעמפּל וועלן זיך ווענדן צו די פאַראייניקטע פעלקער, אַז ראשית כל זאָלן געעפנט ווערן די טויערן פון די לענדער פאַר די וואָס קענען נאָך געראַטעוועט ווערן פון אונטערגאַנג. די ערשטע ווענדונג פון די קינדער וועט גיין צו אַמעריקע אַליין, די רייכע פריהייטס ליבנדע אַמעריקע, דאָס לאַנד וועלכע איז אויפגעבויט געוואָרן מיט דעם מאַרך און שוויס פון די וואָס זיינען אַנטלאָפן פון פאַרשידענע פאַרפאָלגונגען און סכנות. אַמעריקע דאַרף די ערשטע וויזן איר ברייט־האַרציקייט און עפענען די טויערן פאַר קינדער און דערוואַקסענע פון היטלער קרבנות.

די צווייטע ווענדונג פון די קינדער וועט אויך גיין צו דער מעכ־טיקער ענגלאַנד, דאָס לאַנד וועלכע שטאָלצירט אַזוי פיל מיט די ביבלישע אידעאַלן. זי וועט דורך די קינדער אויפגעפאָדערט ווערן צו עפענען די טויערן פון ארץ־ישראל און פון אַנדערע אירע קאָלאָניעס פאַר די קינדער און דערוואַקסענע, די קרבנות פון גיפטיקן נאַציזם אין דער וועלט.

די פּראָטעסט פאַרזאַמלונג פון די קינדער פאַלט אויס אין זייער אַ גוטער צייט, דאָס איז אין דעם געבורטסטאָג פון דעם גרינדער פון דער אַמעריקאַנער רעפּובליק, דזשאָרדזש וואַשינגטאָן און אויך אין דער וואָך וואָס אונזער פּרעזידענט האָט פּראָקלאַמירט אַלס אַ וואָך פון ברידערלעכקייט פאַר אַלע איינוואוינער פון לאַנד.

די לויטערע אומשולדיקע שטימען פון די קינדער אין מעקאַ טעמפּל, וואו עס וועלן אויך זיין באַגריסונגען פון פּראָטעסטאַנטישע און קאַטוילישע קינדער וועלן אויסדריקן זייער פּראָטעסט ניט נאָר אַנטקעגן די הענקער פון נאַצי דייטשלאַנד, נאָר זיי וועלן אויך אַרויס־ברענגען זייער ווייטיק אויף דער גלייכגילטיקייט פון דער קריסטלעכער וועלט, וואָס רעדט נאָך אַלץ וועגן דעם אידישן אומגליק מיט אַ שטילער באַשיידענער שטימע און וואָס הויבט ניט אויף איר מעכטיקן פּראָטעסט אַנטקעגן די רציחות. די פאַרשידענע קירכן מיט זייערע העכסטע פאַר־שטייער וואָלטן נאָך אַלץ געקענט ראַטעווען אַ סך אידישע לעבנס, ווען זיי וואָלטן געווען דורכגעדרונגען מיט דעם גרויסן עטישן געבאָט פון דער תורה: לא תעמוד על דם רעך.

יאָר 1943

דאָס י. ח. ברענער־בוך

(די אידישע ליטעראַטור ווערט באַרייכערט מיט אַ גרויס ווערק)

דער ברייטער אידישער לעזער־קרייז און באַזונדערס די מיטגלי־דערשאַפט פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד וועלן זיכער דאַנקבאַר זיין דעם ברענער־צווייג 169 פון פאַרבאַנד אין ניו־יאָרק פאַר דער שיינער מתנה וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַר זיי.

דאָס י. ח. ברענער־בוך, וואָס דער צווייג האָט אַרויסגעגעבן אונ־טער דער רעדאַקציע פון יונגן שריפטשטעלער ש. גראָדזענסקי, אַנט־האַלט אַ שלל מיט וויכטיקע מאַטעריאַלן. עס קומען אין דעם בוך אַריין אַרום 300 זייטן מיט איבערזעצונגען פון די בעסטע העברעאישע שאַ־פונגען פון דעם באַרימטן מאַרטירער שריפטשטעלער, י. ח. ברענער. דאָס בוך פאַרמאָגט אויך אַ הונדערט זייטן מיט וויכטיקע אָפּהאַנד־לונגען און ביאָגראַפישע נאָטיצן איבער דער פאַרבנרייכער פערזענ־לעכקייט פון דעם גרויסן מחבר.

שוין ביי זיין לעבן זיינען אַרום ברענערן געשאַפן געוואָרן אַ צאָל אינטערעסאַנטע מעשהלעך און לעגענדעס. זיין פּערזענלעך לעבן, וואָס איז געווען אַזוי טראַגיש; זיין אייגנאַרטיקע באַנעמונג אין פאַרשיידענע סיטואַציעס; זיין עקסצענטרישקייט און פּאַראַדאָקסאַליזם האָבן געגעבן געבונג לעגענדאַרן שטאָף צו די נייגעריקע שריפטשטעלער פונקט ווי צום ברייטן קרייז לייענער. ברענערס אָנגעהעריקייט צו געזעלשאַפטן מיט פאַרשיידענע אידעאָלאָגיעס און טענדענצן האָט שטענדיק אַרויס־גערופן אַ פראַגע־צייכן. אָט האָט מען געוואוסט, אַז ברענער איז אַ ציוניסט, פאַרבונדן מיט פאַרשיידענע ציוניסטישע קרייזן; אָט איז אָבער ברענער אויך פאַרבונדן מיטן „בונד" און רעדאַגירט זיינע קלע־נערע קאַמף־אָרגאַנען. דאָ און דאָרט אין זיינע ווערק זאָגט זיך ברענער אַרויס זייער שאַרף קעגן סאָציאַליזם און מאַרקסיזם פאַר זיין מעכאַ־נישקייט, וואָס ביי אים, ביים סאָציאַליזם, איז אַלץ אָפּגעוואויגן און אָפּגעמאָסטן און אַלץ איז אַזוי זיכער. עס האָט זיך געדאַכט פאַר אַ ווייַלע, אַז ברענער איז אַרויס פון די קרייזן פון דער אָרגאַניזירטער

אַרבעטערשאַפט און איז דערוויטערט פון איר קאַמף מיט דער קאַפּי־טאַליסטישער וועלט־אָרדענונג. אָבער אין גיכן געפינען מיר אים אין די סאַמע ערשטע רייען פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל, וועלכער ער ווידמעט זיין שאַרפזיניקייט, טיפן אידעאַ־ליזם און גרויסן טאַלאַנט. ער האָט זיך ממש אויפגעלייזט אין דער חלוצישער מחנה און איז געוואָרן איר גייסט, איר געוויסן און איר באַגייסטערער פאַר מסירת־נפש׳דיקע מעשים.

עס איז אַ נחת רוח צו לייענען די ערשטע הונדערט זייטן מיט אַלזייטיקע אָפּהאַנדלונגען וועגן דעם לעבן און שאַפן פון ברענערן. חבר גראָדזנעסקי פירט אַריין און באַקאַנט דעם לעזער אויף אַ זייער אינטערעסאַנטן און גרינטלעכן אופן מיט דער פאַרבנרייכער אָבער אָפּטמאָל אויך סתירותפולער פערזענלעכקייט פון גרויסן שריפטשטע־לער. עס לייענט זיך ממש מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם די וואַרעם־אָנגע־הויבענע און אויפריכטיקע עסיי, וואָס איז וועגן ברענערן געשריבן געוואָרן פון דעם מיסטיקער הלל צייטלין. צייטלין גיט אונז אַ שטיק אינטערעסאַנט אידיש לעבן פון דער נאָר־וואָס פאַרגאַנגענער אידישער ווירקלעכקייט אין איראָפּע, אין וועלכער עס האָט געלעבט און געליטן דער צעוויטיקטער ברענער. אין זיין קאַפּיטל „דער טאָלסטאָיאַנער״ דערזעען מיר ברענערן אין דער געשטאַלט פון אַ הייליקן, וואָס לעבט ווי אַ פאַרצייטיקער נזיר, וואָס האָט רעזיגנירט פון אַלע תענוגים פון דער וועלט. אָט איז איינע פון די שטעלן פון דער עסיי: „דער וואָס קען לייענען ניט נאָר דאָס וואָס שטייט אין די שורות, נאָר אויך דאָס וואָס ס׳שטייט איבער די שורות, יענער ווייסט, לייענענדיק מיט אויפ־מערקזאַמקייט ברענערס לעצטע שריפטן (און ברענערס שריפטן מוז מען לייענען נאָר מיט אויפמערקזאַמקייט), באַמערקן, אַז הינטער דעם סאָציאַליסט און פייערדיקן קעמפער איז אין אים, ברענערן, באַהאַלטן ניט נאָר דער גרויסער אייביקער פרעגער, דער גרויסער אייביקער גריבלער, דער שמערצפולער איוב און דער אייביק פּרובנדיקער און אייביק זוכנדיקער קהלת, נאָר אויך די ריינסטע עטישע פּערזאָן על פּי נוסח טאָלסטאָי, פאַראיידלט, פאַרשענערט און פאַרהייליקט דורך דער הויכער ספּעציעל־אידישער רחמנות״.

אשר ביילינס קאַפּיטל „זכרונות״ פון ברענערס לעבן אין לאָנדאָן

העלפט אונז גאָר אַ סך צו פאַרשטיין ברענערס אַנטוויקלונג. אין לאָנ־דאָן האָט ברענער אַרויסגעוויזן זיין גרויסן רעאַליסטישן טאַלאַנט אַלס שריפטשטעלער און ער האָט געשאַפן אַ גרויסע צאָל טיפּן און גע־שטאַלטן. ברענער איז דעמאָלט דער רעדאַקטאָר פון דעם איינציקן העברעאישן זשורנאַל, דעם „המעורר", אָבער ברענער איז ניט נאָר דער רעדאַקטאָר, וועלכער שרייבט די מערסטע אַרטיקלען אונטער פאַרשיי־דענע נעמען, נאָר ער איז אויך דער סעקרעטאַר, דער זעצער און דער אַרויסשיקער פון זשורנאַל.

ברענער פירט דעמאָלט אָן אַ ברייטע קאָרעספּאָנדענץ מיט די וויכ־טיקסטע העברעאישע שריפטשטעלער פון יענער צייט. ניט קוקנדיק אויף זיין אייגענער אָרעמקייט און דערשלאָגנקייט, וועקט ער אָבער יעדן איינציקן אידישן שאַפער, אַז מען זאָל ניט אַריינפאַלן אין אַ יאוש, נאָר מען זאָל זיך שטאַרקן און פאָרזעצן צו שאַפן אידישע גייסטיקע ווערטן. ער אַליין גיט אונז דעמאָלט אַזעלכע וואונדערלעכע דערציי־לונגען, ווי: „מ"א עד מ", „מעבר לגבולין" און אַנדערע. אויך ביילין מאָלט ברענערן מיט די ווערטער: „ער איז געווען אַ פאַרצייטיקער נזיר; קיין טישטוך האָט ניט באַדעקט זיין טיש; קיין בלום האָט אין זיין צימער ניט געאָטעמט; און זיינע ווענט האָבן ניט געהערט קיין פרויען־שטים... ער פלעגט זיך קליידן ווי אַ פּשוטער אַרבעטער, ווינ־ציק זיינען געווען זיינע באַדערפענישן און פון טאָג צו טאָג פלעגט ער זיי נאָך מער פאַרמינערן... ער פלעגט זיך באמת דערווייטערן פון יעדער רעקלאַמע און אַנטלויפן אויף אַן אמת פון יעדן כבוד, וואָס האָט אים נאָכגעיאָגט".

זייער האַרציק און חבריש שרייבט וועגן ברענערן דער באַרימטער העברעאישער דיכטער און ליטעראַטור־קריטיקער יעקב פיכמאַן. ער גיט אונז אַזאַ פאַרהערלעכונג פון ברענערן: „מיט אַן אינערלעכער פעסט־קייט פלעגט ער אויפנעמען יעדע טראַגישע געשעעניש אין אונזער לעבן. אין דעם אמת, פלעגט ער זאָגן, ליגט די הילף, אויב הילף איז בכלל נאָך פאַראַן פאַר אונז. דאָס איז געווען זיין מהות, זיין נביאישער פּאַטאָס, וואָס שטעלט אים אַוועק ווי אַ ווירקזאַמע פערזענלעכקייט אין איין שורה מיט מענדעלע, ביאַליק און אחד־העם... דאָס וואָס ביאַליק האָט אויפגעריסן אין זיין שוידערלעכן ליד, האָט ברענער דערציילט

מיט אַ פאַרשטיקטער פאַרביטערטקייט, אָבער זיינע היסטאָרישע בלעט־לעך האָבן אויפגעקאָכט הערצער און זיי געשניטן שטיקערווייז. ער האָט עס געטאָן ווי איינער פון די גרויסע פאָלקס־וועגווייזער".

אַ רייכער מאַטעריאַל אַנטוויקלט זיך פאַר אונז אין דעם מסירת־נפשדיקן לעבן פון ברענערן אין ארץ־ישראל אין די בייטראָגן פון זיינע חברים און תלמידים פון דער הסתדרות: שמעון קושניר, יציב און אַנדערע. דאָ דערזעען מיר ברענערן אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן, אין זיין אָרעמקייט, געפיניקטקייט און אָפּטמאַל אויך אין די זעלטענע באַגייסטערטע מאָמענטן. צוזאַמענגעמענדיק אָט דעם רייכן מאַטעריאַל פון די הונדערטער בלעטער, דערזעען מיר ברענערן אין אַזאַ געשטאַלט וואָס מוז ביי אונז אַרויסרופן אַזאַ פאַרערונג, וואָס קען בלויז געגעבן ווערן צו הייליקע מאַרטירער־פערזענלעכקייטן.

אַ רייכער מאַטעריאַל פון די בעסטע ברענער־שאַפונגען ווערן אי־בערגעגעבן אין דעם בוך. זיין וויכטיקע שאַפונג „מכאן ומכאן", וואָס ווערט פון קריטיקער באַטראַכט אַלס אַ פערל־שאַפונג פון ברענערן, ווערט דאָ איבערגעגעבן אין אַ פולער מאָס. דאָ קומען אויך אַריין די גרעסערע נאָוועלע „מן המצר" און אויך קליינע זאַכן, ווי: „מעשים", „הזכרת נשמות" און אַ צאָל פון זיינע שאַרפזיניקע, מיט נביאותדיקן פאַטאָס אָנגעהויכטע, ווײ־געשרייען פון ברענערן, ווי אויך אַן אינטע־רעסאַנטע און זייער באַגייסטערטע אָפּהאַנדלונג זיינע איבער דעם דיכ־טער אברהם רייזען.

אין די אַרבעטן שפּיגלט זיך אָפּ די פאַרשידנאַרטיקייט פון ברע־נערס שאַפן, וועמען עס איז שווער אַריינצופּאַסן אין אַן אָנגענומענער ליטעראַרישער פאָרם אָדער שולע.

אַ שאָד וואָס דאָ איז גאָרנישט אַריינגענומען געוואָרן עפּעס פון זיינע אַנדערע ווערק, ווי: „שכול וכשלון", „בין מים למים" און פון זיינע אַנדערע קלענערע שאַפונגען. מיר וואָלטן זיך מער באַקאַנט מיט די ליידנדע געשטאַלטן און טיפן פון דער אידישער אָרעמקייט. מיר וואָלטן דערזען די ספּעציפישע אידישע געפאַלנקייט, וואָס מען טרעפט עס ניט ביי קיין פאָלק. ברענער אַליין האָט דורכגעמאַכט אַלע שווע־ריקייטן און דער שיקזאַל האָט אים, דורך אַ לאַנגן עטאַפּ אין טורמעס און אויך אַנדערע וואַנדערונגען, געבראַכט אין די פאַרוואָרפנסטע און

פינסטערע ווינקלען פון אידישן לעבן אין רוסלאַנד, אין ענגלאַנד און אין גאַליציע. ער איז געקומען פנים אל פנים מיט אידישער אָרעמ־קייט, ווי אויך מיט די אַסימילאַטאָרישע טיפּן, וועמען ס׳איז געלונגען אַרויסצורייסן זיך פון אידישן עלנט און זיי זיינען דאָך געבליבן הענגען אין דער לופטן, אָן אַ באָדן אונטער זייערע פיס. ברענער איז אויך אַריינגעדרונגען אין דער ספּעציפישער ארץ־ישראלדיקער אָרעמקייט און האָט זיך צוגעקוקט צום חלוקה־לעבן, ווי אויך צו אַלע אַנדערע, וואָס לעבן פון קצבה. ער האָט זיך צוגעקוקט און ער האָט געזען דעם גרויסן אידישן צער, און זיין שרייבן איז געווען ווי איין גרויס געשריי איבער אידישן אומגליק, און דורך זיין העלד פּייערמאַן, אין דער דער־ציילונג „בחורף״, גיט אונז ברענער דעם שליסל פון זיין שרייבן: „איך שרייב נאָר דערפאַר, ווייל עס איז פאַר מיר אוממעגלעך ניט אַרויס־צושרייען דעם אַלטן ווייטיק״.

צווישן אונזערע שריפטשטעלער געפינען מיר פּילייכט זייער ווי־ניקע, וועלכע האָבן אַזוי פיינט געהאַט דעם צעבראָכענעם לעבן פון אידן אין די גלות־לענדער ווי ברענער. אין זיין גרויסער אַרבעט „מכאן ומכאן״ אין דעם ברענער־בוך דערזעען מיר די סיבות פאַר ברענערס שנאה צום לעבן אין דער פרעמד. אין דעם מויל פון איינעם פון זיינע העלדן הערן מיר די ווערטער: „אויפלעבונג, דאָס זיינען באַ־צויבערנדיקע ווערטער, אָבער ביי אונז איז פאַר זיי ניטאָ קיין פּלאַץ. עס איז ניטאָ קיין אָרט פאַר אַ רענעסאַנס־באַוועגונג. מיין ציוניזם זאָגט: עס איז געקומען די צייט פאַר דעם לעבנס־פעאיקן טייל אידן צו מאַכן אַ סוף צום לעבן וואָס זיי פירן צווישן ניט־אידן און צו זייער אָפּהענגיקייט פון דער רשעות פון ניט־אידן. די אידישע יוגנט דאַרף פאַרשטיין וואָס עס שטעלט מיט זיך פאַר דאָס אידישע פאָלק אַן און פאַר זיך אין דער פאַרגאַנגענהייט, אין דער קעגנוואָרט און אין דער צוקונפט״.

די זעלבע ווערטער זאָגט ער אויף זיין קורצן לאַקאָנישן אופן, אין זיין „מ״א עד מ״: „הציוניות שלי להיות מה שהנני״ — „מיין ציוניזם מיינט, איך זאָל קענען זיין דאָס וואָס איך בין״. אויף דעם אידישן הו־האַ לעבן אין גלות האָט ער געקוקט ווי אויף דעם „צעפוילטן אונ־טערשטאָק, וואָס מען קען אויף אים ניט אויפבויען קיין געזונטן אויי־בערשטן שטאָק״.

זוכנדיק אַ וועג פאַר זיך און פאַרן גאַנצן אידישן פאָלק, וואו מען זאָל קענען פירן אַ נאָרמאַלן לעבן, איז פאַר אים ארץ ישראל געוואָרן דער גאַנצער מהות פון זיין לעבן. אין די טעג פון אַרבעטלאָזיקייט און געדריקטקייט אין ארץ ישראל האָט ברענער געטענה׳ט: „ציוניזם קען קיינמאָל נישט אַריינטרעטן אין אַ קריזיס“. ער האָט געזאָגט: „אונזער אידייע קען אַמאָל האָבן אַ גרעסערן אָדער קלענערן דערפאָלג, אָבער עס איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר קיין קריזיסן. יעדער טאָג וואָס אַזאַ אַרבעטער ווי איך ווידמעט זיך דער אַרבעט, איז אַ נצחון“.

אין זיינע טיפן ווי דוד דיאַספּאָרין און אריה לפידות פון „מכאן ומכאן“ שפּיגלען זיך אָפּ די אַלע ראַנגלענישן פון דעם אידישן אינטע־ליגענט און אויך זייער דערהויבנקייט, ווען זיי ווערן גאַנצע מענטשן און הויבן אָן דעם נאַטירלעכן לעבן פון אַ אידישן אַרבעטער אין זיין היים און אויף זיין לאַנד. דער ריס אין דער אידישער נשמה ווערט אויסגעהיילט און באַקומט שלמות ווען ער באַהעפט זיך צו נאָרמאַלע אומשטענדן פון אַ היימלאַנד.

***

ברענער איז אָן ספק געווען אַ מענטש פון אַ סך קעגנזאַצן. ער האָט געלייקנט אין אַ סך אמת׳ן און איז געווען גלייכצייטיק אַ גרויסער מאמין. ער האָט געהאַסט אַ סך און האָט אַ סך ליב געהאַט. זיין לעבנסמאָטיוו איז געווען דער אמת. אַזוי האָט ער געפילט, לויט ציטלינען, אין זיין יוגנט, ווען ער איז געזעסן שבת בייטאָג אין דער וויבערשער שול לערנענדיק תנ״ך. ווען מען איז געקומען צו דעם פּסוק: „וד׳ אלקים אמת“, איז ברע־נער פון אָרט אויפגעשפּרונגען: „וד׳ אלקים אמת... גאָט איז אמת!... אמת איז גאָט! . . .“

אויך דעם וועג פון קלאָרקייט, און אָן וולעכע ניט פאַלשקייט איז ברענער דורכגעגאַנגען זיין גאַנצן לעבנס־גאַנג. אין דער אַרבעט: „אין די טעג פון תל־חי“, אין דעם ברענער בוך, הערן מיר ברענערס נביאישן געשריי צו דער גאַנצער וועלט, וועלכער קלינגט ווי אַ נייער „והיה באחרית הימים“ — „עס וועט נאָך קומען אַ טאָג“, זאָגט ברענער, „ווען אַ שטאַרקער בונד וועט געשלאָסן ווערן צווישן אונז, אידישע אַרבעטער, און זיי, די אַרבעטער פון אַראַבישן פאָלק. אָבער ווייט, זייער ווייט איז יענער טאָג. און היינט מאָרדן אונז אונזערע פיינט. זיי ווייסן נישט,

וואָס זיי טוען, זיי פאַרגיסן דאָס בעסטע בלוט פון דער מענטשהייט. זאָלן אָנגענומען ווערן אונזערע קרבנות! און די מושלים, די קאָמיסאַרן און די פילאָסופן — זיי וועלן אונז תמיד פרעגן מיט שפּאָט און פאַראַכטונג: וואָס איז דער אמת? — און מיר, מיר וועלן אים תמיד וויסן און וועלן געקרייציקט ווערן. דאָס איז אונזער פּריווילעגיע: וויסן דעם אמת און געקרייציקט ווערן.״

דאָס איז אַ גרויסער בוך, וועלכער דאַרף געלייענט ווערן מיט דער נויטיקער אויפמערקזאַמקייט אין די היינטיקע שווערע טעג, אין טעג ווען דאָס אידישע פאָלק ווערט געקרייציקט אויף אַזאַ אומדערבאַרעמדיקן אופן און עס דאַרף איצט לעבן אין אונז דער רוף פון ברענערן: „כל־זמן דיין נשמה לעבט אין דיר, זיינען פאַראַן גרויסע מעשים און דערהויבנדיקע מינוטן. זאָל לעבן די אידיש־מענטשלעכע אַרבעט!״

נאָוועמבער, 1941

דער אידישער לעגיאן

די פּאַרטיי און דער אידישער לעגיאָן

דאָס איז געווען אין דעם סוף פון דעם יאָר 1917. די לופט איז דעמאָלט געווען אָנגעפילט מיט גרויסער שפּאַנונג און איז געווען באַלאָדן מיט פאַרלאַנגען און חלומות. דורך די מלחמה־קאַנאָנען, וואָס האָבן פאַרטויבט די וועלט, האָבן זיך דעמאָלט דורכגעריסן די גרויסע בשורות פון אידישער פרייהייט. דאָס אידישע לעבן אין פון צאַר־באַפרייטן רוסלאַנד האָט אויפגעלויכטן, און אָנפירנדע פּערזענלעכקייטן, ווי באָראָכאָוו, רוטענבערג און אַנדערע, זיינען דאַן אַהין אַוועק צו העלפן דאָרט אויפריכטן דעם מיליאָנענדיקן רוסישן אידנטום פון יענער צייט. איבער דעם אידישן הימל איז דעמאָלט געהאַנגען דער רייצנדער אידישער חלום — פאַרקערפּערט אין דער באַלפור דעקלאַראַציע, וואָס האָט געצונדן און גערייצט די אידיש־היסטאָרישע פאַנטאַזיע פון אַ געזעצלעך אָנערקענטן און געזיכערטן אידישן היימלאַנד. טויזנטע בליענדע יונגע מענטשן האָבן אין לאַנד טאָג־טעגלעך מאַרשירט אונטער דער אָנגעגליטער לאָזונג פון „מאַכן די וועלט זיכער פאַר דעמאָקראַטיע" און געשאַפן אַ ראָמאַנטיש־העראָאישע שטימונג. אין דער טיפעניש פון דער יוגנט האָט געברויזט דער פאַרלאַנג נאָך מעשים. עס האָט געצויגן צו באַטייליקן זיך אין דעם איבערבוי פון אַ וועלט, וואָס צעפאַלט און וואָס אירע עלעמענטאַרסטע יסודות ווערן אויפגעלייזט. אין יענער צייט איז די אידישע בענקשאַפט נאָך אויסלייזונג, דער אינסטינקטיווער דראַנג נאָך גבורה פאַרקערפּערט געוואָרן אין אַ היסטאָרישער אונטערנעמונג, וואָס האָט געהייסן „דער אידישער לעגיאָן פאַר ארץ־ישראל".

די אידישע גאַס איז דעמאָלט געווען צעטיילט בנוגע איר שטעלונג צום אידישן לעגיאָן. אמת, די טערקישע רעגירונג האָט דאַן דערקלערט אַן אָפענע מלחמה דעם ציוניזם. זי האָט אָנגעפירט אַ פאַרניכטנדיקע פּאָליטיק אַנטקעגן אַלץ, וואָס האָט אין זיך געטראָגן די קערנער פון ציוניזם. די ארץ־ישראל׳דיקע יוגנט איז דעמאָלט פאַרפייניקט געוואָרן אין תפיסות, אַרויסגעטריבן געוואָרן פון לאַנד אויף אַן אַכזריות׳דיקן

אופן, און איז אַוועקגעשיקט געוואָרן אויף די געפערלעכסטע מלחמה פראָנטן צו קעמפן אַנטקעגן אייגענער באַפרייאונג. די קעגנער פון לעגיאָן זיינען אָבער ניט גערירט געוואָרן פון דער דאָזיקער סיטואַציע. אַפילו דער פאַקט, וואָס די אידישע יוגנט איז סיי ווי סיי געלעגן אין די פאַרשיידענע טראַנשייען פון די מלחמה־פראָנטן און גאַנץ אָפט האָט דער אידישער סאָלדאַט פון איין לאַנד אומגעבראַכט זיין אידישן ברודער פון אַ צווייטן לאַנד, אַפילו דאָס האָט ניט אַרויסגערופן דעם פאַרלאַנג צוזאַמענצונעמען די אידישע מאַסע אונטער איין פאָן און צו געבן מער זין דער פאַטאַלער לאַגע. די באַלפור דעקלאַראַציע, וועלכע איז אין יענער צייט אָפּטמאַל אויסגעטייטשט געוואָרן אין דעם זין, אַז דאָס אידישע פאָלק וועט דאַרפן און מוז שאַפן פאַר זיך אַלע מלוכה־אַטריבוטן און וועט זיך נויטיקן אין אַן אַרמיי אָדער אַ שוץ־בונד, האָט ניט געמאַכט קיין ווירקונג אויף די קעגנער פון לעגיאָן. זיי זיינען פאַרבליבן געטריי צום פאַציפיסטישן אידעאַל פון דער אידישער נבואה „ולא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה״.

אין דעם צענטראַל קאָמיטעט פון אונזער פאַרטיי זיינען פאַרטראָטן געווען ביידע שטאַנדפּונקטן וועגן לעגיאָן, דער פּאָזיטיווער און דער אַבסאָלוט נעגאַטיווער, און דער אויסוועג איז געבליבן צו פאַרבלייבן נייטראַל. דער צ. ק. איז פאַרבליבן נייטראַל צום גאַנצן ענין, ער איז געשטאַנען פון דערווייטנס און האָט זיך בלויז צוגעקוקט צום שפּיל פון די אינסטינקטיווע מלחמה־נייגונגען, וואָס האָבן זיך סובלימירט און זיך אויסגעלייטערט אין אַ היסטאָרישן דראַנג פאַר אידישנאַציאָנאַלער־באַפרייאונג.

אַנדערש האָבן זיך אָבער געהאַלטן די איינצלנע פאַראיינען פון דער פאַרטיי. פילע פון זיי זיינען אָנגעצונדן געוואָרן מיטן פאַרלאַנג אויסצודריקן אויפן שטאַרקסטן אופן דעם ציוניסטישן ווילן און באַטייליקן זיך אויף אַ אוממיטלבאַרן אופן אין דער באַפרייאונג פון ארץ־ישראל. די וויכטיקסטע מענטשן אין די פאַראיינען האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין לעגיאָן. יעדע גרופּע לעגיאָנערן, וואָס איז אָפּגעפאָרן, האָט מיט זיך מיטגענומען פירנדע און אַקטיווע חברים. די געזעגענונגס־און אָפּשיידס־אָוונטן, וואָס מען האָט אין יעדער שטאָט געמאַכט פאַר

די אָפּרייזנדיקע לעגיאָנערן, זיינען געווען דורכגעפירט פון די פועלי־ציון טוער. די לעגיאָן־באַוועגונג איז מערסטנס געלעגן אין פועלי־ציון הענט. ניט נאָר איז דעמאָלט די פועלי־ציון־באַוועגונג איבערן לאַנד כמעט אויסגעליידיקט געוואָרן פון אַקטיווע טוער, נאָר אַפילו די באַוועגונג פאַר אידישע שולן איז כמעט ווי אָפּגעשטעלט געוואָרן, ווייל די פועלי־ציון שול־טוער זיינען אַוועק „אין קאַמף פאַר פאָלק און לאַנד".

דער צ. ק. איז טאַקע געבליבן נייטראַל, אָבער די טעטיקסטע צ. ק. חברים זיינען אַריינגעשפרונגען מיט זייער גאַנצן יונגן ענטוזיאַזם אין דער לעגיאָן־באַוועגונג. איינצלנע צ. ק. חברים האָבן אויף זייער אייגענער איניציאַטיווע זיך געווענדעט קיין וואַשינגטאָן און האָבן פון דער רעגירונג געקראָגן אַ דערלויבעניש צו פאָרמירן דעם לעגיאָן. דער ערשטער, וואָס האָט זיך פאַרגעשלאָגן צו זיין אַ לעגיאָנער, איז געווען ד"ר נחמן סירקין, און דער ערשטער, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין לעגיאָן איז געווען אַ פועלי־ציון. דער קאָמיטעט, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן שאַפן דעם לעגיאָן, איז באַשטאַנען פון פועלי־ציון מיט אַ מערהייט פון צ. ק. מיטגלידער.

אַ דאַנק דער אָנפירערשאַפט פון די פועלי־ציון מיטן לעגיאָן האָט אין דער פראָפּאַגאַנדע אינגאַנצן געפעלט דער ספּעציפישער „מלחמה־פּאַטריאָטיזם". אַדרבא, אין דער אַגיטאַציע האָט זיך שטענדיק געפילט דער טאָן פון אַפּאָלאָגעטיק. מען האָט זיך כסדר געהאַלטן אין איין פאַרענטפערן, פאַרוואָס מען האָט אַ שייכות צו מלחמה. די צענדליקער פרייע פאַרזאַמלונגען, וועלכע פלעגן אָפּגעהאַלטן ווערן יעדן אָוונט אויף די פאַרשיידענע גאַסן פון שטאָט און פלעגן באַזוכט ווערן פון טויזנטער מענטשן, זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אָפּהאַנדלונגען וועגן אידישע פראַגן און פּראָבלעמען. ניו־יאָרק און צענדליקער אַנדערע שטעט האָבן קיינמאָל ניט געהערט אַזוי פיל אידישע רעדנער און אידישע רעדעס, ווי אין די צייטן פון אידישן לעגיאָן.

עס איז אַ גרויסער שאָד, וואָס די איינצלהייטן פון דער לעגיאָן־געשיכטע זיינען נאָך ניט אויפגעשריבן געוואָרן. איך דערמאָן זיך די גרויסע טראַקס, וואָס פלעגן זיך אַוועקשטעלן פונקט צוועלף אַ זייגער

בייטאָג אַרום די גרויסע שניידער־שעפּער, וואו עס האָבן געאַרבעט אידישע אַרבעטער. אַזוי שנעל ווי די אַרבעטער פלעגן אָנהויבן אַרויס־קומען אין די טויזנטער פון די שעפּער, כדי עפּעס אָפּצועסן, פלעגט דער רעדנער־לעגיאָנער אָנהויבן זיין רעדע און אַפּיל צו די אַרבעטער, אַוועקצולייגן דעם שער און נאָדל און זיך אָנשליסן אין דער אַרמיי פון די באַפרייער פון אידישן לאַנד. די סצענעס, ווי צענדליקער אַר־בעטער פלעגן אַרויפשפּרינגען אויף יעדן רעדנער־וואָגן, אָפּגעבן אַ דערקלערונג, אַז זיי גיבן אויף דעם שאַפּ און זייער אַרבעט און אויפ־נעמען די שבועה פון לעגיאָן, זיינען פאַר איינעם, וואָס האָט זיי בייגע־וואוינט, אומפאַרגעסלעכע מאָמענטן.

אַ סך פאָלקלאָר איז געשאַפן געוואָרן אין און אַרום לעגיאָן. די רעדעס פון אַזעלכע פּערזענלעכקייטן, ווי רוטענבערג, בן־גוריון, בן־צבי, ד״ר סירקין, ד״ר יוסף זעף און אַנדערע, וואָלטן צוזאַמענגעשטעלט אַ וויכטיק בוך פון אַ ספּעציפישער אידישער אויפפאַסונג פון די צילן און אויפגאַבן פון אַן אַרמיי.

וואָס די געשיכטע וועט זאָגן וועגן אידישן לעגיאָן, וועגן יענע טויזנטער (אַן ערך פון 7 טויזנט מענטשן בלויז פון אַמעריקע) פון דער אידישער יוגנט, וואָס האָבן זיך געלאָזן אין אָפענער מסירת נפש פאַר אַ פאָלקס־אויסלייזונג, בלייבט פאַר דער צוקונפט. די פאַרדינסטן פון די פּועלי־ציון אין דער לעגיאָן־באַוועגונג זיינען אָבער זייער פּאָזיטיווע. אַ דאַנק דעם פּועלי־ציון־עלעמענט איז דער לעגיאָן קיינמאָל ניט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אינסטרומענט פון מיליטאַריזם און רעאַקציע.

דער לעגיאָן האָט פאַר זיינע פאַר׳גוי׳עשטע און גוי׳עשע באַאַמטע אפשר צום ערשטן מאָל אויפגעדעקט די אידישע פאָלקס־נשמה. די גוי׳עשע גענעראַלן האָבן צום ערשטן מאָל דערזען סאָלדאַטן, וואָס שלעפּן אויף זייערע פּלייצעס פּעק מיט קלאַסישע ביכער, ווי שעקספּיר, געטהע און די ביבל, און האַלטן שטענדיק אין דיסקוטירן וועגן נאַ־ציאָנאַלע און סאָציאַלע פּראָבלעמען. צום ערשטן מאָל האָבן ענגלישע מיליטערישע באַאַמטע דערזען פאַר זיך סאָלדאַטן, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט קאָנפערענצן און קאָנווענשאָנס. דער אידישער נאַציאָנאַלער ווילן,

וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט אין לעגיאָן, האָט מאַנכעס מאָל פשוט פאַרוואונדערט די ענגלישע אַריסטאָקראַטן, וועלכע האָבן געמיינט, אַז דאָס ביבל-פאָלק איז נאָך אַלץ פאַרטאָן בלויז אין די מעשות פון די פאַטריאַרכאַלישע אבות. זיי האָבן פאַר זיך דערזען אַ שטורמדיקע אידישע געזעלשאַפט, וואָס פאָדערט, וואָס מאָנט און איז גרייט צו קעמפן און ליידן פאַר אירע אידעאַלן.

צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער בריטישער אַרמיי איז דערלויבט געוואָרן סאָלדאַטן זיך צו פאַרנעמען פראַקטיש מיט פּאָליטיק. דריי אידישע באַטאַליאָנען, וואָס זיינען געווען אָרגאַניזירט אונטערן נאָמען „ראָיאַל פיוזילירס", האָבן זיך באַטייליקט דורך גע־ווילטע דעלעגאַטן אין דער פאָרמירונג פון דער ערשטער פאַראייניק־טער אידישער אַרבעטער־פאַרטיי „אחדות העבודה". אַ דאַנק די הונ־דערט און אַכט און צוואַנציק דעלעגאַטן, וואָס זיינען געשיקט געוואָרן פון דעם אידישן לעגיאָן, איז מעגלעך געוואָרן יענער אימפּאָזאַנטער צוזאַמענקונפט אין פתח תקוה, וועלכע האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער שפּעטערדיקער „הסתדרות הפועלים".

די ראָלע פון אידישן לעגיאָן אין ברענגען דערמוטיקונג צו דער אידישער וועלט אין דער צייט פון יאוש און מלחמה־פאַרניכטונג, די דערהויבענע שטימונג, וואָס דער אידישער לעגיאָן האָט געבראַכט צו דער דערשראָקענער אידישער באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל אין דער מלחמה־צייט, און דער פאַרקערפּערטער ווילן פון טויזנטער אידישע מענטשן פאַר פאָלקס־באַפרייאונג און מסירת נפש, איז גאָר אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען דעם איינפלוס פון פועלי־ציוניזם.

דעצעמבער, 1935

דער אידישער לעגיאָן

(שטימונגען)

דער אידישער לעגיאָן איז אַ נאָמען, וואָס ווען מען זאָגט אים אַרויס, דערפילט מען אַז מען האָט דאָ אַנגערירט אַן ערנסטע היסטאָרישע טעמע. דער נאָמען פאַרמאָגט אין זיך קראַפט און פאַרנעם. מיר דערפילן אין אים דעם צויבער פון אַ העראָאישער יוגנט־באַוועגונג, וואָס לאָזט זיך אויף ברייטע סכנהדיקע וועגן.

לײדער איז ניט מעגלעך אין אַזאַ קלײנער אויסגאַבע אַפילו צו װעלן באַרירן דעם אידעאַליזם און יענע אויסטערלישע פאַקטן װאָס האָבן אַרויסגערופן די שאַפונג פון אידישן לעגיאָן אין אַמעריקע. עס איז גענוג בלויז צו וויסן, אַז די טאָן־געבער אין דער אידישער פרעסע און אין דער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט זיינען געווען קעגן זיין שאַפונג און די זעלבסטשטענדיקע ענטשטייאונג פון לעגיאָן איז באמת געווען פון די סאַמע אינטערעסאַנטסטע קאַפּיטלען אין דעם אידישן געשיכטלעכן לעבן אין אַמעריקע.

די וואָס זיינען געשטאַנען ביי דער שאַפונג פון לעגיאָן געדענקען ווי יונגע בחורימלעך זיינען געקומען בעטן אַז מען זאָל זיי אַריינגעמען אין די רייען פון לעגיאָן. אָבער אַזוי שנעל ווי מען האָט זיי אַריינגענומען זיינען געקומען זייערע מאַמעס און טאַטעס און האָבן מיט טרערן אין די אויגן געבעטן אַז מען זאָל זיי צוריקגעבן זייערע קינדער. די קינדער אַליין פלעגן אָבער ענטפערן: ניין, מיר קענען זיך ניט אומקערן אַהיים. מיר האָבן אונזער שבועה שוין אָפּגעגעבן; מיר באַלאַנגען צום פראָנט, וועלכער דאַרף פאַרטיידיקן און שאַפן די פרייע אידישע היים. די וואָס געדענקען אַפילו בלויז יענע סצענעס פון לעגיאָנס געבורט וועלן קיינמאָל ניט אַרויסרעדן דעם נאָמען „אידישער לעגיאָן" אָן פאַרערונג און ערפורכט.

אַ געוויסער אינצידענט ביי דער גרינדונג פון לעגיאָן גייט מיר ניט אַרויס פון מיין זכרון: דאָס איז געווען אין אַ געוויסן הייסן יולי

אָונט אין ניו יאָרק. די אַרבעט פאַרן לעגיאָן איז אָנגעגאַנגען מיט אַ גרויסן ברען. צענדליקער „אָפּען־אייר״ מיטינגען פלעגן אָפּגעהאַלטן ווערן יעדן אָוונט אין די געדיכטסטע אידישע געגנטן, וואו מען פלעגט אַפּעלירן און אויך רעקרוטירן נייע מיטגלידער פאַרן לעגיאָן. אין יענעם אָוונט זיינען מיר געווען זאַלבעדריט אויף איין אָפּענעם וואָגן אין אַ געוויסער אידישער געדיכטער געגנט וואו מיר האָבן גערעדט פאַרן לעגיאָן.

דער ערשטער רעדנער איז געווען דער באַרימטער דר. יוסף זעף. נאָך זיין הייסן אָפּיל און באַגייסטערטער רעדע איבער די קאַמפן אין דער אידישער געשיכטע האָבן זיך פינף מענטשן אָנגעשלאָסן אין לעגיאָן און זיינען ווי געוויינלעך אַרויף אויפן וואָגן. נאָך אים איז געקומען דער צווייטער רעדנער, אַ באַקאַנטער טוער און אינטעליגענט און ער האָט אָנגעהויבן אַפּעלירן פאַר נאָך מיטגלידער. זיין רעדע איז אומגעפער געווען אַזאַ: אידישע יונגעלייט, מיינט ניט אַז די שרעקן פון מלחמה וועלן אייך אויסמיידן און איר וועט קענען בלייבן רואיק אויף דער אידישער איסט־סייד. שליסט זיך אָן אין לעגיאָן, האָט ער געטענהט. די מלחמה וועט לאַנג דויערן; זיכער מער פון אַ יאָר; מער פון צוויי; מער פון דריי, און ער האָט אַזוי געהאַלטן און צורעכענען די יאָרן וואָס די מלחמה וועט זיך ציען. דר. זעף איז אויפגעציטערט געוואָרן. „מען מוז״, זאָגט ער, אָפּשטעלן דעם רעדנער. „אויב די יונגעלייט, וועלכע האָבן זיך נאַרוואָס אָנגעשלאָסן און זיצן אויפן וואָגן וועלן דערהערן אַז די מלחמה וועט זיך אַזוי לאַנג ציען, וועלן זיי נאָך אַרונטערשפּרינגען פון וואָגן און אַנטלויפן. ווער וויל עס גיין קעמפן פאַר צען יאָר? אַ יאָר־צוויי קען מען נאָך פועלן ביי אַ מענטשן אַז ער זאָל אָפּגעבן פאַר אַ פאָלקס־אינטערעס, צען יאָר מלחמה וועט אָבער קיינער ניט וועלן אַריבערטראָגן״. דר. זעף האָט פיל געטומלט, דער רעדנער האָט זיין רעדע ניט איבערגעריסן און די פינף מענטשן זיינען אָבער פון וואָגן ניט אַרונטערגעשפּרונגען. זיי האָבן געהערט פון אַ לאַנגן דויערנדיקן אידישן קאַמף און זיי האָבן זיך פאַר דעם ניט דערשראָקן.

ווער ווייס, ווער עס איז אין יענעם אָוונט געווען גערעכט. די

מלחמה אויף אונזער אידישן פראָנט האָט ניט אויפגעהערט ביז היינט צו טאָג. ארץ ישראל איז נאָך אַלץ ניט אויסגעלייזט, איז ניט באַפרייט און איז נאָך ווייט פון זיין די פרייע היים פון אידישן פאָלק. אפשר איז יענער רעדנער גערעכט געווען, ווען ער האָט דערזען אַז דער אָנשלוס אין אידישן לעגיאָן האָט געדאַרפט מיינען אַ לעבנס־בונד פאַר פאָלקס־באַפרייאונג און פאַר פאָלקס־אויסלייזונג פאַר גאַנצע צענדליקער יאָרן.

ווי לאַנג צוריק איז דאָס געווען, ווען טויזנטער אידישע יונגעלייט, אין סאַמען לעבנס בליען זייערן האָבן פרייוויליק זיך אָנגעשלאָסן און אָפגעפּאָרן מיטהעלפן אין דער באַפרייאונג און אויפבוי פון אַ אידישן לעבן אין ארץ ישראל? ווער געדענקט עס ניט וואָס פאַר אַ אידישע נאַציאָנאַלע דערוואַכונג דאָס האָט אַרויסגערופן? היינט שטורמט דאָך ווידער מיט מלחמה, אָבער וואו איז די קעמפנדע אידישע אַרמיי וואָס זאָל זיין גרייט צו שטאַרבן כדי צו זיכערן אַ מקום מנוחה פאַר די מיליאָנען גערודפטע אידן?

דער הערצאָישער קאַפּיטל פון אידישן לעגיאָן אין אַמעריקע, די פּאָטענציעלע קראַפט אין אידישן פאָלק פון יענער צייט און זיין קאַמפּ־לוסטיקייט פאַרן ציוניזם איז נאָך ניט געשריבן געוואָרן און איז ליידער אַפילו ניט פאַרצייכנט געוואָרן ווי געהעריק אויף די בלעטער פון דער קעגנוואַרטיקער אידישער געשיכטע אין אַמעריקע, אָבער אַ באַרג ווערט בולטער און אימפּאָזאַנטער ווען מען קוקט אויף אים פון אַ ווייטן פּערספּעקטיוו. מיר זיינען איצט נעענטער צו דער צייט ווען מען קען אָנהויבן שרייבן דעם דאָזיקן קאַפּיטל אויף אַן אָביעקטיוון און ערנסטן אופן. זאָל טאַקע דער איצטיקער צוזאַמענקונפט אונז דערמאָנען אַז מיר לעגיאָנערן מוזן איצט אויך אַ טראַכט טאָן וועגן דער אויפגאַבע צו שאַפן אַזאַ געשיכטס־בוך. אויב מיר וועלן דאָס ניט טאָן ווער ווייס אויב אַנדערע וועלן עס פאַר אונז טאָן?

ביי דער געלעגנהייט זאָל מיר דערלויבט זיין צו דערמאָנען איינע פון די קורצע און פשוטע רעדעס פון באַליבטן קוירנעל מאַרגאָלין, וואָס ער האָט איינמאָל געהאַלטן פאַר דעם ניין און דרייסיקסטן באַ־טאַליאָן. דאָס איז געווען אַרום פסח צייט אין ארץ ישראל. אַ רחובותער

איד, אַ גביר, וועלכער איז געקומען פון אויסטראַליע האָט איינגעלאַדן דעם גאַנצן באַטאַליאָן צו קומען אין רחובות צו אַ פאָלקס יום־טוב. ווען דער גאַנצער באַטאַליאָן איז געווען אויסגעשטעלט גרייט צו מאַר־שירן אין רחובות, האָט מאַרגאָלין פאַר אים געהאַלטן די דאָזיקע קורצע רעדע: „מיינע קינדער, מען האָט אונז איינגעלאַדן צו אַ יום־טוב אין רחובות. נו, דאַרפן מיר גיין. אפשר וועט מען אונז דאָרטן געבן אַ גלאָז טיי און אפשר ניט. אָבער זאָרגט ניט, איך האָב פאַרזאָגט אַז מען זאָל מיטפירן מיט זיך אונזער אייגענע קיך מיט עסן. מיר טאָרן זיך אויף קיינעם ניט פאַרלאָזן נאָר אויף זיך אַליין". יאָ, וועגן דער געשיכטע פון דעם אידישן לעגיאָן קען מען זיך דאַכט זיך אויך אויף קיין אַנדערן ניט פאַרלאָזן. מיר מוזן אַליין שרייבן, אַליין שאַפן דעם טינט, דעם פאַפיר אויף וועלכן די געשיכטע פון לעגיאָן זאָל פאַרשריבן ווערן.

זייט האַרציק געגריסט צו דעם איצטיקן צוזאַמענקום. זאָל עס זיין אַ גוטער אָנהויב פאַר אָפטערע צוזאַמענקונפטן כדי צו ברענגען דעם אידעאַליזם און קרבנות־גרייטקייט פון אידישן לעגיאָן צו היינ־טיקער יוגנט און צו דעם נייעם אידישן דור אין אַמעריקע.

מאַי, 1940

די היסטאָרישע באַדייטונג פון אידישן לעגיאָן

מיט עטלעכע וואָכן צוריק איז אונטער דער אויפזיכט פון דעם עמוירדזשענסי קאָמיטעט פון אַלע ציוניסטישע גרופּירונגען געפייערט געוואָרן דער 25־יאָריקער יובילײ פון אידישן לעגיאָן. דער זאַל וואו די פייערונג איז פאַרגעקומען איז געװען פאַרהעלטניסמעסיק ניט צו גרויס. די אָנשטרענגונג צו ברענגען וואָס מער מענטשן איז גראָד געווען אָן ערנסטע. פון דעסטוועגן איז דער זאַל געווען ווייט ניט אָנגעפילט. דער דאָזיקער פאַקט דאַרף אונז אַלעמען פאַראינטערעסירן. ניט אַזוי האָט די צוויי־מיליאָניקע אידישע באַפעלקערונג פון ניו־יאָרק געדאַרפט פייערן אַזאַ גרויסע היסטאָרישע פאַסירונג. די אידישע צייטונגען, וועלכע כאַפּן אויף יעדע סענסאַציע און גיבן אַוועק פיל פּלאַץ אפילו פאַר אומבאַדייטנדע געשעענישן, האָבן ניט געפונען פאַר נויטיק צו האָבן אַרטיקלען און לייט־אַרטיקלען איבער דעם אידישן לעגיאָן. אויסער די נאָטיצן און באַריכטן וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פון די וועלכע האָבן אַליין דורכגעפירט די אונטערנעמונג, האָבן די אידישע שרייבער פאַרגעסן צו געבן אויסדרוק צו אַ היסטאָרישער געשעעניש פון אַזאַ גרויסן פאַרנעם.

אָבער גרויסע געשעענישן האָבן זייער מזל. אויב עמיצער פאַר־נאַכלעסיקט זיי אין איין עפּאָכע, קריגן זיי אָבער זייער תיקון אין דער צווייטער עפּאָכע. די היינטיקע שרייבער און היסטאָריאָגראַפן, וועלכע האָבן פאַרשוויגן די דאָזיקע גרויסע פאַסירונגען פון לעגיאָן, האָבן בלויז באַוויזן ווי בלינד זיי זיינען, און ווי ווייניק פאַרשטענדעניש זיי פאַרמאָגן ווען עס קומט צו גרויסע פאַסירונגען פון זייער אייגענער צייט.

**
*

דער אָנהויב פון אַ אידישן לעגיאָן, דער ווילן צו באַשאַפן אַ אי־דישן מיליטערישן כוח אונטער אַ אידישער פאָן, איז געקומען מיט דעם אָנהויב פון דער לעצטער וועלט־מלחמה, שוין אין יאָר 1914. דער

באַקאַנטער געלערנטער און פּרעזידענט פון ועד לאומי פון ארץ־ישראל, יצחק בן־צבי, דערציילט אין זיינע „געזאַמלטע שריפטן", אַז באַלד ווי טערקיי איז אַריין אין דער וועלט־מלחמה, האָט ער און זיינע חברים פון ארץ־ישראל אָרגאַניזירט אַ גרופּע „פּריוויליקע" פאַר דער אָטאָ־מאַנישער אַרמיי, מיט דעם תנאי, אַז זיי, די פּריוויליקע, זאָלן בלייבן אין לאַנד אַלס אַ אידישע מיליטערישע אָפּטיילונג פון דער טערקישער אַרמיי, וואָס זאָל באַשיצן די גרעניצן פון ארץ־ישראל. בן־צבי דער־ציילט, אַז די לאָקאַלע קאָמאַנדע פון דער טערקישער אַרמיי האָט צו־ערשט אָנגענומען די ערשטע גרופּע וואָס האָט געציילט 40 מאַן, צווישן וועלכע עס זיינען אויך געווען י. ח. ברענער, דוד בן־גוריון און אַנדערע. אָבער באַלד איז אָנגעקומען אַ באַפעל פון מיליטערישן שטאַב אין דמשק, אַז מען זאָל די אידן ניט אַריינגעמען אין דער טערקישער אַרמיי ווי אַ באַזונדערע גרופּע. דאָס איז געווען דער ערשטער פאַרזוך צו אָרגאַניזירן אַ אידיש־מיליטערישן כוח אונטער אַן אייגענער פאָן און עס האָט זיך ניט איינגעגעבן.

דער צווייטער פאַרזוך צו גרינדן אַ זעלבסטשטענדיקע אידישע אַרמיי, וואָס האָט זיך בלויז טיילוויז איינגעגעבן, איז געמאַכט געוואָרן אין אַלעקסאַנדריע, עגיפּטן, אין אַפּריל, 1915, און איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „זייאָן מיול קאָרפּס". מיט דער גרינדונג פון דעם לעגיאָן האָבן זיך באַשעפטיקט יוסף טרומפּעלדאָר, זאב זשאַבאָטינסקי און אַ גרופּע אָנגעזעענע אידישע פּליטים, וואָס די טערקישע רעגירונג האָט פאַר־טריבן פון ארץ־ישראל און האָט זיי געהאַלטן אין אַ קעמפּ אין גאַבאַרי־עגיפּטן. די דאָזיקע יונגעלייט, וועלכע מען האָט אויסגעוויזן פון ארץ־ישראל, האָבן נאָך אַלץ געזוכט אַ מעגלעכקייט צו פאַרבלייבן כאָטש נאָענט צו ארץ־ישראל און באַטייליקן זיך אין דער באַפרייאונג פון לאַנד. בן־צבי דערציילט, אַז ווען ער מיט זיין גרופּע זיינען געקומען אין אַלעקסאַנדריע, האָבן זיי געוואָלט זיך אָנשליסן אין דעם „זייאָן מיול קאָרפּס". זיי זיינען אָבער באַשטאַנען, אַז דער קאָרפּוס זאָל ניט אַוועקגעשיקט ווערן אין קיין אַנדער פּלאַץ, נאָר מען זאָל אים האַלטן צו באַשיצן די גרעניצן פון ארץ־ישראל. די ענגלישע מאַכט איז אויף דעם ניט איינגעגאַנגען און ער מיט זיין גרופּע זיינען דעמאָלט אַוועק־געפאָרן קיין אַמעריקע.

דער „זייאָן מיול קאָרפּס" איז טאַקע אָוועקגעשיקט געוואָרן ווייט פון ארץ־ישראל — אַזש קיין גאַליפּאָלי. דער דאָזיקער אידישער יוניט האָט באַוויזן אַ סך העלדישקייטן. ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס די ענגלישע רעגירונג האָט דעם אידישן יוניט ניט געשיקט אויפן שלאַכט־פעלד, נאָר האָט אים געגעבן צו טאָן פאַרשיידענע אַרבעטן, האָט דאָך דער „זייאָן מיול קאָרפּס" אַרויסגעוויזן אַ סך גבורות און אַ סך פון זיינע מיטגלידער זיינען געפאַלן פון דייטשע און טערקישע קוילן. דעם 26טן מאַי, 1916, ווען דער פראָנט אין גאַליפּאָלי איז ליקווידירט געוואָרן, איז אויך אויפגעלייזט געוואָרן דער אידישער „זייאָן מיול קאָרפּס".

גאָר אַן אַנדער מזל האָט געהאַט דער דריטער פאַרזוך פון גרינדן אַ אידישן לעגיאָן, אין וועמענס פּלענער עס האָבן זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע לענדער פּנחס רוטענבערג, יוסף טרומפּעלדאָר, זאב זשאַ־באָטינסקי און אַנדערע. עס איז אינטערעסאַנט, אַז די גרופּע וואָס האָט פּלאַנירט ווי אַזוי די אידישע יוניטס זאָלן אָרגאַניזירט ווערן, זיינען זיך צעפאָרן אין באַזונדערע וועלט־טיילן. רוטענבערג קיין אַמעריקע, טרומפּעלדאָר קיין רוסלאַנד און זשאַבאָטינסקי קיין ענגלאַנד. אָבער אין אַלע דריי וועלט־טיילן זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן אידישע כוחות וואָס האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער לעגיאָן־געשיכטע און אין דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל. זשאַבאָטינסקי האָט געהאָלפן אָרגאַ־ניזירן אַ אידישן באַטאַליאָן אין ענגלאַנד, טרומפּעלדאָר האָט אָרגאַני־זירט אַ גרויסע חלוצים־באַוועגונג וואָס האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער חלוצישער עליה, און רוטענבערג האָט פאַרזייט די קערנער פאַר דעם אידישן לעגיאָן אין אַמעריקע.

אַרום סוף 1917 איז אין אַמעריקע דערגרייכט געוואָרן, נאָך אַ סך אָנשטרענגונגען, די לעגאַלע מעגלעכקייט אָנצוהייבן אָרגאַניזירן אַ אידישן לעגיאָן. עס איז דאַן געווען אַ צייט פון גרויסער שפּאַנונג. רוסלאַנד האָט זיך דאַן באַפרייט פון איר צאַרישער שקלאַפעריי און עס זיינען פון דאָרטן אָנגעקומען בשורות פון אידישער פרייהייט. איבער דער אידישער וועלט איז דעמאָלט געהאַנגען דער גאולה־חלום, פאַר־קערפּערט אין דער באַלפור־דעקלאַראַציע, וואָס האָט פאַרשפּראָכן אַ

נאַציאָנאַלע היים פאַרן אידישן פאָלק. די אידישע בענקעניש נאָך אויסלייזונג איז דעמאָלט פאַרקערפּערט געוואָרן אין דעם גרויסן היס־טאָרישן אויפטו, וואָס האָט געהייסן אידישער לעגיאָן פאַר ארץ־ישראל.

אויך דעמאָלט האָט געדויערט אַ סך צייט ביז די אָפיציעלע לייטונ־גען פון די פאַרשיידענע ציוניסטישע פּאַרטייען האָבן געגעבן זייער ברכה צו די אידישע אָרגאַניזירטע מיליטערישע כוחות וואָס האָבן געוואָלט קעמפן פאַר ארץ־ישראל. אויך דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי, וועלכע איז געווען די ערשטע וואָס האָט אויפגע־כאַפּט דעם געדאַנק פון אַ לעגיאָן און וועמענס וויכטיקסטע מיטגלידער, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען דוד בן־גוריון, י. בן־צבי, דר. נחמן סירקין, ש. באַנטשעק, ב. צוקערמאַן, וו. שוואַרץ, און ה. עהרענרייך, האָבן אָנגעהויבן מאַכן די נויטיקע פּאָליטישע פאַרבינדונ־גען אַז דער לעגיאָן זאָל ווערן אַ פאַקט, האָט אָבער ניט געקענט פּועלן ביי אַלע זיינע מיטגלידער אַז זיי זאָלן מסכים זיין צו דעם געדאַנק פון אַ אידישן לעגיאָן.

דאָס זעלבע איז אויך געשען מיט דער אַלגעמיינער ציוניסטישער באַוועגונג. פון אָנהויב איז די ציוניסטישע עקזעקוטיווע געווען אינ־גאַנצן קאַלט צו דער באַוועגונג פאַר א אידישן לעגיאָן, אָבער ווי עס זעט אויס האָט דער ציוניסטישער פירער לואיס ד. בראַנדייס געווירקט אויף דעם דעמאָלסטיקן סעקרעטאַר פון דער ציוניסטישער פּאַרטיי, יעקב דע האז, אַז מען דאַרף דעם לעגיאָן אויפשטעלן.

פאַקטיש אָבער האָט זיך דער אידישער לעגיאָן אין אַמעריקע אָרגאַניזירט כמעט מיט אייגענע כוחות. אַזוי שנעל ווי די בשורה איז אָנגעזאָגט געוואָרן, און דאָס איז געווען אַן ערך אין נאָוועמבער, 1917, אַז מען האָט געקראָגן אַ דערלויבעניש פון דער בריטישער רע־גירונג פאַר א אידישן לעגיאָן, האָבן זיך אָנגעהויבן גרינדן לעגיאָן־קאָמיטעטן אין די גרעסערע שטעט אין אַמעריקע, און נאָך איידער מען האָט צייט געהאַט איינצושטעלן פאַרבינדונגען, האָבן זיך שוין גע־מאָלדן וואָלונטירן פון אַלע שטעט.

דער אידישער לעגיאָן וואָלט זיכער, לויט דער שטימונג וואָס עס האָט דעמאָלט געהערשט צווישן דער אידישער יוגנט, אויסגעוואַקסן צו אַן אַרמיי מיט אַ גרויסער צאָל דיוויזיעס. איז אָבער די לאַגע גע־

ווען אַזאַ, וואָס די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט ניט דערלויבט קיין יונגע לייט, וואָס האָבן שוין אַרויסגענומען די ערשטע פּאַפּירן, אַז זיי זאָלן זיך אָנשליסן אין דעם אידישן לעגיאָן וועלכער איז געווען אַן אָפּטיילונג פון דער בריטישער אַרמיי. עס האָבן זיך געקענט אָנשליסן בלויז די וואָס האָבן דעמאָלט געהאַט די „עף״ קאַרטלעך. דאָס זיינען געווען קאַרטלעך, וואָס די „רעקרוטינגס־באָרדס״ האָבן אַרויסגע־שיקט צו די יונגע לייט וואָס זיינען אָנגעקומען פון אַנדערע לענדער און וועלכע האָבן ניט אַרויסגענומען קיין ערשטע פּאַפּירן. די יונגע לייט האָט מען אין דער לעצטער מלחמה ניט געקענט נעמען אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי. זיי זיינען פאַררעכנט געוואָרן פאַר „עליענס״, האָט מען זיי דערלויבט זיך אָנצושליסן אין אידישן לעגיאָן. זעלבסטפאַר־שטענדלעך אַז זייער צאָל איז געווען באַדייטנד באַשרענקט.

די לעגיאָן־קאָמיטעטן, וועלכע האָבן זיך ספּאָנטאַן אַנטוויקלט, האָבן אָנגעמאַכט אַ רושם אין דער אידישער גאַס. אין יעדער שטאָט פלעגן אָפּגעהאַלטן ווערן מיטינגען און מאַסן־פאַרזאַמלונגען אין די גרעסטע זאַלן פון שטאָט. די יונגע לייט, וואָס האָבן זיך פרייוויליק אָנגעשלאָסן אין לעגיאָן, זיינען עס אַליין געוואָרן די אַגיטאַטאָרן פאַר דעם לעגיאָן. מיט זייער יוגנט, באַוואוסטזיניקייט און מיט זייערע מגן־דוד׳ס אויף די אָרעמס, האָבן זיי אַריינגעבראַכט אַ באַגייסטערטע אידישקייט אויף די גאַסן. אַלס סאָלדאַטן האָט זייער אַרבעט געטראָגן אַן אָפיציעלן כאַראַקטער.

די אויפטריטן פון לעגיאָנערן אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען פלעגט סטימולירן און אַרויסרופן געפילן פון שטאָלץ און ווירדיקייט. עס איז אינטערעסאַנט, אַז ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס די אידייע פון אַ זעלבסטשטענדיקן אידישן לעגיאָן וואָס לאָזט זיך אַרויס קעמפן פאַר ארץ־ישראל אַלס אַ נאַציאָנאַל היימלאַנד, האָט אויך דעמאָלט געהאַט זייער אַ סך פאַרביסענע קעגנער צווישן די יאַהודים און אין די אַסימי־לירטע אַרבעטער־קרייזן, האָט אָבער קיינער דעמאָלט ניט געוואַגט אַרויסצוטרעטן עפנטלעך קעגן דעם לעגיאָן.

אין ניו־יאָרק איז די אַרבעט אָרגאַניזירט געוואָרן אויף אַ גאַנץ טיכטיקן אופן. לעגיאָנערן האָבן געהאַט זייערן אַן אייגענעם לאָקאַל אויף איסט בראָדוויי. אַרום פסח־צייט איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ

גרויסער אַרבעטסזאַמער קאָמיטעט וואָס איז באַשטאַנען פון עטלעכע פאָרשטייער פון דער ציוניסטישער און פועלי־ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע און פון אַ גרויסער צאָל אַנגעשלאָסענע לעגיאָנערן. מיט דער צייט האָט זיך אויסגעבילדעט אַ פּעאיקער רעדנער־קאָמיטעט פון אַרום 30 לעגיאָנערן און זיי האָבן צו זיך צוגעצויגן אַ צאָל ציוניסטישע פּי־רער. אונטער דער אויפזיכט פון דעם שרייבער פון די שורות, וועל־כער איז געווען אַ מיטגליד פון ענגן קאָמיטעט, זיינען וועכנטלעך אָר־גאַניזירט געוואָרן הונדערטער פאַרזאַמלונגען וועגן אידישן לעגיאָן אין אַלע טיילן פון שטאָט. יעדן אָונט פלעגן אַרויספאָרן אַרום 30 טראָקס וואָס פלעגן זיך צעשטעלן אין די געדיכט־באַוואוינטע אידישע געגענטן און די וואָרעמסטע ציוניסטישע רעדעס, מיט אַ רוף פאַר אידישן קאַמף פאַר באַפרייאונג, פלעגן געהאַלטן ווערן פון פאַרשיידענע רעדנער. די רייד האָבן זיך שטענדיק פאַרענדיקט מיט אַן אַפּיל אַנצושליסן זיך אין אידישן לעגיאָן. צענדליקער נייע וואָלונטירן פלעגן מיט די זעלביקע טראָקס אָוועקגעפירט ווערן צום בריטישן אָפיס, וואו זיי פלעגן איינ־געשוואָרן ווערן אַלס מיטגלידער פון דעם אידישן לעגיאָן. פאַרבנרייך פלעגן זיין די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען אַלע טאָג צווישן צוועלף און איינס, אין דער מיטאָג־שטונדע. די רעדנערס מיט די טראָקס פלעגן זיך אַריינשניידן אין די גאַסן וואו עס אַרבעטן די אידישע שניידער און אַנדערע בעלי־מלאכות. אין מיטן טאָג פלעגן צענדליקער גאַסן אַרום דער פינפטער, זעקסטער און זיבעטער עוועניו פאַרקלונגען ווערן מיט ציוניסטישע און סאָציאַליסטישע רעדעס.

די גרויסע פאַרזאַמלונגען אין הונדערטער שטעט אין אַמעריקע און די גרויסע פּאַראַדן איבער די גאַסן ווען די גרופּעס פלעגן אָוועק־פאָרן, האָבן איבערגעלאָזן אַ טיפן רושם אויף הונדערטער טויזנטער אידן.

די באַנקעטן פאַר די לעגיאָנערן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין אַלע שטעט פון לאָס אַנדזשעלעס ביז ניו־יאָרק, האָבן געשאַפן אַ וואונ־דערבאַרע שטימונג פאַר ארץ־ישראל און האָבן אויפגעוועקט דעם אי־דיש־נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין. די פאַרמירונג פון לעגיאָן האָט טיף

פאַרוואָרצלט דעם ציוניסטישן אידעאַל ביי די אידישע מאַסן אין אַמע־ריקע.

***

די אַנטוויקלונג פון אידישן לעגיאָן, נאָכדעם ווי די זיבן טויזנט מענטשן האָבן פאַרלאָזן די פאַראייניקטע שטאַטן און האָבן געוואַנדערט דורך קאַנאַדע, ענגלאַנד, פראַנקרייך און עגיפּטן ביז זיי זיינען אָנגעקומען צו די שלאַכט־פעלדער פון ארץ־ישראל, איז אַ וויכטיקער קאַפּיטל אָן און פאַר זיך. די דריי פראָנטן, אויף וועלכע די אידן האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט, זיינען געווען: 1) ירושלים־רמלה, 2) יריחו און 3) עסאַלט. די דריי אידישע באַטאַליאָנען, באַקאַנט אונטערן נאָמען 38, 39 און 40 „ראָיאַל פיוזיליערס", און וועלכע זיינען געקומען פון אַמעריקע, ענגלאַנד און ארץ־ישראל, האָבן געבראַכט באַדייטנדיקע קרבנות פאַר דער באַפרייאונג פון ארץ־ישראל. די העראָאישע מאַנטן פון די אידישע לעגיאָנערן זיינען פאַרצייכנט געוואָרן פון איינעם פון די קאָמאַנדירן פון אידישן לעגיאָן, פון דעם קאָרנעל פּעטערסאָן, אין זיין באַרימטן בוך „מיט אידישע לעגיאָנערן אין ארץ־ישראל".

אַ באַזונדער קאַפּיטל וועגן אידישן לעגיאָן איז דער אופן ווי אַזוי די אידישע לעגיאָנערן האָבן געלעבט און געווירקט אין ארץ־ישראל גופא. ניט נאָר איז ארץ־ישראל אָפּגעהיט געוואָרן פון די אידישע באַטאַליאָנען און געשטאַנען אונטער אידישער שוץ, נאָר דער לעגיאָן האָט אַריינגעבראַכט פרייד און דערמונטערונג צו דער דערשראָקענער און פון דער מלחמה אויסגעהונגערטער אידישער באַפעלקערונג. ניט נאָר האָט דער אידישער לעגיאָן זיך געטיילט מיט זיין שפייז מיט דער ארץ־ישראלדיקער באַפעלקערונג און ער האָט טראָץ די געפאַרן פאַר זיך אַליין געטיילט מיט זיין געווער און מיט זיין קליידונג מיט דער אידישער באַפעלקערונג, נאָר אַ דאַנק דעם אידישן לעגיאָן איז אויך פאָרגעקומען די פאַראייניקונג פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט אונטער דעם נאָמען „אחדות עבודה" און גלייך נאָכדעם איז געשאַפן געוואָרן די מעכטיקע „הסתדרות הפועלים". זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן, אַז די אידישע שוץ־אָרגאַניזאַציע, די היינטיקע „הגנה", האָט נאָך אַלץ צווישן אירע אָנפירער און אינסטרוקטאָרן געוועזענע לעגיאָ־

נערן, וועלכע האָבן אין דעם יאָר 1918 פאַרלאָזן אַמעריקע און האָבן ניט געוואָלט פאַרלאָזן ארץ־ישראל, אפילו נאָכדעם ווען די באַטאַליאָנען זיינען אויפגעלייזט געוואָרן.

אָט דער דאָזיקער הערלעכער קאַפּיטל וואָס האָט באַדאַרפט זיין אַ קוואַל פון באַגייסטערונג פאַר דער אידישער יוגנט אין וועמענס נאָמען מען האָט באַדאַרפט אויך היינט פאָדערן אַ אידישע אַרמיי און אַ אידישע זעלבסטשטענדיקע היים אין ארץ־ישראל, איז ליידער ניט אויסגענוצט געוואָרן. די געשיכטע וועט אָבער ניט לאָזן, אַז אַזאַ היס־טאָרישע געשעעניש זאָל פאַרגעסן ווערן.

יוני, 1942

צום 35־יאָריקן יובילעאום פון אידישן לעגיאָן

די פייערונג לכבוד דעם 35־טן יובילייאום זינט דער גרינדונג פונעם אידישן לעגיאָן אין אַמעריקע, רופט אַרויס אַ סך דערינערונגען פון יענער צייט. איר, חברים לעגיאָנערן, קענט זיך איצט פילן גליקלעך, וואָס די השגחה האָט אייך באַשאָנקען מיט וויזיע און פאַרשטאַנד צו וועלן אַנטייל נעמען אין דעם קאַמף צו שאַפן אַ באַפרייטע ארץ־ישראל. צום באַדויערן האָט אָט־די וויזיע געפעלט דער פירערשאַפט פון די פאַרשידענע ריכטונגען אין ציוניזם. בלויז אַ קליינע צאָל יחידים האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט און ניט געוואָלט פאָלגן די אָפיציעלע פירער און מיטגעהאָלפן אין דער אַרבעט.

וואָלטן דאַן די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַ ראָל אַ גרויסער לעגיאָן קען שפּילן, וואָלט אפשר די גאַנצע געשיכטע זיך אַנדערש אַנטוויקלט. עס וואָלט אפשר ניט געקומען צום גרויסן אומגליק, וואָס אונזער פאָלק האָט דורכגעמאַכט צווישן די צוויי מלחמות.

מיר מוזן צוערשט געדענקן, אַז די גאַנצע עלענבי אַרמיי איז באַשטאַנען פון בלויז 57 טויזנט סאָלדאַטן. עס איז ניט אויסגעשלאָסן דער געדאַנק, אַז ווען מיר וואָלטן געהאַט אַ גרעסערן לעגיאָן, וואָלט די באַפרייאונג פאַרגעקומען אויף אַ גאַנץ אַנדער אופן.

ביי דער געלעגנהייט פיל איך אַלס מיין חוב צו פאַרצייכענען אַ פּאָר איינצלהייטן, כדי ווען עס איז, ווען אַן אומפּאַרטייאישער גע־שיכטע שרייבער קענען האָבן די אמת׳ע פאַקטן.

געשען איז דאָס פּרייטיק נאַכט פון שבת תשובה אין יאָר 1917 אין די קלוב צימערן פון דער שולע פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, אויף 188 לודלאָ סטריט אין ניו יאָרק. זיבן יונגעלייט, פון דעם העבערעאישן ברענטש פון דער פּועלי ציון פּאַרטיי האָבן, אונטער דעם איינפלוס פון פנחס רוטענבערג, באַשלאָסן, אַז זיי ווערן דער נוקליוס פון לעגיאָן קעגן דעם ווילן פון דער פּאַרטיי. די חברים זיינען געווען: אליעזר מרחים, דר. ראוויד, מ. מאשעוויצקי, פנחס פּאַפּיק טראָצקי, פ. ראַבינאָוויטש און מיין ווייניקייט.

צום גליק זיינען דאַן געווען דאָ בן צבי און בן גוריון אַלס געסט

פון דער פּאַרטיי. זיי האָבן זיך ניט גערעכנט מיט דעם וואָס די פּאַרטיי איז געווען קעגן קריג און קעגן דעם לעגיאָן. זיי האָבן אונז געהאָלפן פאַרמירן אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל זיך אָפיציעל שטעלן אין פאַרבינדונג מיט דער ענגלישער רעגירונג און אויך מיט זשאַבאָטינסקי׳ן. דער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון דר. חיים זשיטלאָווסקי, ר. ברייניןן, דר. נ. סלושץ, ש. גאָלדענבערג, דר. עלסבערג, בן צבי, בן גוריון, אליעזר מרחיים, מ. גוטבעטער, פּ. ראַבינאָוויטש, מ. מאַשעוויצקי. דער קאָמיטעט האָט דעלעגירט פיר מענטשן זיך צו טרעפן מיט מיידזשאָר ברומאַן, דער ענגלישער פאַרשטייער, וועלכער האָט „קאָנסקריפּטעט" די ענג־לענדער אין אַמעריקע. די דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פון בן צבי, דר. עלסבערג, מ. מאַשעוויצקי און מ. גוטבעטער.

גלייך נאָכדעם ווי מען האָט זיך דערוואוסט וועגן אונזער באַשלוס, האָט די גאַנצע פירערשאַפט פון דער אָפיציעלער ציוניסטישער אַרבע־טער באַוועגונג זיך אָפּגערופן מיט פאַרביטערונג.

די ערשטע גרופּע איז אַוועקגעפאָרן קיין קאַנאַדע און דאָרט גע־מאַכט אַ גרויסן רושם. דער דערפאָלג פון אָט דער גרופּע האָט געהאָלפן, אַז אַ טייל פירער האָבן געענדערט זייער שטעלונג און אָנגעהויבן מיט־העלפן אין דער אַרבעט. עס האָט זיי אָבער געפעלט דער ברען און דאָס ווילן, וואָס דער גייסטרייכער דר. סירקין האָט אַרויסגעוויזן צו דעם לעגיאָן.

עס איז אויך ניט מער ווי רעכט, אַז עס זאָל דאָ דערמאָנט ווערן דער נאָמען פון העברי סלאָבאָדין. ער איז ניט געווען קיין ציוניסט. ער איז גאָר געקומען פון די רעוואָלוציאָנערישע רייען און איז געווען אַ דערפאָלגרייכער אַדוואָקאַט. ער האָט אונז זייער אַ סך געהאָלפן אין אויסאַרבעטן די מעמאָראַנדומס. זיין סעקרעטאַרשע האָט פאַר אונז געמאַכט אַ סך טעכנישע אַרבעטן, ווייל אין די אָפיסעס פון די פאַר־שידענע ריכטונגען איז ניט געווען די מעגלעכקייט דורכצופירן אָט די אַרבעט.

ווי איר זעט, חברים, מעגט איר זיין צופרידן, וואָס איר האָט זוכה געווען צו פאַרשטיין דעם רוף פון קאַמף און אָנזאָג פון דער באַפרייאונג פון פאָלק און לאַנד.

יאָר 1952

צו זיין פערזענלעכקייט

* ל. סיגאַל
* דר. יהודה קויפמאַן
* פּראָפ. פ. שניאורסאָן

דר. מנחם ס. איידלשטיין

* דר. עזריאל אייזנבערג
* י. גובקין
* שלמה סיימאָן
* יעקב פּאַט
* מלך נוי
* ל. גאָלדבערגער
* קאַדיע מאָלאָדאָווסקי
* מרדכי י. מאָשעוויצקי
* מאיר בראַון

ל. סיגאַל:

מיר וועלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם טייערן חבר

(צום ערשטן יאָרצייט)

ווען די שורות ווערן געשריבן איז שוין באַלד אַ יאָר ווען דער טויט האָט פון אונז צוגענומען דעם טייערן חבר פנחס גינגאָלד.

גינגאָלדס טויט האָט אויפגעטרייסלט די רייען פון דער ציוניסטי־שער אַרבעטער באַוועגונג און האָט אַרויסגערופן טיפן טרויער אין דער אידישער געזעלשאַפט אין אַמעריקע.

קיינער קען ניט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז גינגאָלד איז שוין מער ניט צווישן די לעבעדיקע.

ביי יעדער פאַרזאַמלונג, ביי יעדער קאָנפערענץ זוכט מען אינ־סטינקטיוו גינגאָלדס שמייכלדיקן פנים, עס ווילט זיך הערן זיין וואָרט פון לויב פאַר זאַכן וואָס מען האָט דערגרייכט און רייד פון שטראָף פאַר טעטיקייטן וואָס מען האָט ניט געפירט.

גינגאָלד פעלט ביי אַלע שמחות, ביי אַלע חברים צוזאַמענקונפטן, דער עיקר ביי אַלע באַראַטונגען וואָס זיינען פאַרבונדן מיט קולטור און דערציאונגס פּראָבלעמען.

פנחס גינגאָלד איז געווען אַן אַלזייטיקע פערזענלעכקייט, אַ ליבער מענטש און אַ תלמיד חכם. ער איז געווען צוגעבונדן צו אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צום אידישן לעבן, צו מדינת ישראל און צו אַלץ וואָס איז מענטשלעך און פּראָגרעסיוו.

גינגאָלד האָט געהאַט זיינע באַזונדערע לאָיאַליטעטן, גלויבנדיק באמונה שלימה אין די אמתן פון פועלי ציוניזם איז ער פון זיין קינד־הייט אָן געווען צוגעבונדן צו אַלץ וואָס דער פועלי ציוניזם האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט.

גינגאָלד האָט אין זיך טיף איינגעזאַפּט דעם טעאָרעטישן פּראָגראַם פון די פועלי ציון און ער האָט זיך באַטראַכט ווי אַ סאָלדאַט אין די

רייען גרייט צו יעדער געלעגנהייט העלפן דעם פּראָגראַם דורכפירן אין לעבן.

מיט גרויס ליבע און טיפן אינטערעס איז גינגאָלד געווען צוגע־בונדן צום אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד. ער האָט אין פאַר־באַנד געזען די ברידערלעכע און חברישע קערפּערשאַפט, וואָס פאַר־בינדט אידישע פאָלקס מענטשן פאַר גרויסע טעטיקייטן לטובת דעם אידישן לעבן און פאַר אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט דער באַפרייאונג פון אונזער פאָלק און מיט דעם אויפבוי פון ארץ ישראל.

פנחס גינגאָלד איז מיטן פאַרבאַנד געווען פאַרבונדן פון די ערשטע יאָרן פון זיין גרינדונג.

ער האָט מיטגעמאַכט דעם וועג פון פאַרבאַנד אין אַלע אַנטוויק־לונגס עפּאָכן. אַ סך פרייד האָט ער איבערגעלעבט ווען דער פאַרבאַנד איז אָרגאַניזאַטאָריש געוואָקסן. יעדער נייער צווייג איז ביי אים געווען ווי אַ ניי קינד אין אַן אייגענער משפחה, אַרומגערינגלט מיט ליבע און אינטערעס.

די חברים פון פאַרבאַנד זיינען אים געווען שטאַרק נאָענט, מיט זיי האָט ער זיך שטענדיק געפילט דערהויבן און וואַרעם.

די אידישע פאָלק שולן און דער אידישער לערער סעמינאַר זיינען געווען גינגאָלדס קרוין טעטיקייטן.

עס איז שווער איבערצוגעבן דעם גרויסן אידעאַליזם, דעם טיפן גלויבן, די האַרציקע איבערגעגעבנקייט, וואָס גינגאָלד האָט אַריינגעגעבן אין די אידישע פאָלק שולן און אין אידישן לערער סעמינאַר. אידישע דערציאונג און אידישע קולטור האָט ביי אים געשפּילט די הויפּט ראָלע.

ביי יעדן צוזאַמענקונפט האָט גינגאָלד געזאָרגט אַז פראַגן וועגן אידישער דערציאונג, פּראָבלעמען פון אידישן קולטור לעבן זאָלן שטענדיק זיין אויפן טאָג־אָרדענונג פון די פאַרהאַנדלונגען.

ווען מען טראַכט פון גרויסע אידעאַליסטן, וואָס גיבן זיך איבער מיט לייב און לעבן צו אידעאַלן אין וועלכע זיי גלויבן, קען גינגאָלד זיכער דינען פאַרן בעסטן סימבאָל, באַזונדערס אויפן געביט פון דער־ציאונג און קולטור.

קיינמאָל האָט גינגאָלד ניט געמאַכט קיין חשבון וועגן זיינע פער־

זענלעכע באַקוועמלעכקייטן. שטענדיק איז ביי אים געשטאַנען אין פאָדערגרונט די שולע, דער קינדערגאָרטן, קורסן פאַר העכערע בילדונג, דער סעמינאַר, צוצוגרייטן לערער, איינאָרדענען לעקציעס, קאָנצערטן, קולטור יום־טובים, אַרויסגעבן ביכער, א.א.וו.

גינגאָלד האָט שטענדיק פּראָטעסטירט קעגן אידישע צוזאַמענקונפטן, וואָס האָבן ניט געשטעלט אין צענטער פון זייערע פאַרהאַנדלונגען אידישע דערציאונג און קולטור פּראָבלעמען.

זיין שטימע האָט אָפט געדונערט קעגן די וואָס באַציען זיך גלייכגילטיק צו דעם אויפגעוואַקסענדן דור. זיין געמיט איז געווען דערשלאָגן ווען ער האָט באַמערקט ביי חברים און חברות פון דער ציוניםטישער אַרבעטער באַוועגונג מידקייט אָדער פּעסימיזם פאַר דערציאונג און קולטור טעטיקייטן.

מיר דאַרפן זיך פרעגן: — ווער וועט איצט פּראָטעסטירן קעגן פאַרנאַכלעסיקן אידישע דערציאונג און קולטור? ווער וועט איצט מאָנען ביי אַלע געלעגנהייטן, אַז דאָס אידישע וואָרט, דאָס העברעאישע ליד, דאָס אידישע בוך, דאָס אָפּהיטן קולטור אוצרות פון אונזער פאָלק, אַז די זאַכן וואָס זיינען דער פונדאַמענט פון אונזער נאַציאָנאַלן המשך זאָלן ניט פאַרנאַכלעסיקט ווערן פון דער באַוועגונג און פון אידן בכלל?

עס ווערט אַ סך געשריבן און גערעדט וועגן דער נויטווענדיקייט צו זיכערן די נאַציאָנאַלע צוקונפט פון אונזער פאָלק. אַלע גיבן שוין איצט צו, אַז אָן אַ געהעריקע נאַציאָנאַלע דערציאונג פאַרן אידישן קינד, קאָן ניט זיין קיין פאָלקס צוקונפט.

דער פאַרשטאָרבענער גינגאָלד האָט דעם אמת געטראָגן אין אַלע צייטן און ביי אַלע געלעגנהייטן. לײדער, האָט מען אים ניט גוט פאַרשטאַנען און זיכער ניט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט. מען האָט ניט אָפּגעשאַצט זיין אויפריכטיקייט פאַר די אמת'ן וועגן אידישע דערציאונג, וואָס ער האָט אויף זיין אייגנאַרטיקן אופן געזוכט אַרויסצוברענגען ביי אַלע געלעגנהייטן.

לאָמיר געדענקן, אַז גינגאָלד האָט טיף געגלויבט אין אידישער אייביקייט, ער האָט שטענדיק אַרויסגעוויזן דעם גרעסטן אינטערעס צו אַלץ וואָס איז שעפעריש אין אידישן לעבן, ער איז געווען אַ גרויסער

גלויביקער אין די נאַציאָנאַלע שאַפונגס מעגלעכקייטן איבעראַל וואו אידן געפינען זיך און שטאַרק געגלויבט אין אונזער פאָלקס צוקונפט.

גינגאָלדס צוגעבונדקייט צו מדינת ישראל איז געקומען פון דער טיפעניש פון זיין נשמה. אַלץ וואָס ווערט געשאַפן אין דער אידישער מדינה, די דערגרייכונגען פון דער הסתדרות, פון מפא"י און פון דער ציוניסטישער באַוועגונג איז געווען אַ טייל פון זיין לעבן, פון זיין האַרץ און נשמה.

גינגאָלד האָט זיך אָנגעשלאָסן אין אידישן לעגיאָן אין די צייטן פון דער ערשטער וועלט מלחמה. זיין האַנדלונג איז ניט געווען קיין צופאַל. ער האָט אויפגענומען דעם רוף פון קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, ער האָט דעם רוף געענטפערט ווי אַ שטאָלצער איד, ווי אַ געטרייער און איבערגעגעבענער חבר פון דער ציוניסטישער אַר־בעטער באַוועגונג.

גינגאָלדס חברים פון לעגיאָן דערציילן, אַז ער איז געווען אַ גוטער, דיסציפלינירטער סאָלדאַט, מיט אַ סך פינקטלעכקייט האָט ער דערפילט אַלע פאָרמאַליטעטן פון סאָלדאַטן לעבן.

עס איז שטענדיק געווען אַ גייסטיקער גענוס צו הערן גינגאָלדן דערציילן פאַסירונגען וועגן לעגיאָנערן לעבן. די אויגן האָבן ביי אים אויפגעשיינט, זיין פּנים האָט געלויכטן ווען ער האָט דערציילט עפּיזאָדן און פאַסירונגען פון לעגיאָן, פון זיין אייגענעם לעבן און פון זיינע חברים אין ארץ ישראל אין די צייטן פון דער ערשטער וועלט מלחמה און נאָך דער מלחמה.

גינגאָלד האָט אַלע מאָל אונטערגעשטראָכן, אַז ער האָט געזען אין אידישן לעגיאָן דאָס אָרגאַניזירן אַ אידישן כוח וואָס וועט זיין גרייט צו קעמפן פאַר דער באַפרייאונג פון ארץ ישראל.

ער האָט מיט רעכט אָנגעוויזן, אַז דער לעגיאָן איז געווען אַן אָנזאָג פאַר דער צוקונפטיקער אידישער אַרמיי, וואָס וועט פאַרטיידיקן די זעלבסטשטענדיקייט פון דער מדינה פאַר אונזער פאָלק.

גינגאָלד איז געווען טיף אַריינגעוואַקסן אין פאַרבאַנד און אין דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג. ער האָט געלעבט מיט דער באַוועגונג טאָג איין טאָג אויס.ליידן פון דער באַוועגונג זיינען געווען זיינע ליידן, דערגרייכונגען — זיין פרייד.

גינגאָלד האָט מיט דער באַוועגונג פאַרגעשטעלט אַן אָרגאַנישע גאַנצקייט. ער האָט גוט פאַרשטאַנען די צילן און אויפגאַבן פון דער באַוועגונג, ער האָט איר געגעבן אַלץ וואָס האָט פאַרמאָגט זיין וויסן, זיין צאַרטע נשמה און זיין מענטשלעכקייט וואָס ער האָט פאַרמאָגט אויף אַ גרויסן אופן.

ווען עס האַנדלט זיך וועגן מענטשלעכקייט מעג מען אונטער־שטרייכן, אַז גינגאָלד איז געווען אַ זייער גוטער מענטש. עס איז געווען אַ פאַרגעניגן צו זיין מיט אים נאָענט, צו פאַרברענגען אין זיין סביבה, צו געניסן פון זיין וואַרעמער חברישקייט, פון זיין האַרציקייט און איבערגעגעבנקייט.

גינגאָלד האָט ניט געקענט פאַרטראָגן קיין ליידן פון מענטשן. ניט אַלע מאָל האָט ער געהאַט אַ מעגלעכקייט דעם ליידנדן צו העלפן, ער האָט, אָבער, שטענדיק געזוכט הילף פאַר אַלע וואָס האָבן זיך גענויטיקט.

מיר זיינען זיכער, אַז פילע וויסן אַז גינגאָלדס טיר איז שטענדיק געווען אָפן פאַר יעדן, וואָס האָט זיך גענויטיקט אין אַ גוט וואָרט, אין מענטשלעכער וואַרעמקייט און טרייסט אין צייט פון פאַרצווייפלונג, הילף אין צייטן פון נויט.

מיר קענען, ליידער, ניט זאָגן, אַז דער פאַרשטאָרבענער פנחס גינ־גאָלד האָט געהאַט באַקוועמלעכקייטן אין זיין לעבן און אין זיין אַרבעט.

קענטיק, אַז דער שיקזאַל האָט געוואָלט אַז אַלץ זאָל אים אָנקומען שווער, אַז אַלץ זאָל זיין פאַרבונדן מיט אַ שווערן קאַמף. ער האָט גע־פירט אַ קאַמף פאַר זיינע פרינציפן, פאַר זיינע איבערצייגונגען; ער האָט, אָבער, שטענדיק דעם קאַמף געפירט מיט אידעאַליזם, מיט אַ סך אויפריכטיקייט אין גלויבן אין דעם אמת, וואָס ער האָט שטענדיק אין זיין אַרבעט אַריינגעלעגט.

גינגאָלד האָט זיין לעבן געפירט אין איינקלאַנג מיט אַ העכערער מאָראַל. ער האָט זיך קיינמאָל ניט דערלויבט צו פאַרלאַנגען עפּעס פון יענעם, ווען ער אַליין האָט ניט געקענט טאָן דאָס וואָס ער האָט פון יענעם פאַרלאַנגט.

דער שטריך האָט זיך אין גינגאָלדן אָפּגעשפּיגלט אין זיין טאָג טעגלעכער אַרבעט, אויך אין אַלע טעטיקייטן פאַר די אינסטיטוציעס מיט וועלכע ער איז געווען פאַרבונדן.

זייער אָפּט הערט מען איצט זיינע חברים ריידן וועגן גינגאָלדס גרויסע מעשים, וועגן זיין געלערזאַמקייט, וועגן זיין האַרציקע איבער־געגעבנקייט צו אַלץ אין וואָס ער האָט געגלויבט און וועגן זיין טיפע מענטשלעכע נשמה אַלס חבר און פריינט.

מען הערט אויך אָפּט חברים ריידן וועגן דעם ביטערן מזל וואָס גינגאָלד האָט געהאַט אין פאַרבינדונג מיט די אַרבעטן און אינסטיטו־ציעס, וואָס ער האָט אָנגעפירט. מען דערציילט איצט וועגן די שווערע באַדינגונגען אונטער וועלכע ער האָט געלעבט.

דאָס ווערט, אָבער, געזאָגט איצט, ווען גינגאָלד איז מער ניטאָ, ווען זיין געמיט קען מער ניט געשטאַרקט ווערן פון אַ חבריש וואָרט, פון אַ וואַרעמען האַנט דרוק, פון אַן אויסדרוק פון אָנערקענונג פאַר די וויכטיקע אַרבעטן וועלכע ער האָט אָנגעפירט.

פראַגן וועגן אידישער דערציאונג ווערן איצט באַרירט אין די ברייטסטע קרייזן יעדן טאָג.

מען דאַרף שוין איצט מער ניט צו פיל אַרגומענטירן מיט אידן וועגן דער נויטווענדיקייט צו געבן דעם אידישן קינד אַ נאַציאָנאַלע דערציאונג.

מען דאַרף זיך אויך שוין מער ניט צו פיל אָנשטרענגען כדי צו קענען באַווייזן, אַז אָן אַ נאַציאָנאַלער דערציאונג פאַרן אידישן קינד קאָן ניט זיין קיין פאָלקס צוקונפט.

פנחס גינגאָלד איז געווען אַ פּיאָנער, אַ קעמפער פאַר אמת׳ן, אַפילו ווען אַ סך פון זיינע נאָענטע האָבן אין די אמת׳ן ניט געגלויבט.

זיין פּיאָנערישע אַרבעט פאַר אידישע קולטור און דערציאונג, זיין גלויבן אין די אמת׳ן פון פּועלי ציוניזם, זיין בענקשאַפט פאַר אידיש נאַציאָנאַלע באַפרייאונג און דעם אויפבוי פון ארץ ישראל פאַרן אידישן פאָלק, זיין גלויבן אין גערעכטיקייט און יושר, זיין ליבע צו די אידישע און העברעאישע שפּראַכן און ליטעראַטור, זיין גרויסער דרך ארץ פאַר קולטור ווערטן, געשאַפן פון אַלע אידישע דורות, האָבן פאַר גינגאָלדן געזיכערט אַ חשובן פּלאַץ אין לעבן פון אונזער דור, אויך אין די קומענדע דורות.

גינגאָלדס נאָמען וועט ניט פאַרגעסן ווערן. ער איז צו פיל איינ־געוואָרצלט אין לעבן פון פאַרבאַנד, ער איז צו פיל איינגעקריצט אין

די נשמות און די הערצער פון טויזנטער חברים, אַז ער זאָל קענען פאַרגעסן ווערן.

מיר ווילן צום שלוס פון אונזער אָפּשאַצונג זאָגן אַ וואָרט פון לויב צום צענטראַלן שולן קאָמיטעט פון די אידישע פאָלק שולן פאַר שאַפן אַ פאַרלאַג פאַר קינדער ליטעראַטור אויפן נאָמען פון פּנחס גינגאָלד.

מיר ווילן אויך אויסדריקן אונזער דאַנקבאַרקייט און לויב צו חברים וואָס האָבן פאַרמירט אַ קאָמיטעט צו העלפן אויפבויען אַ קולטור הויז אין רעננה אין מדינת ישראל אויף גינגאָלדס נאָמען.

די צוויי שאַפונגען זיינען אַ כבוד פאַר גינגאָלדס נאָמען און פאַר דער באַוועגונג, וואָס ער האָט אַזוי געטריי געדינט.

פּנחס גינגאָלד וועט לאַנג בלייבן אין זכרון פון די וואָס האָבן געהאַט דאָס גליק מיט אים מיטצואַרבעטן און קעמפן פאַר אמת׳ן וואָס האָבן באַלויכטן אונזער געזעלשאַפטלעך לעבן.

גינגאָלדס גרויסע פאַרדינסטן וועלן אַ לאַנגע צייט דערמאָנט ווערן מיט לויב פון זיינע חברים, פון אידישן לערער, אידישע קינדער און פון געטרייע טוער.

יהודה אבן־שמואל:

(ד״ר יהודה קויפמאַן)

דרכים און מידות

(בליקן אין דעם נשמה־לעבן פון פנחס גינגאָלד)

אַ געהויבענע נשמה!

אַזוי וואָלט מען געזאָגט אויף אַזאַ אידן ווי פנחס גינגאָלד אינם דור פון אונזערע עלטערן, אין יענעם געבענטשטן דור וואָס האָט געקענט צוהערן זיך צו אַ שטילן מענטשן און נאָכקוקן פאַרגאַפּט נאָך זיינע וועגן. אין אונזער דור איז יעדערער פאַרנומען אַזוי פיל מיט זיך, אַז ער מערקט גאָרניט דעם צווייטן, מעג דער צווייטער זיין ווי גרויס, ווי טיף און ווי הייליק. דערפאַר באַהאַלט טאַקע דער בעסערער מענטש אין אונזערע יאָרן דאָס געהויבענע וואָס אין אים און זעלטן ווען ער דערלויבט די נאָענטסטע אַ קוק צו טאָן אין זיין קדשי־קדשים. אין איין ווינקל בלויז איז שווער צו בלייבן אַ נסתר אפילו אין אונזער דור — אין די ד׳ אמות פון תורה, אין בית־מדרש: דאָס הייליקע פייער פון אהבת־תורה באַלייכט דעם מענטשן וואָס טראָגט עס אין זיין האַרץ. ווי גינגאָלד האָט ניט געזוכט זיך צו פאַרשטעלן פאַר אַ שמש, וואָס באַדינט בלויז לומדי תורה און איז משמש תלמידי חכמים, האָט אויפגעלויכטן זיין אייגענע געהויבנקייט אַלס תורה־מענטש, אַלס איינער וואָס גאָטס וואָרט איז פאַר אים לעבנסקוואַל און לעבנסזין, וואָס גאָטס דרכים זיינען פאַר אים ניט בלויז די גרויסע מיסטעריע, נאָר אויך דאָס אמתדיקע ליכט אויפן וועג פונם מענטשן צו זיך.

אין אינטימע געשפּרעכן, אין וועלכע ער פלעגט שעמעוודיק־צניעותדיק מיר דערציילן וועגן זיינע לערניאָרן, וועגן זיינע ערשטע טריט אין אַמעריקע, וועגן זיינע זוכענישן און, דער עיקר, וועגן זיינע אחיזות, איז פאַר מיר אויפגעשטאַנען די פיגור פון אַ מענטש וואָס איז צוגעבונדן מיט אַלע פיבערן פון זיין נשמה צו אַ ליכטיקן אַנהויב אין זיין גייסטיקן לעבן, וועלכער שוועבט פאַר זיינע אויגן אויף יעדן טריט

און שריט אין אַ וועלט וואָס פּאַרמעסט זיך יענע ליכט אויסצולעשן: קעגן דעם פּאַרזוך שטעלט דער מענטש אַוועק בלויז זיין זכרון וועגן יענעם אַנהייב, און דער זכרון געניגט אים ניט נאָר זיין אייגענע אידענטיטעט ניט צו פּאַרלירן, נאָר אויך אַנדערע צו פּאַרהיטן פונם טעות וואָס פילע האָבן דאָ אין דער פרעמדער וועלט געמאַכט, דעם טעות פון לייכטזיניקער שכחה, פון דער מאָדערנער באַרייטקייט אויס־צורייסן בלעטער, און דווקא די שענסטע און ליכטיקסטע בלעטער, פונם אייגענעם ספר־החיים. אַ רחמנות — פלעגט גינגאָלד זאָגן — כאַפּט אים אָן ווען ער זעט מענטשן וואָס האָבן ניט וואָס צו פאַרגעסן, וואָס האָבן ניט זוכה געווען צו אַזאַ ליכטיקן אָנהויב וואָס יעדער חדר־אינגל און, ווער שמועסט, יעדער ישיבה־בחור האָבן זוכה געווען צו אים אין דער אָרעמער אידישער היים; אַ זעלכע מענטשן דאַרף מען אומקערן כאָטש אַ טייל פון זייער באַגזלטער קינדהייט און יוגנט.

ווי קומט אַזוי פיל חסידישע האַרציקייט צו אַ יונגן מאַן וואָס איז אויפגעצויגן געוואָרן אין אַ מתנגדישער סביבה? — פלעג איך זיך אָפּט פרעגן. אפשר האָב איך גינגאָלדן אַליין געשטעלט די פראַגע. זיין ענטפער איז געקומען שפּעטער מיט יאָרן. אין אַ בריוול פול מיט באַגייסטערונג פאַר די וואָס טראָגן גאָטס וואָרט צום פאָלק, שרייבט ער:

„אַזאַ ליבשאַפט צו תורה לשמה, אַזאַ ריינעם באַגער צו מהנה זיין דעם פשוטן פאַרהאָרעוועטן פאָלקס־אידן מיט זיו השכינה, אַזאַ באַ־גייסטערונג צו עפענען די שערי־תורה ותבונה פאַר אַלע וואָס זיינען באַשאַפן בצלם אלקים — האָב איך שוין ניט באַגעגנט זינט מיין פריעסטער יוגנט אין אַ קלייך, אָרעם פאַרוואָרפן ישיבה־שטעטל ערגעץ אין דער ליטע.

„אָבער דאָרטן, אַזוי דוכט מיר, זיינען געווען אַזוי פיל סיבות וואָס האָבן געשטויסן צו אַ גייסטיק לעבן. דער מאַטעריעלער לעבן איז געווען אָרעם און נישטיק, די גאַסן צעדרייטע, פאַרבלאָטיקטע, די שטיבעלעך ווי אָפּגענוצטע קינדערשע שפּילערייען, וואָס זיינען אַרויס־געוואָרפן געוואָרן ערגעץ הינטערן שטאָט, און די בעלי־בתים האָבן געהאַט אַ פּנים פון אורחים אין אַן אָרעמען הקדש. עס איז דאָך אַזוי לייכט געווען צו מבטל זיין דעם יש, דאָס חומרדיקע, און אָנווייזן אַז

די אוצרות פון גייסט זיינען אומפאַרגלייכבאַר, אַז די וועלטן וואָס עין לא ראתם זיינען דער עיקר און אַלץ לגבי זיי איז אַ טפל.

„און ס׳איז דאָך קיין וואונדער ניט געווען וואָס די שווערע רייד פון מיין רבין רב הירש — אַ שטרענגער איד מיט אַ פּנים וואָס האָט קיינמאָל ניט געלאַכט (ער איז ליידער געווען אַ חשוך פּנים) — האָבן באַצוואונגען דאָס שטעטל. ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם טראָפּ אויף „ועתה ישראל מה ה׳ אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה״. דער „דע מה למעלה ממך״, וואָס איז, דוכט מיר, קיינעם ניט באַוואוסט, איז פון אים אויפגעקלערט געוואָרן אויף אַן אופן וואָס האָט אַלעמען טעראָ־ריזירט — ער האָט זיך פאַרגונען צו באַהויפּטן אַז דער „שויתי ה׳ לנגדי תמיד״ גייט אפילו אויף דער שכינה. אידן זיינען געגאַנגען אין שול, האָבן אים אויסגעהערט און זיינען אַריין אין אַ שטימונג פון ׳ורעדו ברעדה׳.

„דאַן איז געקומען מיין [צווייטער] רבי (וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף מיר), אַ מין מתנגדישער גוטער איד, אַ קליינער איד מיט אַ גרויסער נשמה, כמעט אינגאַנצן רוחניות, און האָט באַלויכטן דאָס אָרעמע שטעטל מיט זיין שטענדיקער פרייד.

„ער איז לחלוטין געווען דער היפּך פון זיין ברודער ר׳ הירשן. ער האָט ניט געוואוסט פון מורא האָבן אפילו פאַרן „בעל הבית״ אליין (אפשר דערפאַר וואָס רוחניות האָט בכלל ניט פאַרוואָס מורא צו האָבן, ווייל ס׳איז אומשטערבלעך און ניט פאַרניכטבאַר), און ער האָט אַלץ אַוועקגעשטעלט אויפן „ואהבת את ה׳ אלקיך״. איינמאָל האָט ער פאַר אַן עדה פּשוטע אידן דערקלערט אַז אים וואונדערט וואָס עמיצער האָט ווען עס איז אַוועקגעשטעלט די פראַגע פון „צדיק ורע לו, רשע וטוב לו״: דאָס איז דאָך אַ זאַך — האָט ער געטענהט — וואָס איז ניט בנמצא. ווען איז דאָס אַ צדיק שלעכט געווען? אַ צדיק, וואָס אַלע היכלות של מעלה זיינען פאַר אים אָפן, וועלכער איז אַ מחדש בתורה, אַ שותף למעשה בראשית, ער איז דאָך נהנה מזיו השכינה אפילו אויף דער וועלט — ווי קען דאָס אים שלעכט זיין?

„מיט אַ ליבשאַפט וואָס איז זעלטן צו געפינען פלעגט ער אַרומ־וואַנדערן פון שטאָט צו שטעטל און מעורר זיין אידן צו תורה — און

ניט נאָר צו מדרש, נאָר אויך צו מעשה, דאָס הייסט, עפּעס פּאַר זיינע בני־תורה אין דער ישיבה.

„און ער האָט דעם גאַנצן געגנט איינגענומען. די תורה איז גע־וואָרן אַ חשיבות אין יענעם געגנט, און אַ בן־תורה, אפילו א ישיבה־בחור, איז געוואָרן דער אמתער יחסן, דער גייסטיקער אַריסטאָקראַט״.

אלה תולדות פנחס — זיין גאַנצער לעבנסוועג ווערט באַלויכטן דורך די שורות: דער וועג ביז דאָס ליד איז געשריבן געוואָרן, דער וועג זייט יענעם טאָג ביז דעם לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

ווער פון זיינע חברים לערער אין אידישן לערער־סעמינאַר, ווער פון זיינע תלמידים קען פאַרגעסן זיינע רעדעס אויף סעמינאַר־פייע־רונגען? קיינער פון אונז וועט ניט קענען באַפרייען זיך פונם געדאַנק אַז אין יעדער רעדע זיינער האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען פון אָט דעם ליד, וואָס בלויז ווייניקע האָבן עס געלייענט ווען ס'איז געשריבן גע־וואָרן.

איך רוף עס ליד — איך וואָלט עס אפשר געדאַרפט באַצייכענען מיט דעם נאָמען „מכתם לפנחס״. אַזוי דאַנקבאַר זיין דער אָרעמער היים פאַר דעם ליכט וואָס אידישע מלמדים האָבן אָנגעצונדן אינם אינגלשן האַרץ קענען בלויז יחידי סגולה.

עס האָט מיר דערמאָנט יענעם מערקווירדיקן פּאַסוס אין משה מענדעלסאָנס אויטאָביאָגראַפישן נאָטיץ וועגן זיין אומדערמידלעכן שטודיום פונם ספר „מורה נבוכים״, איבער וועלכן ער האָט פאַרבראַכט טעג און נעכט אין פאַרלויף פון פילע יאָרן:

„דיזעם מימוני האַבע איך עס צו פערדאַנקען דאַסס איך איינען זאָ פערוואקסענען קערפּער בעקאָממען; ער אַלליין איזט די אורזאַכע דאַפאָן; אַבער דעסוועגען ליב איך איהן דאָך, דענן דער מאַנן האַט מיר מאַנכע טריעבע שטונדע מיינעס לעבענס פערזוססט, אונד זאָ אויף איינער זייטע מיך צעהנפאַך פיר דאַס ענטשעדיגט, אום וואַס ער מיך אין בעטראַכט מיינעס קערפּערס געבראַכט האַט״.

די מייסטע וואָס זיינען פון אַזאַ פאַרוואָרפן אָרעם שטעטל גלייך אַריינגעפאַלן אין דער „ליכטיקער אַמעריקע״ האָבן מיט גרינגשעצונג און שפּאָט און צייטנווייז מיט האַס גערעדט וועגן זייער „פינסטערער היים״, וועגן „פינסטערלינגע״ בעלי־בתים, וועגן „אַלטמאָדישע מלמ־

דים״, וועגן „פּאַלשער״ דערציאונג, „ענגע״ לערעס און „אינהאַלטס־לאָזע״ דרשות. און דאָ שטייט אַ יונגער מענטש (ווען איך האָב זיך מיט אים באַגעגנט אין אידישן לערער־סעמינאַר איז ער געווען אין זיינע פריע צוואַנציקער יאָרן) און באַזינגט דאָס גייסטיקע, דאָס הייליקע, דאָס טיפע און דאָס מיסטעריעזע וואָס זיין נשמה האָט אויפגעכאַפּט אין יענעם ליטווישן שטעטל.

איז דאָס ראָמאַנטיק? — ניין! עס איז ניט די בענקשאַפט בלויז נאָך דעם וואָס איז געווען, עס איז די אידענטיפיצירונג פון זיין אייניקסטן איך מיט די לערערס פון יענע צוויי אויסטערלישע, געלייטערטע, הייליקע ברידער וואָס האָבן גערופן די פּשוטע אידן אין שטעטל צו אהבת השם און צו יראת שמים דורך אהבת־תורה, און עס איז זיין אייגענער טיפער דרך־ארץ פאַר יענע אָרעמע פאָלקסמענטשן וואָס האָבן זיך מיט אַזאַ חרדת קודש צוגעהערט צום הייליקן רוף.

פאַר פּנחס גינגאָלד איז דאָס געווען אַ וועלט וואָס איז ניט אונטערגעגאַנגען, וואָס טאָר ניט אונטערגיין; אַ וועלט וואָס מיר דאַרפן ניט בלויז פאַרערן און באַזינגען, נאָר אויך זיך לאָזן פון איר לערנען. עס איז ניט גענוג צו זאָגן: „ווי העכער און ווי טיפער האָט אויסגעקוקט זייער לעבן אין פאַרגלייך מיטן לעבן פונם אידישן פאָלקסמענטשן אין אַמעריקע?״ — מען דאַרף האָבן ווילן און מוט דאָס לעבן פון דאָרט איבערפלאַנצן אין דער נייער היים! כל זמן עס וועט קלינגען דער „קול תורה״ וועט דאָס אידישע האַרץ בלייבן דאָס וואָס עס איז געווען אין אַלע דורות — אַ היכל פאַר מידות טובות און פאַר ריינע, געהויבענע מחשבות.

פון דאַנען — זיין איבערגעבנקייט דעם סעמינאַר, פאַר וועלכן ער האָט זיך ממש מוסר נפש געווען (חבר ענטין זאָל לעבן קען וועגן דעם אַ סך דערציילן!), פון דאַנען — זיין גרויס גליק ווען דער סעמינאַר האָט זיך אויפגעהויבן צו הויכע מדריגות.

„מ׳לערנט! — שרייבט ער מיר — יעדן אָוונט איז דער סעמינאַר פול מיט תורה, און די תורה ווערט אויפגעכאַפּט פון א פופציק־זעכציק און אָפּט זיבעציק מענטשן, פילט אויס זייער האַרץ און עפנט ברייט אויף זייערע אויגן — — —

„יעדער אָוונט איז עפּעס אַ גרויס אויסטערליש יום־טוב. פריי־

לעכע פנימער, יום־טובדיקע געשטאַלטן פילן אָן די גרויסע סעמינאַר־צימערן, און אַ פריילעכקייט, אַן אמתער „אור תורה" שוועבט און באַלעבט דעם גאַנצן פלאַץ.

„פאַרבלאָנדזשעט אַמאָל אַ זייטיקער — גלויבט ער ניט זיינע אויגן. אין דער וואָכעדיקער שטאָט, אין אַ פאַרוואולגאַריזירטער גאַס — אַ הויז, וואו עס קעניגט גאָטס וואָרט, וואו עס זיינען דאָ אַזוי פיל „שות־פים למעשה בראשית!"

פאַר זיין גרויסער ליבע צו איר האָט אים די תורה באַלוינט מיט איינער פון אירע גרעסטע מתנות — מן הסתם האָט זי אים געלאָזט זיך אויסקלייבן וועלכע מידה טובה געפעלט אים אַמבעסטן און ער האָט זוכה געווען צו דער מידה פון „אוהב את הבריות".

ווי אַ ברודער איז ער זיך באַגאַנגען מיט יעדן איינעם פון די סעמינאַריסטן, צו אייניקע פון זיי איז ער געווען ווי אַ צאַרטער, רחמנותפולער פאָטער. פילע פון זיי האָט ער געהאָלפן אין מאַטעריע־לער נויט, מאַנכע האָט ער אַרויסגעהאָלפן אין לימודים, פאַר אייניקע האָט ער זיך איינגעשטעלט ביי אַ שטרענגן לערער. איז איינעם שווער געוואָרן צו שלעפן דעם יאָך פון לערנען פילע שטונדן אין אָונט נאָך אַ פולן אַרבעטס־טאָג און פאַר מאָנאַטן אָפּזאָגן זיך פון אַרבעט אין שאָפּ כדי צו אַרבעטן טעג און נעכט אין ביבליאָטעקן כדי צו דערגענצן זיין אידישע און אַלגעמיינע בילדונג אינם סיום־יאָר — האָט גינגאָלד זיך אָפּגעגעבן דער קאָמפּליצירטער אויפגאַבע דעם מענטשן צוריקצו־קערן צום שווערן וועג, אָפּטמאָל אומקערן אים זיין גלויבן אין זיך.

און מיט וואָס פאַר אַ צאַרטער ליבע האָט ער זיך באַצויגן צו זיינע עלטערע קאָלעגן לערער! יעדן פון זיי האָט ער אַנטקעגנגעטראָגן זיין באַגייסטערטע אָפּשאַצונג; פילע פון זיי האָט ער דערציילט ווי טיף די תלמידים זיינען פון זיי באַאיינפלוסט; מאַנכע האָט ער געטרייסט ווען זיי האָבן ניט אויסגענומען ביי די תלמידים און זיי אָפּטמאָל מרמז געווען אויף די דרכים וואָס וועלן פאַר זיי געווינען דעם רעזאָנאַנס וואָס זייערע לימודים האָבן די ווערט.

פנים אל פנים איז אים אָפט שווער געווען אויפצודעקן זיין „לב טוב" און „עין טובה" — קוים איז אים אויסגעקומען צו שרייבן צו איינעם פון אונז, פלעגן זיך עפענען אַלע זיינע ליבעס־קוואַלן.

„אייער בריוו — שרייבט ער צו אַ פריינט — ליגט פאַר מיר אויפן טיש און איך לייען אים שטיקלעכווייז — ווי קאַפּיטלעך תהלים, ווי הייליקע מאמרי חז״ל״.

אויף אַן אַנדערן וואָלט מען געווען ברוגז פאַר אַזאַ הגזמה — גינגאָלדן האָט מען געגלויבט: אַזוי פילט ער.

זיין פרייען זיך מיט זיין חברס דערפאָלג איז אַזוי עכט, אַז זיין פרייד־אויסדרוק איז אַ טיפע דערלעבונג פאַרן חבר. אויף ווייטע וועגן און אין שווערע מינוטן פלעגט גינגאָלדס וואָרט זיין אַ דערמאָנונג אַז עס לעבן נאָך מיט אונז מענטשן וואָס זייער ליבע איז ריין און הייליק, וואַרעמט און לויכט און באַנייט דעם גלויבן אין דער עקזיסטענץ און ווירקונג פון דערהויבענע נשמות.

מייסטנס איז זיין ליבע — באַוואונדערונג און באַגייסטערונג, און תמיד קערט זי זיך אום צו איר שורש: באַגייסטערונג פאַר גייסט, טיפער דרך־ארץ פאַרן תורה־מענטש און טיפע דאַנקבאַרקייט פאַר אַנטפלעקונגען.

אין די יאָרן וואָס גינגאָלד האָט מיר געשריבן מיט אַזאַ באַגייסטערונג וועגן לערער־סעמינאַר האָט אין אונזער געבענטשן „בית־מדרש״ געהאַלטן לעקציעס וועגן אידישער עטיק דר. ש. ב. מקסימון ע״ה, דער העברעאישער שריפטשטעלער און פעדאַגאָג, וואָס איז געווען פון די „בני עליה״ פון אונזער דור. שילדערט גינגאָלד די שטימונג פון די „ראַדיקאַלע״ תלמידים אויף מקסימונ׳ס לעקציעס: „עס איז אינטערעסאַנט, אַז די זעלבע מענטשן וואָס הערן זיך אָן אויף זייערע זיצונגען אַז בורזשואַזע קולטור איז טריף... שלינגען ממש די ווערטער פון אונזער ליבן מקסימון ווען ער דערציילט זיי די גרויסע ברוזנדע געפילן פון אַ רבי עקיבא אָדער אַ רבי מאיר, און זייערע הערצער שמעלצן זיך ווען זיי דערוויסן זיך פון די עטישע לערעס פון הלל הזקן״.

אין געשפּרעכן וועגן דעם ליבן לערער ווערט ער ניט מיד צו ריידן וועגן זיין פּערזענלעכקייט וואָס איז גורם ניט ווייניק צו דער באַליבטמאַכונג פון דער תלמודישער אגדה.

דער יסוד פון גינגאָלדס נשמה איז געווען ליבע, אָבער — און גראָד צום גוטן! — „אהבה התלויה בדבר״: וואו גינגאָלד האָט געזען גייסט, אידעאַל, גלויבן, דאָרט האָט זיין ליבע אויפגעלויכטן.

אַ טיפע עניוות האָט אים ניט געלאָזט דערזען אַז ער אַליין טראָגט אין זיך פונקען פון יענעם הייליקן פייער וואָס ער האָט תמיד געזוכט און אָפטמאָל געפונען ביי אַנדערע.

נאָר אין זיינע רייפערע יאָרן האָט ער אָנגעהויבן צו דערהערן זיך אַליין. פאַרטיפנדיק זיך אין די גרויסע לערעס פון נביאים און חכמים, האָט ער דערפילט אַז אים איז אפשר געגעבן געוואָרן צו דער־הערן טענער וואָס אַנדערע האָבן פאַר אים ניט אויפגעכאַפּט.

אין זיינע באַזוכן ביי מיר אין ארץ־ישראל פלעגט ער מיט באַ־גייסטערונג דערציילן וועגן זיינע „קליינינקע" אַנטפּלעקונגען אין די „וואונדער־אוצרות פון דער אידישער אגדה". מיט טיפן גלויבן האָט ער גערעדט וועגן זיין וויטערדיקער אַרבעט, צו וועלכער ער האָט געוואָלט מקדיש זיין יאָרן און יאָרן.

האָב איך אויף אים געוואַרט, בין איך זיכער געווען: אין דעם בוך וואָס ער שרייבט מיט אַזאַ קדושה וועגן דער קדושה פונם אידישן מענטשן־מאַטעריאַל וועט ער אויסזינגען דעם „שיר־השירים" פון זיין לעבן.

איז אָבער ניט אים באַשערט געווען זיין ליד אויסצוזינגען, ניט אונז — עס צו הערן.

בשלימות — ניט, אָבער פון די שריפטן וואָס ער האָט געלאָזט, פון די בריוו וואָס ער האָט געשריבן, פון די מאמרים וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט, וועלן מיר, וואָס האָבן אים אַזוי נאָענט געזען אין זיינע געהויבענע מאָמענטן, אַרויסהערן זיין לעבנסליד, און אומפאַרגעסלעך וועט בלייבן פאַר אונז דער ליכטיקער זכרון פונם מענטשן וואָס האָט זיין־לעבן־לאַנג געטראָגן ליכט צו אַנדערע און האָט אין זיין האַרצן געטראָגן אוצרות פון ליבע.

ירושלים ת"ו.

פראָפ. פ. שניאורסאָן:

דאָס פאַרבאָרגענע אין דעם מענטשן

יעדער מענטש האָט זיך זיינע פאַרשיידענע נשמהדיקע אייגנ־שאַפטן, פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע, וועלכע זיינען פאַרבאָרגן פון דעם אויג פון זיינע נאָענטע און באַקאַנטע. אָבער גינגאָלד איז געווען איינער פון די וויייניקע וואָס דאָס פאַרבאָרגענע איז ביי אים געווען אין אַ פיל גרעסערער מאָס ווי דאָס אַנטפּלעקטע, און דווקא אין באַצוג צו דערהויבענע מידות וואָס ער פלעגט זיי דורכפירן באַהאַלטענערהייט אַזוי ווי דרך־אגבדיק.

גינגאָלדן האָבן אַ סך געקענט אַלס אַ מענטש פון דער פועלי־ציון באַוועגונג, ווי איינער פון די אָנפירער פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבע־טער פאַרבאַנד אין אַמעריקע. ניט אַלע אָבער האָבן געוואוסט אַז ער איז געווען אַ פּעדאַגאָג בחסד עליון און איינער פון די אַרכיטעקטן פון דער אידישער שול־באַוועגונג אין אַמעריקע, כאָטש ער האָט זיך ניט געוואָלט צופיל אַרויסשטעלן אויף די דאָזיקע שטחים. זיין התלהבות האָט געברענט פאַרבאָרגן אין אים, און זי האָט אים געשטויסן צו מעשים מיט אַן עקשנות׳דיקער און באַשטענדיקער אָנשטרענגונג.

גינגאָלד איז געווען איינער פון די גרינדער פון אידישן לערער־סעמינאַר, וועלכער איז געווען לויט זיין פּראָגראַם אַ נייע פּיאָנערישע אינסטיטוציע אין אַמעריקע. אַלס אַ לעקטאָר אין סעמינאַר, האָב איך אין לויף פון יאָרן אויפמערקזאַם נאָכגעפאָלגט זיין אַרבעט וועלכע האָט מיך פשוט פאַרוואונדערט. אַלע האָבן געוואוסט, אַז ער איז געווען דער דירעקטאָר און סעקרעטאָר פון סעמינאַר און האָט געטראָגן אויף זיינע פּלייצעס דעם גאַנצן עול פון דער אַרבעט. אָבער אפילו די גאָר נאָענטע צו דער אינסטיטוציע האָבן ניט געוואוסט מיט וועלכער פאַר־באָרגענער קראַפט גינגאָלד האָט אין פאַרלויף פון יאָרן אויפגעהאַלטן די אינסטיטוציע אונטער די שווערסטע באַדינגונגען, אָן אַ בודזשעט און באַגלייט פון אַ סך אַנדערע שוועריקייטן. ניט איינמאָל האָב איך

אים „געכאַפּט״ ביי טאָטן לטובת דעם סעמינאַר, וואָס האָבן זיך ממש געגרעניצט מיט גבורה. אָבער אַלע מאָל ווען איך האָב געפּרואווט אויסדריקן מיין אָנערקענונג פאַר זיינע וויכטיקע לייסטונגען, האָט ער פּרובירט זיי צונישט מאַכן און אפילו זיי פאַרלייקענען.

ווי גרויס ס׳איז געווען זיין באַשיידנקייט אַזוי גרויס איז אויך געווען זיין געדולד און אויסדויער. איינמאָל האָב איך אים געזען בשעת אַ שווערן קריזיס אין סעמינאַר, ווען פּלוצלינג איז איבערגעשניטן געוואָרן די עלעקטרישע באַלויכטונג (ס׳איז ניט געווען מיט וואָס צו באַצאָלן). קרעדיטאָרן זיינען געקומען פון אַלע זייטן. צו דעם זיינען נאָך צוגעקומען פאַרשיידענע אַנדערע קאָמפּליקאַציעס. גינגאָלד איז אָבער געבליבן שטיין אַ ניט־דערשראָקענער מיט אַ שעמעוודיקן שמייכל אין זיינע אויגן און רעאַגירט מיט אויסערגעוויינלעכן בטחון און מוט אויף די אַלע שוועריקייטן. ער האָט באַגייסטערט מיט זיין האַרציקייט און איבערגעבנקייט ניט בלויז די תלמידים, נאָר אויך דעם לערער־שטאַב. ניט שטענדיק האָט מען געקענט צוליב בודזשעטאַרע שוועריקייטן אין צייט באַצאָלן די לערער דעם באַשרענקטן געהאַלט. אָבער ס׳איז שווער געווען פאַר עמיצן זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם צויבער פון דעם די־רעקטאָר־סעקרעטאַר.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך אין אַ סך אַמעריקאַ־נער קרייזן דערוועקט אַ גרויסער אינטערעס אין פּסיכאָ־היגיענע. עס איז אונז איינגעפאַלן אַ געדאַנק צו גרינדן אין ניו־יאָרק אַ „אידישן קליניק״ פאַר הדרכה פון קינדער וואָס שטעלן מיט זיך פאַר אַ דער־ציערישע פּראָבלעם אין אידישע שולן און וועלכע ווערן געשיקט דורך זייער לערער פאַר פּסיכאָ־היגיענישער באַטראַכטונג אין פאַרבינדונג מיט זייער אידישער דערציאונג און סביבה. פון דער ערשטער מינוט אָן איז גינגאָלד באַגייסטערט געוואָרן פאַר דעם דאָזיקן געדאַנק און מיר זיינען גלייך צוגעטראָטן צו רעאַליזירן דעם ענין. קודם כל האָבן מיר זיך געווענדעט וועגן דעם צום „אידישן דערציאונגס־קאָמיטעט״ אין ניו־יאָרק, וואָס האָט געהאַט געענוג געלט־מיטלען. אָבער די מיט־גלידער פון דעם קאָמיטעט זיינען געווען פולשטענדיק קעגן אונזער פאָרשלאָג צוליב דער באַוואוסטער טענה: אַז אידישע קינדער, ווי אַלע אַנדערע קינדער אין אַמעריקע, באַקומען די נויטיקע באַהאַנדלונג פון

די שטאַטלעכע אינסטיטוציעס, דעריבער איז ניט נויטיק און עס האָט ניט קיין זינען צו גרינדן דווקא אַ אידישע פּסיכאָ־היגיענישע אינסטי־טוציע. נאָך לאַנגע און מאַטערנדיקע פאַרהאַנדלונגען האָבן זיי ענדלעך איינגעשטימט לעת־עתה אונז צו געבן בלויז אַ „מאָראַלישע" שטיצע. גינגאָלד איז געשטאַנען מיט מיר און מיר בײדע האָבן באַשלאָסן אָנ־צופירן „אונזער" קליניק פּריוואַטלעך. איך האָב אויף זיך גענומען די ראָלע פון דירעקטאָר־פּסיכיאַטאָר. מיר האָבן אויך געפונען אַ „סאָשל וואָרקער" וואָס האָט געאַרבעט פּריוואַטלעך און אויך אַ סעקרעטאַרין. מיר האָבן אָבער געדאַרפט האָבן אַ פּרייוואַטן טעסטאָלאָג, און אָט איז געקומען אַן איבעראַשנדיקע באַקאַנטמאַכונג פון גינגאָלדן, אַז ער איז גרייט אויסצופילן דעם דאָזיקן אַמט און ער האָט פאַר מיר „אַנטפּלעקט" אַז ער האָט דורכגעמאַכט פאַרשידענע קורסן אין אוניווערסיטעט און אַז ער האָט די אַקאַדעמישע קוואַליפיקאַציעס פאַר טעסטאָלאָגישער אַרבעט. ער האָט טאַקע אַרויסגעוויזן אויף דעם געביט פאַכמענערישע קענטשאַפטן און געניטקייט. כאָטש דער אידישער קליניק האָט זיך שיין אַנטוויקלט זיינען אָבער געקומען שטערונגען מצד די אָפיציעלע פאַקטאָרן פון אידישן דערציאונגס־קאָמיטעט. מיר בײדע, גינגאָלד און איך, האָבן זיך שווער געראַנגלט פאַר דער עקזיסטענץ פון דעם קליניק. דער געראַנגל איז געפירט געוואָרן אין גינגאָלדס וועג — אַן רעקלאַמע און מיט גרויס געדולד און אויסדויער.

אין שפּעטערדיקע יאָרן האָבן מיר זיך פיל מאָל באַגעגנט אין ישראל ווי אויך אין אַמעריקע. און יעדעס מאָל האָב איך אין אים „אַנטדעקט" אַ סך פונקען פון דעם דאָזיקן אינערלעכן פייער. ניט איינ־מאָל האָב איך אים „געכאַפּט" אין אַ מינוט פון זיין פאַרבאָרגענער דערהויבונג, אָבער ווען נאָר איך האָב פּרובירט אים אויסדריקן די מינדסטע אָנערקענונג, האָט ער זיך תמיד אַרויסגעדרייט, געלייקנט און צונישט געמאַכט, אָבער דער שטיפעריש שעמעוודיקער שמייכל אין זיינע אויגן האָט נאָך מער געפינקלט און אויסגעדריקט אַן איינ־געהאַלטענעם ציטער און שרעק.

די לעגענדע דערציילט אַז אין דער צייט פון בעל שם־טוב איז אין אַ געוויסער שטאָט געשטאָרבן אַ פּרנס ציבור. דער בעל שם־טוב האָט זיך געווענדעט צו זיינע תלמידים און זיי באַפוילן זיי זאָלן גלייך מיט־

פאָרן מיט אים און זיך באַטייליקן אין דער לויה פון פּרנס. האָט איינער פון זיינע תּלמידים געוואָגט און געפרעגט דעם בעל שם־טוב וואָס איז די סיבה פון אָט דער איילעניש. האָט דער בעל־שם־טוב געענטפערט כּהאי לישנא: „דער דאָזיקער מענטש האָט כּלפּי חוץ געלעבט ווי אַ פּרנס הציבור, אָבער ער האָט געהאַט „קניפּעלעך" פון מעשים טובים וואָס דערוועקן קנאה אפילו ביי די „מלאכי השרת". אין דער דאָזיקער לעגענדע ווערט אויסדריקלעך באַנוצט דאָס וואָרט „קניפּלעך" וואָס איז מרמז אויף די מענטשן וואָס פירן לפנים וועגן אַ באַשיידן לעבן און אויסערלעך ווייזן זיי זיך אַרויס פאַר ניט זייער פאַרמעגלעך, אָבער נאָך זייער טויט געפינט מען ביי זיי פאַרבאָרגענע זעקלעך, אין וועלכע זיי האָבן באַהאַלטן זייער גרויס פאַרמעגן.

עס איז קיין ספק ניטאָ אַז גינגאָלד האָט אַ חוץ זיינע באַקאַנטע און אַלעמען באַוואוסטע פאַרדינסטן אויך געהאַט „קניפּלעך" פון מעשים טובים, וויכטיקע דערגרייכונגען און דערהויבענע מידות, וואָס דער־וועקן ליבע און אָנערקענונג פאַר זיין נאָמען און פאַר זיין אָנדענק.

דר. מנחם ס. איידלשטיין, ז״ל *)

פנחס גינגאָלד דער איד

וואָס איז דאָ די רבותא? זיינען מיר דאָך אַלע אידן און אויך גינגאָלד ז״ל איז געווען אַ איד. דאַרף מען דען שרייבן וועגן דעם? איז אָבער די זאַך גאָרנישט אַזוי פשוט.

אין אונזערע פאָלקס־מעשיות וועגן גדולי הדור ווערט דערציילט, אַז איינמאָל האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן פאַר אַ רעליגיעזן ויכוח, ווי דער שטייגער איז געווען אין אַמאָליקע צייטן, אַ קריסטלעכער גייסט־לעכער און אַ קלוגער רב, אַ חריף. זאָגט דער גלח: — „מיך וואונדערט, וואָס ביי אייך אידן איז איינגעפירט, אַז קינדער פרעגן קשיות פסח און ניט סוכות. פאַרקערט: סוכות האָט איר דאָך דינים און מנהגים וואָס זיינען נאָך מער משונהדיק ווי פסח: אַ איד בייט דאָך אינגאַנצן זיין לעבנס־שטייגער אום סוכות; ער קלייבט זיך אַריבער פון זיין הויז אין עפּעס אַ צייטווייליקער סוכה, וואָס אירע ווענט זיינען פון ברעטלעך צוזאַמענגעשטעלט און דער דאַך איז מיט סכך באַדעקט, — איז פאַרוואָס פרעגן ניט אייערע קינדער אום סוכות ‚מה נשתנה׳?״

האָט אים דער רב מיטן שאַרפן מוח געענטפערט: „פאַרשטייסטו מיך, גלח׳ל טייערער, פסח צום סדר, ווען דאָס קינד זעט ווי זיין טאַטע מיט דער גאַנצער משפחה זיצן בהרחבהדיק, ווי פרייע מענטשן, ביי אַ טיש אָנגעפילט מיט וויין, מצות, געשמאַקע מאכלים און שיינע כלים, ניט ווי דער שטייגער איז פאַר אידן אין גלות, ווערט דאָס קינד דער־שטוינט און פרעגט: ‚מה נשתנה׳. אָבער סוכות, ווען דאָס קינד זעט ווי אידן פאַרלאָזן זייערע הייזער און באַזעצן זיך אין עפּעס אַ צעבראָ־כענער סוכה, די ווינטן שטורעמען און דער רעגן קאַפּעט אין טעלער,

*) דער דאָזיקער אַרטיקל איז געשריבן געוואָרן אַ קורצע צייט, איידער ד״ר איידלשטיין איז פּלוצלונג נפטר געוואָרן.

— ווערט ער, דאָס קינד, דערפון גאָר ניט נתפעל, ווייל יעדעס אידיש קינד ווייס, אַז אַזוי איז דער שטייגער פון אידישן לעבן אין גלות״.

ס׳איז געווען אַ צייט, דוכט זיך גאָר ניט לאַנג צוריק, ווען ס׳איז לחלוטין ניט נייטיק געווען צו דעפינירן דעם טערמין איד. מען האָט קיין קשיות ניט געפרעגט: מיט וואָס איז אַ איד אַנדערש פון אַ קריסט? וואָס דאַרף איינער טאָן און זיין, כדי ער זאָל מיטן נאָמען איד קענען גערופן ווערן? פראַגעס און דעפיניציעס וועגן איד און אידישקייט זיינען געווען אַן איבעריקע זאַך, ווייל ס׳איז געווען אַ ספּעציפיש אידישער לעבן־שטייגער, אויב ניט פאַר אַלע — זיכער פאַר די מערסטע אידישע מענטשן, וואו זיי זאָלן ניט זיין געווען.

אָבער אין אונזער תקופה, ווען די אַלטע כלים ליגן צעבראָכענע און קיין נייע זיינען נאָך דערוויל ניט געשאַפן געוואָרן, כדי אין זיך אַריינצונעמען און אויפצוהאַלטן און אָפּצוהיטן אונזערע טראַדיציאָנעל־קולטורעלע אוצרות, אין אונזער דור איז שוין די פראַגע פון איד און אידישקייט גאָר אַ האַרבע. חכמים גרויסע און מענטשן סתם פרעגן היינט־צו־טאָג גאָר אָפט „מה נשתנה?״ וואָס הייסט זיין אַ איד? מיט וואָס איז דער איד — און דער פסוק רעדט דאָ די גאַנצע צייט וועגן דעם אידן אין חוץ לארץ — אַנדערש פון זיינע ניט־אידישע שכנים? מיט וואָס דאַרף די אידישע היים, די סינאַגאָגע, די אידישע שול זיך אונטערשיידן פון ענלעכע אינסטיטוציעס ביי די ניט־אידישע שכנים?

דער פריצייטיק פאַרשטאָרבענער חבר אונזערער, פנחס מיכאל גינגאָלד, איז אין אונזער דור און צווישן אונזערע מענטשן־אידן געווען איינער פון די וויניקע, וואָס אויף אים האָט מען זייער אָפט „מה נשתנה״ געדאַרפט פרעגן, ווייל אין אים און אַרום אים האָט נאָך געלעבט מיט זייער פולער שיינקייט דער אידישער אורח־חיים, דער אידישער שבת און יום־טוב און די ליבע און פאַרערונג פון אידישער תורה און טראַדיציע. גינגאָלד איז געווען אויסערגעוויינטלעך, אַן אויסנאַם צווישן זיינע חברים און די וועלטלעכע אידן, מיט וועמען ער איז געווען אין שטענ־דיקער באַרירונג. מיט זיינע אידיש־טראַדיציאָנעלע פירונגען איז ער געווען אַ חידוש צווישן אונז, עפּעס וואָס לא מעלמא הדין, ניט פון אונזער וועלטלעכער אָנשויאונג, און מהאי טעמאָ מעג מען בפירוש

ריידן און דערציילן וועגן איין פּאַזע פון גינגאָלד׳ס רייכער פּערזענ־לעכקייט, וואָס האָט אים אַרויסגעהויבן און אַנדערש געמאַכט אין זיין סביבה.

גינגאָלד, ווי די גרעסטע מערהייט פון יונגע אידן אין זיין דור, איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין אַ רעליגיעזער אידישער היים. די מאַמע זיינע, מיט וועמען ער האָט געוואוינט אין איין דירה דאָ אין אַמעריקע ביז ער האָט אויפגעשטעלט אַן אייגענע היים, איז געווען שטרענג פרום און אָפּגעהיט אין אידישע דינים „צו גאָט און צו לייטן״. „זי איז געווען אַ צדיקת״ — אַזוי זאָגן עדות אַלע וואָס האָבן זי פּער־זענלעך געקענט. חבר אביגדור טאָפּילאָווסקי, אַליין אַ טיפּ פון גוטסקייט און ערלעכקייט, דערציילט, אַז אַנקומענדיק קיין אַמעריקע (און געקומען איז ער אַהער אויף דער איינלאַדונג פון פּנחס גינגאָלד, וועלכער האָט אים אַ שיפסקאַרטע געשיקט און האָט אים פאַרשריבן פאַר אַן אייגענעם ברודער, כדי צו פאַרלייכטערן זיין אַריינקומען קיין ניו־יאָרק), האָט ער אַ יאָר געוואוינט אין גינגאָלד׳ס היים. און כדי ניט מצער זיין גינגאָלד׳ס מאַמע האָט אויך ער, טאָפּילאָווסקי, צוזאַמען מיט גינגאָלד׳ן אַלע אינדערפרי תפילין געלייגט איידער ער איז געגאַנגען צו דער אַרבעט. אין איר אַנוועזנהייט, דערציילן חברים, האָט מען קיין עבירה בשום אופן ניט געקענט טאָן, הגם זי האָט קיינמאָל ניט גע־מוסר׳ט אָדער אויסגערעדט, אַז דאָס מעג מען און דאָס טאָר מען ניט טאָן.

גינגאָלד האָט פון דער היים, פון דעם בית־אמא אַריינגעזאַפּט אין זיך ליבע און רעספּעקט פאַרן אַלטן אידישן לעבן־שטייגער, און די זעלטענע ירושה האָט ער מיטגענומען און זי פאַרפלאַנצט אין זיין אייגענער היים, וואָס ער, צוזאַמען מיט סאָפי יודין, האָבן אויפגע־שטעלט פאַר זיך און זייערע צוויי קינדער יהודה און מאַשאַ. ווען איר זייט אַריינגעקומען צו די גינגאָלדס אין הויז אין אַ פרייטיק צו־נאַכט אָדער אין אַ יום־טוב — האָט איר דערפילט גלייך, מיט אייערע אַלע פינף חושים, אַז איר זייט אין אַ אידישער היים און אַז דער גוטער מלאך פון דער לעגענדע, וואָס באַגלייט דעם אידן פון שול אַהיים אין דער נאַכט פון שבת איז זיכער דאָ אין דער שטוב, און ער גיט זיין

ברכה די הויז־מענטשן מיט זייערע געסט. אַפילו די ענגלישע קריסט־לעכע דינסט, וואָס האָט כמעט אַליין אַכטונג געגעבן אויף גינגאָלד׳ס קינדער און זיי פיזיש דערצויגן, אַפילו זי, די קריסטלעכע אַגנעס, האָט געשיינט פון שמחה און פאַרגעניגן, ווען זי האָט זיך מיט יראת הכבוד צוגעהערט צו גינגאָלד׳ס קידוש מאַכן.

איך קען מיט זיכערקייט ניט זאָגן, אַז גינגאָלד האָט אָפּגעהיט אַלע דינים פון שלחן ערוך בנוגע אידישער אויפפירונג אין הויז אָדער אין גאַס. אָבער די מצוות־מעשיות וואָס ער האָט יאָ מקיים געווען זיינען ביי אים נישט געווען קינסטלעך דורכגעפירט, מעשה אָנשטעל אָדער אַפילו מתוך הרגל: ניין, דער מענטש האָט בפירוש גרויס הנאה געהאַט פון און דורך די מצוות, וואָס ער איז געווען ביכולת אָפּצוהיטן. ווער ס׳האָט, למשל, ניט געזען גינגאָלד׳ן גיין אין שול סוכות אינדערפרי מיטן אתרוג און לולב אין האַנט, האָט קיין מער צופרידענעם און גליקלעכן וועלטלעכן אידן אין זיין לעבן ניט געזען. מיר פלעגן זיך אָפט באַגעגענען און גיין דאַוונען צוזאַמען, ווייל נאָכן דאַוונען האָט מען דאָך געדאַרפט אַריינגיין צו זיך אַהיים אָדער צו נאָענטע פריינד אויף קידוש. גינגאָלד פלעגט מיך שטענדיק אָנשטעקן מיט זיין פריי־לעכקייט און פריינדלעכקייט און אָפּטמאָל אויך מיט זיין שפּאַסיקייט. גייענדיק אַזוי מיטן אתרוג און לולב פלעגט גינגאָלד, מיט זיין כאַראַק־טעריסטישן וואונק פון אַן אויג און מיט זיין האַרציקן שמייכל, מיך פרעגן: „וואָס דענקט איר וואָלטן די און די חברים (דערביי פלעגט ער אָנרופן נעמען פון אונזערע באַקאַנטע) געזאָגט, ווען זיי זעען אונז גיין אָט אַזוי פון דער העלער הויט אין שול אַריין?״ „מן־הסתם פינצטערע רעאַקציאָנערן״ — פלעג איך ענטפערן. — „ניין״ — זאָגט מיר גינגאָלד — „זיי וואָלטן געזאָגט, אַז זיי זיינען אונז מקנא״ . . .
דאָס איז שוין גאָר קיין שפּאַס ניט געווען, ווייל ער האָט געהאַלטן מיט דער טיפסטער ערנסטקייט און איבערצייגונג, אַז אידישע דערציאונג און אידיש לעבן בכלל מוז זיין באַזירט אויף אידישער תורה און טראַ־דיציע, און ער האָט מיטליד געהאַט מיט די פון זיינע נאָענטע חברים און מיטאַרבעטער אין דער באַוועגונג, וואָס הגם אין האַרצן זיינען זיי מיט אים מסכים, פעלט זיי אָבער דערווייל דער מוט זיך אַרויסצוזאָגן

און אויפפירן ווי ער. אַזוי, לכל הפחות, האָב איך געפילט, ווען נאָר מיר פלעגן שמועסן וועגן זאַכן און ענינים וואָס שטייען ברומו של עולמנו.

אָדער נעמט אַזאַ אידישן מנהג ווי גיין ראש השנה צו תשליך. זינט דער ליובאַוויטשער רבי האָט זיך באַזעצט אין גינגאָלד'ס געגנט אויף איסטערן פּאַרקוועי אין ברוקלין, ציען זיך מחנות אידן אויף די ברייטע, שטילע גאַסן אין יענער שכנעשאַפט ראש השנה בייטאָג פון דעם רבינ'ס הויז ביז פּראָספּעקט פּאַרק צום קליינעם טייכל דאָרטן, וואָס שטראָמט ביי דעם יאַפּאַנעזישן גאָרטן מיט זיינע פּאַגאָדעס און טראָפּישע ביימער און פלאַנצן. מאַרשירן חסידים, יונג און אַלט, צום טאַקט ווי סאָלדאַטן און זינגען חסידישע ניגונים, און אויף די גאַסן שטייען מענטשן, מערסטנס מאחינו בני ישראל, און ווער עס שמייכלט גוט־האַרציק און ווער ס'קוקט מיט ברוגז און צאָרן אויף די „ווילדע" חסידים, וואָס ברענגען אַריין אַ מין דיסאָנאַנס אין דעם שטילן, פאַר־אַמעריקאַניזירטן כאַראַקטער פון דער געגנט. גינגאָלד פלעגט יענעם טאָג קומען צו אונז אין הויז און אומגעדולדיק וואַרטן, אַז דער תשליך־פּאַראַד זאָל פאַרביי אונזער הויז דורכגיין. טראַכטנדיק איצט וועגן יענע טעג, ווי אַזוי גינגאָלד פלעגט מיך און מאַשעוויצקין, וואָס האָט געוואוינט מיט מיר אין איין הויז, ממש צווינגען צו גיין מיט אים און מיט די ליובאַוויטשער צו תשליך, האָב איך דעם געפיל, אַז ער האָט אויך אונז געוואָלט אָנשטעקן מיט זיין פרייד פון מקיים זיין אַ מצווה און מיט זיין פאַרערונג פון אידישע טראַדיציאָנעלע מנהגים. און קומענ־דיק צום טייכל פלעגט גינגאָלד ניט שטיין ווי אַ זייטיקער צוקוקער, ווי איינער וואָס קומט אויפנעמען אַ בילד פון אַ אידישן צערעמאָניאַל, כדי דאָס נאָכדעם צו באַשרייבן אָדער ריידן וועגן דעם: ער פלעגט עפענען זיין טאַטנס פאַרגעלטן מחזור און מיט גרויס התפּעלות און כוונה זאָגן די לאַנגע תפילות פון תשליך, אויפן קול, וואָרט פאַר וואָרט, ממש ווי די אַלע פרומע מענער און פרויען אַרום אונז. גייענדיק אַזוי איין מאָל צו תשליך און אויפכאַפּנדיק די מורמלעריי פון די אומצו־פרידענע אויף די שטילע גאַסן פון ברוקלין, גיט מיר גינגאָלד אַ זאָג, דאָס מאָל זייער ערנסט, ניט ווי תמיד זיין שטייגער: „איך וואָלט

כאָטש איין טאָג אין מיין לעבן געוואָלט דורכגיין די גאַסן מיט אַ באָרד און פאות אויף מיין פנים און זיך פילן אַט אַזוי ווי די חסידים מיט זייערע בערד און לאַנגע קאַפּאָטעס פילן זיך מאַרשירנדיק שטאָלץ און מיט געהויבענע קעפּ און געזאַנג צו תשליך". גינגאָלד האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין אידישקייט, און זיין האַרץ האָט שטענדיק געגאַרט נאָך אידישע איבערלעבונגען און גייסטיקער השפעה.

ער האָט זייער ליב געהאַט ביכער און דערפאַר האָט ער זיך געשאַפן אַ גאַנץ פיינע ביבליאָטעק. ניט נאָר האָט ער אַ סך ביכער געהאַט, נאָר ער האָט אויך גרויס חשק געהאַט זיי צו לייענען. ער פלעגט זיך שטענדיק באַקלאָגן, אַז צוליב זיינע קהל'שע טעטיקייטן האָט ער קיין צייט ניט מקיים צו זיין דעם מאמר פון „קבע עתים לתורה". און ער האָט בפירוש געמיינט תורה אין דעם ברייטסטן זין פון וואָרט: ניט סתם לייענען אַ בוך — ער האָט געוואָלט לערנען, אַריינקוקן אין אַ ספר, און דערפאַר טאַקע האָט ער אין זיין ביבליאָטעק געהאַט ספרים פון די ראשונים און אחרונים, ביכער וועגן חנוך, העב־רעאישער און אידישער ליטעראַטור און אויך מדרשים און ספרי דרוש אַלערליי פון אַלטע און מאָדערנע רבנים. ער פלעגט שטאַרק הנאה האָבן פון אַ טרעפלעכן אויסטייטש פון אַ פסוק, אָדער אַ מאמר, און אין זיין ריידן און שרייבן האָט ער האָלט געהאַט אַריינפלעכטן דברי תורה וחכמים. און אין דעם איז ער אַנדערש געווען, געווען מער אידישלעך ווי אַלע אַרום אים. האָט מען אים טאַקע אָפטמאָל געקרוינט מיטן נאָמען מגיד, אָבער גינגאָלד האָט זיין אַרט ריידן ניט געביטן, ווייל אויף דעם געביט האָט אין אים געווירקט דער אידישער מקור, דער אידישער שורש.

זיין ליבע און מסירות צו ארץ־ישראל האָבן אויך זייער יניקה געצויגן פון די אַלטע קוואַלן. גינגאָלד איז ניט געווען קיין איבערגע־צייגטער, נאָר אַ נאַטירלעכער ציוניסט. ווי קען דאָס אַ איד ניט בענקען און גלוסטן צו ציון און צו דער ווידעראויפבויאונג פונעם אידישן פאָלק אין זיין אייגן לאַנד, אַט אַזוי ווי אונזערע נביאים און משוררים האָבן אונז פאַרשפּראָכן. ער האָט געחלומט וועגן באַזעצן זיך אין ארץ ישראל, וואו זיין זון יהודה און זיין פרוי סאָפי לעבן און אַרבעטן שוין עטלעכע

יאָר. איז אים אָבער ניט באַשערט געווען צו זען די פאַרווירקלעכונג פון זיין לעבנס חלום.

אין שייכות מיט זיין ציוניזם קומט מיר איצט אַרויף אויפן געדאַנק אַ קליינער אינצידענט, וואָס בעת דאָס האָט געטראָפן האָבן מיר, איך און מיין פרוי, געהאַט אַ שפּאַר ביסל פאַרדרוס אויף גינגאָלד׳ן, אָבער שפּעטער, און איבערהויפּט אין די היינטיקע טעג, זעקס יאָר נאָכן געבורט פון דער אידישער מדינה, ווען אין אונזערע קרייזן קומען פאָר שאַרפע ויכוחים וועגן דעם מהות פון ציוניזם, זע איך אין יענעם אינצידענט, אָדער געשפּרעך, אַ ביז גאָר טיפן געדאַנק און אַ האַרבע פּראָבלעם, וואָס וועט רעגן די מוחות פון אונזערע גדולים אַ גאָר לאַנגע צייט.

עטלעכע טעג נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער אידישער מדינה, ווען די הערצער זיינען געווען איבערגעפילט מיט גרויס שמחה און אויך מיט פיל אַנגסט וועגן דער צוקונפט פון דער מדינה, נאָך דעם ווי זי איז גלייך נאָך איר אַנטשטייאונג אַטאַקירט געוואָרן פון די אַראַבער, קומט צו אונז אַריין גינגאָלד און מיר באַמערקן גלייך, אַז זיין פּנים איז ניט ווי נעכטן און אייערנעכטן. — וואָס איז מיט אייך? — פרעגן מיר אים. — פרייט איר זיך גאָרניט וואָס אונזער חלום איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אין אונזער טעג און מיר האָבן זוכה געווען צו הערן די טריט פון משיח?

—„זעט איר, — זאָגט צו אונז גינגאָלד, — ווען איך ווייס אַז מיר מיינען עס טאַקע און מיר ריידן ניט סתם קיין מליצה וועגן אתחלתא דגאולה און די טריט פון משיח, וואָלט איך זייער צופרידן געווען. מעגלעך, אַז פרומע אידן, ערלעכע אידן פילן טאַקע אַז דאָס איז דער אָנהייב און גאולה קרובה לבוא, אָבער ביי אונז ציוניסטן, הלוואי זאָל איך ליגן זאָגן, איז דאָס ניט קיין אָנהייב, נאָר דער סוף. מיר, די אַזוי גערופענע פּאָליטישע ציוניסטן, פאַר וועמען דאָס אַנטשטיין פון דער מדינה איז געווען אַן ענד־ציל, האָבן דאָך שוין אונזערס דערגרייכט. אין משיח׳ס קומען גלייבן מיר ניט, אתחלתא דגאולה איז אַ פרעמדער באַגריף פאַר דער מערהייט ציוניסטן, איז וואָס־זשע וועלן מיר איצטער טאָן? וואָס וועט איצט זיין דער ציל, צו וועלכן מיר וועלן מיט אַלע

אונזערע חושים שטרעבן? און דערפאַר איז מיר אומעטיק אין דידאָזיקע פריילעכע טעג. וואָס ווייסן אונזערע קינדער, וואָס ווייסן אונזערע ציוניסטן פון דעם משיח־געדאַנק, פון דעם אידעאַל והיה באחרית הימים? מיר האָבן פאַרגעסן דעם חיי עולם צוליב חיי שעה".

אַזוי האָט זיך גינגאָלד פאַר אונז זיין האַרץ אויסגערעדט און אין אונזערע אויערן האָבן דעמאָלט זיינע רייד אַזוי מאָדנע פרעמד געקלונגען. ערשט היינט זעען מיר זיך אַרום ווי אמת זיינע אָפּשאַצונגען פון דער סיטואַציע זיינען געווען.

ווען מיר זאָלן אָנווענדן אויף גינגאָלד'ן דעם באַוואוסטן מאמר „חבל על דאבדין ולא משתכחין", וואָלט מען אים געדאַרפט געבן צווייערליי טייטשן. דער פשוטער טייטש: „אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד אויף די וואָס גייען פאַרלוירן און ווערן ניט פאַרגעסן". שווער, זייער שווער איז זיך פאָרצושטעלן, אַז גינגאָלד איז ניט מער צווישן די לעבעדיקע, איז ווי קען מען אים פאַרגעסן? אָבער דאָס העברעאישע וואָרט משתכחין לאָזט זיך אויך אַנדערש פאַרטייטשן, און דער צווייטער טייטש פון דעם שורש „שכיח" — געוויינטלעך, דענק איך, פּאַסט זיך זייער צו אונזער פּנחס מיכאל גינגאָלד: „אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד אויף די וואָס גייען פאַרלוירן און וואָס זיינען ניט געוויינטלעך". יאָ, אויסערגעוויינטלעך איז ער געווען צווישן אונז מיט זיין אידישן לעבן־שטייגער מיט זיינע באַציאונגען צו מענטשן און אינסטיטוציעס, מיט זיין גאַנצן קוק אויף אידישער דערציאונג, קולטור און אידיש בכלל. און ווי אַזאַ אויסערגעוויינטלעכן וועלן מיר זיין געדעכעניש טראָגן אין אונזער האַרצן. יהא זכרו, ברוך!

ד"ר. עזריאל אייזנבערג:

מענטשן פון צוויי וועלטן

היי־יאָר, ווען מען פייערט דריי הונדערט יאָר אידיש לעבן אין אַמעריקע, קען מען זיך נישט דערלויבן אין דעם טומל און דעם רעש פון די פייערונגען זיך אָפּצושטעלן און וואַרפן ליכט אויף די אמת'ע געשטאַלטיקער פון אַמעריקאַנער אידנטום. אפשר שפּעטער, אין דער רואיקער סביבה פון פאָרשונג און קלאַס־צימער, וועלן מיר בעסער קענען אָפּשאַצן די אַלע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן געהאָלפן דער־ציען דעם נייעם דור אידן אין דעם יונגסטן און גרעסטן צענטער פון אידישן לעבן. אויב מיר האָבן דערצויגן אַ דור, וואָס וועט מעגלעך מאַכן אַז איבער הונדערט יאָר אַרום זאָל מען קענען דורכפירן אַ באַדייטונגספולע פייערונג, איז דאָס געווען די אַרבעט פון מענער און פרויען פון צוויי וועלטן, פון מענטשן וואָס האָבן קיינמאָל פולשטענדיק זיך אַליין נישט געפונען אָבער וואָס זייערע באַמיאונגען דאָס צו דערגרייכן האָבן אויסגעפלאַסטערט דעם וועג פאַר די וואָס וועלן קומען נאָך זיי.

אויף די ברעגן פון דעם היגן לאַנד פון שפע וואָס האָט זיי אויפ־גענומען מיט אָפענע הענט, האָבן די דאָזיקע סענסיטיווע און באַגאַבטע פירער געפרואווט שאַפן אַ נייע געזעלשאַפט, פריי פון די אַלטמאָדישע טראַדיציעס פון די פּאַרגליווערטע קלאַס־סיסטעמען פון דער אַלטער היים. גלייכצייטיק אָבער האָבן זיי געוואָלט אָנהאַלטן אירע העכסטע מאָראַלישע ווערטן. זיי האָבן געפרואווט איבערצובויען אַן אַלטע וועלט מיט איינגעפונדעוועטע טראַדיציעס פון אומבויגזאַמע דינים און ריטואַלן, אין אַ נייער רעוואָלוציאָנערער וועלט פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, פון פרייהייט פון געדאַנק און געוויסן, פון קאָסמאָפּאָליטיזם און אינטערנאַ־ציאָנאַליזם. עס איז זיי נישט געלונגען צו דערגרייכן זייער ציל פון שאַפן אַ סינטעז פון די ווערטן פון ביידע וועלטן צוליב סיבות וואָס זיינען געווען אויסער זייער קאָנטראָל. מיר אַלע ווייסן וואָס עס איז געוואָרן אין דער גרויסער וועלט, ווי אויך אין דער אידישער וועלט,

אין אַמעריקע בכלל, ווי אויך אין דער אידישער אַמעריקע פון דעם גרויסן „חלום" פון 20טן יאָרהונדערט. איך דאַרף עס דאָ נישט איבער־חזרן אין די באַגרענעצטע ראַמען פון דעם דאָזיקן אַרטיקל.

אַזאַ מענטש פון צוויי וועלטן איז געווען פנחס גינגאָלד, ע"ה, און מעג איך צוגעבן, אַז אויך זיין טייערער חבר און קאָלעגע, ד"ר מנחם אידלשטיין, ע"ה, וועלכער האָט פאַר דעם דאָזיקן בוך אָנגעשריבן די רירנדיקע עלעגיע וועגן גינגאָלדן עטלעכע טעג אידער ער אַליין איז אַוועקגעריסן געוואָרן פון אונז.

איך האָב נישט געקאָנט גינגאָלדן אין זיין פערזענלעכן לעבן. איך בין נישט געווען קיין מיטגליד פון זיין משפחה אָדער פון דעם ברייטערן קרייז פון זיינע קאָלעגן אין די פועלי ציון און פאַרבאַנד־שולן צו וועלכע ער איז געווען אַזוי לײדנשאַפטלעך איבערגעגעבן, ווי אויך נישט פון דער גרויסער גרופּע פון זיינע נאָענטע פּערזענלעכע פריינט. איך האָב אים געקאָנט פּראָפעסיאָנעל, אַלס איינעם פון דער קליינער גרופּע אידישע דערציער פון פאַרשידענע ריכטונגען, וועלכע כאָטש זיי אונטערשיידן זיך איינער פון אַנדערן אידעאָלאָגיש, זיינען זיי אָבער נאָענט צונויפגעבונדן אין דער געמיינשאַפטלעכער זאַך פון אידישער דערציאונג. אפשר אין אָט דער דאָזיקער געזעלשאַפט, פּונקט ווי אַ בילד וואָס ווערט דראַמאַטיזירט אַ דאַנק זיין הינטערגרונט אָדער אַ בריליאַנט דורך זיין פאַסונג אין וועלכער ער איז אַריינגעשטעלט — האָט זיך גינגאָלדס אינערלעכער איך מער אַנטפּלעקט ווי ערגעץ וואו אַנדערש.

ער האָט אויף אונז אַלעמען געמאַכט אַ גוואַלדיקן רושם מיט זיין טיפער רעליגיאָזיטעט, מיט זיין שטאַרקן און אומדערשיטערלעכן גלויבן אין דעם גורל פון אונזער פאָלק, מיט זיין אומקאָמפּראָמיסלעכער לאָיאַליטעט צום ציוניזם און צו העברעאישער קולטור. אַ הייסער אָנהענגער פון חסידיזם, האָט ער דערציילט מעשות פון רבין אַזוי באַגייסטערט און האַרציק, פּונקט ווי אַ פרומער חסיד פון וויליאַמסבורג. און ווען ער האָט ציטירט אַ מאמר חז"ל, האָבן מיר, זיינע צוהערער, בלויז געדאַרפט פאַרמאַכן די אויגן און זיך פאַרשטעלן אַז מיר געפינען זיך אין „מעמד". ער האָט שטאַרק געגלויבט אין דעם ווערט פון צוויי כוחות, אין דעם געשריבענעם און גערעדטן וואָרט און אין דער אינסטינקטיווער ערלעכקייט און גוטסקייט פון די מאַסן.

ער האָט געגלויבט אַז נאָך אין אונזער צייט קאָנען מיר דערגרייכן צילן, וואָס פּאַקטיש דאַרף געדויערן לאַנגע יאָרן פון געדולדיקער אָנשטרענגונג, כדי זיי צו דערגרייכן און וואָס ווערן אָבער קיינמאָל נישט דערגרייכט פולשטענדיק. ער האָט למשל, כסדר פאַרלאַנגט אַז מ׳זאָל דורכפירן אַ טאָטאַלע אָפענסיווע אויפן ניו־יאָרקער אידנטום און אויף דער „פעדעראַציע״, דורך דער פּרעסע און פון דער פּלאַטפאָרמע, כדי צו דערגרייכן פולע שטיצע פאַר אידישער דערציאונג. צופאַסנדיק האַנדלונג צו טעאָריע, האָט ער אָנגעשריבן אַ שאַרפן אַרטיקל אין דער אידישער פרעסע — וועלכער האָט לײַדער נישט פאַראורזאַכט קיין מינדעסטן שאָדן.

אונזער ניו־יאָרק — די טומלדיקע, גיגאַנטישע, נאָמענלאָזע ניו־יאָרק איז נישט צוגעפּאַסט פאַר אַן אידעאַליסט, אַ טרוימער, פאַר אַזאַ עקסטרעמען אינדיווידואַליסט ווי גינגאָלד. וואָלט דער מזל אים באַשערט, אַז ער זאָל זיך באַזעצן אין אַ מער קאָמפּאַקטער סביבה, אַ פּשוטער און מער דירעקט קאָנטראָלירבאַרער געמיינדע ווי וויניפּעג אָדער סינסינעטי, וואָלט גינגאָלד מעגלעך געוואָרן דער מאָדערנער רבי מיט אַ גרויסער נאָכפאָלגערשאַפט. וואָלט ער געוואָרן פיל מער עפעקטיוו ווי אין אונזער שטורמישער אומפּערזענלעכער מעטראָפּאָליע. וואָרום, ווען גינגאָלד איז צוריקגעקומען פון אַ טור איבער די פאַראייניקטע שטאַטן, און דער עיקר איבער קאַנאַדע, האָט ער געהאַט אַ טריאומפירנדיקן בליק אין זיינע אויגן, אַ שיין פון אויפטו וואָס האָט אים באַגלייט אַ לאַנגע צייט ביז די אומפּערזענלעכע אכזריות פון אונזער ניו־יאָרק האָט עס אָפּגעווישט.

אויב דאָס איז געווען נאַאיוויטעט, איז עס געווען אַ געטלעכע נאַאיוויטעט. הפטיש לא מצא את הסדן. נישט אַלעמאָל קאָן מען באַשולדיקן דעם האַמער וואָס ער האָט נישט געפונען די קאָוואַדלע. גינגאָלד איז אפשר געווען אומגערעכט, אָבער אין דעם זעלביקן אופן ווי די פּאַרצייטיקע נביאים זיינען געווען אומגערעכט, אויף דעם זעלביקן אופן ווי די ערשטע פּיאָנערן אין ארץ ישראל זיינען געווען אומגערעכט. ניט דער אידעאַליסט, ניט דער וויזיאָנער איז אויסערן פּלאַץ, נאָר די וועלט אין וועלכער ער לעבט. פאַר די פון אונז וואָס האַלטן זיך פאַר מער היינטוועלטיק, מער „רעאַליסטיש״ איז אַ מאַן ווי גינגאָלד אַן אומאויפּ־

הערלעכער קוואַל פון הדרכה און אינספּיראַציע, אַ פאַנען־טרעגער, אַ ווידער־אינספּירירער פון האָפענונג און ענטוזיאַזם אינמיטן פון דער אומבאַהאָלפנקייט וואָס מיר זיינען געניגט צו דענקען אַז דאָס איז „די אמת׳ע וועלט״.

דאָס איז טאַקע די אורזאַך וואָס אין די שווערע, אומגינסטיקע אומ־שטענדן פון זיין אַרבעט, האָט גינגאָלד געפונען אַזוי פיל פריינט וואָס האָבן געענטפערט אויף זיין רוף בלויז אַלס אַ פערזאָן, אַלס אַ וואַרימער מענטש. אַ סך זיינען געווען פאַרפליכטעט צו אים פאַר זיין הילף, פאַר זיין שטיין צום דינסט אַזוי פרייגיביק און מיט אַ ברייטער האַנט, כאָטש אָפט איז דאָס געווען אויפן חשבון פון גרויסע פערזענלעכע קרבנות. זיין פערזענלעכער איינפלוס איז געווען מער ווי מערקבאַר פון דעם גרויסן איבערפלוס פון פריינט און פאַרערער וואָס זיינען געקומען צו דער לויה, צו די שלושים, און צו די יאָרצייט פאַרזאַמלונגען, און פון דער היפשער צאָל אָנגעזעענע פערזענלעכקייטן, וואָס האָבן דערמעגלעכט אַרויסצוגעבן דעם דאָזיקן בוך.

אַ סך זיינען געווען די, וועלכע האָבן ווייזט אויס געלעזט די דילעמע פון לעבן אין צוויי וועלטן — אָנגעזעענע שרייבער און דערציער, וועלכע האָבן כלומרשט געפונען אַן אויסוועג פון קאָנפליקט אין לעבן פון פאָלק. אַ טייל האָט זיך געווידמעט דעם בונדיזם, אַ צאָל דער אָרטאָדאָקסיע, אַנדערע צו ארץ ישראל. און זיי אַלע האָבן פיל בייגעטראָגן צו דעם סך הכל פון מענטשלעכן פּראָגרעס און צו דעם אידישן פּראָגרעס. מאַכנדיק אָבער דעם לעצטן סך הכל, זעען מיר אַז זיי האָבן אונז געגעבן אַ צו פּשוטן, צו ענטגילטיק באַשטימטן ענטפער, וועלכער פּאַסט זיך עפּעס נישט אַריין אין די כסדרדיקע ענדערונגען און איבערבייטן פון דער קאָמפּליצירטער עפּאָכע. מענטשן ווי גינגאָלד און איידלשטיין האָבן אפשר זיך געשטרויכלט, זיך געקווענקלט און זיך צוריקגעהאַלטן אינמיטן פון די דאָזיקע צו־אַנטשיידענע ענטפערס אויף אונזער פּראָבלעם. דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס זיי האָבן נישט געוואָלט אויפגעבן זייער אָריגינעלן חלום. ווען מען שטרעבט צו אַ סינטעז, צו אַ צונויפגוס פון דעם בעסטן פון דעם אַלטן מיט דעם בעסטן פון דעם נייעם זוכט מען אַ באַלאַנס. מען קאָן דאָך נישט אָננעמען קיין ענטגילטיקע

סומירונג, קיין ענטגילטיקע דעפיניציע, וואָס איגנאָרירט דעם פּראָבלעם און לעזט אים נישט. די דאָזיקע מענטשן האָבן געוואוסט אינסטינקטיוו, אַז מיר לעבן אין אַן עפּאָכע פון איבערגאַנג, ווען עס פאַרשווינדט דאָס אַלטע און עס ברויזט אויף דאָס נייע. זיי האָבן זייער טייער באַצאָלט פאַרן פּרוּאוון אָנהאַלטן אַ באַלאַנס אין אַ וועלט, וואָס איז נישט באַלאַנ־סירט, פאַר זיין אויסגעשטעלט צו אַ כף הקלע. אָבער אין לעצטן סך הכל זיינען זיי געווען ערלעכער צו זיך אַליין, האָבן קלאָרער געזען אונזער צעטומלטע עפּאָכע און זיינען געווען די כאַראַקטעריסטישע פאַר־מירער פון דעם מיטן 20טן יאָרהונדערט.

פונקט ווי זיי, דאַרפן אַ סך פון אונז אויך זוכן אומאויפהערלעך אַ שענערע נייע וועלט, געבויט אויפן אייביקן יסוד פון אונזער גלאָררייכן עבר אָבער געשטאַלטעט לויט די נייסטע אַנטפּלעקונגען, די נייע אמת׳ן פונם היינט און שטענדיק באַקרוינט מיט די אייביקע אידעאַלן און אַספּי־ראַציעס פון דער מענטשהייט. דאָס לעבן פון מענטשן ווי גינגאָלד און איידלשטיין שלאָגן אָן אַ טאָן פון דער נייער גרויסער סימפאָניע פון מאָדערנעם אידישן לעבן, אַ טאָן וואָס וועט שטענדיק אָפּקלינגען און וויברירן אין דעם זכרון פון די וואָס זיי האָבן נאָך זיך איבערגעלאָזט.

י. גובקין:

דער דערציער און חבר

מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק האָב איך זיך צום ערשטן מאָל געטראָפן מיט חבר גינגאָלדן אין שלומה'ס רעסטאָראַן, אויף איסט בראָדוויי, ניו יאָרק. דער רעסטאָראַן איז אין יענע יאָרן געווען דער זאַמלפונקט פון אידישע שרייבערס, פּאַרטיי־מענטשן און כלל־טוערס, און האָט מען געוואָלט אימיצן טרעפן, איז דאָרטן געווען דער פּלאַץ.

ער האָט מיט מיר געשמועסט פריינטלעך און חבריש, ביז מיר איז איינגעפאַלן אים צו דערציילן אַז איך בין עס דער ג. איזראַעל וואָס האָט אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל אין „אידישן אַרבעטער“, דאַמאָלסטיקער חודשלעכער זשורנאַל פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פּאַרבאַנד. אין דעם אַרטיקל האָב איך קריטיקירט די דאַמאָלסטיקע פּראָגראַם פון די אידישע פאָלקשולן פאַר איר איבערגעלאָדנקייט מיט קעגנשטאַנדן און פאַר נישט זיין, לויט מיין מיינונג, גענוג חלוציש אין לימוד און אין גייסט. חבר גינגאָלדס באַציאונג האָט זיך מיט אַמאָל געביטן, און ער האָט גאַנץ שאַרף אָנגעגריפן מיינע מיינונגען וועגן דערציען בלויז, אָדער מערסטנס אויף די אידישע קלאַסיקער און וועגן אינדאָקטריני־זאַציע אין אונזער דערציאונג.

מיין איינדרוק פון יענער באַגעגעניש איז געווען אַז חבר גינגאָלד קען אפשר זיין אומגערעכט פון מיין שטאַנדפונקט, אָבער אַז ער האָט דורכגעטראַכטע, באַשטימטע מיינונגען וועגן אידישע דערציאונגס־פּראָבלעמען, און אַז ער איז תוכו כברו, אינטעלעקטועל־ערלעך און אידעאַליסטיש, מעלות וואָס נאָר יחידי־סגולה זיינען געבענטשט מיט זיי.

אין משך פון אַ צאָל יאָרן האָב איך דעם מענטשן כסדר נאָכגע־פאָלגט, אַמאָל פון וויטן און אַמאָל פון גאַנץ נאָענט. כ'האָב געלייענט כמעט אַלץ וואָס ער האָט געשריבן און באַדויערט וואָס ער דרוקט אַזוי וויניק, כאָטש כ'האָב מערסטנס נישט איינגעשטימט מיט אים

וועגן פראָגראַם־פּראַגן און אונזערע שולן. כ׳האָב געהאַט, און כ׳האָב נאָך איצט אויך, אַ באַשטימטע מיינונג וועגן לערנען צוויי שפּראַכן מיט אַמאָל אין דער עלעמענטאַר־שול, וואָס ער האָט ביז די לעצטע יאָרן אַזוי הייס פאַרטיידיקט. לעצטנס פלעגן מיר די פראַגע דיסקוטירן ביי יעדער געלעגנהייט, אָבער ער איז שטענדיק געבליבן ביי זיין שטעלונג, נישט וועלנדיק דערלאָזן אַז אַ האָר זאָל געמינערט ווערן פון דעם כבוד פון אידיש אָדער העברעאיש אין אונזער פראָגראַם.

די לעצטע צען יאָר, מיטאַרבעטנדיק מיט אים אין מיטלשול, אין סעמינאַר און אין שריפטלעכע אַרבעטן, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו באָאָבאַכטן אים פון גאָר נאָענט, און איין זאַך האָט מיר איבער־הויפּט געאַרט וועגן אים: וואָס האָט, אייגנטלעך, געהאַלטן אים, דעם תלמיד־חכם און מיט טיפער רעליגיאָזיטעט דורכגענומענעם אידן, אין דער, אַזוי־גערופענער, וועלטלעכער אידישער דערציאונג, ווען ער וואָלט זיך געקענט גאָר לייכט אַריינפּאַסן און צופּאַסן, אָן איבעריקן פּערזענלעכן זעלבסט־צוואַנג און אומאויפריכטיקייט, צו איינער פון די רעליגיעזע שול־נעצן? ס׳וואָלט זיך אים דעמאָלט געלעבט אַסך באַ־קוועמער און אָן די האַרץ־קלעמענישן, וואָס זיינען, ווייזט אויס, דער גורל פון יעדן איינעם אין די וועלטלעכע שול־ און קולטור־אָרגאַניזאַ־ציעס. ער האָט דאָך געקענט זיין צווישן די פאָרנעמסטע פּרינציפּאַלן אין די בעסערע תלמוד־תורות און ישיבות, וואָס גיבן אַזעלכע פּייאיקע מענטשן ווי ער גאָר גוטע געלעגנהייטן צו שטייגן הויך אין דער פּעדאַגאָגישער און אַקאַדעמישער וועלט. דער ענטפער איז געווען: חבר גינגאָלד האָט זיך געהאַלטן שטאָל־און־אייזן אָן דער פאָלקשול־פּראָ־גראַם, וואָס איז אייגנטלעך די איינציקע עקלעקטישע אויפפאַסונג אין אידישער דערציאונג אין אַמעריקע און, אפשר, איבער גאָר דער וועלט, ווייל ער האָט געגלויבט באמונה שלמה אַז בכדי אויפצוהיטן אונזער פאָלקס־נשמה און אידישע אייגנאַרטיקייט, מוזן מיר איינשליסן אין דער דערציאונג פון קליין און גרויס, אויף דעם קאָנטינענט, אַלע באַלעבנדיקע עלעמענטן פון אידישער קולטור, געשאַפן אין איראָפּע, אַמעריקע און ארץ־ישראל, און אָנהויבן, ווי ווייט מעגלעך, אונזער דערציאונג און לעבן מיט אידישע טראַדיציאָנעלע פירונגען. אין דעם

האָט ער געגלויבט און פאַר דעם האָט דער אינטעלעקטועל־ערלעכער גינגאָלד געקעמפט און זיכער געבראַכט פערזענלעכע קרבנות.

נישט איינמאָל האָט ער אויסגעדריקט אויפריכטיקן פאַרדרוס וואָס העברעאישע עקסטרעמיסטן דערלויבן זיך צו גרינגשעצן דאָס אידישע וואָרט, און פון דער צווייטער זייט פלעגט ער רעדן מיט ווייטיק וועגן די מבטלים פון דער העברעאישער קולטור און מדינת ישראל, כאָטש זייער צאָל ווערט אַלעמאָל וויניקער. ער האָט שטאַרק באַדויערט די פאַרפירערשאַפט פון אַזוי גערופענעם „הייסקול היברו״, וואָס ווערט געלערנט אין נישט קיין אידישע סביבה, און האָט דאַריבער אַ קנאַפּע ווירקונג אין דער ריכטונג פון איינהאַלטן אונזער יוגנט פאַרן פאָלק, און טוט אויך אָן שאָדן די אידישע און העברעאישע מיטלשולן און העכערע קורסן פאַר אונזער וואַקסנדיקער יוגנט. אָן אידישער סביבה קען נישט געמאָלט זיין קיין דערפאָלגרייכע אידישע דערציאונג, און דאָס האָט אונזער קעמפנדיקן חבר געהאַלטן אין שטענדיקער געשפּאַנ־טער, איינגעעקשנטער אַרבעט פאַר אונזער טיפּ דערציאונג.

פנחס גינגאָלד איז נישט נאָר געווען אַן ערנסטער, אויפריכטיקער קעמפער און זאָרגער פאַר תוך־אידישקייט אין דערציאונג און לעבן, נאָר אויך א נאה דורש ונאה מקיים, אַן אמת׳ער אח לצרה אין שענסטן גייסט פון אידישער טראַדיציע און אמת׳ער חברישקייט, דער ערשטער אויסצושטרעקן אַ חברישע האַנט אין נויט און דער ערשטער צו קומען מיטוויינען, יאָ, פּשוט מענטשלעך מיטוויינען אין אַן אומגליקספאַל. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם שוואַרצן שבת־צו־נאַכטס נאָך אסתר׳ס (גובקין) טויט, ווען די טיר האָט זיך געעפנט און חבר גינגאָלד איז אַריינגעקומען. נאָר אַן אייגענער שוועסטער באַוויינט מען אַזוי ווי גינגלאָד האָט באַוויינט אסתר׳ן; נאָר אַ מענטש מיט אַ גרויסער, צעוויטיקטער נשמה קען אַזוי טרויערן אויפן פאַרלוסט פון אַ חברה און אַ מיטאַרבעטערין.

ווער האָט זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז וויניקער ווי אַ יאָר שפּע־טער וועט דער גרויסער באַוויינער אַליין באַוויינט ווערן . . .

דאָס לעצטע מאָל האָב איך זיך געטראָפן מיט חבר גינגאָלדן אין „אונזער קעמפּ״. אונטער די בלויע, זוניקע הימלען איז דער מענטש

געווען פול מיט אַזויפיל יוגנטלעכקייט, האָפענונג, און אַן אַ שיעור פּלענער: טעקסט־ביכער פאַר שולן, דערציאונג פון דער יוגנט אין אונזער גייסט, קולטור פאַר דערוואַקסענע. אַרבעט און אַרבעט. „און ווי גיך מיר ווערן דאָ פאַרטיק, פאָרן מיר קיין מדינת־ישראל, און דאָרט וועלן מיר ערשט ווייזן וואָס מיר קענען. אָבער דערווייל, גובקין, האָב רחמנות, לאָמיר שנעלער פאַרענדיקן און אַרויסגעבן „דאָס וואָרט״ (אַ רעווידירטע אויפלאַגע פון בוך פאַר די עלטערע קלאַסן פון די פאָלקשולן, אויף וועלכן מיר האָבן צוזאַמען געאַרבעט). גיכער, ס׳איז קיין צייט נישטאָ. ס׳איז שפּעט״.

יאָ, ס׳איז שפּעט. גינגאָלד, הער איך אין שטאָט, איז קראַנק, און, איידער וואָס־ווען, גינגאָלד איז געשטאָרבן.

* * *

פנחס גינגאָלד׳ס טויט איז מער ווי אַן אינדיווידועלע טראַגעדיע, כאָטש אַן אינדיווידועלע טראַגעדיע טוט אויך גענוג ווי משפחה און נאָענטע מענטשן; ס׳איז די טראַגעדיע פון אונזער פאָלק אין אַמעריקע, וואו מיר קעמפן פאַרן המשך פון אונזער פאָלקסטימלעכקייט און תוכידיקייט קעגן פאַרטעמפונג, אָפּפרעמדונג און פונאַנדערפאַל מיט איין־און־איינציקן געווער וואָס מיר פאַרמאָגן — מיט גייסט, מיט קולטור און דערציאונג. און ווען אַן אויסגעפּרובירטער, געטרייער קעמפער פאַלט פּריצייטיק אַוועק, ווערט שווער אויפן האַרצן, ווייל מיר פאַרמאָגן דאָך אַזוי ווייניק קולטור־פירערס מיט מקורדיקן אידישן וויסן, אַלגעמיינער בילדונג און, בעיקר, מיט דורכגעטראַכטער ציל־באַוואוסטזיניקייט און איינגעוואָרצלטער אויפריכטיקייט.

* * *

חבר גינגלאָד האָט נישט זוכה געווען ביים לעבן עולה צו זיין און זיך באַזעצן פּערמאַנענט אין מדינת ישראל, ווי ער האָט גע׳חלומ׳ט און געפּלאַנירט. האָט מען זיינע ביינער אַהין געבראַכט; איז דאָס אַ גרויסער זכות און אַ טיילווייזע פאַרגיטיקונג פאַר זיין שווער לעבן און טראַגישן טויט.

שלמה סיימאָן:

אַ שמועס

(אין קליינער שטריך צו פנחס גינגאָלדס פערזענלעכקייט)

איך האָב פנחס גינגאָלדן, עליו השלום, געקענט איבער פינף און צוואַנציק יאָר. גאָר נאָענט האָב איך זיך מיט אים באַקענט אין די דריי יאָר פון תרצ״ט—תש״ב. אין די דריי יאָר האָב איך מיט אים מיטגע־אַרבעט אין רעדאַקטירן חיים שויס׳ (שוין אויך עליו השלום) „נביאים בוך איינס״.

אין די דריי יאָר פלעגן מיר אַרבעטן פינף־זעקס שעה אַ טאָג. אָפּט דריי־פיר מאָל אַ וואָך. מיר פלעגן אַמאָל זיך צוזאַמענקומען אין אָפיס פון אַרבעטער פאַרבאַנד, וואו ער האָט געהאַט אַ ספּעציעלן צימער. אָפטער האָבן מיר געטאָן די אַרבעט ביי מיר אין הויז.

די אַרבעט איז געווען אַ קאַטאָרזשנע. חיים שויס בוך איז דאָך ניט געווען גלאַט אַ בוך, ס׳איז דאָך אַ בוך וועגן תנ״ך, וואָס מען דאַרף ציילן יעדן וואָרט און יעדן אות. דערצו איז קיינמאָל ניט דערשינען אַזאַ בוך אין אידיש. דער גאַנצער אויפטו איז געווען ניי און עס זיינען ניט געווען קיין מוסטערן אפילו פאַרן פאָרמאַט פון בוך.

גינגאָלד האָט געהאַט אַ טבע קיינמאָל ניט קומען אין צייט. מיר האָבן אויף אים אַלעמאָל געדאַרפט וואַרטן. אַ מאָל אַ פולע שעה. אמת, אים האָט דערפאַר ניט געאַרט ווי שפּעט מען זאָל אַריינאַרבעטן. אָבער דאָס האָט אונז ביידן, שויסן און מיר, אַ סך געשטערט. איבערהויפּט האָבן מיר פּראָטעסטירט וואָס ער האָט ניט אָנגענומען די אַרבעט, וואָס מיר האָבן אָפּגעטאָן אידער ער איז געקומען. ער איז באַשטאַנען אויף זיין רעכט אָנצוהייבן פון דעם אָרט, וואו מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט מיט אַ טאָג אָדער צוויי פריער. ווען איך פלעג איינטענהן מיט אים:

— גזלן, מיר האָבן אָפּגעאַרבעט אַ פולע שעה. וואָס טראַכט איר, די וועלט וועט אונטערגיין טאָמער אַ וואָרט וועט ניט זיין ווי איר מיינט?

און אויב אפילו מיר האָבן געמאַכט אַ טעות, וועלן אויך צוליב דעם קיין קליינע קינדער ניט שטאַרבן.

ער האָט אַלעמאָל געהאַט איין ענטפער:

— ניין, מען טאָר ניט ריידן אַזוי. איר פאַרגעסט, אַז מיר רעדאַקטירן ניט גלאַט אַזוי אַ ווערק, נאָר אַ ספר וועגן תנ״ך. אונזער צוגאַנג דאַרף זיין דערזעלביקער ווי דער וועג פון די חז״ל. דערציילט רבי מאיר:

„ווען איך בין אָנגעקומען לערנען צו רבי ישמעאלן, האָט ער צו מיר געזאָגט: זון מיינער, מה מלאכתך, וואָס איז דיין אַרבעט? האָב איך צו אים געזאָגט איך בין אַ סופר סת״ם. האָט ער צו מיר געזאָגט: זון מיינער, היט זיך אין דיין אַרבעט, ווייל ס׳איז אַ הייליקע אַרבעט. טאָמער פאַרפעלסטו איין אות, אָדער שטעלסט צו איין אות, קענסטו נאָך חרוב מאַכן די גאַנצע וועלט.

איך פלעג ווערן אומגעדולדיק:

— אויב איר ווילט שוין זיין אַזוי פאַרזיכטיק און אָפּגעהיט איז פאַרוואָס קומט איר ניט אין צייט?

ער האָט געענטפערט גוטמוטיק און געדולדיק:

— נו, אין קאָרטן האָב איך ניט געשפּילט, צו די „רייסעס״ בין איך ניט געגאַנגען. איך בין אפילו ניט געזעסן אין אַ מואווי. גערעכט זייט איר, אָבער מער ווי פיר און צוואַנציק שעה איז ניטאָ אין מעת־לעת. אַרבעט איז אָבער דאָ אויף זעקס און דרייסיק שעה. איז וואָס טו איך? איך שטעל שויבן. שאַט, וועלן מיר היינט זיצן שפּעטער.

ער האָט ארויסגעוויזן אַ סך ערודיציע. אָפט פלעגן מיר בלייבן זיצן ווי געפּלעפטע פון זיינעם אַ וואונדערבאַרן איינפאַל אָדער באַמערקונג. דערצו האָט ער געהאַט אַ וואונדערבאַרן זכרון. טשיקאַווע איז, וואָס אָפט צוליב זיינער אַ באַמערקונג פלעגן מיר דאַרפן איבערשרייבן אַ גאַנץ זייטל. און מאַכן די באַמערקונג האָט ער געמאַכט כלאחר־יד.

ס׳איז שוין ביי אונז געוועזן אַ חוק, ווען מיר האָבן געאַרבעט ביי מיר אין הויז, אַז נאָכדעם ווי מיר פלעגן ענדיקן די אַרבעט, שפּעט אין דער נאַכט, אָפט אַזוי שפּעט ווי צוויי אַזייגער, פלעגן מיר טרינקען קאַווע און עפּעס צובייסן. ניט זעלטן, ווי דער שטייגער פון מענטשן, פלעגן מיר שמועסן און זיך פאַרשמועסן אויף נאָך אַ שעה. ער איז

געוועזן אַ וואונדערבאַרער שמועסער. ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז ער האָט קיינמאָל ניט גערעדט קיין לשון־הרע, אַלעמאָל נאָר וועגן דער שול־באַוועגונג, וועגן ארץ־ישראל און וועגן ליטעראַטור.

איינמאָל גאָר שפּעט ביינאַכט נאָך אַ שמועס וועגן דעם לימוד פון העברעאיש אין די אידישע שולן, האָב איך געזאָגט צו אים:

— איר וויסט, חבר גינגאָלד, איר באַוועלט זיך. אייער „האַנט איז פול" אויף אַזויפיל געביטן: אין פּסיכאָלאָגיע זייט איר אַ מומחה; ליטעראַטור, סיי די אידישע און סיי די העברעאישע, איז ביי אייך אויף די שפּיץ פינגער; די ענגלישע ליטעראַטור איז אייך אויך ניט פרעמד; דערצו זייט איר אַ פיינער תנ"ך־קענער. פרעג איך אייך: פאַרוואָס שרייבט איר אַזוי ווייניק? עס רעדט זיך אַזוי ווייניק. איר שרייבט זעלטענער פון זעלטן, דערצו כמעט בלויז געלעגנהייט־אַרטיקלען. די אידישע ליטעראַטור פאַרלירט אַ סך, וואָס איר זייט אַזאַ פוילער.

חיים שויס ע"ה האָט צוגעגעבן:

— „זאָגט אים אַריין". מוסרט אים אויס. אפשר וועט עס העלפן. איך האָב עס אים שוין לאַנג געזאָגט. הערט ער מיך ווי דעם רב. די גאַנצע וועלט וויל ער פאַרזאָרגן, אָבער ניט זיך אַליין. איר זייט גערעכט, ער איז אַ פוילער.

גינגאָלד האָט אַ שמייכל געטאָן. ער האָט אָנגעהויבן ריידן שטיל און געלאַסן, גאָר ניט ווי זיין דרך.

— פאַרוואָס זייט איר ביידע אַזוי זיכער, אַז איך שרייב ניט צוליב פוילקייט און נאַכלעסיקייט? אפשר איז עס ביי מיר אַזאַ שיטה? איר ביידע זייט אַזוי אַריינגעטאָן אין שרייבן אַז איר מיינט אַז דאָס איז איצט דער עיקר אין אידישן לעבן. איך מיין ס׳איז לאו־דווקא. אין חומש איז פאַראַן אַ מערקווירדיקער פּסוק: „און זיי האָבן געזאָגט: אַלץ, וואָס גאָט האָט באַפוילן וועלן מיר טאָן און פאַרשטיין". אויף דעם אויס־דרוק „נעשה ונשמע" — פריער טאָן און דערנאָך פאַרשטיין — זיינען אָנגעשריבן געוואָרן אַ סך פירושים. איר וועט מיר מוחל זיין, אויב איך וועל אייך געבן מיין טייטש. אונזער תורה, אונזער וועלט־באַנעם, אונזער גאַנצער גאַנג אין געשיכטע איז אַנדערש פון דער גריכישער, וואָס שטעלט אוועק דעם שכל איבער מעשים. אונזער וועג איז: „וואָס טוסטו?" אונזער תורה זיינען די מעשים פון טאָג־טעגלעכן לעבן. טאָן

גוטס, איינפירן יושר און צדק און מאַכן דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן גאַנץ און הייליק. ניט פילאָזאָפיע, ניט שרייבן ביכער וועגן לעבן, נאָר דאָס לעבן גופא.

— טראַכט זיך אַריין אין דער לעצטער תקופה פון אונזער געשיכטע, לאָמיר זאָגן די לעצטע דריי־פיר הונדערט יאָר. וואָס פאַר אַ ליטעראַטור האָט געשאַפן דאָס מזרח־אייראָפּעאישע אידנטום? איך לאָז אויס די צייט פון השכלה ביז איצט — די חסידישע ליטעראַטור. אין פאַרגלייך מיט אייראָפּעאישע ליטעראַטורן איז עס אַ מינדערוויכטיקייט. אָבער מיר האָבן געשאַפן עפּעס גרעסערס — אַ דרך החיים. די גאַנצע ענערגיע האָט דאָס אידישע פאָלק אַריינגעלייגט אין דרך החיים — אין שאַפן אַ לעבנס־שטייגער. דער דורכשניטלעכער איד, אפילו דער אינטעלעקטואַל, האָט געזוכט אַזאַ אינטענסיוון אידישן לעבן, אַז עס איז אים ניט געבליבן קיין צייט אָפּצוגעבן זיך מיט עפּעס אַנדערש. די גאַנצע גייסטיקע ענערגיע פון אידישן פאָלק איז טראַנספאָרמירט געוואָרן אין מעשים טובים, דרך ארץ און מאַכן דאָס לעבן טיף און הייליק.

— מיר האָבן איצט אַ רייכע ליטעראַטור. אָבער דאָס פאָלק לעבט ניט מיט איר. מיר האָבן פאַרנאַכלעסיקט דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן. עס פעלט אונז יוגנט, עס פעלט אונז אָט דער פאָלקס־שיכט, וואָס קען ניט קיין אַנדער לשון חוץ אידיש אָדער העברעאיש. אַזאַ שיכט וואָלט געמוזט ציען זיין גאַנצע גייסטיקע יניקה פון די אידישע ליטעראַטורן. איצט איז אונזער ליטעראַטור געגליכן צו אַן אוצר גאָלד, וואָס איז באַהאַלטן אין אַ הייל, און ברענגט נישט קיין נוצן. דערפאַר האַלט איך, אַז פאַר מיר איז גרינדן אַ אידישע שול, געפינען אַ פּאַסיקן לאָקאַל פאַר אַ שול, דערציען לערער, זען זיי זאָלן האָבן חיונה, העלפן אויפשטעלן אַ ישוב אין ארץ ישראל, וויכטיקער איצט ווי שרייבן ביכער.

— עס מיינט ניט חלילה, אַז איך אַגיטיר אַז יעדער אידישער שרייבער זאָל ווערן אַ כלל־טוער — זיי וועלן מיך דאָך אַלץ איינס ניט פאָלגן. איך מיין אַז פאַר מיר, וויס איך, איז עסקנות וויכטיקער ווי שרייבן.

ער האָט געמישט די קאַלט־געוואָרענע קאַווע און אַ זיפץ געטאָן:

— איר רעדט רכילות אויף מיר. מען שפּאָט פון מיר: איך בין

ניט פינקטלעך. איך פאַרשפּעטיק אַלע מאָל. אָבער אַזוי ווייניק מענטשן ווילן זיך אָפּגעבן מיט רוטינער אַרבעט, מיט קלייניקייטן. ס׳איז גרינ־גער צו ברענגען טויזנטער מענטשן צו אַ דעמאָנסטראַציע אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן, ווי פינף מענטשן צו אַ פאַרוואַלטונג־זיצונג אין אַ שול. ס׳איז גרינגער צו קריגן געלט פאַר אַ טראַקטאָר פאַר אַ קיבוץ ווי געלט פאַר שאַרפע ראַזיר־מעסערלעך און האַנטוכער פאַר דעם זעלביקן קיבוץ. ווער וויל זיך פאַרנעמען מיט קלייניקייטן?

דער געשפּרעך איז מיר געבליבן אין געדעכעניש. איך געדענק, אַז מיר האָבן זיך לאַנג געאַמפּערט. מיר זיינען זיך צעגאַנגען ווען עס האָט אָנגעהויבן ליכטיק ווערן. איך האָב פון דעמאָלט אָן אָנגעהויבן קוקן גאָר אַנדערש אויף דעם „ניט פּינקטלעכן" גינגאָלדן.

ס׳איז כדאי צו פאַרצייכענען אַז אויף דעם וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר עיקר־זאַכן האָט ער געפונען צייט. יאָרן לאַנג האָט ער אָנגעפירט מיט אַ לערן־חברה אין בראָנזוויל. ער פלעגט דאָרט לערנען מיט דער גרופּע אגדתא און תנ״ך. די גרופּע האָט באַשלאָסן זיך אָנרופן אויפן נאָמען פון נפטר: „פנחס גינגאָלד לערן־חברה".

לעבן אַליין ווי אַ איד און לערנען אַזוי צו לעבן, איז דער עיקר פון אידישן וועלט־באַנעם — דאָס איז געווען פנחס גינגאָלדס איינשטע־לונג.

ערב יום־כיפור, תשט״ו

יעקב פאַט:

ווי אַזוי איך האָב געזען פנחס גינגאָלדן

(אַ פּאָר ווערטער צו זיין יאָרצייט)

פנחס גינגאָלד איז געווען מיינער אַ נאָענטער פריינט און חבר. ווען מיר האָבן פאַרטראַכט די גרינדונג פון אַלוועלטלעכן אידישן קולטור־קאָנגרעס, זיינען מיר ביידע געווען שליחים פון קולטור־קאָנגרעס אין די דרום־אַמעריקאַנער לענדער — צו ברענגען אַהין דעם אָנזאָג פון דער נייער טאַט, צו רופן די אידן פון אַרגענטינע, בראַזיל, אורוגוואי צו מעשים וועגן אידישער קולטור. בעת אונזער געמיינזאַמער שליחות האָב איך נענטער דערקענט פנחס גינגאָלדן.

ער איז געווען אַ איד, וואָס האָט געקענט צוזאַמענבינדן אידיש און העברעאיש, ארץ־ישראל און גלות, אידישע פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואָרט מיט דער צוקונפט. אין דער ציוניסטישער מחנה איז ער געווען דער פאָן־טרעגער פון אידישן לשון, פון דער אידישער ליטעראַטור, פון דער אידיש־וועלטלעכער, פאָלקסטימלעכער, נאַציאָנאַלער אידישער שול. איך געדענק זיינע רעדעס, אין וועלכע ער האָט געמישט גמרא און אגדה, ביאַליקן און פרצן, י. ח. ברענערן מיט שלום אַשן, אידישע פאָלקסטימלעכקייט מיט סאָציאַליזם.

ער איז ניט געווען קיין אָראַטאָר, קיין שאַבלאָנער רעדנער. ער האָט מער דערמאָנט דעם אַלטן, גוטן אידישן מגיד, וואָס דערציילט אַ משל, אַ שיינע אידישע מעשה, פלעגט זי דורך מיט געדאַנקען, און קומט צו אַ מוסר השכל. ער איז אויך געווען אַ בעל־מנגן. ער האָט געקענט און ליב געהאַט אידישע לידער, חסידישע ניגונים, פאָלקסטימלעכע געדאַנקען.

איך זע אַ סצענע אין טרינידאַד. מיר האָבן געהאַט צוזאַמען אַ פאַרזאַמלונג. אַרויס פון האָל, גערעדט וועגן אידישע נאַציאָנאַלע ענינים, וועגן אידישער קולטור. דאָרטן איז אַ קליינער אידישער ישוב, אַ פּאָר הונדערט נפשות. מען לעבט אין עלנטקייט. מ׳בענקט

נאָך די אַלטע היימען. מ׳איז אָפּגעריסן פון אידישע צייטונגען, אידישע ביכער. האָט מען זיך אָנגעוואַרעמט פון דער באַגעגעניש מיט אי־דישע געסט פון דער גרויסער וועלט, אַזש פון ניו־יאָרק, וואָס ריידן וועגן אַזעלכע הויכע און וויכטיקע אידישע ענינים.

דער צוזאַמענקום האָט זיך פאַרענדיקט. מען איז זיך צעגאַנגען. עס האָבן מיך פאַרהאַלטן אַ פּאָר מענטשן, געכאַפּט אַ שמועס אונטער אַ בוים. איך גיב אַ קוק — פנחס גינגאָלד איז נישטאָ. ער איז מיר נעלם געוואָרן. איך זוך אים, ער ווייזט זיך ניט. אויפן הויף פון דער קליינער געביידע איז געווען אַ שולכל. זוך איך אים אין שולכל — אפשר איז ער דאָרטן? ס׳איז געווען פורים. די שולכל איז געווען אָנ־געפילט מיט אידן. זיי זאָגן מיר, אַז עס איז גאָרניט ווי דער שטייגער איז, אַז אַזוי פיל אידן זאָלן קומען. איך הער פון דער בימה אַ באַקאַנטן קול. אַ איד שטייט אין טלית און לייענט די מגילה. ווער מיינט איר האָט געלייענט פאַרן קהל די מגילה מיטן אמתן ניגון און ריכטיקן טראָפּ? אָנגעטאָן אין טלית, מיט אַ יאַרמלקע אויפן קאָפּ שטייט פנחס גינגאָלד. די אידן אויפן אינזל טרינידאַד האָבן שוין לאַנג ניט געהערט אַזוי לייענען די מגילה. עס האָט זיי דערמאָנט אָן די אַלטע היימען אין די שטעטלעך, פון וואַנען זיי קומען. ווי האָט געקענט פנחס גינ־גאָלד זיי אָפּזאָגן מהנה זיין מיט אַ ריכטיקן מגילה־לייענען פורים פאַרנאַכט?

נאָך דער מגילה האָט ער צו מיר געזאָגט מיט אַ קיבעץ: „זאָגט ניט אויס מיינע חברים אין ניו־יאָרק. זיי וועלן מיך אָפּגעבן צו דער אָרטאָדאָקסיע".

אָט געדענק איך ווי אַזוי איך האָב אים געזען ערב אונזער אָפּפאָר פון אַרגענטיניע. אַ גרויסער יום־טוב. אַ פאָלקס־צוזאַמענקום. הונדער־טער מענטשן. מיר געזעגענען זיך. ס׳איז וואַרעם, פאָלקסטימלעך, אידישלעך. אידישע קולטור־האָפענונגען זיינען אָנגעצונדן געוואָרן. מענטשן האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט.

אויף אָט דער מסיבה זיצט פנחס גינגאָלד ווי אַ רבי, ווי אַ גוטער איד, און לערנט מיט דעם גרויסן עולם זינגען א אידיש ליד. עס הויבט זיך אָן מיט אַזעלכע ווערטער: „שמע קולנו ד׳ אלקנו, האַרצי־קער געטרייער..." (הער אונזער שטימע, גאָט, אָ, גאָט, האַרציקער

געטרייער) זאָל שוין קומען די גאולה, זאָל שוין קומען די גאולה, האַרציקער, געטרייער..." די ווערטער, דער ניגון זיינען טיף־אידיש. פנחס גינגאָלד זינגט מיט האַרץ. דער ניגון צינדט אָן דעם עולם. אַז מען הויבט אָן זינגען, קען מען זיך ניט אָפּשטעלן — דער ניגון זינגט זיך אַליין. און אָט זינגען שוין צענדליקער, אָט זינגען שוין עטלעכע הונדערט. און אָט גייט מען אַרויס אין אַ טאַנץ. האַנט ביי האַנט, אַקסל ביי אַקסל. גינגאָלד אינמיטן, אידן אַרום און אַרום. זינגט מען, טאַנצט מען, און מען שרייט אויס: „זאָל שוין קומען די גאולה, זאָל שוין קומען די גאולה, האַרציקער, געטרייער..."

ס'איז בוענאָס איירעס. אידן פאַרוואָרפן אַהער פון אַלע לענדער, אָבער הויפּטזעכלעך זיינען עס פּוילישע, ליטווישע, אוקראַינישע אידן. ווערט וואָרעם פון געזאַנג. די פאַרזאַמלטע זיינען ווי באַצויבערט. מען טאַנצט, מען זינגט, מען פּאַטשט מיט די הענט. ס'איז שמחת יום־טוב, שמחת חלום, שמחת אידישער לשון, אידישער ניגון. אַזאַ, אַ זינגענ־דיקער, אַ טאַנצנדיקער, אַ פליאַסקנדיקער, שטייט פאַר מיינע אויגן פנחס גינגאָלד, וואָס איז אַזוי פלוצלינג פון אונז אַוועק.

עס ווילט זיך מיר אויך דערציילן איינעם פון די משלים אָדער מעשה'לעך, וואָס פנחס גינגאָלד האָט דערציילט זייער אָפט פאַרן עולם אויף די גרויסע פאַרזאַמלונגען: „אַז מאיר יאַמפּאָלער איז געקומען אויף יענער וועלט, האָט מען אין הימלשן בית־דין געהאַט אַ טענה צו ר' מאירקע יאַמפּאָלער: „פאַרוואָס ביזטו ניט געווען אַ צדיק, ווי דער בעל שם־טוב?" — האָט מאירקע געענטפערט: „ווי קען איך זיין אַ בעל שם־טוב, איך בין דאָך אַ פּשוטער איד". „פאַרוואָס ביזטו ניט געווען אַזאַ גאון ווי דער ווילנער גאון?" מאירקע האָט געלאַכט: „איך אַ ווילנער א גאון?" האָט מען דעמאָלט געהאַט צו אים אַזאַ טענה: „מאיר יאַמפּאָלער, פאַרוואָס ביזטו ניט געווען מאיר יאַמפּאָלער? דאָס האָסטו דאָך געקענט זיין, ביזט עס אָבער ניט געווען..."

אַזוי האָט פנחס גינגאָלד גערעדט צום עולם. מיט אַ יאָר צוריק איז זיין שטים אכזריות'דיק פאַרשטומט געוואָרן. ווען איך שרייב די שורות, קלינגט זי מיר אָפּ נאָך אַמאָל, ווי איך וואָלט אים געהערט און געזען אַ לעבעדיקן.

מלך נוי:

פנחס גינגאָלד*)

פונדערווייטנס, פון ניו־יאָרק, מיט אירע העכער צוויי מיליאָן אידן, זיינען געבראַכט געוואָרן צו אונז די געביין פון אונזער חבר פנחס גינגאָלד, ז״ל, און מיר באַגלייטן אים, לויט זיין וואונטש צו דער לעצ־טער רו אינם באָדן פון ישראל — דאָס לאַנד פון זיינע האָפענונגען און חלומות.

אַ מאַן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, פון דער פועלי ציון באַוועגונג איז ער געווען פון זיין יוגנט אָן — אַ מאַן פון אידישן לעגיאָן אין ערשטן וועלט־קריג, איינער פון די וואָס האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין זיין גרינדונג. אין די לעצטע יאָרן אין משך פון אַ לאַנגער תקופה, דער לעבעדיקער גייסט אין דער קולטור־ און דער־ציאונגס־טעטיקייט פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן; דער לייטער פון אירע פאָלקס־שולן, דער אָנ־פירער פון דער קולטור־אָפטיילונג פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד; אַ לערער פון פאַך און אין משך פון צוואַנציק יאָר דירעקטאָר און סעקרעטאָר פונם אידישן לערער סעמינאַר אין ניו־יאָרק.

גרויס און טיף איז אונזער זאָרג פאַרן גורל פון דער אידישער דער־ציאונג און פאַרן המשך פון אידישקייט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. טייער איז אונז דער מענטש וואָס טראָגט דעם עול פון דער זאָרג צו פאַרשטאַרקן די ווערטן פון אידישקייט, פון אידישער קולטור און דער־ציאונג אין דער פרעמד. אונזער חבר פנחס גינגאָלד איז געווען פון די ווינציקע, וואָס האָבן אויף זיך גענומען דעם דאָזיקן עול און איז אים געטריי געווען מיט זיינע רמ״ח אברים. מיר האָבן נישט באַוויזן אויפ־

*) אַ הספד געהאַלטן אין נאָמען פון איחוד עולמי און פון דער הסתדרות ווען מען האָט געבראכט דעם אָרון פון פנחס גינגאָלד צו דער געביידע פון ועד הפועל פון הסתדרות אין תל אביב אויפן וועג צו זיין אייביקער רו אין רעננה.

אין רעננה האָבן דעם נפטר מספיד געווען יוסף שפרינצאַק און אברהם האַרצפעלד.

צוטאָן גרויסע זאַכן אויף דעם געביט און גרויס איז געווען דער צער פונם פאַרשטאָרבענעם איבער דעם. ער האָט איינגעזען און געוואוסט, אַז אַן אַ גרויסער, ברייט פאַרמאָסטענער טעטיקייט אויפן געביט פון אידישער קולטור און דערציאונג, וועלן די ווערטן פון אידישקייט אין דעם דאָזיקן ריזיקן אידישן קיבוץ זיין אויסגעשטעלט אויף אַ סכנה.

ווי גרויס איז געווען זיין פרייד און באַפרידיקונג, ווען די באַוועגונג האָט באַוויזן אויפצושטעלן אין יאָר 1947 די ערשטע טאָג שול „כנרת", וואו עס ווערן געווידמעט די אידישע לימודים 14 שעה אין וואָך, וואו די קינדער פאַרברענגען פון 9 אַזייגער אינדערפרי ביז 4 נאָכמיטיק און באַקומען אַ פולע דערציאונג אין העברעאיש, אידיש און ענגליש, און דאָסגלייכן אַ דערציאונג צו חלוציות אין ישראל. גינגאָלד האָט געזען אין פאָלקס-שולן פון דעם טיפ, די קרוין-דערגרייכונג פון דער פאָלקס-שול-טעטיקייט פון דער באַוועגונג און האָט זיך געמיט מיט אַלע כוחות אויסצוברייטערן און צעפלאַקערן דעם דאָזיקן ערשטן פונק פון פולער אידישער דערציאונג.

אין די 35 יאָר פון זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט האָט פנחס גינגאָלד מיטן גרעסטן ערנסט געטראָגן יעדע אויפגאַבע, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען. זיינע חברים אין אידישן לעגיאָן דערציילן, אַז ער איז געווען אַ גוטער, דיסציפּלינירטער זעלנער און האָט אויף אַ מוס-טערהאַפטן אופן אויסגעפירט די מיליטערישע באַפעלן. אַזוי האָט ער זיך אויך געפירט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן אין דער פּאַרטיי, אין פאַרבאַנד, וואו ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער צענטראַלע און אַזוי האָט ער זיך אויך געפירט אין זיין טעטיקייט אויפן געביט פון דערציאונג און קולטור.

אַ לעבנסווירדיקער מענטש און אַ תלמיד חכם איז ער געווען, אָנ-געזאַפּט מיט תורה ווי אַ ישיבה-בחור און מיט וועלטלעכע לימודים ווי אַ סטודענט פון אַן אַמעריקאַנער קאָלעדזש. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין געטריישאַפט און עקשנות אין זיין שטרעבן צו פאַרווירקלעכן די זאַכן אין וועלכע ער האָט געגלויבט, אין וועלכע ער האָט געזען דעם שווערפונקט פון אונזער געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן. ער איז געווען פול מיט פלענער און פּראָיעקטן וועגן דער קולטורעלער, דער-ציערישער טעטיקייט, אין געזעלשאַפטלעכע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות

צו דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. געווען איז ער אַ מענטש פון שכל הישר און דעריבער האָט ער געבראַכט אַזוי פיל נוצן אין די אינסטיטוציעס, וואו ער איז טעטיק געווען. אויב אַ שטייגער דער פאַר־באַנד האָט אַרויסגעגעבן צוויי בענדער „נביאים" פון חיים שויס און צוויי בענדער „שבת" אין דער איבערזעצונג פון י. י. שוואַרץ, איז עס געווען נישט ווינציק, אַ דאַנק זיין איניציאַטיוו און ענערגיע.

ער איז פון אונז אַוועק פלוצים, פאַר דער צייט, אין יונגן עלטער, נאָכדעם ווי די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג אין צפון־אַמעריקע איז אַזוי שווער געטראָפן געוואָרן אין לעצטן יאָר, פאַרלירנדיק אין אַ קורצן צייט־אָפשניט אַזעלכע טייערע חברים פון אירע ערשטע רייען — ווי חיים גרינבערג, דוד ווערטהיים, הערש עהרענרייך, און ער, פנחס גינגאָלד, דער פערטער.

זאָל זיין נשמה אויף אייביק זיין אַריינגעקריצט אינם לעבן פון פאָלק און פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג.

ל. גאָלדבערגער:

פנחס גינגאָלדס לעצטע עליה

זיינע ערשטע טריט אין אַמעריקע האָט פּנחס גינגאָלד געשטעלט אַלס לערער, און געענדיקט זיין גייסטיק רייך לעבן האָט ער אַלס לערער ביי דעם „פאַרבאַנד לערן קרייז" פון דער א. רייזן פאָלק־שול, אין ברוקלין. אין אונזער קרייז האָט ער געהאַט די אמת׳דיקע עלית נשמה. אין דער צייט פון זיין לערנען מיט אונז פלעגט ער זיך דערהויבן צו די העכסטע הויכן פון אמת אידישן געדאַנק, אידישער מאָראַל און עטיק.

דער „פאַרבאַנד לערן קרייז" האָט עקזיסטירט פינף יאָר, איידער חבר פּנחס גינגאָלד, ע״ה, איז געוואָרן זיין לערער. אונזער ערשטער לערער איז געווען דער היסטאָריקער חיים שויס, ע״ה. דער צווייטער לערער איז געווען דער געלערנטער ד״ר א. מענעס.

ווען פּ. גינגאָלד האָט אָנגעהויבן צו לערנען מיט אונז, האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה ביים לערן קרייז. ער האָט אַריינגעבראַכט דעם איינפיר, אַז נאָכדעם ווי מיר האָבן פאַרבראַכט אַ שעה צייט אין אַ שבת׳דיקער סביבה, מיט זינגען זמירות בצבור, האָט ער אָנגעהויבן זיין לעקציע, מיט אַ מאמר חז״ל וועגן שבת. דערנאָך, האָט ער דערציילט אַ מילתא דבדיחותא ווי עס האָבן זיך געפירט אונזערע חכמים, ז״ל.

ער האָט מיט אונז אָנגעהויבן צו לערנען די תקופה פון גלות בבל, ווי יחזקאל, ישעיה דער צווייטער און איבערגעגאַנגען צו שיבת ציון, ווי עזרא און נחמיה און דערנאָך די תקופה פון בית שני, די אנשי כנסת הגדולה, די מחלוקות צווישן בית שמאי און בית הלל און זייערע סיבות. די לעצטע צוויי יאָר פון זיין לעבן האָט ער מיט אונז געלערנט דאָס לעבן און לערע פון אונזערע גייסטיקע ריזן און זייער ווירקונג אויפן אידישן לעבן ביז היינט צו טאָג. ער האָט אָנגעהויבן מיט שמעון הצדיק, הלל הזקן, יוחנן בן זכאי, רבי עקיבא און זיינע תלמידים.

מיט זיין פאַרוואָרצלטקייט אין די אידישע אוצרות און מיט זיין אהבת התורה און אהבת ישראל, האָט ער זיך דערהויבן צו דער מדרגה, אַז אַ סך מאָל האָט זיך געדאַכט אַז הלל הזקן אַליין, אָדער רבי עקיבא אַליין, שטייט פאַר אונז און לערנט מיט אונז די גרויסע גייסטיקע ווערטן פון דער אידישער תורה. ער פלעגט אַראָפּנידערן אין די טיפקייטן פון דעם אידישן ברונעם — באר מים חיים — אָנשעפּן פולע עמערס און מיט גרויסער און טיפער ליבע, אונז איבערגעבן די ווערטפולע אוצרות, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט געשאַפן אין אַלע דורות.

זיין וועג צו באַלייכטן די ענינים וועלכע ער האָט געלערנט, איז געווען אַן אויסערגעווינלעכער. אַלס געניטער לערער, האָט גינגאָלד געהאַט דעם צוגאַנג צו מאַכן פאַרשטיין דעם שווערסטן ענין צו דעם דורכשניטלעכן צוהערער. ער פלעגט פאַראינטערעסירן דעם עולם מיט שטעלן פראַגן און פאַרלאַנגען ענטפערס פון תלמידים. אויב אַן ענין איז געוואָרן אַ ביסל צו שווער פאַר דעם דורכשניטלעכן צוהערער, האָט ער דאָס דערקלערט מיט אַ מעשה׳לע, מיט אַ משל.

די הויפּט הנחה וואָס ער האָט אַקצענטירט און אַרויסגעבראַכט ביי יעדער געלעגנהייט, איז געווען, אַז דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן בצלם אלהים. לויט דער הנחה, איז די אידישע תורה קעגן דער נייער תורה פון קאָלעקטיוויזם. לויט דער אידישער תורה, איז יעדער מענטש אַ ניצוץ פון דער גאָטהייט און פאַר דעם איז דער יחיד זייער וויכטיק. „חביב אדם שנברא בצלם אלקים״. די הנחה איז אָבער אויך מחייב יעדן יחיד צו גוטע מעשים, ווייל די גאַנצע מענטשהייט איז דער סכום פון אַ סך יחידים. איז אויב אירע טיילן, די יחידים, זיינען גוטע, איז די גאַנצע מענטשהייט אַ גוטע. דאָס מיינט דער מאמר חז״ל אַז יעדער מענטש זאָל כסדר אין זינען האָבן, אַז „כל העולם כולו, חצי חייב וחצי זכאי״. דאָס מיינט, אַז די גאַנצע וועלט איז אויף דער וואָגשאָל און ער, דער יחיד, איז אַזוי וויכטיק, אַז ער אַליין מיט זיינע מעשים קאָן אַרי־בערוועגן די וואָגשאָל, צו באַשטימען דעם שיקזאָל פון דער וועלט. דע־ריבער דאַרף יעדער יחיד שטרעבן צו שלמות, כדי דורך אים זאָל די וועלט דערגרייכן צו שלמות און זוכה זיין צו גאולה.

דאָס איז אפשר געווען די סיבה פון זיינע גרויסע פאָדערונגען צו די חברים און דער באַוועגונג פאַר אַלע געזעלשאַפטלעכע צוועקן. אי־

בערהויפּט פאַר אידישער דערציאונג. אייניקע חברים האָבן פאַר דעם געהאַט טענות צו אים, פאַרוואָס ער פאַרנעמט זיך אַזוי גרויס, פאַרוואָס ער פאָדערט אַזוי פיל. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען דעם גרויסן גייסט פון פּ. גינגאָלד, וואָס זיין איינציקער ציל איז געווען צו באַרייכערן דאָס גייסטיקע לעבן פונעם אידישן ישוב אין אַמעריקע.

מיר, די חברים פון לערן קרייז, האָבן אים פּשוט פאַרגעטערט פאַר זיינע וואונדערבאַרע מעלות. ער האָט דאָס געפילט מיט אַלע זיינע חושים. דערפאַר האָט ער געהאַט גרויס הנאה צו פאַרברענגען אין אונזער סביבה און נישט פאַרפעלט אָנטייל צו נעמען אין אונזערע שמחות. ער פלעגט קומען צו אַלע ימים טובים פייערונגען, וואָס זוערט געווינטלעך דורכגעפירט ביי די חברים אין הויז. מיר האָבן געפילט צו אים, ווי חסידים צו זייער רבי'ן.

ער פלעגט מיטזינגען די שבת, יום־טוב לידער מיט דער גרעסטער התלהבות און פלעגט אַלעמען באַגייסטערן מיט זיינע דברי תורה אויף עניני דיומא. מיר האָבן זיך נישט געקאָנט פאַרשטעלן אַ שמחה אָן פּ. גינגאָלד.

די פּטירה פון פּ. גינגאָלד איז געווען אַ געוואַלדיקער פאַרלוסט פאַר דער גאַנצער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג. אָבער מיר, וואָס זיינען געווען אַזוי נאָענט צו אים די לעצטע 4 יאָר פון זיין לעבן, האָבן געפילט דעם פאַרלוסט מער פון אַלעמען.

כדי צו פאַראייביקן זיין נאָמען לדורות האָבן מיר געביטן דעם נאָמען פון לערן־קרייז אויף „פנחס גינגאָלדס לערן קרייז״.

יהי זכרו ברוך.

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי:

דער נאה דורש ונאה מקיים

זייער זעלטן לאָזט אַ מענטש איבער אַזויפיל אבלים, וואָס באַקלאָגן אויפריכטיק זיין טויט, ווי פנחס גינגאָלד. ער האָט געוואוסט דעם סוד פון זיין אַ פריינט און אַרויסרופן פריינטשאַפט ביי מענטשן. ער איז געווען אַ האַרציקער מיטשמועסער. ער האָט אָנגעצונדן די מחשבה. אַ געשפּרעך מיט אים האָט זיך שטענדיק אַרויסגעריסן פון די ד׳ אמות פון טאָג־טעגלעכקייט און זיך אַריבערגעטראָגן אין די עולמות העליונים, ווייל ער איז געווען אַ פולער סינטעז פון אַלטער און נייער אידישקייט, נישט נאָר מיט זיין וויסן, נאָר אויך מיט זיין פּערזענלעכן אויסדרוק.

ער איז געווען אַ תלמיד־חכם, געלערנט אַ סך, און געקענט אַ סך, און האָט געהאַט דעם אַלטן אידישן איינשטעל פון מקיים זיין הלכה למעשה. פאַר אים איז אידישקייט נישט געווען קיין ענין פון דרוש, נאָר אַ טיפע אינערלעכע בויטוועדיקייט, מיט וועלכער ער האָט געלעבט און רעגולירט זיינע באַציאונגען מיט מענטשן. דער פּסוק איז פאַר אים געווען אַ וועגווייזער סיי אין ענינים פון בין אדם לחברו און סיי אין שייכות פון בין אדם למקום. ער האָט אידישקייט גענומען ערנסט.

עס דערציילט אַ לערער, אַז ווען אברהם רייזען ע״ה איז געשטאָרבן, איז גינגאָלד מיט אים, צו לענגערע יאָר, געגאַנגען אין אָונט אין טשעפּל, וואו רייזען איז געלעגן. זיי האָבן דאָרט קיינעם ניט געטראָפן. אברהם רייזענס אָרון איז געשטאַנען עלנט. גינגאָלד האָט געוואָלט בלייבן די נאַכט לעבן אָרון, אָבער דער לערער איז געווען מיד. גינגאָלד האָט זיך ניט געקענט באַרואיקן. ווי לאָזט מען אברהם רייזענען אַליין? ער איז אַוועק און האָט אויסגעזוכט אַ אידן, אַ תהלים־זאָגער, ער האָט אים באַצאָלט אַ שכר פון זיין קעשענע, דער איד זאָל זיצן לעבן ארון די נאַכט און זאָגן תהלים. מען לאָזט ניט אַ מת אַליין. און אַזאַ מת ווי אברהם רייזען! אַזוי איז די אידישע טראַדיציע און

גינגאָלד האָט זי מקיים געווען. דער נאה דורש איז נאָך ביי אונז פאַראַן, נאָר דער נאה מקיים — גאָר אַ זעלטנהייט. גינגאָלד איז דאָס געווען.

געוויס האָט א. רייזען געהאַט אַ סך הספדים, נאָר די טיפע פאַר־ערונג צו אים, דעם אינערלעכסטן געפיל פון חוב און אָפּגעבן כבוד, מיט חסד של אמת, האָט אויסגעדריקט גינגאָלד דורך שטילן טאָט, וואָס קיינער האָט ניט געוואוסט וועגן דעם. צדקה בסתר.

דאָס צימער וואו גינגאָלד האָט געאַרבעט, איז געווען אַ פעסטונג פון אַלטער איינגעפונדעוועטער אידישקייט. אפילו דער אויסזען האָט דערמאָנט מער אַ בית־מדרש, ווי אַ מאָדערנעם אָפיס. ספרים, ביכער אומעטום, אין אומאָרדענונג, בריוו, און צעטלעך, און קוויטלעך; עס איז אפשר געווען ניט פינקטלעך רעגיסטרירט, אָבער אַ נשמה האָט געפלאַ־טערט איבער דעם.

אַז דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן בצלם אלהים האָט גינגאָלד געטייטשט בוכשטעבלעך, און האָט אין יעדערן געזען און אָפּגעשאַצט זיין געטלעכן פונק. האָט עס געמעגט זיין דער אינגסטער, דער קלענס־טער, דער נידער געפאַלנסטער אין דער געזעלשאַפט — פאַר גינגאָלדן איז ער געווען וויכטיק, און ער האָט אים אויפגענומען מיט דעם דרך־ארץ, וואָס עס קומט דעם צלם אלהים.

גינגאָלד איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט געלעבט דורכאויס אין אַ וועלט פון אידייען, פון גייסט. די טאָג־טעגלעכקייט פון לעבן מיט די קליניקייטן אין וועלכע דער מענטש ווערט אַריינגעצויגן, זיינען פאַר גינגאָלדן געווען אַן אויסערלעכקייט, וואָס מען מוז זיך מיט איר ראַנג־לען. ער איז געווען אַ רעליגיעזער מענטש אין טיפסטן זין פון וואָרט און דורך יעדער אַרבעט, וואָס ער האָט געטאָן — האָט ער מקיים געווען די עבודת־הבורא.

אין אונזער דור פון אויסערלעכקייטן איז גינגאָלד געווען אַ זעל־טענער אויסנאַם. אין יעדער זאַך האָט ער געזוכט דעם תוך, דעם אידייאישן און מענטשלעכן תוך און נישט דעם פראַקטישן תכלית. אים האָט געערגערט וואָס אונזער דור באָדט זיך אין דעם שאָלעכץ פון ווערטער, און לייגט אַוועק אָן אַ זייט דעם קערן פון מעשים. ער האָט

עס געהאַלטן פאַרן שוועבסטן פונקט אין די פראַגן פון דערציאונג פון יונגן דור.

אין די לעצטע חדשים איז מיר אויסגעקומען צו אַרבעטן מיט גינגאָלדן איבער אַ בוך, וואָס דער צענטראַלער שולן־קאָמיטעט פון פאַרבאַנד גרייט־צו צום אַרויסגעבן. דאָס איז אַ בוך וועגן דעם איי־ביקן גאַנג פון אידישן פאָלק דורך דורות צו ציון, צו ארץ־ישראל; וועגן די עליות קיין ארץ־ישראל פון יחידים און גרופּעס. יעדן קאַ־פּיטל פלעגן מיר גרינטלעך דורכדיסקוטירן. גינגאָלד איז געווען אַ מענטש מיט אַן אייגענעם צוגאַנג צו זאַכן און מיר פלעגן זיך אָפט אַמפּערן. ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער עליה פון רמב״ן קיין ארץ־ישראל, האָט מיר גינגאָלד געזאָגט: עס איז נישט גענוג צו דער־ציילן די מעשה ווי אַזוי דער רמב״ן איז געפאָרן קיין ארץ־ישראל. אָט־דאָ, אויף דעם אָרט מוז מען קלאָר מאַכן אַז תורה און ציון זיינען געווען איינס, איין גייסטיקע קאָנצעפּציע פאַרן פרומען אידן.

גינגאָלדס באַמערקונגען זיינען שטענדיק געווען גרינטלעכע, פּרינ־ציפּיעלע, און אַרבעטנדיק מיט אים, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו דערפילן ווי ווייט ער איז גאַנץ אין זיינע אָנשויאונגען. די דורות און זייערע שטרעבונגען זיינען איין קייט, וואָס ברעכט זיך נישט איבער, און דער אָפּשיין פון איין דור באַלייכט דעם וועג פאַרן אַנדערן.

ווען עס איז אויסגעקומען צו באַהאַנדלען דגניה, האָט גינגאָלד באַמערקט: מען דאַרף געבן די בראשית־ליכט פון דגניה, וואָס האָט דערנאָך באַשטראַלט די גאַנצע קיבוצישע באַוועגונג.

שמועסנדיק מיט גינגאָלדן, האָב איך שטענדיק געהאַט דעם גע־פיל, אַז איך זיץ פאַר אַ קוואַל, וואו אַ סך אידישע שטראָמען זיינען דורכגעגאַנגען, און ער איז עכט.

עטלעכע טעג איידער ער איז קראַנק געוואָרן זיינען מיר צוזאַמען געפאָרן אין „אונזער קעמפּ". אויפן וועג האָב איך געזען, אַז זיין מאַשין איז אַ קליינע ביבליאָטעק. איז אויסגעקומען צו רעדן וועגן חסידות, און גינגאָלד האָט אַרויסגענומען אַ ספר, פאַרשיידענע שיטות פון רביים און זייער לערע; ער האָט אַרויסגענומען דעם תנ״ך. אין וועג האָט ער אויך געהאַט די מעגלעכקייט פון ניתי ספר ונחזה.

זיין גאַנצע גייסטיקע געשטאַלט איז געווען אַן אידעאַלע פאַר אַ

דערציער, אין ברייטסטן זין פון וואָרט, סיי לויט זיין וויסן און סיי לויט זיין פערזענלעכקייט. צוליב אונזער אָרעמקייט זיינען אויף אים געפאַלן אַ סך טעכנישע אַרבעטן, און צוגערויבט זיין צייט און צוגענומען די מעגלעכקייט פון פאַרנעמען זיך מער מיט טעאָרעטישע ענינים, וואָס דאָס האָט געדאַרפט זיין זיין אייגנטלעכע אויפגאַבע.

אַ קוואַל פון אידישקייט איז אַוועק מיט פנחס גינגאָלד.

מרדכי י. מאַשעוויצקי:

ר׳ פנחס מיכאל ב״ר יעקב גינגאָלד ז״ל

(אייניקע שטריכן פון זיין גייסטיקן פרצוף)

היה איש וראו איננו עוד
קודם זמנו מת האיש הזה
ושירת חייו באמצע נפסקה!
ח. נ. ביאליק („אחרי מותי״)

איז געווען אַ מענטש און זעט, ניטאָ אים מער
פאַר דער צייט איז דער מענטש געשטאָרבן
און זיין לעבנס ליד איז אין מיטן איבערגעריסן געוואָרן!

יאָ, פאַר דער צייט איז פנחס גינגאָלד געשטאָרבן!

אומגעריכט און אומדערוואַרטעט איז זיין לעבן איבערגעריסן געוואָרן און מיטן איבעררייס פון זיין לעבן איז אויך זיין לעבנס־ליד „ושננתם לבניך״ איבערגעריסן געוואָרן, ווען ער האָט געהאַלטן אין מיטן דער פרשה „ולמדתם את בניכם״, וואָס ער האָט אָנגעפאַנגען אין זיין פריער יוגנט און צו וועלכער ער האָט זיך געווידמעט, בלב ונפש, זיין גאַנצן לעבן.

ס׳איז געווען זיין לעבנס־חלום און זיין לעבנס־וואונטש אויסצופורעמען דעם גייסטיקן פרצוף פון אונזער יוגנט בצלמנו וכדמותנו צו זיין זיכער אַז די יוגנט וועט קענען ממשיך זיין די לאַנגע געשיכטע פון אונזער קיום דאָ און דאָרט, בהוה ובעתיד, אין גייסט און טראַדיציע פון אונזער רייכער קולטור וואָס וועבט זיך מקדמונים.

ער איז געקומען צו אונז פון דער ישיבה אָנגעזאַפּט מיט תורה און דורכגעדרונגען מיט חשק ווייטער צו לערנען זיך און אַנדערע, ללמוד וללמד.

ער האָט אָנגעפאַנגען זיין דערציערישע קאַריערע אַלס לערער נאָך אין דער אַלטער היים אין אַ דאָרף, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרלאָזט די ישיבה, וואוהין זיינע פרומע עלטערן האָבן אים אָוועקגעשיקט צוצוגרייטן זיך פאַר רבנות — צו זיין אַ רב ומורה דרך בישראל.

וואָלט ער געלעבט אין אַ פריערדיקער תקופה איידער עס איז

אַנטשטאַנען די אידישע רענעסאַנס־באַוועגונג אין מזרח־אייראָפּע, וואָלט ער מן הסתם דערפילט די האָפענונג פון זיינע פרומע עלטערן. ער וואָלט געווען אַ רב און מנהיג בישראל פון גאָר אַ גרויסן פאַרנעם און מיט אַ גרויסער השפעה, ווי עס האָבן דאָס געהאַט גרויסע רבנים אין פריערדיקע דורות, ווייל ער האָט דאָך פאַרמאָגט אַלע מעלות וואָס אַ מנהיג הדור דאַרף באַזיצן. איז ער אָבער געבוירן געוואָרן אין דער שפּעטערדיקער רענעסאַנס־תקופה אין דעם שטורם־און דראַנג־פּעריאָד פון השכלה, ציוניזם, אחד־העמיזם, רעוואָלוציאָניזם און סאָציאַליזם, און איז פון איר כוח מיטגעריסן געוואָרן צוזאַמען מיט דער דענקנדיקער און שטרעבנדיקער אידישער יוגנט וואָס האָט פאַרשריבן די וואונדער־באַרע קאַפּיטלען פון ציוניזם און סאָציאַליזם, וואָס האָבן דערפירט צו דער באַפרייאונג און באַנייאונג פון דעם אידישן גייסט און אידישן פאָלקס־רצון און צום אויפקום פון מדינת ישראל בימינו, פון וועלכע ער און מיר זיינען עדים.

קומענדיק אין אַמעריקע האָט ער, ווי די מערסטע פון זיינע חברים אימיגראַנטן, געפּרואווט זיין מזל ביי פיזישער אַרבעט, צו וועלכער ער איז ניט געווען צוגעפּאַסט. ער האָט אָבער די אַרבעט אָנגעהאַלטן עטלעכע יאָר, באַקענענדיק זיך גלייכצייטיק מיט דער אַמעריקאַנער קולטור און מיט דער בליענדער אידישער און העברעאישער ליטעראַטור. אין דער זעלבער צייט האָט ער גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער פּועלי־ציון באַוועגונג: אין דער פּאַרטיי, אין פאַרבאַנד און הויפּטזעכלעך אין דער ניי־אויפגעקומענער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שבת און זונטיק שולע, וועלכע האָט אים זייער שטאַרק אימפּאָנירט. ער האָט אין דער שול געזען אַ נאַציאָנאַליזירנדיקן כוח קעגן דער דאָן אַסימילאַטאָרישער טענ־דענץ און השפּעה פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג וואָס איז געפירט געוואָרן פון אידישע קאָסמאָפּאָליטן און שונאי־ציון. ער פלעגט די שול באַזוכן זייער אָפט און בשעת הדחק פלעגט ער פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון אַ לערער וואָס פלעגט אַמאָל אויספעלן, אַרויסווייזנדיק דערביי קענטשאַפט און פעאיקייט.

אין דער סביבה פון קינדער איז ער געווען גאָר אַן אַנדער מענטש. זיין ליבע צו קינדער, ניט נאָר זיינע נאָר קינדער בכלל, איז געווען אומבאַגרענעצט.

ווען עס איז צוגעקומען נאָך אַ שול און מען האָט געדאַרפט אַ לערער פאַר דער צוגעקומענער שול, איז זעלבסטפאַרשטענדלעך דער גורל געפאַלן אויף גינגאָלדן. און ווען יואל ענטין האָט אים די לערער־שטעלע פאָרגעשלאָגן, האָט ער עס מיט פרייד און דאַנק אָנגענומען. ער איז זינט דאַן פאַרבליבן מיט דער שולן־באַוועגונג, מיט וועלכער ער איז צוזאַמענגעוואַקסן און זיך מיט איר אידענטיפיצירט ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן, פריער אַלס לערער און שפּעטער אַלס איר גייסטי־קער לייטער און פירער.

ער האָט זיך, ווי געזאָגט, פולשטענדיק אידענטיפיצירט מיט דער שולן־באַוועגונג און די באַוועגונג מיט אים. ער איז געוואָרן דער סימבאָל און פּראָפּאָנענט פון דער העברעאיש־אידישער, נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווער, טראַדיציאָנעלער אידישער דערציאונג.

ער איז צוגעטראָטן צו דער פּראָפעסיע מיט חשק, ערנסט און אָנטשלאָסנקייט ללמוד וללמד, לשמור ולעשות ולקיים, און ער האָטביידע מקיים געווען אין אַ פולער מאָס. ער האָט זיך פאַרטיפט אין די פּראָבלעמען פון חינוך בכלל און פון אידישן חינוך בפרט. ער האָט גע־האָט די נויטיקייט פון השתלמות און איז אַוועק דאָס צו דערגרייכן. ער האָט דאָס דערגרייכט. ער איז געוואָרן אַ קענער פון די נייע טעאָריעס אין דערציאונג און איז געווען פון די געציילטע אידישע קענער פון פּסיכאָלאָגיע און פּעדאַגאָגיע, וואָס האָט זיין קענטשאַפט און פעאיקייט געווידמעט דעם אידישן חנוך בכלל און דעם אידישן שול־וועזן בפרט, הויפּטזעכלעך דעם אידישן שול־וועזן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג. ער האָט געמאָנט און געפאָדערט פון יעדן צווייג פון דער באַוועגונג אַ פּאָזיטיווע, אַקטיווע באַציאונג צו דער שול, וועלכער ער האָט געהאָפט צו דערהויבן צו דער העכסטער מדרגה פון אַ מוסטער־שול, וואָס זאָל דינען די ברייטע אידישע פאָלקס־מאַסן.

ער איז געווען אַ תלמיד־חכם, אַ בן־תורה. ער האָט שטענדיק געלערנט. ער האָט געהאַלטן פון פרק שנו חכמים. ער האָט אַרויסגע־וויזן אַ סך ליבע, דרך־ארץ און יראת־הכבוד צו תלמידי־חכמים און האָט ליב געהאַט צו זיין אין זייער מסיבה. ער האָט געהאַט אַ וואונ־דערבאַרע באַציאונג צו זיינע תלמידים, גרויס אָדער קליין. ער האָט זיי מקרב געווען און ליב געהאַט ווי אַן אייגענער פאָטער. ער איז

אַלעמאָל געשטאַנען פאַר זיינע צוהערער מיט דרך־ארץ און מיט אַ גע־פיל פון יראת־הכבוד. ער האָט קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם „דע לפני מי אתה עומד". ער איז זעלטן אויפגעטראָטן פאַר אַן עולם, גרויס אָדער קליין, נישט זייענדיק גוט צוגעגרייט. זייער אָפט פלעגט ער קומען אַהיים פון אַ זיצונג, פאַרזאַמלונג אָדער לעקציע אין אַ שפּעטער שעה פון דער נאַכט, וואָס איז פאַר אים געווען אַ דבר יום ביומו, ווייל ער איז געווען פאַרבונדן מיט פילע אינסטיטוציעס, אין און אויסערהאַלב דער באַוועגונג, נעמענדיק אומעטום אַ טיכטיקן, ענערגישן אָנטייל, וואָס האָט פון אים אָוועקגענומען אַ סך צייט. פון דעסטוועגן האָט ער אַלעמאָל געפונען צייט אַריינצוקוקן אין אַ ספר. ניט האָבנדיק די צייט אָדער מעגלעכקייט זיך צו פאַרטיפן אין אַ ספר דורך די שעהן פון טאָג, פלעגט ער עס טאָן ביינאַכט. קומענדיק אַהיים פלעגט ער זיך ערשט נעמען צום ספר און מקיים זיין דעם והגית בו יומם ולילה. אָפטמאָל פלעגט ער זיך אַזוי פאַרטיפן אין רעיונות אין עולמות העליונים ביזן ליכטיקן פרימאָרגן.

ער האָט פאַרמאָגט ערודיציע און אינטואיציע, וויזיע און חכמה, און עניוות און געטריישאַפט צו זיינע חברים און פריינט.

ער איז געווען געבענטשט מיט אַ שנעלער תפיסה און אַ שכל הישר. ער האָט זיך געקענט שנעל אָריענטירן אין אַן ענין און פונאַנ־דערקלייבן זיך אין קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען און זיי מסביר זיין צו אַנדערע. זיין הסברה איז געווען קלאָר און פאַרשטענדלעך.

ער איז געווען אַ פיינער לעקטאָר, אַ באַגאַבטער לערער און אינ־טערעסאַנטער רעדנער. ער האָט פאַרמאָגט אַ פיינעם ראַפינירטן הו־מאָר, שאַרפזין און דערציילערישן טאַלאַנט. ער האָט פאַרמאָגט אַ פיינעם פּאָעטישן חוש.

ער האָט געוואָרצלט אין תוך אידישקייט. די מערסטע קוואַלן פון אידישער יצירה זיינען פאַר אים געווען אָפן. ער איז געווען אַ בן־בית אין דער רייכער, פאַרצוויגטער אידישער קולטור פון תנ"ך, ש"ס און פוסקים ביז דער מאָדערנער אידישער יצירה אין העברעאיש, אידיש און ענגליש.

ער האָט פאַרמאָגט אַ סך אמונה און התלהבות — אמתע חסידישע, חדוהדיקע התלהבות — וואָס קומט פון ריינער, טיפער אמונה. ער

איז געווען אַ מאמין, ער האָט געגלויבט אין דער השגחה און אין חוט המשולש: „ישראל ואוריתא וקודשא בריך הוא חד הוא". ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט אהבת־הבורא, אהבת־התורה און אהבת־ישראל. ער האָט געגלויבט באמונה שלמה אין „נצח ישראל לא ישקר".

ער איז געווען אַ שטאַרקער חסיד פון ציוניזם און סאָציאַליזם, ארץ־ישראל און גלות, העברעאיש און אידיש און אַלץ וואָס איז טראַדיציאָנעל פאָלקסטימלעך. ער האָט אין אַלץ געזען צוויי זייטן פון דער זעלבער מטבע.

ער איז געווען אַ פאָלקיסט אין ברייטערן און טיפערן זין פון וואָרט. ער האָט געוואָרצלט אין פאָלק און איז געווען פאַרבונדן מיט דער פאָלקס נשמה מיט אַלע זיינע רמ"ח אברים און שס"ה גידים.

ער איז געווען אַ געטרייער פאַרטיי־חבר פון ערשטן טאָג אָן ווען ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער פועלי־ציון פאַרטיי, אין וועלכער ער האָט געזען די פאַרקערפּערונג און די אָפּשפּיגלונג פון דער פאָלקס־נשמה און די טרעגערין פון די אידעאַלן פון די נביאים און זייערע נאָכפאָלגער.

ער איז געווען אַ תלמיד מובהק פון דר. נחמן סירקין, און ווי זיין גרויסער רבי איז ער אויך געווען אַ סטודענט פון דער אידישער געשיכטע און פון אידישן בייטראָג צו דער אוניווערסאַלער קולטור פון דער מענטשהייט. ווי זיין רבי האָט ער געקעמפּט פאַר די אמתן אין וועלכע ער האָט געגלויבט. ער האָט געגלויבט אין די יסודות פון אמת און שלום אויף וועלכע די וועלט שטייט. ער איז געווען פון דער נאַטור אַ פרידן־ליבנדיקער מענטש.

ער האָט געגלויבט און געגאַרט שלום, דאָך האָט עס אים נישט אָפּגעהאַלטן פון צו גיין אין אידישן לעגיאָן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה און קעמפן פאַר דער באַפרייאונג פון ארץ־ישראל. ער האָט געגלויבט אַז דאָס איז אַ מלחמת־מצוה און איז געווען גליקלעך צו באַטייליקן זיך אין דער מצוה. ער האָט, ווי מיר אַלע, געגלויבט אין דער הבטחה פון דער „פעלקער־ליגע" און פון ענגלאַנד, אַז זי וועט מקיים זיין איר הבטחה וואָס זי האָט געמאַכט אין נאָמען פון די אַליִירטע פעלקער אין דער ערשטער וועלט־מלחמה און אין נאָמען פון דער פעלקער־ליגע, וועלכע האָט איר איבערגעגעבן דעם מאַנדאַט צו

שאַפן אין ארץ־ישראל די אידישע היימלאַנד. וויפיל יסורים און ליידן האָט ער צוזאַמען מיט אונז איבערגעלעבט, זעענדיק ווי ענגלאַנד האָט אונז אָפּגענאַרט און פאַרראַטן און צעטראָטן אונזער גלויבן און צוטרוי וואָס מיר האָבן געהאַט צו איר אין משך פון פילע יאָרהונדערטער זינט קראָמוועלס צייטן. די קאַפּיטלען לאָרד פּאַספילד, מאַקדאָנאַלד דער זון, און ערנסט בעווין האָבן פאַרוואונדעט זיין נשמה און געוויטיקט זיין האַרץ.

ער האָט ליב געהאַט ארץ־ישראל אהבת־נפש און האָט באַזוכט דאָס לאַנד מערערע מאָל. יעדעס מאָל ווען ער פלעגט זיך אומקערן פון דאָרטן, פלעגט ער פאַר אַ צייט לאַנג אַרומגיין אַ פאַרבענקטער און פאַרטרוימטער און האָט זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען.

ער האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דער צייט און געלעגנהייט, ווען ער וועט זיך קענען באַזעצן אין ארץ־ישראל פערמאַנענט מיט זיין משפחה, וועלכע האָט שוין פון פריער געמאַכט ארץ־ישראל פאַר איר היים.

ער האָט איבערגעלעבט פילע אַנגסטן און יסורים. אין אַזעלכע צייטן פלעגט ער ליב האָבן זיך אַריינצוכאַפּן אין שול און אויסגיסן זיין האַרץ אין תפילות, וועלכע ער פלעגט זאָגן מיט ברען און מתיקות. ער איז בכלל געווען אַן אָפטער אַריינגייער אין בית־מדרש, וואו ער פלעגט זיך אַריינכאַפּן בכל עת הכושר זיך מצרף זיין צו חברה ש״ס, אָפּלערנען אַ שיעור אין גמרא אָדער אַ פרק אין זוהר.

ער האָט ליב געהאַט די שול, וואָס האָט געדאַרפט אין זיך פאַרקערפערן דעם בית־הכנסת, בית־המדרש און בית־התפילה. עס האָט אים וויי געטאָן צו זען ווי די שול איז פאַרקאָמערציאַליזירט געוואָרן פון די ביליקע כלי־קודש און עם־האַרצישע גבאים. ער האָט גע־טרוימט צו דערהויבן די שול צו איר אַמאָליקן גלאַנץ און פרעסטיזש און צוריקברענגען די שול צו די מאַסן, וועלכע האָבן זיך פון דער שול דערווייטערט.

ער האָט געגלויבט אין די רעליגיעזע עמאָציעס פון די מאַסן און זייער צוגעבונדנקייט צו די פאָלקס־טראַדיציעס. ער האָט דערפאַר גע־זוכט צו דערהויבן די שול צו אַ הויכער גייסטיקער מדרגה, כדי די שול זאָל קענען די מאַסן דערהויבן גייסטיק. ער האָט געהאַט בדעה

צו באַשאַפן אַ גייסטיק, נאַציאָנאַל־רעליגיעזן, מאָדערנעם בית־הכנסת, וואָס זאָל אין זיך פאַרקערפערן די שענסטע טראַדיציעס פון דעם בית־הכנסת, בית־התפילה און בית־מדרש צוזאַמענגענומען און וואָס זאָל דינען די גייסטיקע אינטערעסן און רעליגיעזע באַדערפענישן פון די פאָלקס־מאַסן. ער האָט זיך פאַרבונדן מיט אַ צאָל רעליגיעז־געשימטע אינטעליגענטע חברים און יונגע רבנים וואָס זיינען געווען גערן גרייט מיטצוהעלפן אין דער באַשאַפונג פון אַזאַ קולטור־אינסטיטוציע וואָס זאָל ברענגען גאָטס וואָרט צו די פאָלקס־מאַסן אין אַ שיינער, ריינער, הייליקער אַטמאָספערע.

עס האָבן וועגן דעם פּלאַן געטראַכט אַ צאָל רעליגיעז־געשטימטע גייסטיקע פּערזענלעכקייטן וואָס זיינען געשטאַנען נאָענט צו דער פּועלי ציון באַוועגונג מיט פילע יאָרן צוריק, נאָך פאַר גינגאָלדן. אָבער קיינער, אויסער אים, האָט ניט געמאַכט קיין פּרוואו דעם פּלאַן צו רעאַליזירן. ער האָט זיך פאַרבונדן מיט אַ מאָדערנעם רב, וואָס איז געווען גרייט אָנצונעמען דעם כסא־הרבנות אין אַזאַ אייגנאַרטיקער, פאָלקסטימלעכער, דעמאָקראַטישער קהלה, וואו עס וועט הערשן פולשטענדיקע גלייכהייט און וואו יעדער פאָלקס־מענטש וועט קענען געפינען אַ גייסטיקע היים.

ליידער איז מיט דעם טויט פון גינגאָלדן אויך דער פּלאַן געשטאָרבן. דערווייל איז ניטאָ קיין יורש וואָס זאָל זיך מיט דעם פּלאַן מטפּל זיין. אפשר וועט זיך אַזאַ געפינען. הלואי! עס איז אַ דאָ אַ נויטווענדיקייט פאַר אַזאַ מרכז רוחני אין דעם גרויסן בבל פאַר די פאָלקס־מאַסן.

גינגאָלד האָט זייער ליב געהאַט די אידישע מנהגים און טראַדיציעס. אין זיין היים האָט ער זיי אָפּגעהיט; אין יעדן פון זיי האָט ער געזען די פאַרקערפערונג און די אָפּשפּיגלונג פון אידישער גייסטיקייט, הויכער מאָראַל און עטיק. ער האָט זיי אין זיך אַליין פאַרקערפּערט.

גינגאָלד האָט זייער ליב געהאַט העברעאיש, די שפּראַך פון דער תורה און פון די תפילות, די שפּראַך פון עבר, הוה און עתיד. פון אַלע צייטן און פון אַלע דורות, פון אלע גלותן און פון ארץ־ישראל. די שפּראַך פון נביאים און משוררים, אונזער נאַציאָנאַל לשון. ער האָט זיך באַצויגן מיט דער זעלבער ליבע און פּיעטעט צו אידיש — דאָס

לשון פון רוב מנין ורוב בנין פון אונזער פאָלק, פון ביטערן גלות, פון שברת הלב, פון דער באָבעס און מאַמעס תחינות, פון תמימותדיקן המון, פון די פאָלקס־קינסטלער: דעם מגיד און בדחן און די שאַפער פון דער רייכער אידישער ליטעראַטור. ער האָט כמעט אַלעמאָל גע־רעדט און געשריבן אין אידיש, הגם ער האָט זיך געקענט פריי באַ־נוצן מיט העברעאיש און ענגליש.

ער האָט פאַרמאָגט קאָלעקציעס ביכער אין די שפּראַכן און האָט אַ סך געליייענט. ער איז געווען דער אמתער איש־הספר. ער פלעגט זיך ניט רירן פון אָרט אָן אַ ספר. אויף אַלע זיינע נסיעות — און אַזעלכע האָט ער געהאַט אַ סך — האָט ער שטענדיק מיטגענומען מיט זיך אַ קליינע ביבליאָטעק. זיין אויטאָמאָביל איז געווען בזעיר אנפּין אַ רייזנדע ביבליאָטעק אויף רעדער. ער האָט קיינמאָל ניט פאַרשווענדט קיין צייט אויף דברים בטלים. זיינע שיחת חולין איז געווען אינטע־רעסאַנט און אימפּאָנירנד. זיינע רייד זיינען געווען דורכגעוועבט מיט פּקחות, חכמה און ציכטיקן וויץ. ער האָט פיינט געהאַט ניבול פּה און די מנבלים את פיהם. דאַקעגן האָט ער ליב געהאַט צו פאַרברענ־גען אין געזעלשאַפט פון לומדים און תלמידי חכמים. ער האָט געהאַט אַ סך פריינט, ווייל ער איז אַלעמען געווען אַ פריינט. צו זיינע חברים און באַקאַנטע איז ער געווען ווי אַן אייגענער ברודער. אין פרייד און לייד האָט ער מיטגעפילט און מיטגעמאַכט מיט יעדן צוזאַמען זיין שמחה און זיין צער. קיין וואונדער ניט וואָס צענדליקער, הונדערטער און טויזנטער פריינט און פאַרערער זיינען געבליבן ווי פאַריתומטע און ווען אים שטענדיק דערמאָנען מיט ליבע און צער.

צו זיין לויה ערב סוכות, תשי״ד זיינען געקומען טויזנטער מענטשן. ניו־יאָרק האָט אים צוגעטיילט אַ פאַרדינטן כבוד. זיין פּלאַץ אין דער אידישער נאַציאָנאַל־קולטורעלער וועלט, אין דער ציוניסטישער אָר־גאַניזאַציע באַוועגונג און אין דער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט, וואָס ער האָט פאַרנומען מיט ווירדע און אידעאַליזם, וועט מוזן פאַרנומען ווערן פון אַ מענטשן פון זיין שניט און זיין שטאַנד, וועלכער זאָל פאַרזעצן דאָס אייביקע ליד פון ושננתם לבניך, וואָס איז געווען זיין לעבנס־ליד, און וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן אין מיטן דורך זיין אומדערוואַר־טעטן פריצייטיקן טויט.

מאיר בראַון

דער מאמין

אין די ווינטער חדשים פון 1916 איז אין פאַרבאַנד אָפּיס אַריינגע־קומען אַ יונגער שעמעוודיקער בחור זיך דורכריידן מיט מיר. איך בין דאַן געווען דער סעקרעטאַר פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד. דאָס איז געווען פנחס גינגאָלד. אין לויף פון שמועס האָב איך דערקאָנט דעם יונגן פנחס, ער האָט מיך געוואונען מיט זיין אמת׳ער אידישקייט, גראַדן שכל און איבערהויפּט מיט זיין וואַרעמע אָפּשאַצונג פון די אויפגאַבן פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד. ער האָט אָנגעבאָטן זיך צו אַרבעטן פאַרן פאַרבאַנד. ס׳איז דאַן געווען אַ וואַקאַנסיע אין פאַרבאַנד, און איך האָב גערן אָנגענומען זיין אָנבאָט. ער איז נאָך דאַן געווען „גרין״, אַ קורצע צייט אין לאַנד, אָבער ער האָט זיך שנעל אָריענטירט, איבער־הויפּט אין די קולטור טעטיקייטן פון פאַרבאַנד, וואָס זיינען געווען אַ גאָר וויכטיקע און צענטראַלע אַרבעט פון דעם יונגן פאַרבאַנד.

ער איז אָבער דאַן ניט פאַרבליבן לאַנג אין דעם פאַרבאַנד אָפּיס. דאָס אַריינגיין פון אַמעריקע אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, דער קאַמף פון אידיש־נאַציאָנאַלע קרייזן, איבערהויפּט פון די פועלי ציון און פאַרבאַנד, פאַר צוזאַמענרופן אַ דעמאָקראַטישן אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, וואָס זאָל פאָרמולירן אידישע פאָדערונגען פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייט רעכט אין מזרח אייראָפּע און פאַר אַ נאַציאָנאַלער אידי־שער היים אין ארץ ישראל, — די באַוועגונג, צוזאַמען מיט דער פאָלקס־הילף טעטיקייט פאַר די אידישע מאַסן ישובים אין מזרח אייראָפּע, ווי אויך אַנדערע אויפגאַבן אונזערע האָבן אונזער פאַרבאַנד און די פועלי ציון געשטעלט אין פאָדערגרונט און געוואונען פאַר אונז דרך ארץ און סימפּאַטיע אין דער אידישער עפנטלעכקייט. ס׳האָט זיך אָנגע־הויבן אַן ערנסטע באַוועגונג פאַר אַ אידישן לעגיאָן. דער יונגער גינגאָלד איז פאַרכאַפּט געוואָרן און איז געוואָרן אַליידנשאַפטלעכער קעמפער סיי פאַרן לעגיאָן, סיי פאַר אַ אידישן קאָנגרעס.

אין 1917 האָט מען אויך אין אונזערע קרייזן אָנגעהויבן ערנסט טראַכטן וועגן גרינדן אַ אידישן לערער סעמינאַר, לויטן פאָרשלאָג פון יואל ענטין. אויך אין דער אַרבעט איז פנחס גינגאָלד אַריינגעצויגן געוואָרן.

ער האָט אין פאַרבאַנד און ביי די פּועלי ציון געקראָגן זיין ערשטע אידישע פּאָליטישע דערציאונג. גינגאָלד איז רייף געוואָרן און האָט אָנגעהויבן ציען צו זיך אויפמערקזאַמקייט פון אונזערע עלטערע חברים־פירער.

פּנחס גינגאָלד האָט געשטאַרקט די באַוועגונג פאַרן לעגיאָן, זיך אין אים אָנגעשלאָסן און אין די ווינטער חדשים פון 1917־1918 אָפּגעפאָרן קיין ארץ ישראל צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע חברים לעגיאָנערן. ער האָט פאַרבראַכט אין ארץ ישראל אַ לענגערע צייט און האָט זיך צוריקגעקערט קיין ניו־יאָרק עטלעכע חדשים נאָך דעם ווי די ערשטע וועלט־מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט. ער איז באַלד צוגעצויגן געוואָרן צו דער שולן־אַרבעט אין פאַרבאַנד און אין 1920 האָט מען אים דערוויילט אַלס דעם סעקרעטאַר פון אידישן לערער סע־מינאַר און פאָלק־אוניווערזיטעט. ער איז געווען אין דער אָנפירענדער אַרבעט פון סעמינאַר אַרום 20 יאָר, אַ צייט געווען אויך זיין דירעקטאָר.

מיט לייב און לעבן האָט ער זיך איבערגעגעבן דער אַרבעט, געאָטעמט מיטן סעמינאַר, געמונטערט, געוועקט, אָרגאַניזירט פריינט; געהאַט צו טאָן מיט דער אַקאַדעמישער און אַדמיניסטראַטיווער זייט; געחלומ׳ט פון אַ גרויסן אידישן קאַלעדזש און געאַרבעט אומדערמידלעך, אַז דער סעמינאַר זאָל קריגן אַ טשאַרטער ווי אַ אידישע אַקאַדעמישע אינסטי־טוציע. דאָס איז געשען אין אַפּריל 1935, נאָכדעם ווי גאָווערנאָר לעהמאַן האָט אונטערגעשריבן דעם ביל פאַר אַ טשאַרטער, וואָס דער ניו יאָר־קער לעגיסלאַטור אָרגאַן האָט אָנגענומען. פּנחס גינגאָלד האָט ניט געמוזט קענען אַלץ, ער האָט געקענט זיין באַשרענקט אין זיינע אַד־מיניסטראַטיווע פעאיקייטן, אָבער זיין האַרץ און נשמה האָט ער אַריינגע־געבן אין סעמינאַר, און דער לעצטער וועט אים תמיד געדענקען ווי אַ חבר, וואָס האָט געזוכט טיפער באַווירקן אונזער אידישע יוגנט און אידיש לעבן אין אַמעריקע; ווי אַ איד, אַ מאַמין, וואָס האָט אַריינגע־צויגן פיל פריינט. צו זיין פאַרדינסט דאַרף אויך צוגעשריבן ווערן זיין באַזוך מיט אַ דעלעגאַציע צום פאַרשטאָרבענעם גאון, פּראָפעסאָר אַל־בערט איינשטיין און זיין געווינען איינשטיינען צו ווערן דער ערן־פאַר־זיצער פון אַ קרייז פון פריינט פון אידישן לערער סעמינאַר און פאָלקס אוניווערזיטעט.

דער קאַפּיטל „גינגאָלד און סעמינאַר" פאַרדינט באמת אַ לענגערע אָפּשאַצונג און באַלויכטונג; ער האָט געעקמפּט מיט אָרעמקייט און גע־זוכט תמיד צו באַגעגענען די נויטן פון סעמינאַר. אין די יאָרן פון סע־מינאַר האָט גינגאָלד שווער געאַרבעט צו קריגן אַלגעמיינע בילדונג. ער איז אַריין אין קאָלומביא אוניווערזיטעט, שטודירט מיט התמדה און געקראָגן זיין „באַטשלאָר דעגרי", אַן אַקאַדעמישן טיטל. איבערהויפּט האָט אים געלאָקט דער לימוד פון פּסיכאָלאָגיע, און ער האָט טאַקע שפּעטער געלערנט דעם קעגנשטאַנד אין סעמינאַר.

גינגאָלד איז געווען אַ מתמיד און אַן אמת'ער אידישער אינטע־ליגענט, סיי אין זיין אידיש וויסן, סיי אין זיין אַלגעמיינער אַקאַדעמישער דערציאונג. ער איז געווען אַן אינטערעסאַנטער לעקטאָר און רעדנער; תמיד געהאַט וואָס צו זאָגן. ער האָט געוואוינען פריינט און פאַרערער, וועלכע פלעגן ליב האָבן אים צו הערן; ער האָט אויך אָנגעפירט דעם תנ"ך לימוד מיט אַ קרייז חברים און פריינט אַ צאָל יאָרן.

פון 1940 ביז זיין פריציייטיקן טויט איז ער געווען דער לייטער פון אונזערע פאָלקס־שולן, סעקרעטאַר פון צענטראַלן שולן קאָמיטעט און פירער פון קולטור־אָפּטיילונג אין נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד. ער האָט ניט געהאַט אַ צו לייכטן לעבן. די אַרבעט איז געפאַלן שווער, אַנטוישונג און האַרץ ווייטיק אויף שריט און טריט. אָבער ער האָט אָפּט דערשטיקט אין זיך זיינע פאַרדרוסן און ווייטיקן. דאָך איז ער געבליבן אַ מאמין, געהאַלטן אַז אונזער ריכטונג אין דערציאונג האָט וואָס צו זאָגן און געבן. ביי מערערע געלעגנהייטן האָט ער דאָס באַטאָנט. ער איז געוואָרן לײדנשאַפטלעך איבערגעגעבן דעם געדאַנק פון גאַנצע טאָג־שולן, און די גרינדונג פון „כנרת", די ערשטע טאָג־שול אין ברוק־לין איז אים, צו פאַרדאַנקען.

צופיל פרייד איז ניטאָ אין אידישן לעבן. אידן פון אונזער דור זיינען צעטרייסלט געוואָרן פון דער שוידערלעכער קאַטאַסטראָפע וואָס דער פאַרפלוכטער היטלעריזם האָט אונז געבראַכט, פירנדיק צו דעם פאַרלוסט פון אַ דריטל פון אונזער פאָלק און פאַרניכטונג פון אידישע גייסטיקע און רעליגיעזע אוצרות.

גינגאָלד איז געווען אַ טיף פילנדער איד און איז טיף באַווירקט געוואָרן פון דעם גרויסן קריזיס. גינגאָלד איז געגאַנגען אין שול, גע־

זוכט אָפּהיטן אידישע טראַדיציעס. ס׳איז זיכער אַז ער איז שטענדיק געווען רעליגיעז. קומענדיק פון אַ טראַדיציאָנעלער אידישער היים, האָט ער ניט באַהאַלטן זיינע רעליגיעזע שטימונגען אפילו ווען ער איז געווען העכסט טאָלעראַנט צו אַנדערע איינשטעלונגען. ער האָט געווירקט אַז אין אונזערע פאָלקס שולן זאָל אַריינגעבראַכט ווערן מער טראַדי־ציאָנעלער אינהאַלט, בכדי די יונגע אידישע קינדער זאָלן בעסער פאַר־שטיין און אויפנעמען אידישע טראַדיציעס. אָבער ער וואָלט דער ערשטער באַקעמפט דעם געדאַנק אַז אונזערע שולן זאָלן ווערן דורכ־אויס רעליגיעזע שולן. ער האָט געזען אין אונזער וועלטלעכקייט דעם סינטעז פון אידישקייט און פרייען מענטשלעכן געדאַנק.

זינט דעם אויפקום פון דער אידישער מדינה אין 1948 האָט ער ניט אויפגעהערט צו באַטאָנען, אַז מען דאַרף ענדערן דעם לימוד פון אידישער געשיכטע, אין ליכט פון דער גרעסטער היסטאָרישער גע־שעעניש זינט דעם צווייטן חורבן. ער האָט געפאָרשט, געאַרבעט און געזוכט צו געפינען דעם אמת׳ן וועג, ווי אַזוי איינוואָרצלען אידישקייט ביי אידישע קינדער און אין דער יוגנט און דאָך בלייבן געטריי דער פרייער מענטשלעכער מחשבה.

און אין מיטן פון זיין אַרבעט איז ער אַוועקגעפאַלן אומדערוואַר־טעט, אַזוי פלוצלונג, אַז זיין טויט האָט דערשיטערט זיינע חברים און פריינט. זיי קאָנען ניט, זיי ווערן ניט פאַרגעסן אָט דעם טייערן מענטש, איד און חבר מיט זיין ליבן שמייכל, מיט זיין גוטמוטיקייט, אפילו ווען צייטנווייז נערוועז און צערודערט. דער גורל איז צו גרויזאַם געווען צו אים און צו אונז. ער האָט נאָך יאָרן לאַנג געקאָנט לעבן און ווירקן אין אידישן לעבן מיט זיינע פעאיקייטן, מיט זיין וויסן, מיט זיין אמונה. איין טרייסט האָט ער געהאַט, וואָס זיינע צוויי קינדער זיינען אַוועק קיין מדינת ישראל און דאָרט זעצן זיי פאָר די חלוצישע אַרבעט, וואָס איז פאַקטיש געווען דער אינהאַלט פון פנחס׳ לעבן.

יאָ ער איז געווען אַ פּיאָנער דאָ אין לאַנד, און געהאָלפן שאַפן גייסטיקע אָאַזיסן אין היגן מדבר פון גלייכגילטיקייט און עם־הארצות. ער איז געווען אַ פּיאָנער פאַר מדינת ישראל, וואו ער וואָלט סוף כל סוף זיך באַזעצט. ווען איך שרייב איצט וועגן אים — שטייט ער מיר פאַר די אויגן, און טרערן גיסן זיך פון מיינע אויגן. פאַרוואָס, פאַרוואָס איז ער אַזוי שנעל אַוועק פון אונז ? פנחס גינגאָלד פעלט אונז אויס יעדן טאָג!